STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00664

DI UNTERERDISHE MILHOME IN EYROPE

Sh. Almazov

Permanent preservation of this book was made possible by
Judy & David Feogom
in memory of
Mac Shapiro

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אַלמאַזאָוו:

די אונטערערדישע מלחמה אין אייראָפּע

ניו יאָרק, 1943

THE UNDERGROUND WAR IN EUROPE

Copyright, 1943

by

S. Almazov Pearl

New York, N. Y.

440

די נאַציס פירן פרויען צו דער הינריכטונג אין פוילן.

געווידמעט דעם ליכטיגן אנדענק פון
די נאָמענלאָזע העלדן, וועלכע זיי-
נען אין אלע לענדער אין אייראָפּע
געגאנגען און גייען איצט אין פייער
פון דעם אונטערערדישן קאמף אויף
צו פארניכטן דעם נאַציזם און אויף
אויסצוקעמפן פרייהייט פאר דער
גאנצער וועלט.

פון זעלבן אויטאָר:

איבער אַמעריקע סאָציאַלע פאַרזיכערונג

ברּאָשורן:

ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געלייזט
די נאַציאָנאַלע פראַגע

●

פאַלעסטינע און בירא־בידזשאַן

●

צען יאָר בירא־בידזשאַן

●

דער פאַשיזם אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער
מענטשהייט

●

דער סאָוועטיש־דייטשער אָפּמאַך און זיין
באַדייטונג

●

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער
וועלט־קריזיס

איבערזעצט:

„סאָוויעט פּאַוער" (סאָוועטנמאַכט)
פון היולעט זשאנסאָן
(דין פון קענטערבערי)

אינהאַלט:

קאַפּיטל — זייט

1. דער תּליון האַקט קעפּ 9
2. די נאַציִשע צילן אין די איבערפאַלן אויף אוין לאַנד נאָך דעם צווייטן 14
3. די ׳אונטערערדישע באַוועגונג ברענט די טריט אונטער היטלער׳ס פּיס 17
4. טשעכאָסלאָוואַקיע 25
5. פּוילן 40
6. נאָרוועגיע 67
7. דענמאַרק 84
8. האָלאַנד 89
9. בעלגיע 99
10. לוקסעמבורג 118
11. פראַנקרייך 124
12. סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען 153
13. אידן אין פּאַרטיזאַנישן קאַמף 211
14. גריכנלאַנד 236
15. יוגאָסלאַוויע 246
16. עסטרייך 250
17. אַלבאַניע 255
18. דייטשלאַנד 258
19. איטאַליע 269
20. בולגאַריע 272
21. דער צווייטער פראָנט 273
22. דאָקומענטן 276

כראָנאָלאָגיע 310

ביבליאָגראַפיע 320

אילוסטראַציעס:

שער-בלאַט:

גענייכנט פון זוני מאוד

זייט

1. דער פּאַרטיזאַן אין וואַלד (צייכענונג) 1
2. פרויען געפירט צו דער הינריכטונג אין פּוילן 2
3. אַ מוטער׳ס קללה דעם הענקער (צייכענונג) 3
4. די נאַציס ווייזן זייער קולטור (צייכענונג) 8
5. דער הענקער בראָדזשעט אין טייכן בלוט (צייכענונג) 13
6. די סוואַסטיקאַ ברעכט זיך 24
7. טעראָר, שקלאַפעריי, הונגער (צייכענונג) 29
8. די קינדער־מערדער (צייכענונג) 33
9. פאָטאָגראַפיע פון טשעכאָסלאָוואַקישער ׳אונטערערדישער צייטונג 39
10. פּאָליאַקן טאָרן ניט אַרייַנגיין אין זייערע אייגענע פּאַרקן 46

זייט

11. נאַצים קלעפּן־אויס צעטלען מיט נעמען פון הינגעריכטעטע אין פּוילן 49
12. אַ פּוילישער איד אין די לאַפּעס פון די נאַצים 51
13. אידן פאַרבאָטן צו פאָרן אין טראַמווייען 54
14. אַן אויפגעהאַנגענער אין פּוילן 56
15. אַ נאַצישע אבלאווע אין דער געטאָ אין ווארשע 59
16. אַ ספּעציעל בריקל פאַר אידן, כדי זיי זאָלן ניט דורכגיין אַ גאַס, וואָס באַלאַנגט ניט צו דער געטאָ 61
17. פּאָליאַקן פאַרבאָטן צו פאָרן אין טראַמווייען אין געוויסע שטונדן 63
18. אַ נאָרוועגישע אונטערערדישע צייטונג 67
19. אַן אויפשריפט אויף אַ וואַנט אין נאָרוועגיע: די דייטשן הונגערן אונז אויס 73
20. אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין נאָרוועגיע 79
21. אַן אויפשריפט אויף אַ וואַנט: נידער מיט קוויזלינגן 79
22. האָלענדישע אונטערערדישע צייטונג 91
23. וואָס די נאַצישע באָמבעס האָבן געמאַכט פון ראָטערדאַם 95
24. אַ צווייטע האָלענדישע אונטער־ערדישע צייטונג 98
25. אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער 107
26. אַ בעלגישע אונטערערדישע צייטונג 117
27. אַ קאָלעקציע פון פּוילישע אונטערערדישע צייטונגען 123

זייט

28. אַ דענישע אונטערערדישע צייטונג 130
29. אַ קאָלעקציע פון דער פראַנצויזישער אונטערערדישער פּרעסע 135
30. נאַצישע מעלדונג וועגן הינריכטונג פאַר סאַבאָטאַזש 140
31. צוויי סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען 157
32. גרופּע פון פרויען פּאַרטיזאַנקעס 161
33. דער פּאַרטיזאַן וואַרפט זיין האַנט־גראַנאַט 162
34. אַ סאָוועטישער פּאַרטיזאַן 164
35. סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען לייענען זייער שבועה 165
36. פּאַרטיזאַנען טיילן זיך מיט דערפאַרונגען 168
37. רויט־אַרמייער לערנט פּאַרטיזאַנען ווי צו שיסן 172
38. אַ יונגע פּאַרטיזאַנקע 176
39. 4 יונגע פּאַרטיזאַנען 180
40. ווען אסלא אין נאָרוועגיע איז געוואָרן פּוסט, ווייל די גאַנצע באַפעלקערונג איז אריין אין די הייזער. דאָס איז געווען אַ זאָנדערבאַרע דעמאָנסטראַציע 185
41. יונגער פּאַרטיזאַן 189
42. די נאַצים שערן־אָפּ אַ אידן די באָרד 213
43. אידן איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן אין פּוילן 215
44. אידן אויף שקלאַפן־אַרבעט אין פּוילן 291
45. אַלטע אידן און יונגע אינגלעך אויף קאַטאָרזשנער אַרבעט 294
46. אַ אידישע אונטערערדישע צייטונג 301

אַ דאַנק־אויסדרוק

איך דריק אוים א האַרציגן דאַנק צו דער ספּעציעלער קאָמיטע, וואס האָט געהאָלפן ארויסגעבן מיין בוך, און צו די אלע געטרייע פריינט, וועלכע באַטייליגן זיך אין דער פארשפּרייטונג פון דעם בוך.

אַ באַזונדער דאנק די אינפאָרמאַציע־ביוראָס פון די פאָלגענדיגע גלות־רעגירונגען: האָלאנד, נאָרוועגיע, גריכנ־לאַנד, פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. א גאָר גרויסן דאַנק דעם „אינטערעלאַיד אינפאָרמיישאָן אָפיס". זייער אלע־מענס קאָאָפּעראציע איז געווען אַ גרויסע הילף אין דער צוגרייטונג פון אָט דער אַרבעט און אויך א גרויסע דערמוטיגונג.

ש. אַלמאַזאָוו.

אויב מיין אַרבעט וועט שטאַרקן דעם לייענער ער זאָל קעמפן בעסער נעגן דעם פאַרהאַסטן פאַשיזם און ער זאָל העלפן אונזער לאַנד און די פאַרבינדעטע פעלקער אין דער מלחמה, וואָס מיר פירן איצט; ווי אויך ער זאָל אַרבעטן ענערגישער פאַר איינינקייט צו ראַטעווען די אידן פון היטלער׳ס נעגל — וועל איך זיך פילן גליקלעך וואָס איך האָב צו דעם גרויסן וועלט־געראַנגל נעגן דעם מאָנסטער פון פאַשיזם צוגעטראָגן מיין באַשיידענעם חלק.

אויטאָר

קאַפּיטל 1.

דער תליון האַקט קעפּ.

איבער דער לענג און ברייט פון אייראָפּע האָבן די נאַציס אויסגעשטעלט תליות. די מלחמה־צינדער און פעלקער־פאַרשקלאַפער לאָזן ניט דורך קיין טאָג אָן קיין הינריכטונגען. זיי הענגען־אויף; זיי צעשיסן; זיי באַגראָבן מענשטן לעבעדיגערהייט. זיי האָבן איינגעפירט די סיסטעם פון משכנות. טאָמער גייט עפּעס ניט ווי זיי ווילן — פאַלן באַלד קעפּ; טאָמער טרעפט עפּעס מיט איין נאַצי — באַצאָלן צענדליגער און אָפט הונדערטער אומשולדיגע מענטשן מיט זייער לעבן.

די נאַציס האָבן פאַרדעקט אייראָפּע מיט אַ נעץ פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן. טויזנטער זיינען אין אָט די לאַגערן פאַרפייניגט געוואָרן צום טויט; טויזנטער זיינען דאָרט געטריבן געוואָרן צו באַגיין זעלבסטמאָרד; טויזנטער זיינען דאָרט אַראָפּ פון זינען.

די סוואַסטיקאַ־מערדער קאָנען זיך גאָר ניט אָנזעטיגן מיט מענטשיש בלוט. זייער סאַדיסטישער טעראָר שטייגט פון טאָג צו טאָג. זיי רעכענען זיך ניט מיט קיינע געזעצן; זיי שוינען ניט קיין יונג, קיין אַלט, קיין פרויען, קיין קראַנקע, קיין מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערדינט צו אַכטונג און צו רום אין דער גאַנצער וועלט. די צעיושעטע הענקער ווייסן בלויז איין געזעץ — דעם געזעץ פון דער תליה און פון דער קויל.

די וועלט וועט מסתמא שוין קיינמאָל ניט וויסן די גענויע צאָל פון די קרבנות פון דער אָרגיע פון בלוט און פון פייער און פון דער טייוולשער סיסטעם, וואָס טרייבט מיליאָנען צו טויט פון הונגער און פון קראַנק־

הייטן. א שטיקל סך הכל איז געמאכט געווארן פון א קאמיטע פון די פאר־בינדעטע פעלקער וועגן דעם, וואס היטלער׳ס „נייע ארדענונג״ האט ביז איצט אפגעקאסט אין מענטשישע לעבנס.

דעם 27־טן פעברואר היי־יאר האט די „אינטעראליאיד קאמיטע״ ארויסגעגעבן א באריכט, אז אין א פעריאד פון עטוואס העכער דריי יאר האט היטלערס׳ס הערשאפט אפגעקאסט די פעלקער פון אייראפע 3,400,000 לעבנס. אין דעם חשבון גייען ניט אריין די לעבנס פון די גע־פאלענע אויף די שלאכט־פעלדער און פון די, וועלכע האבן פאר זיך געפו־נען א נאסן קבר אין די טיפענישן פון ים. אין דעם חשבון גייען ניט אריין די מיליאנען, וואס היטלער׳ס באנדעס האבן פארניכטעט צווישן דער צווייטער באפעלקערונג אויף דער סאוועטישער טעריטאריע.

די ציפערן פון די הינגעריכטעטע אין פארשיידענע אקופירטע לענדער זיינען באזירט אויף נאצישע באריכטן. דאס מיינט אז די צאל קרבנות איז א סך, א סך גרעסער, ווייל נאר אפט דערשטיקן די נאצים די נייעס וועגן פארפייניגטע אין קאנצעטראציע־לאגערן, וועגן קראנקע, וואס ווערן דערשאסן אין זייערע שפיטאל-בעטן; און וועגן נאך מארדן, וואס די נאצים געפינען פאר נויטיג צו פארשווייגן. אהער גייען אויך ניט אריין די, וועלכע זיינען געטריבן געווארן צו הונגער-טויט ; די, וועלכע זיינען באגאנגען זעלבסטמארד, אדער די, וועלכע זיינען געשטארבן פון קראנק־הייטן. די ציפערן באציען זיך בלויז צו די קרבנות צווישן דער צווייטער באפעלקערונג פאר שטעלן זיך נעגן די נאצישע פארשקלאפער און צו די, וואס זיינען דערשאסן און אומגעבראכט געווארן אין נאצישע - מאסן־עקזעקוציעס .

צווישן די 3,400,000 אומגעבראכטע דורך דעם נאצישן טעראר גייט אויף דעם חשבון פון פוילן די צאל פון צוויי און א האלב מיליאן פאר-ניכטעטע לעבנס. אין אט דער צאל איז דא העכער א מיליאן אידן — א מיליאן קאלטבלוטיג-אויסגעקווילעטע אידישע מענער, פרויען און קינ-דער, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן אפילו אן דעם פארם פון א משפט, נאר בלויז צו באפרידיגן די בלוט־אפעטיטן פון די נאצישע הענ־קער און אויף דורכצופירן היטלער׳ס פלאן צו מאכן אייראפע „יודן־ריין״.

עס ווערט געשאצט אז צוזאמען מיט די אידישע קרבנות אין אנ-דערע לענדער — האט היטלער ביז איצט שוין אומגעבראכט העכער 2 מיליאן אידן.

אין יוגאָסלאַוויע זיינען דערמאָרדעט, געוואָרן 744,000 מענטשן; אין פראַנקרייך — 24,000; אין גריכנלאַנד — 80,0000 אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע — 2,463; אין האָלאַנד — 2,200; אין בעלגיע — 193; אין נאָרוועגיע — 140; אין דעם קליינעם לאַנד לוקסעמבורג — 129.

טייער, זייער טייער האָט אייראָפּע שוין באַצאָלט ביז איצט פאַר דעם, וואָס די וועלט האָט דערלאָזט, אַז עס זאָל אויפגעבויט און טאָלע־רירט ווערן אַזאַ מאָנסטערהאַפטער כוח ווי דער בלוטדורשטיגער נאַציזם, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע מענטשהייט. דער חשבון דאָ איז אָבער בלויז אַ טייל פון דעם, וואָס די פעלקער פון אייראָפּע האָבן שוין באַצאָלט ביז איצט אין אומגעבראַכטע לעבנס.

און דער תליון שטעלט זיך גאָר ניט אָפּ; דער תליון קאָן זיך גאָר ניט אָנזעטיגן; פון זיינע לאַפּעס טריפט אַלץ מער און מער בלוט. דאָס איז ניט קיין צייכן פון שטאַרקייט, ניט קיין צייכן פון זיכערקייט ביי זיך — דער תליון האָט מורא; דער תליון ציטערט פאַר זיין שאָטן; דער תליון שרעקט זיך פאַר דעם צאָרן, פאַר דעם האַס און פאַר דער נקמה מצד די אונטערדריקטע פעלקער.

אָט דער צאָרן און אָט דער האַס פלאַקערן אין די הערצער פון צענדליגער מיליאָנען. אָט דער פלאַם קריגט אויסדרוק אין דער נקמה, וואָס ווערט גענומען פון דעם שונא אויף שריט און טריט. אָט די נקמה נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרשטעלטער, נאָר אומאויפהערלעכער מלחמה, אין וועלכער עס באַטייליגן זיך אומזעבאַרע אַרמייען. דאָס איז אַ רעוואָלט פון מיליאָנען. פון לאַנד צו לאַנד טראָגן זיך די פלאַמען פון אָט דעם רעוואָלט געגן די נאַצישע באַצווינגער פון לענדער און פון פעל־קער. אין שרעק פאַר אָט דעם רעוואָלט פאַרלירן די נאַציס זייערע קעפּ. זיי טרויען אָפט ניט די אייגענע לאַקייען אין די באַזיגטע לענדער. אַזוי איז געוועזן דער פאַל ווען זיי האָבן הינגעריכטעט דעם „פּרעמיער" פון טשעכיע, ווען זיי אליין האָבן באַשטימט אויף אָט דעם אמט. זיי צע־שיסן אייגענע נאַציס, וואָרפנדיג אויף זיי די שולד פאַר דעם, וואָס די פעלקער, אויף וועלכע היטלער האָט אַרויפגעשטעלט אַן אייזערנעם קנאָפּל, לאָזן זיך ניט „באַרואיגן". אין איין לאַנד נאָך דעם צווייטן ווערט דער־קלערט קריגס־צושטאַנד — עס איז אַ נייע מלחמה אויף דעם גאַנצן פראָנט.

היטלער האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז כאָטש ער האָט מיט דער

הילף פון די קוויזלינגס אפגעהאלטן לייכטע זיגן, האבן אבער די פארראַטענע און באזיגטע פעלקער זיך ניט אונטערגעגעבן. אט די פעלקער האבן ביי זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון די מעשים פון די קוויזלינגס און די לאוואלס, פון די דארלאנס און די פעטעינס; די פעלקער זיינען ניט געבראכן געווארן אין גייסט — זיי האבן בלויז פארטאיעט זייער צארן, פארשטשעמעט די ציין, פארקלעמט די פויסטן און גענומען ארויסקוקן אויף דעם טאג, ווען זיי וועלן קאנען דערלאנגען א טויט־קלאפ דעם ביטערן שונא און זיינע משרתים.

דער טאג איז געקומען, ווען די צעיושעטע ברוינע בעסטיע האט זיך א ווארף געטאן אויף דעם סאוועטן־פארבאנד. דא זיינען ניט געווען קיין קוויזלינגס; דא איז ניט געווען קיין פינפטער קאלום; דא זיינען ניט געווען קיין פאררעטער — דאס גאנצע לאנד האט זיך א הויב־געטאן צום קאמף; אלע סאוועטישע פעלקער האבן זיך א לאז געטאן געגן פינסטערן שונא; באוואוסטזיין און געטריישאפט און צארן און מוט און שנאה און שטאלץ האבן יעדן רויטארמייער פארוואנדלט אין א העלד און האבן אנגעצונדן די ערד אונטער די פיס פון דעם אריינדרינגער. און אומעטום, וואו דער שונא האט אריינגעשטעלט א פוס אויף סאוועטישער ערד, האט די ציווילע באפעלקערונג באלד אנגעהויבן א פארטיזאנישן קאמף.

דער סאוועטישער ווידערשטאנד און די קאמפן פון זיין ציווילער באפעלקערונג זיינען געווען ווי א סיגנאל פאר דער גאנצער אונטערדריקטער אייראפע.

עס האבן זיך א ריר־געטאן די מאסן אין פראנקרייך; עס האט זיך א הויב־געטאן א כוואליע פון ווידערשטאנד צו די נאצישע פארשקלאפער אין גריכנלאנד, אין יוגאסלאוויע, אין טשעכאסלאוואקיע און אין פוילן. די באצווינגער פון לענדער און פון פעלקער זוכן מיט אלע מעגלעכקייטן צו באהאלטן די גרויס און די ערנסקייט פון אט דער כוואליע פון פאלקסצארן, נאר עס רייסן זיך דורך פאקטן, עס קומען ארויס באריכטן, וואס באווייזן, אז די נאצישע באנדעס דארפן זיך היטן אויף יעדן טראט, ווייל פון יעדן ווינקל גאס ווערן זיי נאכגעשפירט פון אויגן, פול מיט שנאה, און פון יעדן פענסטער קאן טרעפן א קויל.

עס ווערן אויפגעריסן באנען מיט נאצישע סאלדאטן; עס פארשווינדן נאצים און מען ווייסט ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען; עס ווערן צעשטערט אייזנבאן־וועגן; עס ווערן אפגעשטעלט פאבריקן; עס

טראָגט זיך פון לאַנד צו לאַנד אַ רוף דורך געהיימע ראַדיאָס. אז די פעלקער זאָלן זיין גרייט צום טאָג פון נקמה און פון באַפרייאונג; עס ווערן אויפגעשריבן אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט אויף טויזנטער געביידעו די צייכנס „ווי", וואָס יאָגן אָן אַ שרעק אויף די פאַרשקלאַפער. לעצטענסווערט אויפגעשריבן די צאָל 18 אַלס דערמאָנונג וועגן דער מפּלה, וואָס די דייטשע יונקערס האָבן געליטן אין דער וועלט-מלחמה אין 1918—דאָס איז די **שריפט אויף דער וואַנט**, וואָס סימבאָליזירט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער פאַרדינטער שטראָף, וואָס די פאַרברעכער וועלן קריגן.

איז די חיה ווילד געוואָרן פון פאַרצווייפלונג און זי וואַרפט זיך מיט נאָך גרעסערער אכזריות אויף יעדן איינעם, וועלכער שטעלט זיך איר אין וועג. היטלער'ס מאָרד־מאַשין זשאַלעוועט ניט קיין מענטשן, ניט קיין אייגענע — און קיין אנדערע אודאי ניט

דער תליון איז שיכור פון בלוט. דער תליון איז ווילד פון רציחה. דער תליון האַקט קעפּ.

קאַפּיטל 2.

די נאַציישע צילן אין די איבערפאַלן אויף איין לאַנד נאָך דער צווייטן.

די נאַצים האָבן געהאַט אַ גוט-אויסגעאַרבעטן פּלאַן ווען זיי זיינען צוגעטראָטן צו דערטרינקען אייראָפּע אין בלוט. זייערע מיליטערישע אָפּע־ראַציעס האָבן געדאַרפט עפענען דעם וועג פאַר דער גרעסטער אויסשפּריי־טונג פון דער דייטשער עקאָנאָמישער מאַכט. אויף די קערפּערס פון מי־ליאָנען קרבנות האָט געדאַרפט געבויט ווערן די גרעסטע עקאָנאָמישע אימפּעריע אין דער וועלט. די דייטשע מאַגנאַטן, וועלכע האָבן געבראַכט היטלער׳ן צו דער מאַכט, האָבן געטראַכט ניט נאָר פון אַן עקאָנאָמישער העגעמאָניע איבער אייראָפּע, נאָר פון אַ וועלט־הערשאַפט, וואָס זאָל פאַר־זיכערן פאַר דער דייטשער אינדוסטריע די גרעסטע קוואַלן פון רוי־שטאָפן און דעם מאָנאָפּאָל אויף אַלע מערק פון דער וועלט.

ווען די נאַצים האָבן גערעדט וועגן אַ „לעבנסראַום", האָבן זיי געמיינט די גאַנצע וועלט. זיי זיינען דערפאַר געווען אַנטשלאָסן צו ווערן די באַלעבאַטים איבער דעם עקאָנאָמישן לעבן פון יעדן באַזיגטן לאַנד, און אויב עס וועט זיין נויטיק צו פאַרוואַנדלען אַ הויך־אַנטוויקלט אינ־דוסטריעל לאַנד (ווי עס איז געווען דער פאַל אין טשעכאָסלאָוואַקיע) אין אַ לאַנד, וואָס פאַרנעמט זיך בלויז מיט אַגריקולטור, וועט מען דאָס דורכ־פירן מיט אַן אייזערנער האַנט.

און כדי צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד, וואָס אַ באַזיגט פאָלק וועט פּרובירן אַרויסווייזן סיי געגן דעם, וואָס עס ווערט איינגעשטעלט אַ פרעמ־דע הערשאַפט, און, ספּעציעל, געגן דעם, וואָס דאָס לאַנד ווערט אַראָפּ־

געשטופּט צום צושטאַנד פון אַ פּרימיטיווער און אָרימער אַגריקולטורעלער ווירטשאַפט, — דאַרף מען מיט טעראָר צעברעכן דעם ווילן פון דעם פאָלק און אין טייכן בלוט דערטרינקען די פּאַרזוכן, וואָס אַזאַ פאָלק וועט מאַכן צו באַפרייען זיך פון די קייטן פון שקלאַפעריי.

אַלס איינער פון די מיטלען פאַר דער פאַרשקלאַפונג פון אַ פאָלק וועט דינען די פאַרניכטונג פון דער אינטעליגענץ פון דעם געגעבענעם פאָלק, אויך די פאַרניכטונג פון דער קולטור פון אָט דעם פאָלק און די פולשטענדיגע צעשטערונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט ביי דעם באַטרעפנדיגן פאָלק, און וואָס וואָלטן אפשר געקאָנט מאַכן מעגלעך פאַר אַ טייל פון דעם פאָלק צו בלייבן פאַראייניגט.

אין קורצן איז די נאַציסטישע פּאָליסי אין באַצוג צו אַ באַזיגט לאַנד געווען ווי פאָלגט:

1) פולשטענדיגע עקאָנאָמישע באַהערשונג פון דעם לאַנד.
2) אַרויספירן פון דעם לאַנד אַזוי פיל אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן ווי נאָר מעגלעך.
3) פאַרוואַנדלען די גאַנצע אינדוסטריע פון דעם לאַנד אין מלחמה-אינדוסטריע.
4) פאַרמאַכן די פאַבריקן, וואָס קאָנען ניט אויסגענוצט ווערן פאַר מלחמה-צוועקן.
5) פאַרוואַנדלען די אָרטיגע באַפעלקערונג אין שקלאַפן, שיקנדיג אַ טייל פון זיי אויף שקלאַפן-אַרבעט אין דייטשלאַנד, און צווינגענדיג די איבערגעבליבענע צו שקלאַפן אין לאַנד ביי די גוטסבאַזיצער און פאַבריקאַנטן, וואָס ווערן אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד.
6) צעברעכן אַלע אַרבעטער-און אַלע קולטור אָרגאַניזאַציעס.
7) איינפירן די שווידערלעכסטע סיסטעם פון טעראָר אויף צו דערשטיקן יעדן ווילן צו רעוואָלט.
8) אויסראָטן די אָרטיגע אינטעליגענץ.
9) פאַרמאַכן די שולן, די צייטונגען און די ראַדיאָ, וואָס פונקציאָנירן אין דער שפּראַך פון דעם באַטרעפנדיגן פאָלק.

10) פאַרניכטן קולטור־אוצרות — ווי מוזייען, ביבליאָ־טעקן, דענקמעלער און אַזוי ווייטער, כדי עס זאָלן אָפּ־געמעקט ווערן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער פאַרגאַנ־גענהייט און אַלע פאָלקס־טראַדיציעס.

11) טאָן אַלץ אַז די באַזיגטע פעלקער זאָלן פילן אויף יעדן טראָט, אַז זיי זיינען נידעריגערע באַשעפענישן און אַז זיי דאַרפן בויגן דעם קאָפּ פאַר די רייטשן — פאַר דעם „הערנפאָלק״.

12) קאָלאָניזירן דייטשן אין די באַזיגטע לענדער כדי צו שאַפן דייטשע פריצים און אַן אָרטיגע דייטשע אַריס־טאָקראַטיע, פון וועלכער עס זאָלן ווערבירט ווערן די באַאַמטע פאַר אַלע מלוכה־אינסטיטוציעס אין דעם באַ־זיגטן לאַנד.

אָט די פּאָליסי איז אָנגעווענדעט געוואָרן אין יעדן לאַנד, נאָר ניט אומעטום מיט דעם זעלבן אימפּעט און ניט מיט די זעלבע מיטלען. וואָס די מיטלען זיינען אָבער ניט געווען און צי די דייטשן זיינען צוגעטראָטן דורכצופירן זייערע פּלענער שנעל, אָדער לאַנגזאַם, זיינען זיי אָבער אומע־טום געגאַנגען צום זעלבן ציל — פאַרשקלאַפן דאָס באַזיגטע לאַנד און עס פאַרוואַנדלען אין אַ קאָלאָניאַלן צוגאָב צו דער עקאָנאָמיע פון דייטשלאַנד.

מיט אָט דער אַנטשלאָסנקייט דורכצופירן זייער פּלאַן פון וועלט־הערשאַפט דערקלערט זיך די סיסטעמאַטישע טעראָר־טעטיגקייט פון די נאַציס אין די באַזיגטע לענדער. זיי האָבן, גייענדיג צו זייער ציל, אויף קיין טאָג ניט אויפגעגעבן זייער אַרבעט פון פּלינדערן און אויסהונגערן די אָרטיגע באַפעלקערונג. און פון דאַנען נעמט זיך דער פאַקט וואָס די אונ־טערערדישע באַוועגונג איז געוואָרן אַנטשלאָסענער און וואָס זי ווערט מעכטיגער פון טאָג צו טאָג ניט געקוקט אויף אַלע גרויזאַמע שטראָפן, וואָס די נאַציס טיילן אויס צו די, וועלכע וואַגן זיך שטעלן געגן זיי. די אונטערדריקטע פעלקער קעמפן פאַר זייער רעכט צו בלייבן לעבן און געגן די קייטן, וואָס די נאַציס טוען־אָן אויף זיי.

די פעלקער קעמפן פאַר זייער לעבן, פאַר זייער מענטשלעכער ווירדע, פאַר זייער קולטור און פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער.

קאפיטל 3.

די אונטערערדישע באוועגונג ברענט די טריט אונטער היטלער׳ס פיס

ווען היטלער האט אנגעהויבן זיינע רויבערישע איבערפאלן אויף איין לאנד נאך דעם צווייטן, האט ער געשטרעבט צו ווערן דער הערשער פריער פון אייראפע און דערנאך פון דער גאנצער וועלט דורך די פאלגענדיגע צוויי מעטאדן:

1) אונטעריאכן צו זיך לענדער און פעלקער איינציגווייז און
2) איינצופירן אין די פארכאפטע לענדער אזא טעראר־סיסטעם, אז קיינער זאל גאר ניט וואגן אפילו צו טראכטן וועגן געבן א ווידערשטאנד די פארשקלאפער.

לויט דעם ערשטן פונקט פון אט דער פראגראם האט היטלער געהאלטן אין באזיגן איין לאנד נאך דעם צווייטן און דערביי האט ער שטענדיג זיך געשווארן, אז ווי נאר ער קריגט אריין א באטרעפנדיג לאנד, אזוי זיינען זיינע אפעטיטן שוין געשטילט. אזוי האט ער דערקלערט באלד נאך דעם, ווי ער האט פארכאפט עסטרייך; אזא דערקלערונג האט ער געמאכט נאך דעם, ווי ער האט געקראגן די זודעטן־טעריטאריע אין טשעכאסלאוואקיע און אויך נאך דעם, ווי ער האט שוין פארשלונגען גאנץ טשעכאסלאוואקיע. דאס זעלבע האט ער געזאגט, ווען ער איז צוגעשטאנען מיט א מעסער צום האלז פון פוילן, פאדערנדיג פאר דייטשלאנד כלומרשט בלויז דאנציג און דעם פוילישן קארידאר, נאר שטרעבנדיג צו פארכאפן גאנץ פוילן.

היטלער׳ס שמד־שטיק זיינען באשטאנען אין פארשלעפערן די

וועלט, וואָס זאָל זיך פילן געזיכערט, אַז דער רויבער־אָנפאַל אויף איין לאַנד האָט ניט צו טאָן מיט די אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען אין דעם געגעבענעם מאָמענט ניט געטראָפן. כדי צו זיין נאָך זיכערער, אַז אָט דער פּלאַן וועט אַרבעטן, האָט היטלער דורך זיינע אָפענע און פאַרשטעלטע אַגענטן געזוכט „ווייך צו מאַכן" די לענדער, וואָס האָבן געקאָנט אים שטערן אין דער דורכפירונג פון זיינע פּלענער. דער פּראָצעס פון „ווייך מאַכן" אַ לאַנד — פון אָפּשוואַכן דאָס לאַנד — איז באַשטאַנען אין דעם וואָס עס האָבן געדאַרפט אַריינגעטראָגן ווערן אין דעם באַטרעפנדיגן לאַנד אישום, וואָס זאָלן האַלטן די באַפעלקערונג צעטיילט. דאָס וועט פירן צו דעם, אַז דאָס געגעבענע לאַנד וועט זיין פאַרנומען מיט אינערלעכע רייסערייען און וועט ניט האָבן קיין מעגלעכקייט ערנסט צו באַטראַכטן די געפאַר פון היטלער'ס אַגרעסיע. דאָס לאַנד וועט אויך ניט האָבן קיין כוח זיך געגנצושטעלן אָט דער אַגרעסיע.

דאָס איז באַצייכנט געוואָרן פון די נאַצישע מלחמה־עקספּערטן אַלס די אַטאַקע אויף דעם גייסט פון אַ פאָלק. אָט ווי דר. איוואַליד באַניע, דער גרעסטער נאַצישער „סטראַטעג פון טעראָר", האָט געשריבן וועגן דער „פּסיכאָלאָגישער אַטאַקע":

„אַנווענדענדיג פּסיכאָלאָגיע אַלס אַ וואָפן אין קריג — מיינט פּראָפּאַגאַנדע, וואָס באַצוועקט צו באַאיינפלוסן די באַציאונג פון פעלקער צו מלחמה. עס איז נויטיג צו אַטאַקירן דאָס פיינטלעכע פאָלק אין זיין שוואַכסטן פּונקט (און וואָסער פאָלק האָט עס ניט קיין שוואַכן פּונקט?), אונטערגראָבן און צעברעכן זיין ווידערשטאַנד און איבערצייגן דאָס פאָלק, אַז עס וועט גענאַרט, פאַרפירט און געשלעפּט צו אַ רואינע דורך דער אייגענער רעגירונג. אָט אַזוי אַרום וועלן מענטשן פאַרלירן צוטרוי צו דער גערעכטיגקייט פון דער זאַך, פאַר וועלכער זיי דאַרפן קעמפן, און די פּאָליטישע אָפּאָזיציע ביי אָט די פעלקער (און ביי וועלכן פאָלק איז ניטאָ קיין פּאָליטישע אָפּאָזיציע?) וועט אויפהויבן דעם קאָפּ און וועט ווערן אַ גאָר מעכטיגער פאַראורזאַכער פון צרות. דאָס פיינטלעכע פאָלק, וואָס האָט פריער געמעגט זיין סאָליד, מעכטיג און ענג צוזאַמענגעשמידט — מוז שטופנווייז צעריסן ווערן. דאָס פאָלק דאַרף צעבראָכן ווערן; עס דאַרף אָנהויבן פוילן אַזוי, אַז עס זאָל זיך צעפאַלן אויף שטיקער".

(ציטירט לויט דעם בוך „סאַבאָטאַזש“ פון מאַיקל סעיערס און אַל-בערט קאָהן)

און אַזוי ווי היטלער האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז קיין פאָלק אין דער וועלט זאָל זיך ניט קאָנען שטעלן געגן אים און ווערן אַ שטערונג אויף זיין וועג, האָט ער אָט דעם מעטאָד פון שאַפן אינערלעכע צעטיילונגען גענומען אָנווענדן צו יעדן לאַנד, אָפּגעזען פון דעם, צי ער האָט זיך געקליבן געגן אָט דעם לאַנד פירן מלחמה באַלד, אָדער ערשט מיט יאָרן שפּעטער.

היטלער האָט דעם זעלבן מעטאָד גענומען אָנווענדן אויך אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אויף צו שאַפן אומצוטרוי צווישן איין לאַנד און דעם צווייטן. זיין רעוועז, **אַז ער „ראַטעוועט די וועלט פון** באָלשעוויזם“ — איז געווען אין דער ליניע פון אַריינטראָגן אישום, וואָס זאָלן פאַראורזאַכן צווישן-פעלקערלעכן האַס, און וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר אים אָנצוגיין מיט זיינע רויבערישע מעשים, בשעת די פעלקער פון דער וועלט וועלן זיין צעטיילט צווישן זיך. אין אָט דעם פונקט איז היטלער דורכגעפאַלן מיט אַ טראַסק.

עס איז געשאַפן געוואָרן דער בונד פון די פאַראייניגטע פעלקער, אַנשטאָט דעם אומצוטרוי צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס היטלער האָט אַזוי געזוכט צו צעבלאָזן, וואַקסט אַלץ מער די פריינדשאַפט צום סאָוועטישן לאַנד, וואָס האָט דורך העראָאישע קאַמפן זיך דערוואָרבן גרעניצלאָזע ליבע צווישן הונדערטער מיליאָנען אין דער וועלט, וועלכע אַנערקענען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קעמפט ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

איינער נאָך איינעם טרעטן אַרויס די מלוכה־פירער פון אונזער לאַנד, פון ענגלאַנד, פון כינע און פון די אַנדערע לענדער פון די פאַראייניגטע פעלקער מיט דעם העכסטן לויב פאַר דער רויטער אַרמיי, פאַר דעם מוט פון די סאָוועטישע פעלקער און— וואָס עס טרעפט די שונאים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אפשר שטאַרקער פון אַלץ — מיט לויב און באַוואונדערונג פאַר דער שטאַלענער איינינקייט פון די סאָוועטישע פעלקער צווישן זיך, ווי אויך מיט זייער מלוכה און מיט זייער באַליבטן פירער, יאָזעף סטאַלין. אויך אין אָט דעם צווייטן פונקט האָט היטלער געליטן אַ מפּלה.

עס האָט ניט אויסגעהאַלטן זיין חשבון, אַז אַ צעוישעטער טעראָר

וועט צעדריקן די פאַרשקלאַפטע פעלקער, וועט פּאַראַליזירן זייער ווילן און פעיאיגקייט צו אַ ווידערשטאַנד און וועט זיי פאַרוואַנדלען אין שטומע ראָבאָטס, מיט וועלכע די נאַציישע הערשער וועלן קאָנען טאָן וואָס זיי וועלן וועלן.

די פעלקער פון אייראָפּע זיינען טאַקע געבונדן אין קייטן, נאָר זיי רייסן זיך פון זייער שקלאַפעריי, זיי שלאָגן צוריק וואו און ווי נאָר זיי קאָנען, און זיי זוכן אַנצוטאָן דעם שונא אַזויפיל שאָרן, וויפיל עס איז נאָר מעגלעך צו באַוויזן.

עס הערן ניט אויף אָנצוקומען די באַריכטן וועגן דעם, אַז נאַציישע גענעראַלן, אָפיצערן, סאָלדאַטן און געשטאַפּאָ־לייט ווערן דערשאָסן אָט אין איין לאַנד און אָט אין אַ צווייטן. עס קומען באַריכטן פון אויפגעריסענע באַנען, פון צעשמעטערטע בריקן, פון סאַבאָטאַזש אין פאַבריקן און און פון אַלערליי סאָרטן צרות, וואָס מען טוט אָן די פאַרכאַפּער.

עס קומען אויך אָן באַריכטן פון גרויסע שטראָפן, וואָס די נאַצים טיילן אויס צו די, וועמען זיי האַלטן שולדיג אין די סאַבאָטאַזש־אַקטן, אי צו די,, וועלכע זיינען מיט דעם סאַבאָטאַזש דירעקט ניט פאַרבונדן. די נאַצים האָבן איינגעפירט די פאַרברעכערישע סיסטעם פון משכנות — פאַר דעם טויט פון איין נאַצי דערשיסן די היטלעריסטן צענדליגער אומ־שולדיגע מענטשן. אַלץ ווערט געטאָן מיט דעם אבזיכט, אַז די „באַזיג־טע" פעלקער זאָלן זיך טאַקע אַנערקענען פאַר באַזיגט און אויפגעבן דעם ווידערשטאַנד, נאָר דאָס גיט זיך די נאַצים ניט איין.

כאָטש מען זעט ניט קיין אָפענעם קאַמף אין די גאַסן,—מיט'ן אויסנאַם פון יוגאָסלאַוויע, וואו עס ווערט געפירט אַן אָפענע מלחמה פון די גוט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנען, געגן די מערדערישע פאַרכאַפּער פון זייער לאַנד — כאָטש עס זיינען נאָך ניטאָ קיין באַריקאַדן־שלאַכטן, איז אָבער דער רעוואָלט געגן די נאַציישע אריינדרינגער שוין אַ טאָג־טעגלעכע דערשיי־נונג אין אַלע אָקופּירטע לענדער.

דער קאַמף ווערט געפירט פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען דערוויילבאַהאַלטן אין אונטערגרונט, נאָר זייער וויט־פאַרצווייגטע טעטיגקייט און דער ריזיגער שאָרן, וואָס זיי פאַראורזאַכן דעם שונא, איז אַ צייכן, אַז עס איז אַ וואולקאַן, וואָס וועט ביי דער ערשטער געלעגנהייט אויסברעכן, און וואָס וועט מיט זיין פייערדיגער לאַוואַ פאַרפלייצן די מערדער, שענ־

דער און פּלינדערער, וואָס האָבן זיך פאַרהאַסט געמאַכט ביי הונדער־טער מיליאָנען.

די רעוואָלט־באַוועגונג איז פאַרשפּרייט ניט בלויז אין די פאַר־שקלאַפטע לענדער. אויך אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע איז דאָ אַן אונטערערדישע באַוועגונג פון אַ באַרייטנדיגער גרויס. די רעוואָלט־באַ־וועגונג נעמט אויך אַרום די לענדער, געגן וועלכע היטלער האָט ניט געפירט קיין מלחמה, און מיט וועלכע ער איז כלומרשט באַפריינדעט, נאָר אויף וועלכע ער האָט סיי ווי אַרויפגעשטעלט זיין קנאָפּל, ווי רומעניע, אונגאַרן, פינלאַנד און בולגאַריע.

ווי גרויס איז אָט די באַוועגונג, וואָס מוז, נאַטירלעך, אַרבעטן פאַר־באָרגענערהייט? ווי אַזוי ווערט אָנגעפירט אָט די באַוועגונג, ווען זי האָט געגן זיך די גרויזאַמע „געשטאַפּאָ"? ווער זיינען אָט די העלדן, וועלכע גייען מיט אַזאַ מסרת נפש אויף תליות, אַבי צו נעמען נקמה פון די שונאים פון זייער לאַנד?

אַן ענטפער אויף אָט די אַלע פראַגן ווי אויך אַ סך איינצעלהייטן פון די נאַצישע ברוטאַלע האַנדלונגען אין די אָקופּירטע לענדער — קאָ־נען מיר קריגן אין אַ צאָל וויכטיגע ביכער, וואָס זיינען לעצטנס פאַר־עפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם אונטערערדישן קאַמף אין אייראָפּע. וועגן דעם זעלבן ענין זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ סך אַרטיקלען פון אַנגעזעענע אויסלענדישע קאָרעספּאָדענטן.

אויף דעם גרונד פון אָט די אַלע מאַטעריאַלן זיינען צונויפגעשטעלט די פאַקטן אין אָט דער אַרבעט. די פאַקטן זיינען באַזירט אויף טרויענס־ווערטע באַריכטן פון די טוער פון דעם אונטערגרונד צו די גלות־רעגירונ־גען פון די באַטרעפענדיגע לענדער. מיר האָבן דאָ דאָס עדות־זאָגן פון די, וועלכע האָבן אַליין גענומען אַן אַנטייל אין די סאַבאָטאַזש־אַקטן און אין די קאַמפן, וועגן וועלכע עס ווערט דאָ דערציילט.

אָט די פאַקטן דאַרפן אַלע וויסן. קוירט ריס, דער אויטאָר פון דעם בוך „אַנדערגראַונד יוראָפּ", וואָס איז איינער פון די שרייבער, וואָס דערציילן וועגן דעם קאַמף פון די פעלקער אין אייראָפּע געגן די נאַצישע פאַרכאַפּער, זאָגט, אַז ער דערציילט די פאַקטן וועגן דעם אונטערערד, כדי מיר דאָ זאָלן וויסן און מיר זאָלן זיך דורכדרינגען מיט באַוואונדע־רונג צו די, וועלכע ריזיקירן מיט זייערע לעבנס יעדע מינוט, נאָר וועלכע גיבן ניט אויף דעם קאַמף. ער איז זיכער גערעכט ווען ער זאָגט:

„אַלץ, וואָס זיי טוען, וועט זיין צוויי מאָל אַזוי פיל ווירקזאַם, ווען די גאַנצע וועלט וועט וועגן דעם וויסן. עס וועט באַוועגן נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע נאָכצופאָלגן זייער ביישפּיל".

דער אונטערגרונד — דאָס איז אַ נייער פראָנט, — זאָגט דער אויטאָר.

און ווי די נאַציס ציטערן פאַר אָט דעם פראָנט! און וויפיל אָט דער פראָנט קאָסט זיי אָפּ!

אָט דער פראָנט איז געוואָרן גאָר דראָענדיג פאַר די נאַציס זינט דעם 22־טן יוני, 1941, ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער העלדישער ווידערשטאַנד פון דער רויטער אַרמיי און דער אופן ווי די פרידלעכע סאָוועטישע באַפעלקערונג האָט מיט אַזאַ מסירת־נפש'דיגקייט זיך אריינגעוואָרפן אין דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף געגן די היטלערישע גאַרגל־שניידער — דאָס האָט אריינגעבלאָזן אַ נייעם אָטעם אין די פאַרשקלאַפטע פעלקער און ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל האָבן זיי מיט פילפאַך־פאַרגרעסערטער ענערגיע זיך אַ נעם־געטאָן פאַרצושטעצן זייער קאַמף געגן זייערע אונטערדריקער.

אָט דער פראָנט האָט געקראָגן דעם נאָמען „די קליינע מלחמה". גאָר אָפט קאָסט אָט די קליינע מלחמה אָפּ די היטלעריסטן כמעט אַזוי פיל ווי אַ גאַנצע גרויסע מלחמה.

דער זשורנאַל „פרי וואָירלד", וואָס איז דער אויסדרוק פון די גלות־רעגירונגען פון די פאַרשיידענע אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע, גיט אָפּ זייער אַ סך פּלאַץ פאַר דער אינפאָרמאַציע וועגן דעם אונטערערדישן קאַמף. דער זשורנאַל האָט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג „דער אונטערערדישער רעפּאָרטער". אָט די אינפאָרמאַציע ווערט, לויט דער דערקלערונג פון דער זשורנאַל — געבויט אויף די באַריכטן פון די, וועלכע נעמען אליין אַן אנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. אין דעם באַריכט אין דעם יולי נומער פון „פרי וואָירלד" לייענען מיר: „די רוסישע מלחמה איז דער גרעסטער קאָפּ־ווייטאָג פאַר דעם איטאַליענישן פאַשיסטישן רעזשים. אַ גאַנץ פאָלק האַלט אין איין טראַכטן ווי זיך אויסצודרייען און ניט דאַרפן פאָרן קיין רוסלאַנד גע'הרג'עט צו ווערן. . . "

און אויב פאַר די פאַשיסטן איז די רויטע אַרמיי אַן אורזאַך צו ציטערן, איז אָבער די רויט־אַרמייאישע העלדישקייט אַ קוואַל פון באַ־

גייסטערונג און האָפענונג פאַר די אונטערדריקטע פעלקער און אינספּי־
רירט זיי צו אַ מער מוטיגן און אַנטשלאָסענעם קאַמף — דערווייל אין
אונטערגרונד.

דער פריער־דערמאָנטער אויטאָר פון דעם בוך „אַנדערגראַונד יור־
ראָפּ", קורט ריס, ווייזט אָן, אַז אין עסטרייך איז דער סאַבאָטאַזש געגן
די נאַציס „געוואַקסן מיט יעדן רוסישן זיג".

סימאָן סיגל, דער אויטאָר פון דעם בוך „די ניו אָרדער אין פּאָלאַנד",
זאָגט, אַז די סאָוועטישע זיגן אויף די פראָנטן האָבן אַ סך געשטאַרקט די
אונטערערדישע באַוועגונג אין פּוילן.

און וואָס אַ טאָג ווייטער ווערט די באַרייטונג פון דעם אונטערערישן
קאַמף אַלץ וויכטיגער. שרייבנדיג אַן איבערבליק איבער די ביכער, וואָס
האָבן צו טאָן מיט דער אונטערגרונד, זאָגט דעיוויד וו. פּעטעגאָרסקי אין
זשורנאַל „פרי וואָרלד": „די פאַראייניגטע פעלקער, פאַרמאָגן אין אייראָ-
פּע אַ פּאָטענציעלע אַרמיי פון צענדליגער, אויב ניט פון הונדערטער מי־
ליאָנען פון פאַרבינדעטע, פאַר וועלכע קיין זאַך איז ניט קיין צו גרויסע
ריזיקע אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט."

ער ווייזט מיט רעכט אָן, אַז עס וואָלט געווען אַ טעות, ווען מען זאָל
אַזוי ווערן באַגייסטערט פון זייער קאַמף, אַז מען זאָל מיינען, אַז זיי אַליין
קאָנען שוין געווינען די מלחמה. זייער העלדישקייט פאַדערט, אַז עס זאָל
וואָס שנעלער געעפנט ווערן נאָך אַ פראָנט אין אייראָפּע און דעמאָלט ערשט
וועט זייער טעטיגקייט הינטער דעם פראָנט „מעגלעך ווערן דער אַנטשיי־
דענדיגער עלעמענט, וואָס וועט זיכערן דעם זיג".



אַ פּאָסטל קאַרד, פאַרשפּרייט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג
אין טשעכאָסלאָוואקיע. עס לייענט זיך: אָט דאָס איז אונזער געבאָט!

קאפיטל 4.

טשעכאָסלאָוואקיע צאָלט מיט בלוט פאר בלוט

„אונזער פאָלק ליידט אונטער דעם יאָך פון בארבאריזם, נאָר אונזער פאָלק איז ניט געבראָכן."

„דער טאָג, ווען עס האָט אויסגעקוקט אז דער גייסט פון איי־ראָפּע, איינשליסנדיג די גאנצע אייראפּעאישע קולטור, האָט דער־גרייכט דעם לעצטן שטאפל פון דערנידערונג און דעמאָראליזאציע — אָט דער טאָג האָט פארצייכנט דעם פאקט, אז דער גייסט, וואָס האָט אזוי לאנג זיך געוואקלט, האָט זיך אויפגעכאפּט און האָט גענומען געבן א ווידערשטאנד."

(עדווארד בענעש — אין אריינפיר צו דעם בוך „צוויי יאָר פון דייטשער אונטערדריקונג אין טשעכאָסלאָוואקיע".)

די נאַצים האָבן זיך ניט באנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אריינ־געקראָגן אין זייערע הענט גאנץ טשעכאָסלאָוואקיע — סיי אירע רייכטי־מער, סיי אירע מיליטערישע זאפּאסן און אירע אמוניציע־פאבריקן — נאָר זיין האָבן באשלאָסן צו פארוואנדלען דאָס טשעכאָסלאָוואקישע פאָלק אין שקלאפן און דאָס באזיגטע לאנד אין א קאָלאָניע. די באפעלקערונג איז געצוואונגען צו לעבן אויף זייער א נידעריגן עקאָנאָמישן מצב; עס ווערט דערשטיקט די נאַציאָנאלע קולטור און די אינטעליגענץ ווערט פולשטענ־דיג אויסגעראָטן.

נאַצישע פאַרברעכנס אין באַצוג צו טשעכאָסלאָוואַקיע :

אין דעצעמבער, 1942, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז כמעט אַלע אַר- בעט-פּייאיגע מענער אין באַהעמיע און מאָראַוויע ווערן אוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד אויף שקלאַפן-אַרבעט. די פאַרשקלאַפטע וועלן אויך דינען אַלס משכנות, וואָס וועלן הינגעריכטעט ווערן, אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן מיט עמיצן פון די הונדערטער טויזנטער דייטשן, וועלכע ווערן אַריבערגעפירט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע פון די געגנט אין דייטשלאַנד, וואָס טראָגן איבער אָפטע לופט-באָמבאַרדעס.

אַן אָפיציעלער טשעכישער באַריכט שאַצט, אַז די צאָל פון טשעכן אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן דערגרייכט ביז 150,000. די מערסטע פון די פאַרשפּאַרטע זיינען סטודענטן, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. (אָקט. 2, 1941, „פּי-עם“).

די טשעכאָסלאָוואַקישע גלות-רעגינרונג האָט באַריכטעט אַז נאָך 14 אַנטי-נאַצים זיינען הינגעריכטעט געוואָרן אין פּראַג. (ניו יאָרק טאַימס“, אָקט. 9, 1942).

11 מאָנאַכן אין אַ מאַראַווישן מאָנאַסטיר זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע פון „צוהערן זיך צו אויסלענדישע ראַדיאָ-פּראָגראַמען, באַטייליגן זיך אין אַנטי-דייטשער אַגיטאַציע און גוט-הייסן די דערמאָר- דונג פון היידריכן“ („דעילי וואָרקער“, אָקט. 14, 1942).

אַלע אַרבעטער אין איין דעפּאַרטמענט אין דער שקאָדאַ אַמוניציע- פאַבריק זיינען דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אויף דער קלאַגע אַז די אַרבעטער האָבן אין דער פאַבריק אָנגעפירט סאַבאָטאַזש. („ניו יאָרק טאַימס“, אָקט. 25, 1942).

די טשעכישע גלות-רעגירונג האָט באַריכטעט, אַז פון דעם 4-טן יולי ביז דעם 30-טן סעפּטעמבער האָבן די נאַצים הינגעריכטעט אין טשעכאָ- סלאָוואַקיע 286 מענטשן, צווישן זיי 6 פרויען. („קריסטשיען סייענס מאָניטאָר“, אָקט. 28, 1942).

נאָך דער דערמאָרדונג פון היידריכן האָבן די נאַצים געצוואונגען די טשעכן אָפּצוהאַלטן מיטינגען פון „לאָיאַליטעט צו דייטשלאַנד“. מען האָט די טשעכן געצוואונגען צו קומען צו אַט די מיטינגען. די פאַרזאַמלטע האָבן מיט אַ טויטער שטילקייט געענטפערט אויף אַלע רעדעס און צום סוף פון די מיטינגען האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען. די נאַצים, וועל- כע האָבן אַרויסגעשיקט דורך דער ראַדיאָ די צערעמאָניעס ביי אַט די מי-

מינגען, האָבן אָנגעשטעלט דייטשע גראַמאָפאָן-רעקאָרדס, וואָס האָבן שוין באַזאָרגט דאָס געזאַנג און די אַפּלאָדיסמענטן.

(„די פעלקער זעצן פאָר דעם קאַמף“, סעפּט. 15, 1942)

די נאַציס האָבן צוגעמאַכט אַלע שולן אין טשעכאָסלאָוואַקיע אויף זיבן וואָכן צייט און געצוואונגען די שילער צו גיין אין פעלד אַרבעטן — אומזיסט. („די פעלקער זעצן פאָר דעם קאַמף“, אָקט. 6, 1942)

א גאַר נייער סאָרט געריכט איז איינגעשטעלט געוואָרן אין באָהעמיע צו משפּט׳ן די, וועלכע זיינען שולדיג אין „באַליידיגן די ערע פון די דייטשן“. אַן אָפּזאָג צו טאַנצן מיט א דייטשן סאָלדאַט איז גרונד גענוג פאַר א קלאַגע פאַר אָט דעם געריכט און פאַר אַזא „פאַרברעכן“ ווערט מען באַשטראָפט מיט א טורמע-טערמין.

די נאַציס האָבן אָנגעהויבן אַרעסטירטן די קרובים פון די מיטגלידער פון טשעכאָסלאָוואַקישער גלות-רעגירונג און האַלטן זיי אַלס משכנות, מיט וועלכע מען וועט זיך אָפּרעכענען פאַר די מעשים פון דער גלות-רעגירונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דעם 18-טן אָקטאָבער, 1942, האָט דער נאַצישער געהילף פון אויסלאַנדס מיניסטער, קאַרל הערמאַן פרענק, אַנאָנסירט אין פּראַג, אַז „אויב די אימיגראַנטישע קליקעס אין לאָנדאָן (דאָס האָט ער געמיינט די גלות-רעגירונג) וועלן פאָרזעצן „אויפצוהעצן“ די טשעכן צו סאַבאָטאַזש-מעשים, וועלן מיר זיין געצוואונגען צו נעמען די געהעריגע שריט געגן אָט די אַרעסטירטע“.

איינער פון די פירנדיגע מעדיקער אין סלאָוואַקיע, דר. לאַדאַ פעהר, און א פאַרוואַלטער פון דער פּויערים-באַנק אין פּעסטאַני, סלאָוואַקיע, זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טורמע פאַר אַנטי-נאַצישע טעטיגקייטן. זיי זיינען ביידע אין דער טורמע געשטאָרבן.

די נאַציס האָבן אַרויסגעגעבן א פאַראָרדענונג אַז אויב עס וועט בלויז פאַלן א פאַרדאַכט אַז אַדוואָקאַטן אָדער געהילף-אַדוואָקאַטן ווייזן אַרויס אַנטי-נאַצי-נייגונגען, אָדער אַז דער אופן ווי זיי פּראַקטיצירן זייער פּראַפעסיע, קאָן ניט זיין קיין גאַראַנטיע אַז זיי שטיצן דייטשלאַנד, קאָן מען באַלד ביי זיי צונעמען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן.

דער הויפּט פון דער נאַצישער פּאָליציי אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט פאַראָרדנט טויט-שטראָף פאַר באַהאַלטן א מענטשן, וועלכער „קאָן לויט די אומשטענדן באַטראַכט ווערן אַלס א געגנער פון די דייטשן.“

דעם 6-טן נאָוועמבער זיינען אין פּראַג הינגעריכטעט געוואָרן 9

מענטשן; דעם 7-טן — 6 מענטשן. די צאָל הינגעריכטעטע אין די ערשטע פינף טעג פון נאָוועמבער האָט באטראָפן 40. די שוועדישע צייטונג „סאָציאַל דעמאָקראַטן" אין סטאָקהאָלם באריכטעט וועגן דער הינריכטונג אין איין טאָג אין פּראג פון 14 יונגע אומבאַוואָפנטע מענטשן אין עלטער פון 22 ביז 26 יאָר פאר „העלפן די שונאים פון דייטשלאנד און פאר זיין געגן דער „נייער אָרדענונג"."

טשעכאָסלאָוואקיע איז דערפאר אויפגעברויזט. מיט'ן גרעסטן מסירת-נפש שטעלט זיך דאָס טשעכישע פאָלק געגן די צעווילדעוועטע נאַצי-בעסטיעס.

און ניט קיין אַרעסטן, ניט קיין טעראָר, ניט קיין מאסן-שחיטות קאָנען ניט אָפּהאלטן דאָס אויפגערודערטע פאָלק פון טשעכאָסלאָוואקיע פון צאָלן די מערדער מיט בלוט פאר בלוט.

נאַצים רייסן זיך אָפּ פון קייט

נאָך דעם אַטענטאַט אויף ריינהארד היידריכ'ן דעם 27-טן מאַי, 1942, האָבן די נאַצים זיך אָפּגעריסן פון דער קייט. זיי האָבן דערשאָסן א צאָל איינוואוינער פון פּראג; זיי האָבן דערקלערט קריגס-צושטאַנד אין שטאָט; זיי האָבן פארבאָטן די טשעכן ארויסצוגיין אין גאס נאָך 9 אין אָוונט; זיי האבן פארבאָטן צו עפענען די מואווי-טעאַטערס און די קאָנצערט-זאלן; די רעסטאָראַנען, וואוהין עס קומען אריין די טשעכן, האָבן זיי פארשלאָסן; זיי האָבן ארויסגעגעבן א באַפעל, אז אלע טשעכישע מענער דארפן זיך קומען רעגיסטרירן אין דער פּאָליציי אין לויף פון צוויי טעג צייט. די, וועלכע וועלן זיך ניט רעגיסטרירן, וועלן דערשאָסן ווערן, אפילו יונגע אינגלעך, אויב זיי וועלן זיך ניט רעגיסטרירן.

די נאַצים האָבן אָנגעבאָטן א פערטל מיליאָן דאָלאר צו די, וועלכע וועלן העלפן כאַפּן די שולדיגע אין דעם אַטענטאַט אויף היידריכ'ן. זיי האָבן דערקלערט, אז יעדע פאמיליע, וואו מען וועט געפינען עמיצן, וועלכער טוט אנטי-נאַצי ארבעט, וועט אויסגעשאָסן ווערן — די גאנצע פאַמיליע אָן אויסנאַם. דאָס מיינט, אז אפילו פּיצלעך קינדער וועלן דערשאָסן ווערן.

אין צעיושעטער נקמה האָבן די נאַצים דערהרג'עט פאר דעם אייגעם היידריך — 7,000 טשעכן. זיי האָבן פארברענט דאָס דערפל ליִדיצע, אויסקוילענדיג די גאנצע מענער-באַפעלקערונג. זיי האָבן פאר-

וואנדלט גאנצע שטעט און יאַטקעס, נאָר דער קאמף געגן זיי איז בלויז געוואָרן שטארקער.

נאַצישע רציחות אין טשעכאָסלאָוואַקיע

די טשעכן האָבן פאר וואס צו ברענען מיט צאָרן און פארוואס צו נעמען נקמה.

אָט זיינען בלויז עטלעכע פאקטן פון דעם לאנגן צעטל פון די בעס־טיאלישע מעשים פון די נאַצים אין טשעכאָסלאָוואַקיע:

דעם 5-טן מאַי, 1941, האָט מען ארויסגעפירט 116 ארבעטער פון די שקאָדא־אַמוניציע פאבריקן און מען האָט די ארבעטער דערשאָסן. מ׳האָט זיי באשולדיגט, אז זיי האָבן אריינגעגאָסן שוועבל־זויער אין א קעסל מיט צעשמאָלצענעם שטאָל און האָבן צע׳פטר׳ט דריי טויזנט טאָן שטאָל, וואס וואָלט באנוצט געוואָרן אויף צו פּראָדוצירן 7 טויזנט קאַ־נאָנען.

די נאַצים האָבן פארפלייצט טשעכאָסלאָוואַקיע מיט מיליטער. זיי האָבן אויף יעדן מעגלעכן אופן באליידיגט די טשעכן. זיי האָבן אויסגע־פּלינדערט דאָס לאנד. זיי האָבן פארשפּארט טויזנטער טשעכן אין קאָנ־

צענטראַציע-לאַגערן. זיי האָבן אויסגעשאָסן משכנות אָן א צאָל. זיי האָבן איצט זיך גענומען נעמען יונגע טשעכן מיט געוואַלד אין דער אַרמיי און זיי שיקן אויפן סאָוועטישן פראָנט.

די טשעכן האָבן געענטפערט מיט איינצעלנע קלענערע און גרעסערע אַקטן פון סאַבאָטאַזש. אין א פאָרשטאָט פון פּראַג איז געווען א שאָ-קאָלאַד פאַבריק, וואָס די נאַציס האָבן צוגענומען, און די גאַנצע פּראָ-דוקציע פון וועלכער עס איז געגאַנגען צו די נאַצישע אַרמייען. אין איין פרימאָרגן איז די פאַבריק פאַרברענט געוואָרן ביזן גרונט.

ווען די נאַציס האָבן געצוואונגען די טשעכישע פאַרמערס צוצושטעלן מילך, האָבן זיי געקראָגן פאַרוויסטע וואַסער.

נאַצישע באַנען זיינען אויפגעריסן געוואָרן. מען איז די נאַציס דער-גאַנגען די יאָרן אויף יעדן מעגלעכן און אוממעגלעכן אופן.

היינריך הימלער, דער הויפּט פון דער נאַצישער געשטאַפּאָ, האָט גע-זאָגט ווענן די טשעכן אָט וואָס: „מיר האָבן צו טאָן מיט א פאָלק פון צען מיליאָן פאַררעטער און סאַבאָטאַזשניקעס".

און אז הימלער זאָגט פאַררעטער, מיינט עס העלדישע קעמפער. און אז די נאַציס שימפן און שפּייען קלעק, איז א סימן, אז זיי האָבן ניט באַ-וויזן צו צעברעכן דעם ווילן און דעם רוקנביין פון א פאַרשקלאַפּט לאַנד.

דעפּוטאַט פון טשעכישן פּאַרלאַמענט רופט צו געווער

אין א רעדע, געהאַלטן אין מאָסקווע אויף דער ראַדיאָ דעם 18-טן מאַי, 1942, האָט וואַצלאַוו קאָפּעצקי, א געוועזענער מיטגליד פון טשע-כישן פּאַרלאַמענט, גערופן זיין פאָלק צו נעמען וואָפן אין די הענט און שלאָגן דעם שונא ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט.

ער האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט אזוי:

„עס קוקן אויף אונז די גרויסע העלדישע סאָוועטישע פעלקער, וועלכע האָבן צו אונז די טיפסטע ברידערלעכע געפילן. עס קוקן אויף אונז אונזערע יוגאָסלאַווישע ברידער, וועלכע פירן ביי זיך אין לאַנד א היילינגן פאָלקס-קריג אלס אומדערשראָקענע פּאַרטיזאַנען".

קאָפּעצקי פרעגט צי וועט דאָס טשעכישע פאָלק דערלאָזן, אז עס זאָל זינגן דער גייסט פון די פאַררעטער פון דעם האַטשאַ-שניט, אָדער די טשעכן וועלן מיט געווער אין די הענט שלאָגן דעם שונא און אָנצינדן די ערד אונטער די פיס פון די אַריינדרינגער.

און ער זאָגט ווייטער:

„טשעכן, מיר זיינען מיליטערישע שותּפים פון דעם סאָוועטן-פארבאַנד. מיר מוזן אונזער פארבינדונג אויסדריקן אין געמיינשאַפטלעכע קאַמפן פאר א געמיינשאַפטלעכן זיג.

„לאָמיר צעוויקלען אָן אָפענסיווע ביי אונז אין לאַנד. לאָמיר עפענען א פראָנט הינטער היטלער׳ס רייען. לאָמיר וויזן, אז מיר זיינען ניט קיין שקלאַפן.

„ביי אונז אין לאַנד איז אַלע מאָל געווען געווער. און אויב טשעכאָסלאָוואַקישע פאבריקן פּראָדוצירן אַמוניציע פאר די נאַציַשע האָרדעס, דעמאָלט איז קיין צווייפל ניט, אז עס קאָן זיך אָפּזוכן געווער פאר דעם אייגענעם קאַמף״.

די טשעכן האָבן געגעבן זייער ענטפער אויף אָט דער ווענדונג דורך א פארשטאַרקטן קאַמף געגן די נאַציַשע אריינדרינגער.

און מיט א קנאַפּ יאָר שפּעטער געפינען מיר טשעכאָסלאָוואַקישע באַטאַליאָנען אויף דעם סאָוועטישן פראָנט. וויפל מסירת נפש די יונגע טשעכאָסלאָוואַקישע פאַטריאָטן האָבן אַרויסגעוויזן ביים גנב׳ענען זיך דורך דער נאַציַשער געשטאַפּאָ-נעץ צו קאָנען קומען אין סאָוועטן-פארבאַנד און זיך שטעלן דאָרט אונטער׳ן ביקס צו קעמפן געגן דעם שונא, וואָס האַלט טשעכאָסלאָוואַקיע אין זיינע לאַפּעס.

דעם 9-טן אַפּריל היי-יאָר איז געקומען די נייעס אז אין דער „פּראַווּדאַ״ איז דערשינען א באַריכט פון פראָנט מיט א לויב-געזאַנג פאר א טשעכישער מיליטערישער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך גלענצענדיג אויסגעצייכנט אין א שלאַכט מיט די נאַציַס. די „פּראַווּדאַ״ באַצייכנט אָט דעם קאַמף פון די טשעכן געגן די נאַציַס אַלס די ערשטע שלאַכט אויף א מלחמה-פעלד, וואו די טשעכן האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַגעגענען די נאַציַס ווי אָן אַרמיי געגן אָן אַרמיי.

די נאַציַשע טאַנקען האָבן זיך שוין געהאַט דורכגעבראָכן דורך די פאָדערשטע שוץ-פּאָזיציעס ביי דעם דאָרף, וואָס די טשעכישע טרופּן האָבן באַשיצט, האָבן די טשעכן זיך א וואָרף-געטאָן אין שלאַכט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, אז די נאַציַס האָבן געמוזט צוריקטרעטן.

די טשעכן זיינען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער אייגענעם פּאָלקאָווניק, וועלכער טראָגט אַזאַ פּאַסיגן נאָמען — סוואָבאָדאַ. אָט דער לודוויק סוואָבאָדאַ איז גרוי צו 48 יאָר. אפשר האָבן די נאַציַשע

גרויל׳טאַטן צו טאָן מיט דעם, וואס ער איז אזוי יונג גרוי געוואָרן. לעצטנס האָט ער געקראָגן דעם טיטול „העלד פון סאָוועטן-פארבאנד."

די געשיכטע פון דעם סטודענט יאַן סמוטעק

דעם גייסט פון דער קעמפענדיגער טשעכאָסלאָוואקישער באפעלקערונג קאָן מען זען, ווען מען באקענט זיך מיט דער געשיכטע פון דעם סטודענט יאַן סמוטעק, וועלכער האָט געוואוינט אין א פאָרשטאָט פון פראג.

יאַן סמוטעק איז געווען א גוטמוטיגער ריז, וועלכער וואָלט קיין פליג ניט געקאָנט אָנרירן. ער האָט פארמאָגט א ברייט מויל, לאנגע אויערן און שמייכלענדיגע גרויע אויגן. ווער וואָלט געזאָגט, אז אָט דער יונגער בחור וועט זיך פארנעמען מיט אָנזאמלען דינאמיט אויף אויפצורייסן באַנען, וואָס פירן נאצישע סאָלדאטן ? די האנדלונג פון דעם שונא, וואָס האָט דערשטיקט זיין ליבע טשעכאָסלאָוואקיע, האָט פון יאַנ׳ען געמאכט א פארטיזאַן.

ער פאָרט קיין פראג זיך טרעפן מיט נאָך איינעם פון דעם אונטערגרונד ; ער פאָרט איבערגעבן, אז ער האָט שוין אָנגעזאמלט 120 פונט דינאַמיט. אויף דער באַן דערזעט ער א שלאָפענדיגן נאצישן אָפיצער, לעבן וועלכן עס ליגט א פאָרטפעל. דער נסיון איז צו גרוים צוצונעמען אָט דעם פאָרטפעל. אפשר זיינען דאָרט דאָ וויכטיגע דאָקומענטן ? יאַן נעמט צו דעם פאָרטפעל און שפרינגט אראָפ פון דער באַן. ער האָט ניט געהאט קיין טעות — אין דעם פאָרטפעל זיינען געווען זייער וויכטיגע פאקטן וועגן נאצישע מלחמה-עראָפּלאנען.

יאַן ווערט אבער געפאקט פון דער „געשטאפּאָ". עס איז דאָ א געפאר, אז זיי זאלן ביי אים צונעמען די פּלענער, וואס ער האָט באַשטימט איבערצושיקן דורך דעם אונטערגרונד קיין ענגלאנד. יאַן, דער גוטמוטיגער, דער וויכהארציגער, איז מער ניט גוטמוטיג, איז מער ניט גוטהארציג — עס האנדלט זיך דאָך וועגן קאמף געגן דעם שונא פון זיין לאנד — ער דער׳הרג׳עט די צוויי נאצישע שפּיאָנען, וועלכע האָבן אים ארעסטירט. דערנאָך אנטלויפט ער דוקא קיין דייטשלאנד, ווייל ער ווייסט, אז אין פראג וועט מען אים זוכן אומעטום. נאָך עטלעכע טעג ארומוואנדערן אין וועלדער, ווערט ער ווידער געכאפּט און ווידער גיט זיך אים איין צו דער׳הרג׳ענען די צוויי נאצישע סאָלדאטן, וועלכע האָבן אים געפאקט, און וועלכע האָבן זיך שוין גענומען רייבן די הענט פון פרייד אין דער

דערוואַרטונג צו קריגן די גרויסע סומע, וואָס מען האָט אָנגעבאָטן פאַר יאַנ׳ס קאָפּ.

די איינצעלהייטן פון אָט דעם אַרעסט און פון דעם אופן, ווי אָט דער סטודענט דרייט זיך געשיקט אַרויס פון די הענט פון די היצעלס און ווי ער דערשיסט די, וועלכע האָבן אים געכאַפּט — דאָס איז מאַטעריאַל פאַר דער וואונדערבאַרסטער דעטעקטיוו-געשיכטע.

ענדלעך באַווייזט יאַן — מיט דער הילף פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע — צו ראַטעווען זיך קיין ענגלאַנד. איצט איז ער אַ מיט-גליד אין דעם טשעכאָסלאָוואַקישן לופט-באַטאַליאָן אין ענגלאַנד, וואָס פליט אָפט צו באָמבאַרדירן נאַציש פּאָזיציעס אויף דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט.

טשעכאָסלאָוואַקיע איז ניט באַזיגט געוואָרן — טשעכאָסלאָוואַקיע איז בלויז אָקופּירט געוואָרן, נאָר דאָס פאָלק קעמפט געגן די שונאים.

און אָט זיינען מוסטערן פון דער דערפינדערישקייט פון דעם פאָלק אין קאַמף געגן שונא:

לעבן פּראַג פלעגט יעדן יאָר דורכגעפירט ווערן אַ יאַריד. די נאַציס האָבן געוואָלט מאַכן אַ זשעסט פון פריינדלעכקייט און האָבן דערלויבט

דורכפירן דעם יאַריד אין מער,1941. זיי האָבן בלויז געשטעלט א באַדינג, אז א טייל פון דער איינגאמע זאָל איבערגעגעבן ווערן דער נאַצישער פּאַרטיי. וואָס זשע האָט פּאַסירט? עס איז קיינער פון דער טשעכאָסלאָוואקישער באפעלקערונג — טאַקע קיינער — ניט געקומען צו דעם יאַריד. בלויז 30 טויזנט דייטשן, וועלכע האָבן געקראָגן א באפעל צו קומען אהין, זיינען דאָרט געווען. די טשעכאָסלאָוואקישע באפעלקערונג האָט געגלאַנצט מיט איר אבוועזנהייט.

א שטיקל צייט דערנאָך איז דורכגעפירט געוואָרן א מאַרש צו א געוויסן פּלאַץ, וואוהין רעליגיעזע מענטשן פלעגן אַלע יאָרן עולה רגל זיין. דעם יאָר איז דער מאַרש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אזוינס, וואָס האָט אָנגעוואָרפן א פּחד אויף די נאַציס, ווייל העכער הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו דעם הייליגן אָרט. און געטראָגן האָט מען פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „מיר האָבן געלעבט און מיר וועלן ווייטער לעבן״, „לעבט אין פרידן און שרעקט זיך פאַר גאָר ניט״.

איין גלח האָט געהאַלטן אזא דרשה:

„ווען אן אָרימאַן גנב׳עט, זעצט מען אים אריין אין טורמע. ווען א רייכער מאַן גנב׳עט, רופט מען דאָס אָן קלעפּטאָמאַניע (א וויסנשאַפטלעכער טערמין פאַר די, וועלכע האָבן א נייגונג צו גנב׳ענען אפילו ווען זיי נויטיגן זיך ניט אין דעם). ווען איינער באַראַבעוועט א גאַנץ פאָלק, רופט מען אים אָן „אונזער פירער״.

מאָרד, טעראָר און פאַרגוואַלטיגונג

מיט גרויל איז פול די געשיכטע פון די נאַצישע טעראָר-אַקטן אין טשעכאָסלאָוואקיע. די נאַציס האָבן זיך גענומען אויסמאָרדן די סטודענטן פון טשעכאָסלאָוואקיע און אויך די פּראָפעסאָרן. דאָס איז געטאָן געוואָרן מעטאָדיש אויף דעם שוידערלעכסטן סאַדיסטישן אופן מיט דעם אויסגעשפּראָכענעם ציל צו פאַרניכטן די גאַנצע אינטעליגענץ פון דעם פאַרשקלאַפטן פאָלק.

סטודענטן זיינען ארויסגענומען געוואָרן פון די בעטן און מען האָט זיי דערשאָסן פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן. הונדערטער זיינען פאַרפייניגט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן. סטודענטקעס זיינען פאַרגוואַלטיגט געוואָרן און מען האָט זייערע ברוסטן געברענט מיט סיגאַרעטן.

דער נאַצישער סטעיט סעקרעטאַר, פראַנק, האָט געזאָגט: „טשעכאָ-

סלאָוואקיע פאַרמאָגט צופיל געבילדעטע יונגע מענטשן. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אז דאָ זאָל אויסוואַקסן אַ צו-גרויסער געבילדעטער קלאַס. מיר מוזן זיי שטערן צו קריגן אוניווערזיטעט-בילדונג".

אַן אַנדער הויכער נאַציישער באַאַמטער איז געווען מער ברוטאַל אויסגעשפּראָכן און האָט געזאָגט אַזוי:

„מען מוז אַרויסקנאַקן דעם מאַרך ביי די טשעכן".

איז דען אַ וואונדער וואָס יאַן סמוטעק איז געוואָרן אַ פּאַרטיזאַן און וואָס ער, דער גוטמוטיגער, האָט זיך גענומען דורכפירן טעראָר-אַקטן?

די נאַציס ענטפערן אויף די קאַמפן פון דעם טשעכישן פאָלק מיט נאָך גרעסערן און מער צעיושעטן טעראָר, נאָר דאָס בושעווען וועט אָבער די נאַציס ניט העלפן, ווייל דאָס טשעכישע פאָלק — פּונקט ווי אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער — האָט באַשלאָסן צו ענטפערן מיט בלוט אויף בלוט, און צעוויקלט אַלץ מער קאַמפן פון נקמה, קאַמפן פאַר באַפרייאונג, קאַמפן צו פאַרניכטן דעם שונא פון דעם לאַנד.

אין איין דאָרף איז אַ גרופּע אַגענטן פון דער געשטאַפּאָ דער׳הרג׳עט געוואָרן פון טשעכאָסלאָוואַקישע פּויערים, ווען די נאַציס זיינען געקומען רעקוויזירן תבואה. באַלד נאָך דעם האָבן די פּויערים פאַרברענט דריי שפּייכלערס, וואו די נאַציס האָבן געהאַט אָנגעזאַמלט תבואה אויף אָפּצושיקן קיין דייטשלאַנד.

אַלאָא קרובער, דער געהילף-פירער פון די נאַציישע שטורעם-טרופּן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, איז דער׳הרג׳עט געוואָרן ווען ער האָט געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג פון די טשעכאָסלאָוואַקישע אונטערגרונט-קעמפער.

ווען אַ נאַציישע קאָמיסיע פון 22 אָפיצערן איז געקומען אויף אַן אינספּעקציע אין דער שקאָדאַ אַמוניציע-פאַבריק, האָט דער אַלטער אַרבעטער יאַן וואַצעק איבערגעקערט אַ קעסל מיט צעשמאָלצענעם מעטאַל פּונקט אין דער צייט ווען די קאָמיסיע איז געגאַנגען אונטער דעם קעסל. 14 נאַציישע אָפיצערן זיינען אויפ׳ן פּלאַץ דער׳הרג׳עט געוואָרן. אַליין איז וואַצעק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַרונטערוואַרפנדיג זיך פון דער הויכער פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען, — אַראָפּ אויף דעם שטיינערנעם דיל פון אונטן. אַזעלכע „עקסידענטס" קומען פאָר אומגעפער אַרום 6 אַ חודש.

די טשעכאָסלאָוואַקישע גלות-רעגירונג האָט באַשלאָסן צו ערן דעם

נאָמען פון יאן וואצעק אלס א נאציאָנאלן מארטירער.

די נעהיימע ראדיאָ-סטאנציע אין טשעכאָסלאָוואקיע, וואס הייסט „דער נאציאָנאלער באפרייער״, האָט אנאָנסירט אז פארטיזאנישע אָפּטיי-לונגען זיינען זייער טעטיג אין די בערג פון באהעמיע און מאָראוויע. די אָפּטיילונגען שטייען אין שטענדיגער פארבינדונג איינע מיט דער צווייטער, און זיי ארבעטן לויט א גוט-צונעגרייטן פּלאן. זיי קאָנצענטרירן זיך מערסטנס אויף די נאצישע קאָמוניקאציע- און אמוניציע-צענטרען.

(„אינטערעלאַיד אינפאָרמעישאָן סענטער״, סעפּט. 1, 1942)

אין טשעכאָסלאָוואקיע איז ברייט פארשפּרייט די סיסטעם פון „טשעין-לעטערס״ — פון בריוו, וואס גייען פון האנט צו האנט לויט דער סיסטעם, אז יעדער איינער, וואס קריגט א בריוו, שרייבט אים איבער אין א צאָל עקזעמפּליארן און צעטיילט זיי צווישן זיינע באקענטע. יעדער איינער פון זיי שרייבט ווידער איבער דעם בריוו אין צען-פופצן עק-זעמפּליארן און צעטיילט זיי צווישן זיינע באקענטע.

די נאצישע צייטונג אין טשעכאָסלאָוואקיע „דער נויע טאג״ האָט אָפּגעדרוקט א ווארענונג נעגן אזעלכע בריוו, וואס דריקן אויס האס צו די נאצים. דערביי האָט שוין די צייטונג צוגעגעבן אז אזעלכע בריוו פאר-מערן זיך זייער שטארק. די צייטונג וואָרנט אז די שולדיגע אין דער פארשפּרייטונג פון אָט די בריוו וועלן זייער שטרענג באשטראָפט ווערן.

אין דעם טייל פון טשעכאָסלאָוואקיע, וואס איז פארכאפּט געוואָרן פון אונגארן, קומען פאָר אָפטע צוזאמענשטויסן צווישן פארטיזאנען און אונגארישע פּאטרולן. די פארטיזאנען האָבן אויפגעריסן אן אייזנבאן-וועג. ווען די אונגארן האָבן אָנגעהויבן צווינגען די יוגנט פון דער פארנומענער געגנט צו גיין אין דער ארמיי, זיינען די מערסטע פון די יונגע מענטשן אנטלאָפן אין די וועלדער און זיך דאָרט אָרגאניזירט אין פארטיזאנישע אָפּטיילונגען.

אין דעם בולעטין, וואָס הייסט „די פעלקער זעצן פאָר דעם קאמף״, און וואס ווערט ארויסגעגעבן פון דעם אינפאָרמאציע אָפיס פון די פאר-איינינגטע פעלקער אין ניו יאָרק, ווערט באריכטעט (אויסגאבן פון 17-טן נאָוו., 1942) : **„פון פראג קומט די נייעס אז עס שטייגט די צאָל פון היגריכטונגען „פאר סאבאָטאזש, קאָמוניסטישער טעטיגקייט און שפּיאָ-נאזש״. דאָס ווייזט אז די אונטערערדישע באוועגונג האָט לעצטנס פאר-שטארקט איר טעטיגקייט״.**

דער זעלבער בולעטין גיט אויך אָן אז דעם 2-טן נאָוועמבער זיינען אין פּראג הינגעריכטעט געוואָרן 4 אנטי-נאַצים און דעם 3-טן נאָוועמבער — 7 אנטי-נאַצים. עס ווערן אויך אָנגעגעבן די נעמען פון די הינגע-ריכטעטע און זייער עלטער. מיר האָבן דאָ וואַיטאַך קאַלקוס, וועלכער איז געווען אַן אלטער מאַן פון 60 יאָר, און אויך דזשאָזעף נאַאוויצא, 56 יאָר אַלט, און דזשאָזעף דלאַהי, 50 יאָר אַלט. אַלע אַנדערע זיינען אין די דרייסיגער און פערציגער. דאָס ווייזט אז עס האנדלט זיך ניט בלויז וועגן יונגע מענטשן, וועלכע זיינען שטענדיג מער גרייט זיך צו ווארפן אין קאַמף, נאָר אז אויך די עלטערע מענטשן זיינען אנטשלאָסן אָפּצו-געבן זייער לעבן אין קאַמף פאר דעם שונא.

די פּרעסע אין בראַטיסלאַווא (הויפּט-שטאָט פון נאַצי-קאָנטראָליר-טער „זעלבסטשטענדיגער" סלאָוואַקיע) באַריכטעט וועגן אָפּטע פייערן, וואס טוען אָן די נאַצים א סך שאָדן. עס פאַרמערן זיך אויך די פאַלן, ווען תבואה ווערט ביינאַכט אוועקגעפירט פון די פעלדער, כדי זי זאָל ניט אריינפאַלן צו די נאַצים אין די הענט. די נאַצים האָבן זיך געפילט גע-צוואונגען אָנצושטעלן ספּעציעלע נאַכט-וועכטער.

א ספּעציעלער געריכט אין בראַטיסלאַווא האָט פאַראורטיילט 7 אנטי-נאַצים צו שווערע טורמע-טערמינען פאר פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן אויפגעפאָדערט די סלאָוואַקישע סאָלדאַטן, וואס ווערן גע-שיקט צום סאָוועטישן פראָנט, זיך ניט צו שלאָגן געגן דער רויטער ארמיי, נאָר זיך אונטערגעבן צו די סאָוועטישע כוחות.

לעבן פּראג האָבן די נאַצים געהאַט צונויפגעבראַכט א טראַנספּאָרט פון 30 וואַגאָנען מיט תבואה אויף אָפּצושיקן דעם טראַנספּאָרט קיין דייטשלאַנד. דריי טשעכישע יונגע בחורים זיינען אוועקגעשטעלט גע-וואָרן צו היטן די ווערטפולע תבואה. די נאַצים זיינען געווען זיכער אז אויף די בחורים קאָנען זיי זיך פאַרלאָזן, ווייל זיי האָבן זיי געהאַלטן פאר איינענע מענטשן. זייער צוטרוי איז אוועק אזוי ווייט, אז זיי האָבן אפילו באַוואָפנט די דריי בחורים מיט רעוואָלווערן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אז די 30 וואַגאָנען תבואה זיינען אוועק מיט דעם רויך און די „וועכ-טער" זיינען פאַרשוואונדן. אזוי טוט מען אָן די נאַצים געברוינטע צרות אויף שריט און טריט.

עס האַלטן אָן די קאַמפן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין מערץ היי-יאָר האָט די מאָסקווער ראַדיאָ באַריכטעט אז אין אן איבערפאַל אויף א

נאַצישן גאַראַזש אין ברוען האָט א גרופּע באַוואָפנטע טשעכן דערשאָסן 18 נאַצים און פאַרברענט 15 אויטאָמאָבילן.

נאַצים באַוואָפּענען זייערע פאָרלייט אין די טשעכישע פאַבריקן

אין מיטן חודש מערץ היי־יאָר איז פון לאָנדאָן געקומען א באַריכט אַז ניט געקוקט אויף די שווידערלעכסטע שטראָפן, וואס די נאַצים טיילן אויס, איז דער סאַבאָטאַזש געוואָרן אַזוי אָפט און אזוי שטאַרק אין די טשעכישע פאַבריקן, אַז די פאָרלייט האָבן געקראָגן אויטאָמאַטישע ביקסן און א באַפעל צו שיסן ביי דעם קלענסטן פאַרדאַכט פון צעשטערערישער אַרבעט.

אין פאַרבינדונג מיט אָט דער פאַראָרדענונג פון די נאַצים אַז די פאָרלייט אין די פאַבריקן זאָלן באַוואָפנט ווערן, האָט דר. דזשורא סלאַוויק, דער אינערן מיניסטער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער גלות־רעגירונג אין א רעדע ביי דעם „טשעכאָסלאָוואַקישן אינסטיטוט“ אין לאָנדאָן געבראַכט עטלעכע ביישפּילן פון דעם אומאויפהערלעכן און ברייט־פאַרשפּרייטן סאַבאָטאַזש אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ער האָט דערציילט, אַז אין נאָוועמבער זיינען 200 אַרבעטער אַרעסטירט געוואָרן אין די שקאָדאַ־אַמוניציע־פאַבריקן אויף דער קלאַגע פון סאַבאָטאַזש. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען ווידער אַרעסטירט געוואָרן 60 אַרבעטער נאָך דעם ווי די נאַצים האָבן אויסגעפונען אַז א סך ביקסן און אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן טויגן ניט.

אין דעצעמבער זיינען אין אַן אַמוניציע־פאַבריק אין ברוען פאַרפאַלן געוואָרן די צייכענונגען, וואס האָבן געהאַט צו טאָן מיט זייער א וויכטיגער מלחמה־באַשטעלונג.

דער טשעכאָסלאָוואַקישער מיניסטער האָט דערקלערט: „עס עקזיסטירט זייער א געפערלעכער און אָנגעצויגענער צושטאַנד צווישן די טשעכאָסלאָוואַקישע אַרבעטער און די נאַצישע פאָרלייט. דערפאַר האָט מען איצט אָט די פאָרלייט באַזאָרגט מיט אויטאָמאַטישע ביקסן. עס איז ווערט צו פאַרצייכענען אַז אין דעצעמבער האָבן די נאַצים באַשלאָסן מער ניט צו פּראָדוצירן אין טשעכאָסלאָוואַקיע קיין פאַרענדיגטע עראָפּלאַנען, ווייל די מערסטע עראָפּלאַנען, וואס זיינען דאָרט פּראָדוצירט געוואָרן, זיינען זיך צעפאַלן ביים ערשטן אַרויספלי.“

מען קאָן מיט באַיאָנעטן ניט טרייבן קיין אַרבעטער צו אַרבעטן געטריי.

די אויטאָמאַטישע ביקסן, מיט וועלכע מען האָט באוואָפנט די דיי־טשע פּאָרליים, וועלן קיין סך ניט העלפן דאָרט, וואו א גאנץ פּאָלק איז אנטשלאָסן צו קעמפן פאר זיין פרייהייט.

אין אַפּריל הייאָר זיינען היננעריכטעט געוואָרן 6 טשעכן „פאר באַ־לאַנגען צו א געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשעפטיגט אין ארויס־ווייזן א ווידערשטאַנד".



Š u r o v á g e r m a n i s a c e n a š í v l a s t i .

Emilek Háchů s protektorátní "vládou" /která nevládne/ nýbrž jen otrocky krčí hřbet před ekrachovaným knihkupcem Frankem/, svaz pro spolupráci s němci a v poslední době skupina "vybraných" českých kulturních pracovníků se v potu tváře namáhají přesvědčit nás, že to s námi němci myslí dobře a přátelsky. Nesmírně je rozčiluje, že pro toto tvrzení nemáme porozumění a že jim prostě nevěříme. Malíř Karel Rélink /Vám jistě dobře známý packal oplzlých obrázků žen ve spodničkách, která

טשעכאָסלאָוואקישע אונטערערדישע צייטונג.

קאַפּיטל 5.

דער שוואַרצער פאַרברעכן פון די נאַציס אין פוילן.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אין דעם קאַפּיטל וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע, אַז די נאַציס האָבן אין זייערע מלחמות זיך געשטעלט די אויפגאַבע ניט נאָר צו פאַרכאַפּן טעריטאָריעס און אויסשפּרייטן די אייגענע מאַכט, נאָר אַז זיי שטרעבן צו דערשטיקן און אויסראָטן גאַנצע פעלקער. אויף צו דערגרייכן אָט דעם ציל ווערן אָנגעווענדעט דריי מעטאָדן:

1) די פולשטענדיגע עקאָנאָמישע רואינירונג פון אַ באַזיגט פאָלק און דאָס דערפירן פון אָט דעם פאָלק צו אַ בוכשטעבלעכן הונגערצושטאַנד.

2) די פיזישע פאַרניכטונג פון אַ באַזיגט פאָלק דורך מאַסן־מאָרדן, דורך באַרויבן דאָס פאָלק פון מעדיצינישער הילף, דורך טרייבן אַסך מענטשן צו זעלבסטמאָרד און דורך מאַסן־דעפּאָרטאַציעס.

3) די פאַרניכטונג פון דער קולטור פון אַ באַזיגט פאָלק, די אויסראָטונג פון דער אינטעליגענץ און דאָס צומאַכן פון אַלע לער־אַנשטאַלטן, צייטונגען, ביכער־פאַרלאַגען און אַזוי ווייטער.

אָט דער דרייפאַכער מעטאָד פון גייסטיג צעברעכן, פון בוכשטעבלעך אויסהונגערן און פון פיזיש פאַרניכטן אַ פאָלק איז מער ווי אומעטעם און מיט מער אכזריות ווי אין וועלכן ניט איז אַנדער לאַנד אָנגעווענדעט געוואָרן פון די נאַציס אין פוילן. אָפט גלויבט זיך גאָר ניט אַז אַזעלכע בעסטיאַלישע מעשים זאָלן גאָר מעגלעך זיין. דערפאַר דאַרף שטאַרק אונטערשטראָכן ווערן, אַז די מאַטעריאַלן זיינען באַזירט אויף באַווייזן

פון עדות, פון פאָטאָגראַפיעס, און גאָר אָפט אויך באַריכטן, וואָס קומען פון נאַצישע קוועלן.

פּוילן איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט מי־ליטער צו געבן אַ ווידערשטאַנד די נאַצים אין זייערע פאַרכאַפּערישע פאַרמעסטונגען. ניט אין עסטרייך און ניט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, איז די נאַצים ניט אויסגעקומען צו פירן קיין מיליטערישן קאַמף. פּוילן איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואו די נאַצים האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון צאָלן מיט בלוט פאַר זייערע זיגן. דערפאַר איז די רציחה פון די נאַצים דאָ געווען אַ גרעסערע און דאָ האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן יעדן אָנשטעל פון געזעצלעכקייט.

בשעת אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן די נאַצים באַנוצט אַלערליי מאַניפּולאַציעס מיט באַנק־טראַנסאַקציעס אויף צו קאָנען ווערן די באַ־לעבאַטים פון דעם עקאָנאָמישן אַפּאַראַט פון דעם לאַנד, האָבן די פאַר־כאַפּער אין באַצוג צו פּוילן ניט געמאַכט קיין שום אָנשטעל. דאָ האָבן זיי גענומען אָפן ראַבעווען אויף רעכטס און אויף לינקס.

דער באַשלוס פון די נאַצים צו פאַרוואַנדלען יעדער פאַרנומען לאַנד אין אַ קאָלאָניע מיט אַ פּרימיטיווער אַגריקולטור־ווירטשאַפט, וואָס זאָל צושטעלן דעם רייך רוי־מאַטעריאַלן און שטומע שקלאַפן; דער באַשלוס אויסצוראָטן די אינטעליגענץ פון יעדן פאַרנומענעם לאַנד און צו דער־שטיקן די אָרטיגע קולטור — דאָס אַלץ האָבן די נאַצים גענומען דורכפירן אין פּוילן מיט דעם העכסטן ווילקיר און מיט אַן אייזערנער האַנט.

די פיזישע אויסראָטונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג

עס איז ניט די אויפגאַבע פון אָט דער אַרבעט צו געבן אַן אויסשעפּ־לעכן באַריכט פון אַלע גוואַלדטאַטן, וואָס די נאַצים באַגייען אין איין לאַנד אָדער אַ צווייטן, עס וועט זיין גענוג בלויז אָנצואווייזן אויף אַ צאָל פון אָט די מעשים, כדי עס זאָל קלאָר ווערן פאַרוואָס עס ברענגט אין אַלע אָקופּירטע לענדער אַזאַ צאָרן געגן די אַריינדרינגער. אויך די פאַקטן וועגן די רציחות אין פּוילן, וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט, זיינען ווייט פון צו געבן אַ פול בילד פון די פאַרברעכנס, וואָס די נאַצים זיינען דאָרט באַגאַנגען, נאָר פון דעם, וואָס ווערט דאָ דערציילט, וועט שוין זיין קלאָר וויפיל טייכן בלוט די נאַצים האָבן אין פּוילן פאַרגאָסן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער נאַצישער לופטאַטאַקע. פון דעם ערשטן מאָמענט איז קלאָר געוואָרן, אז די נאַצישע פליער האָבן זיך גע־

שטעלט די אויפגאַבע צו דערמאָרדן אַזויפיל פרידלעכע מענטשן, ווי נאָר מעגלעך. די טויך־באָמבעדם האָבן געהאגלט מיט קוילן פון מאַשין־ביקסן אויף די אומבאַוואָפנטע און אומבאַהאָלפענע מענטשן, — אַלטע לייט, פרויען און קינדער — וועלכע זיינען געלאָפן אויף די וועגן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. די נאַצים האָבן באַשאָסן שפּיטאַלן, שולן, פרידלע־כע היימען.

אַלס אַ מוסטער פון אַט דער האַנדלונג קאָן דינען די פאַרניכטונג פון דעם שטעטל סאָלעזשאָוו. נאָך דעם, ווי די נאַצים האָבן דעם 5־טן סעפּטעמבער באָמבארדירט דאָס שטעטל, וואו עס זיינען ניט געווען קיין שום מיליטערישע איינריכטונגען, און האָבן דאָס שטעטל פולשטענדיג פאַרניכטעט, האָבן ערשט דעמאָל די נאַצישע פליער גענומען דרייען זיך אין קרייזן איבער דעם חרוב'ן פּלאַץ און אויסשיסן פון מאַשין־ביקסן די באַפעלקערונג, וואָס האָט געזוכט צו אַנטלויפן פון דעם גיהנום פון פייער און פאַרניכטונג, וואָס דאָס שטעטל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט!

אין דייטשלאַנד איז שפּעטער אַרויס אַ בוך „אונזערע פליער איבער „פוילן", אין וועלכן מען האָט זיך באַרימט מיט דעם „אויפטו" אין סיולעזשאָוו.

הונדערטער פוילישע שטעט און דערפער זיינען געווען עדות פון פונקט אַזאַ בלוט-דורשטיגער באַהאַנדלונג מצד די נאַצישע פליער. אין וואַרשע אליין זיינען 60,000 מענטשן פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג אומגעקומען אַלס רעזולטאַט פון דער נאַצישער אַטאַקע אויף דער שטאָט מיט אַרטילעריע און מיט לופט־כוחות.

בשעת וואַרשע איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער לופט, האָבן די נאַצישע פליער זיך געסטאַרעט צו טרעפן די פרויען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף די פעלדער צו געפינען ערגעץ עטלעכע קאַרטאָפל אויף צו דערהאַלטן זיך און זייערע פאַמיליעס ביים לעבן. די נאַצים האָבן סיס־טעמאַטיש אויסגעקאָסעט אַט די פרויען אויף די פעלדער לעבן וואַרשע.

האָבן די נאַצים דערזען ערגעץ אַ פּאַסטוך אויף אַ פעלד, האָבן זיי שוין מער ניט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ ביז זייער האָגל פון קוילן האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

די שטעט און די שטעטלעך, די דערפער און די וועגן אין פוילן קאָ־נען דערציילן אַ גרויליגע געשיכטע פון אומצאָליגע קרבנות, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצישע גאָרגל־שניידער, וועלכע האָבן זיך

ממש פאַרכלינעט פון מענטשישע לײדן און מענטשיש בלוט.

ניט בלויז די נאַציישע פליער האָבן געמאָרדעט אָן אַן אויסרייה. די נאַציישע אַרמיי האָט געטאָן דאָס זעלבע. עס איז געגאַנגען בלויז צו דערמאָנען די אויסשלאַכטונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין בידגאָשטש אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע. ביז דעם 1-טן יאַנואַר, 1940, האָט די צאָל קרבנות אין דעם איינעם שטעטל באַטראָפן העכער 10,000 מענטשן.

צווישן די דער׳הרג׳טע זיינען געווען: אַרבעטער, סוחרים, פאַברי־קאַנטן, פּראָפעסאָרן, ריכטער, דאָקטוירים, לערער, גלחים, פרויען, קינדער און — ווי אומעטום — אידן אָן אַ צאָל.

אין אַ סך דערפער האָבן די נאַצים פאַרברענט אַלע הייזער און דער־שאָסן אַלע פּויערים. אַ מאַסן־אויסשלאַכטונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין קאַליש. אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצקי האָט מען פאַראָרדנט די גאַנצע באַ־פעלקערונג צו פאַרזאַמלען זיך אויף דעם מאַרק־פּלאַץ. מען האָט געהייסן אַלעמען זיך אַוועקלעגן מיט דעם פּנים צו דער ערד. 15 שעה איז מען אַזוי געלעגן. האָט עמיצער זיך אַ ריר געטאָן, איז ער אָדער זי באַלד דער־שאָסן געוואָרן. אין סאָסנאָוויץ האָט מען אויך פאַרזאַמלט די גאַנצע באַ־פעלקערונג אויף דעם סקווער אין פראָנט פון דער געביידע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. מען האָט פון דעם עולם אויסגעקליבן 30 מענטשן און מען האָט זיי אויף דעם פּלאַץ דערשאָסן. מען האָט פאַרבאָטן צו באַגראָבן די טויטע. פאַרערנדיג אַז זיי זאָלן עטלעכע שעה ליגן אין מיטן גאַס.

און אַזוי איז געווען אין שטאָט נאָך שטאָט, אין שטעטל נאָך שטעטל און אין דאָרף נאָך דאָרף — אַ גאַנץ לאַנד איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מענטשן־יאַטקע און איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט טייכן בלוט.

דער יאָמער־טאָל אין פּוילן און דער העלדישער קאַמף געגן דעם שונא.

און ווייל די נאַצים האָבן אין פּוילן אַרויסגעוויזן מער סאַדיזם ווי אין אַלע אַנדערע באַזיגטע לענדער, באַגעגענען דערפאַר די מערדער דאָרט אַ ווידערשטאַנד, אין פאַרגלייך מיט וועלכן עס ווערט בלאַס אַלץ, וואָס די אונטערערד קעמפער טוען אין אַנדערע פאַרכאַפּטע לענדער.

אַז מען לייענט די איינצעלהייטן פון די העלדישע מעשים פון די פּוילישע אונטערגרונד־קעמפער, שטעלט זיך אָפּט די פראַגע, פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ איבערמענטשלעכע אומדערשראָקנקייט? פון וואַנען קומט

אזא ניט רעכענען זיך מיט קיינע געפארן און אזא עקשנות'דיגקייט?

די נאַצים האָבן קעפּ און דער ווידערשטאַנד ווערט נאָך גרעסער. די נאַצים האָבן איין צייט פאַרעפנטלעכט א ליסט מיט 20 טויזנט נעמען פון אידן און פּאָליאַקן, וועלכע ווערן אָנגעקלאָגט אין סאַבאָטאַזש, — נאָר דער סאַבאָטאַזש איז באַלד נאָך דעם געוואָרן נאָך גרעסער.

די נאַצים באַטן-אַן גרויסע סומען פאר די קעפּ פון די פירער פון דעם אונטערגרונד, נאָר זיי געפינען ניט קיין פאַררעטער, וועלכע זאָלן זיך קוואַפּען אויף זייער געלט. די נאַצים טיילן אויס טויט-שטראָף פאר דרוקן, אָדער פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, נאָר עס דערשיינען אַלץ מער אונטערערדישע צייטונגען, וואָס ווערן געלייענט פון מיליאָנען.

די נאַצי־בעסטיעס באַלעבאָטעווען אין פּוילן

די נאַצים זאָגן אָפּט, אז זיי ווילן פיזיש פאַרניכטן דאָס פּוילישע פאָלק. ביז סוף 1941 זיינען 85 טויזנט פּאָליאַקן אויסגעשאָסן געוואָרן אָן א משפט. אנדערהאַלבן מיליאָן זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטש־לאַנד אויף שקלאַפן־אַרבעט; 400 טויזנט זיינען פאַרשפּאַרט אין נאַצישע טורמעס; 70 טויזנט זיינען אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן; 10 טויזנט זיי־נען פאַרשפּאַרט אין טורמעס אין פּוילן; הונדערט טויזנט זיינען פאַר־טריבן געוואָרן פון זייערע היימען. לויט די בלוט־פאַרגליווערנדיגע באַ־ריכטן, וואָס זיינען לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן די נאַצים אויסגעקוילעט אין פּוילן העכער א מיליאָן אידן. אויסער דעם זיינען הונ־דערטער טויזנטער אידן פאַרשפּאַרט אין געטאָס און זיינען פאַראורטיילט אויסצוגיין פון הונגער און קראַנקהייטן.

נאַצים וואַרפן קינדערשע קערפּערס אין פייער אַריין

אין פּאָזנאַן (פּויזן) האָבן נאַצים געהאַלטן א צאָל פּוילישע מוטערס און זייערע קינדער פאַרשפּאַרט אין פראַכטוואַגאָנען. א סך קליינע קינ־דעם זיינען פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט. די נאַצים האָבן די טויטע קערפּערלעך אַריינגעוואָרפן אין פייער.

אין אסוועטשים שטאַרבן טעגלעך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער 50 מענטשן, ווייל מען גיט ניט גענוג עסן אויף צו דערהאַלטן די נשמה.

אין אינאָווראַצלאָוו זיינען נאַצישע אָפיצערן געקומען אין דער אָרטי־גער טורמע און האָבן דערשאָסן אַלע 70 פּאָליאַקן, וועלכע זיינען דאָרט געזעסן פאַרשפּאַרט.

אין איין רעסטאָראַן אין וואַרשע האָבן נאַצישע אָפיצערן זיך אָנגעד־

שיכור׳ט און האָבן פאר די אויגן פון אַלע געסט פארגוואַלטיגט די קעלנע-רינס, די מערסטע פון וועלכע זיינען פריער געווען באַוואוסטע שוישפּילע־רינס, נאָר וועלכע האָבן געמוזט זוכן אַ שטיקל ברויט אַלס קעלנערינס, ווייל די טעאַטערס זיינען געווען געשלאָסן.

די נאַציס האָבן צוגעטראַכט איין גאָר מורא׳דיגע סאַדיסטישע שפּיל — זיי הענגען אויף צוויי מענטשן אויף איין שטריק, וואָס איז אַריבערגע־וואָרפן איבער אַ תליה, צו וועלכער עס איז צוגעבונדן אַ רעדל. ווען איין קערפּער פאַלט אַראָפּ צו דער ערד, ציט ער אַרויף דעם צווייטן, און דער צווייטער ווערט דערשטיקט. דערנאָך בלייבן ביידע הענגען און זיך באַמבלען אין דער לופטן.

די פּאַליאַקן שלאָגן צוריק

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס אַלס ענטפער אויף אַט־די בעסטיאַ־לישע מעשים שלאָגן די פּאַליאַקן צוריק מיט סאַבאָטאַזש און אַנדערע מיט־לען. אָט זיינען בלויז עטלעכע פאַקטן פון דעם אומענדלעכן צעטל פון אָט די נקמה־אַקטן:

אין לאָמזשע האָבן די נאַציס געשאַפן אַ געזאַלין־באַזע פאַר דער אַר־מיי, וואָס איז געגאַנגען צו די סאָוועטישע גרעניצן. די סקלאַדן זיינען גע־ווען שטאַרק באַוואַכט. נאָר אין איין טאָג האָבן זיי זיך אָנגעצונדן. 100 טויזנט גאַלאָן געזאָלין זיינען אַוועק מיטן רויך. די סקלאַדן האָבן געברענט צוויי טעג צייט.

אויף דעם וואַרשע־לובלינער אייזנבאַן־וועג זיינען פאָרגעקומען אמת׳ע שלאַכטן צווישן פּוילישע פּאַרטיזאַנען און נאַצישע סאָלדאַטן. אין לובלין האָט מען געפונען דריי נאַצישע אָפיצערן דערשאָסענע. לויט באַ־ריכטן פון דער געשטאַפּאָ האָט מען אין אַ געוויסער שטאָט, וועמעס נאָמען עס ווערט ניט אָנגעגעבן, געפונען 6 דערשאָסענע נאַציס. אין איין געגנט האָבן די אונטערערדישע קעמפער דערשאָסן יעדן נאַצישן אָפיצער און יעדן נאַצישן סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין גאַס אַליין.

ווען נאַציס באַזעצן זיך אין די פאַרמס, פון וואַנען די פּאַליאַקן ווערן פאַרטריבן, ווערן די נאַציס באַלד דערשאָסן.

פאַבריקן און געביידעס, וואו עס געפינען זיך נאַציס, ווערן אויפגע־ריסן. באַנען ווערן צעשמעטערט. בריקן ווערן פאַרניכטעט. די נאַציס שפּרינגען פשוט פון דער הויט און ברענען ווי אַ פייער, זיי דערשיסן משכנות, זיי שליידערן אַלץ מער מענטשן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן,

נאָר וואָס גרויזאַמער עס ווערן זייערע הענקער־אַקטן, אַלץ אַנטשלאָסע־נער קעמפּט די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג, איינגעשלאָסן די אידן, וועלכע ווערן געפּייניגט נאָך מער, ווי די אַנדערע איינוואוינער פון פּוילן.

די קוויזלינגס קריגן אַ שנעלן סוף

עס איז ביטער די פּאַררעטערישע קוויזלינגס אומעטום, ווייל זיי ווערן פאַרהאַסט און פאַרשאָלטן, נאָר אין פּוילן קריגן זיי זייער סוף זייער שנעל. אַט איז געווען אַ באַגאַבטער מאָווי־אַרטיסט, איגאָ סים. ער איז אויך געווען אַ באַוואסטער קראַסאַוועץ. ער האָט ניט געוואָלט איבער־טראָגן קיין הונגער און ליידן ווי זיין גאַנץ פאָלק. ער האָט באַשלאָסן די־נען די נאַציס. לאַנג האָט ער זיי ניט געדינט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען אָנגעקלונגען ביי אים אין טיר. ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט מען אים אריינגעשאָסן דריי קוילן אין קאָפּ.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט דעם אויסוואורף טעאפּיל קרישקא, וועלכער איז געווען באַוואוסט אלס אן אונטערוועלט מענטש. ווען די נאַ־ציס זיינען אריין אין וואַרשע, איז ער צו זיי געקומען מיט אַ פאַרשלאַג, אַז ער וועט זיי העלפן דורכפירן אַ פּאָגראָם אין אַ פאַרשטאָט, וואו עס האָבן געוואוינט רייכע אידן. די נאַציס האָבן זיין אָנבאָט אָנגענומען, נאָר

פּאָליאַקן פאַרבאָטן אריינצוגיין אין אייגענע פּאַרקן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דעם אויסוואורף געפונען אַ דערשאָסע־נעם.

כדי צו קאָנען בעסער הערשן מיט דער בייטש איבער דעם פּוילישן פאָלק, האָבן די נאַצים באַדעקט דאָס לאַנד מיט אַ נעץ פון שענקלעך. זיי צווינגען די פּוילישע אַרבעטער צו נעמען בראָנפן אַלס אַ טייל פון זייער געצאָלט. די נאַצים האָבן דעם האַנדל מיט בראָנפן צעוויקלט ריזיג גרויס אי צוליב די פאַרדינסטן, וואָס זיי מאַכן דערביי, אי צוליב דעם פריער־אָנגעוויזענעם מאָטיוו — צו האַלטן דאָס פאָלק אין אַ שטענדיגן צושטאַנד פון שכרות.

די געשיכטע פון דעם העלדישן אָפיצער קאָוואַלסקי, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אידישער געטאָ אין וואַרשע

צוליב דעם בראָנפן־האַנדל זיינען די נאַצים ביטער אַריינגעפאַלן און זיי האָבן מיט די אייגענע הענט געהאָלפן אויפבויען אַ ווייט־פאַר־צווייגטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. די געשיכטע איז געווען אַזאַ: איינער אַ פּוילישער אָפיצער, באָלעסלאַוו קאָוואַלסקי, האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אויף דעם פראָנט מיט זיין העלדישקייט, אַז די נאַצים האָבן נאָכדעם, ווי זיי האָבן באַזיגט זיין רעגימענט,—אים דערלויבט פאָרן אַהיים און אים אויך דערלויבט מיטצונעמען זיין שווערד. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דער געשטאַפּאָ אים צו אַרעסטירן. ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין איינעם פון די ערגסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד. דאָרט פלעגט מען צווינגען טאָן אַזאַ שווערע אַרבעט, אַז יעדער איינער האָט גע־מוזט צוזאַמענברעכן. פאַר ניט אויספילן די פאַרגעבענע אַרבעט האָט מען געגעבן שמיץ. דער באַשטראָפטער האָט געמוזט אַליין ציילן די צאָל שמיץ — און ציילן אויף דייטש. טאָמער האָט ער געמאַכט אַ טעות, האָט ער גע־מוזט אָנהויבן ציילן פון אָנהויב. דריי קאַטעגאָריעס שטראָף זיינען דאָרט אָנגעווענדעט געוואָרן: 25 שמיץ, 50 שמיץ און 70 שמיץ. די מער־סטע זיינען געשטאָרבן פון 50 שמיץ. קיין 70 שמיץ האָט קיינער ניט אַרי־בערגעטראָגן.

קאָוואַלסקי האָט דאָס אַלץ צוגעזען און האָט אַליין איבערגעטראָגן אַזאַ סאָרט עקזעקוציע. אים האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דאָרט. ער באַגעגנט זיך מיט איינעם פון די אָפיצערן, וועלכע האָבן אים געהאַט געגעבן זיין שווערד צוריק. דער נאַצישער אָפיצער קאָן אים אַרויס־געבן צוריק צו דער געשטאַפּאָ, נאָר ער מאַכט דעם העלדישן פּוילישן אָפי־

צער אַ פאָרשלאַג, אַז אויב ער וועט אַרויספאָרן קריגן יונגע פוילישע מייד־לעך פאַר אַ באָרדעל פאַר אָפיצערן, וועט ער אים ניט אַרויסגעבן.

קאָוואַלסקי האָט שפּעטער דערציילט, אַז אַפילו די לײַדן אין דעם שווידערלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער זײַנען ניט געווען אַזוי ווייטאָגדיק ווי אָט דער פאָרשלאַג, אַז ער זאָל ווערן אַ סוטענער.

ער האָט באַשלאָסן נעמען נקמה פון אָט־די שענדער און פּײַניקער. ער איז געפאָלן אויף אַזאַ געדאַנק: ער האָט דערקלערט דעם נאַציזשן אָפי־צער, אַז קיין מיידלעך קאָן ער ניט קריגן, ווײַל מען וועט אים דער׳הרג׳ע־נען פאַר וועלן העלפן שענדן די ערע פון אַ פוילישער פרוי, נאָר אַרויס־העלפן אין דעם פאַרקויף פון בראָנפן — דאָס קאָן ער יאָ.

מען האָט אים געגעבן אַן אויטאָמאָביל און אַ דערלויבניש אַרומצו־פאָרן איבערן לאַנד פראַנק און פרײַ. קאָוואַלסקי האָט עס גוט אויסגע־נוצט און גאָר אײַנגיכן האָבן די נאַצים זיך געכאַפּט, אַז דער אונטערערד האָט אָנגעהויבן אַרבעטן בעסער ווי פריער. ענדלעך האָבן זיי אויסגעפּו־נען די ריכטיקע ראָל פון זייער „בראָנפן־פאַרקויפער". זיי האָבן אָנגע־באַטן אַ גרויסע סומע פאַר קאָוואַלסקי׳ס קאָפּ; זיי האָבן אים אַרומגע־זוכט מיט ליכט, נאָר זיי איז גאָר קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלן אַז קאָוואַלסקי׳ן האָבן אויסבאַהאַלטן די אידן אין דער וואַרשעווער געטאָ. נאָך עטלעכע חדשים פון אויסבאַהאַלטן זיך צווישן די אידן, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטיילט מיט זייער לעצטן ביסן, איז קאָוואַלסקי׳ן געלונגען צו אַנטלויפן קיין ענגלאַנד, וואו ער איז זייער טעטיק לטובת פוילן, און וואו ער שטייט אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג אין זײַן היימלאַנד.

לאָמיר דאָ דערמאָנען בלויז אַ צאָל פון די סאַבאָטאַזש־אַקטן, וואָס די פּאַליאַקן פירן דורך קעגן דעם שונא. די פאַקטן, וואָס ווערן דאָ גע־בראַכט, זײַנען מיר געגעבן געוואָרן אין אַ ספּעציעלער רשימה, וואָס דער פוילישער אינפאָרמאַציע־צענטער ביי דעם פוילישן קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק האָט פאַר מיר צוגעגרייט. די רשימה ווייזט אַז דער סאַבאָטאַזש איז ניט קיין ספּאָראַדישער, נאָר אַ סיסטעמאַטישער און אומאויפהער־לעכער. אָט זײַנען בלויז עטלעכע פון די פילצאָליקע סאַבאָטאַזש־אַקטן, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן אין 1941 און אין 1942. מיר הויבן אָן מיט עטלעכע אַקטן אין יאָר 1941.

דעם 18־טן סעפּטעמבער האָט די נאַצישע צייטונג „אַסטדאַויט־

שער באַאָבאַכטער" באַריכטעט אַז דער אַרבעטער סאַמבאַרסקי האָט אונטערגעצונדן דעם מאַיאָנטעק פון אַ דייטשן פּריץ. די גאַנצע תבואה און אַלע פאַרם־מאַשינען זיינען פאַרברענט געוואָרן. סאַמ־באַרסקי איז הינגעריכטעט געוואָרן.

אין סעפּטעמבער, 1941, האָט דער נאַצישער גאָווערנאָר דזשער־נעראַל אין פּוילן אַרויסגעגעבן אַ וואָרנונג אַז עס וועלן אויסגעטיילט ווערן די שטרענגסטע שטראָפן פאַר סאַבאָטאַזש. באַלד נאָך זיין דערקלערונג איז לעבן ביאַליסטאָק אויפגעריסן געוואָרן אַן אייזנ־באַן־בריק. ניט ווייט פון דעם זעלבן פּלאַץ איז אויפגעריסן געוואָרן אַ פעלז און די באַן־וועג איז געוואָרן פאַרבלאָקירט אויף 10 טעג צייט.

די נאַציס האָבן אַרעסטירט 300 מענטשן. זיי האָבן דער־שאָסן 15 פון די אַרעסטירטע און זייערע קערפּערס זיינען אוועק־געלייגט געוואָרן אין סאַמע צענטער פון ביאַליסטאָק, כדי אָנצוואַרפן אַ פּחד אויף דער פּוילישער באַפעלקערונג.

האָט דאָס דען אָפּגעשטעלט די סאַבאָטאַזש־אַקטן? ניין, צו גרויס איז דער צאָרן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אַז די נאַ־

24 polnische Verschwörer abgeurteilt

Todes- und Zuchthausstrafen wegen Bildung polnischer Geheimorganisationen

Das Reichskriegsgericht verhandelte in Posen gegen 24 Polen, die sich bereits Ende 1939 zu einer militärischen Geheimorganisation zusammengeschlossen hatten. Es wurden verurteilt:

Stanislaus Weclas, Leon Pawlowski und Stanislaus Wencel zum Tode;

Leon Komorski zu 15 Jahren Zuchthaus;

Bronislaus Jankowski, Simon Kialka und Josef Czajka zu 5 Jahren Zuchthaus, Raimund Majewski zu 4 Jahren Zuchthaus.

Zu je 3 Jahren Zuchthaus wurden verurteilt: Stanislaus Nowak, Kazimierz Nowicki, Witold Staniszewski, Mieczyslaw Gogojewicz, Mieczyslaw Stroinski, Edmund Stroinski, Stanislaus Tomkiewicz, Waclaw Polczynski, Walenty Kukwicz, Kasimir Wroniak und Stanislaw Brzozowski.

Zu 2 Jahren und 3 Monaten Zuchthaus wurden verurteilt: Anton Kubicki, Thadäus Zyuda und Florian Przepiora.

Alfons Brodzki wurde zu 1 Jahr 6 Monaten Gefängnis und Theodor Ostojski zu 1 Jahr und 3 Monaten Gefängnis verurteilt.

Das Ziel der Organisation war, zur gegebenen Zeit mit Waffengewalt gegen deutsche Behörden und Einrichtungen vorzugehen und ein neues Polen erstehen zu lassen. Zur Information der Mitglieder und sympathisierender Kreise wurde die Hetzschrift „Polonia Poznanski" herausgegeben.

Die polnische Bevölkerung mag sich gesagt sein lassen, daß es auch in den Ostgebieten kein zweites 1918 geben wird. Das Vorgehen der P. O. W. und der Aufständischen in den Jahren 1918, 19 gegen deutsche Einrichtungen war nur einmal möglich und kann nicht wiederholt werden.

Wer trotzdem glaubt, Widerstandsorganisationen schaffen zu können oder einer solchen anzugehören, wird seine Neigung zu Konspiration mit seiner Vernichtung zu büßen haben.

צעטל מי טנעמען פון הינגעריכטעטע אין פּוילן פאַר קאַמף געגן נאַצים.

צישע הינריכטונגען זאָלן. אָפּשטעלן דעם פּאַרזוך צו נעמען נקמה פון די מערדער און שענדער און פּלינדערער.

אין אָקטאָבער זיינען דורכגעפירט געוואָרן איבערפאַלן אויף פּראַכט־באַנען, וואָס זיינען געגאַנגען פון בערלין קיין ווארשע מיט מיליטערישע מאַטעריאַלן. אַכט פּאָליאַקן זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן, 5 זיינען באַלד הינגעריכטעט געוואָרן. א 16־יאָריג אינגל און א פרוי זיינען פאַר'משפט געוואָרן צו לאַנגע טורמע־טערמינען. איינער פון די אַרעסטירטע איז אַזוי געפייניגט געוואָרן, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

דעם 6־טן נאָוועמבער איז דער פּאָליאַק וואַצלאַוו סים פאַר־אורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר אונטערצינדן א שפייכלער מיט תבואה.

דעם 17־טן אָקטאָבער איז אוועק מיט'ן רויך א גרויסע אויל־רעפאינערי. די געשטאַפּאָ האָט אַרעסטירט 60 פּאָליאַקן און האָט דערשאָסן יעדן פינפטן פון די אַרעסטירטע.

דעם 10־טן נאָוועמבער איז אין מיטן פון א שאָסעי צו מזרח פון ווארשע אויסגעגראָבן געוואָרן א גרויסע גרוב, וואָס איז פאַר־דעקט געוואָרן מיט צווייגן. אויף אָט דעם וועג האָט געדאַרפט דורכגיין א נאַצישער טראַק־קאַראַוואַן. ווען די טראָקס זיינען אָנ־געקומען איז דער ערשטער אין דער ריי אריינגעפאַלן אין דער גרוב און האָט זיך אָנגעצונדן און די אַמוניציע, וואָס איז געווען אויף דעם טראַק, האָט עקספּלאָדירט. נאָך צוויי ־טראָקס זיינען פאַר־ניכטעט געוואָרן פון דעם אויפרייס.. 5 נאַצישע סאָלדאַטן זיינען דער'הרג'עט געוואָרן.

אין א צווייטן אויפרייס אויף א וועג לעבן ביאַלאָסטאָק איז דער'הרג'עט געוואָרן דער הויפּט פון א נאַצישער טראַנספּאָרט־ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין ווארשע. עס איז אויך דער־הרג'עט געוואָרן זיין שאָפער.

אין נאָוועמבער איז אין פּעטראָקאָוו הינגעריכטעט געוואָרן דער 22־יאָריגער דזשאָזעף ליפּינסקי פאַר סאַבאָטאַזש אויף דער אייזנבאַן.

דעם 20־טן יאַנואַר, 1942, האָט די צייטונג „ברעסלאוער נוי־עסטע נאַכריכטן" געדרוקט אן אָפיציעלע מעלדונג פון דער געשטאַ־

פּאַ אין קאַטאָוויצע אז דעם 14־טן יאַנואַר איז דורכגעפירט געוואָרן די הינריכטונג פון 22 פּוילישע אייזנבאַן־אַרבעטער פאַר סאַבאָ־טאַזש־טעטיגקייטן געגן דייטשע טראַנספּאָרטן

אין דעצעמבער איז אויפגעריסן געוואָרן אן עלעקטרישע סטאַנ־ציע לעבן קראקאוו און אן אַמוניציע פאַבריק לעבן ראַדאָמסק. איצט קומען עטלעכע פון די סאַבאָטאַזש-אַקטן אין 1942.

דעם 17-טן יאַנואַר איז אונטערגעצונדן געוואָרן דער גרענד־האָטעל אין לאָדז, אין וועלכן עס זיינען איינגעשטאַנען הויכע נאַ־צישע מיליטער־לייט.

אין מערץ זיינען 4 פּוילישע אייזנבאַן־אַרבעטער הינגעריכ־טעט געוואָרן.

אין פּויזן זיינען אין יולי גע׳משפּט געוואָרן 12 פּאָליאַקן. 3 ווערן פאַראורטיילט צום טויט פאַר אָנפירן מיט א פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג, וואָס האָט סיסטעמאַטיש געמאַכט איבערפאַלן אויף דייטשע פראַכט־צוגן.

אין ראַדאָם זיינען 7 אייזנבאַן־אַרבעטער פאַראורטיילט גע־

אַ איד אין די לאַפּעס פון די נאַציס.

וואָרן צום טויט פאַר אַן איבערפאַל אויף אַ נאַצישער מיליטערי-שער באַן.

דעם 18-טן יוני זיינען אין פויזן אויפגעהאַנגען געוואָרן 12 פרויען און דריי מענער. זייערע קערפּערס זיינען געהאַנגען 48 שעה. זיי זיינען באַשולדיגט געוואָרן אין פאַרשפּרייטן אונטער-ערדישע צייטונגען.

אין פויזן זיינען אין יולי גע'משפט געוואָרן 22 פּאָליאַקן פאַר אויפרייסן אַ ביר-ברויעריי, פאַר פאַרניכטן אַ סקלאַד מיט ביר, פאַר קוילען אין געהיים אַ צאָל חזירים און בהמות און פאַר צעטיילן דאָס פלייש צו פּאָליאַקן. 7 פון די אָנגעקלאָגטע זיינען פאַראור-טיילט געוואָרן צו שווערער אַרבעט אין „שטראַף-לאַגערן" און די אַנדערע צו שווערע טורמע טערמינען.

דעם 26-טן אויגוסט, זיינען 28 פּאָליאַקן דערשאָסן געוואָרן אויף דער קלאַגע פון באַלאַנגען צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע ווען עס זיינען אויפגעריסן געוואָרן אין צענטער פון וואַרשע עטלעכע רעסטאָראַנען, וואו נאַצישע אָפיצערן זיינען געווען אָפטע באַזוכער. אַ צאָל נאַצישע אָפיצערן זיינען דער'הרג'עט און פאַרוואונדעט געוואָרן. 55 משכנות, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין דער פּאַוויאַק-טורמע, זיינען הינגעריכטעט געוואָרן.

דעם זעלבן חודש זיינען לעבן וואַרשע פאָרגעקומען אויפרייסן אויף די אייזנבאַנען אין 4 פאַרשיידענע פונקטן גלייכצייטיג. לעבן וואַרשע איז אויפגעריסן געוואָרן אַ באַן מיט אַמוניציע.

אין אָקטאָבער האָט דער נאַצישער גאָווערנאָר פון וואַרשע אַרויפגעלייגט אויף דער פּאַראַמעטער באַפעלקערונג פון דער רו-אינירטער שטאָט אַ געלט-שטראָף פון אַ מיליאָן זלאָטים. דאָס איז געווען צוליב אַ נייער פאָרמע פון סאַבאָטאַזש, וואָס מען האָט אָנ-געהויבן פּראַקטיצירן אויף די גאַסן פון וואַרשע — אָפּגיסן די נאַ-צישע אָפיצערן מיט הידראַכלאַריק עסיד, וואָס פלעגט פאַרברע-נען די נאַצישע מונדירן.

די „אָבערשלעזישע צייטונגע" פון דעם 27-טן אָקטאָבער באַריכטעט וועגן אַ טויט-אורטייל געגן 29 פּאָליאַקן, וועלכע זיי-נען גע'משפט געוואָרן אין אַ דייטשן מיליטער-געריכט.

און אַזוי ציט זיך די געשיכטע אומענדלעך: די נאַצישע געריכטן טיילן אוים טויט־שטראָפן, נאָר די העלדישע קעמפער שטעלן ניט אָפּ זייער קאַמף.

די נאַצים משפּט'ן אָבער ניט בלויז פאַר דעם, וואָס די פּוילישע באַ־פעלקערונג טוט איצט אין איר פאַרזוך צו נעמען נקמה פון די פאַרכאַפּער פון זייער לאַנד. די נאַצים משפּט'ן אויך פאַר דעם, וואָס מען האָט זיך „ניט גוט" באַצויגן צו דייטשן פאַר דער מלחמה. אָט זיינען עטלעכע מוסטערן:

דעם 1־טן יוני, 1941, האָט אַ געריכט אין פּויזן פאַראורטיילט צום טויט דעם 36־יאָריגן סטעפאַן סקאַטאַרסקי פאַר „באַהאַנדלען צו גרוי־זאַם" די דייטשן אין אויגוסט 1939.

יאַן קוציבאַ, 67 אַלט, איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר באַ־טייליגן זיך אין אַ דעמאָנסטראַציע געגן דייטשן אין סעפּטעמבער, 1939.

דער „אָסטדאָיטשער באָאָבאַכטער" פון 27-טן פעברואר 1942, באַריכ-טעט אַז אַ ספּעציעלער געריכט האָט פאַראורטיילט צום טויט דעם פּוילישן ליוטענאַנט דודא פאַר דעם, וואָס ער האָט אין 1939 ביים אויסברוך פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד אָנגעפירט מיט אַ סקוואַד סאָלדאַטן, וואָס האָבן דערשאָסן דייטשע איינוואוינער פון פּוילן אויף דער קלאַגע פון שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשן.

אין מערץ, 1942, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאַסן־משפּט אויף 38 סאָלדאַטן פאַר „באַהאַנדלען שלעכט" דייטשן אין סעפּטעמבער, 1939.

אין נאָוועמבער האָט אַ ספּעציעלער טריבונאַל אין פּויזן פאַראור־טיילט צום טויט דעם 20־יאָריגן פּוילישן בחור קוסציאַק פאַר דעם, וואָס ער האָט אין 1939 געשאָסן אויף אַ 5־טן קאָלומניק.

דער צעטל פון אַזעלכע משפּטים איז גאָר ניט אויסצושעפּן. די נאַ-צים האָבן אויסגעפונע אַלערליי תירוצים אויף צו שיקן מענטשן צו דער תליה, אָדער צו שטעלן זיי צו דער וואַנט.

און אָט זיינען מוסטערן פון גרויסע שטראָפן פאַר די קלענסטע קליי־ניגקייטן.

די „ליצמאַנשטאַטס צייטונג" (ליצמאַנשטאַט איז דער נאַצישער נאָמען פאַר לאָדז) באַריכטעט דעם 30־טן דעצעמבער, 1941, אַז דער פּוי־ער וואַלענט מאַזשעווסקי איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר קוי־לען 8 חזרים. „אָסטדאָיטשער באָאָבאַכטער" פון דעם 20-טן יוני, 1941,

באריכטעט אַז אין וואצלאַוועק זיינען 4 פּאָליאַקן פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר קוילען אומגעזעצלעך 100 בהמות.

די „ליצמאַנשטאַט צייטונג" פון דער 19־טן יוני באַריכטעט אַז אַ קרעמער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר פאַרקויפן פּראָדוקטן אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן צו דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס גייט אויס פון הונגער.

די „דויטשע רונדשאַו" פון דעם 10־טן יולי, 1942, באַריכטעט אַז 4 אַרבעטער אין אַ וואַרשעט פאַבריק זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו 5 יאָר טורמע פאַר פאַרזוכן צו שטיקלעך פלייש ביי דער אַרבעט.

די „דאַנציגער פאָרפּאָסטן" באַריכטעט דעם 23־טן נאָוועמבער, 1942, וועגן דעם טויט־אורטייל אויף אַ פּוילישן אַרבעטער פאַר „באַהאַנד־לען שלעכט אַ טראַקטאָר".

דעם 13־טן אָקטאָבער האָבן שוועדישע צייטונגען באַריכטעט לויט פאַרטרויענסוועדטע קוואַלן אַז אַ פּוילישער פאַרם־אַרבעטער איז הינגע־ריכטעט געוואָרן, ווייל ער „איז געווען צו גוט צו אַ בהמה".

די שווערע אורטיילן ווערן אַרויסגעגעבן אויך געגן פרויען, ווייל די נאַציס האָבן אין דעם געביט איינגעפירט פולשטענדיגע גלייכהייט.


OBWIESZCZENIA URZĘDOWE

Obwieszczenie

dotyczy: **zakazu używania publicznych środków komunikacyjnych przez żydów.**

Od czwartku, dnia 3 kwietnia 1941, nie wolno żydowskiej ludności używać miejskiego tramwaju, miejskich omnibusów i prywatnych dorożek samochodowych.

Nie stosowanie się do powyższego zakazu ulega karze po myśli § 6 rozp. Generalnego Gubernatora w sprawie używania publicznych środków komunikacyjnych przez żydów w Generalnym Gubernatorstwie z 20. 2. 1941.

Kraków, dnia 1 kwietnia 1941.

Delegat Szefa Dystryktu
dla miasta Krakowa
Pavlu.

באַפעל, וואָס פאַרבאָט אידן צו פאָרן אין טראַמווייען.

אין דעצעמבער, 1942, איז אַ פּוילישע פרוי אין לאָדז פאַראור־טיילט געוואָרן צום טויט פאַר אומלעגאַלן פאַרקויף פון פליייש.

די „דאַנציגער נויעסטע נאַכריכטן" גיט איבער דעם 4־טן נאָוועמ־בער, 1942, אַז אַ 15־יאָריג פּויליש דינסט־מיידל איז פאַראורטיילט גע־וואָרן צום טויט פאַר צו'גנב'ענען. . . . עטלעכע סיגאַרעטן. די צייטונג גיט צו אַז, אַרויסטראָגנדיג דעם אורטייל, האָט דער ריכטער געזאָגט אַז ער נעמט אין אָנבאַטראַכט דעם עלטער פון דער מיידל, ווייל מען דאַרף לערנען די פּאָליאַקן אַז זיי זאָלן פאַרשטייען „די דייטשע נייע אָרדענונג".

דעם 16־טן יולי, 1942, באַריכטעט די צייטונג „אָסטדויטשער באָאָב־אַכטער" אַז אַ פּוילישע פרוי איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר מאַכן אַ קליינע ענדערונג אין איר רעגסיטראַציע־קאַרטל.

די עטלעכע פאַלן, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, זיינען בלויז ווי אַ טראָפּן אין דעם ים פון שווערע שטראָפן, וואָס די נאַצישע געריכטן לייגן אַרויף אויף פּרויען פּונקט ווי אויף מענער פאַר דער קלענסטער קלייניגקייט.

אויך קינדער ווערן ניט געשוינט. לאָמיר דאָ ברענגען בלויז עטלעכע מוסטערן פון געריכט־אורטיילן אויף קינדער און אויך יוגנטלעכע.

די „וואַרשאַווער צייטונג" פון דעם 16־טן נאָוועמבער, 1942, באַריכ־טעט אַז אַ 12־יאָריג פּויליש אינגל איז היגעריכטעט געוואָרן „ווייל ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוּ אָנצוהויבן אַן אויפשטאַנד".

די „קראָקאָווער צייטונג" פון דעם 21־טן מאַי, 1942, באַריכטעט אַז אַ 16־יאָריג אינגל איז פאַראורטיילט געוואָרן צו 6 חדשים טורמע פאַר דעם, וואָס ער האָט צוגעפירט אַ בהמה צום קצב לויט די די אינסטרוקציס פון דעם אייגנטימער.

די „דויטשע רונדשאַו" באַריכטעט אַז אַ 15-יאָריג-אינגל איז פאַר־אורטיילט געוואָרן צו 5 יאָר טורמע פאַר צורעגן אַנדערע אינגלעך פון זעלבן עלטער צו פאַרלאָזן די אַרבעט אויף אַ פאַרם.

עס איז אַ לאַנגע געשיכטע פון טויזנטער און טויזנטער טורמע־און טויט-אורטיילן. עס איז אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון די נאַציס צו האַלטן די פּוילישע באַפעלקערונג אין אַ צושטאַנד פון שרעק און אומ־זיכערקייט. אויף אַזאַ אופן, גלויבן די נאַציס, וועלן זיי קאָנען ברעכן דעם ווילן פון דער פּוילישן פאָלק. די רעזולטאַטן זיינען אָבער פּונקט פאַר־קערטע: די מאַסן האַסן די פאַרכאַפּער און פאַרשקלאַפער אַלץ מער און מער. נאָך העכער 40 חדשים פון הערשאַפט אין פּוילן זיינען די נאַציס

דאָרט איצט מער פאַרהאַסט ווי אין די ערשטע טעג פון זייער אַריינ־דרינגען אין דעם לאַנד און די באַוועגונג אויף אַנצוטאָן זיי שאָדן און צו פאַרניכטן זיי ווען און וואו נאָר מעגלעך — איז איצט אַ סך מער אויסגעשפּרייט ווי אין הערבסט פון 1939.

די אונטערערדישע פּרעסע אין פּוילן

די אונטערערדישע באַוועגונג אין אַלע אונטערדריקטע לענדער גיט אָפּ אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער אויפגאַבע צו ברענגען צו דעם באַפעל־קערונג אַ וואָרט פון דערמוטיגונג און אָנווייזונג ווי צו קעמפן געגן דעם אַריינדרינגער, ווי אויך די אינפאָרמאַציע, וואָס די נאַצישע צענזור לאָזט ניט צו צו דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע לענדער. עס ווערן דער־פאַר ניט געזשאַלעוועט קיין קרבנות אויף אָנצוהאַלטן די אונטערערדישע פּרעסע.

אין זיין בוך „די יידן אין פּוילן" שרייבט ל. שפּייזמאַן וועגן דער אומלעגאַלער פּרעסע אַזוי:

„זייט דעם אויסברוך פון קריג זענען דערשינען אין פאַרשיידענע

אַן אויפגעהאַנגענער אין פּוילן.

טערמינען ביי א 150 אומלעגאַלע צייטונגען. אין הערבסט 1941 זענען דערשינען 43 צייטונגען, אין יוני 1942 האָט זיך זייער צאָל פאַרטאָפּלט, לויט דער דערקלערונג פון פּוילישן אינפאָרמאַציע־מיניסטעריום, עדוואַרד ראַטשינסקי, האָט די אומלעגאַלע פּרעסע ביי 3 מיליאָן רעגולערע לעזער".

ל. שפּיזמאַן דערציילט אויך אַז די מערסטע צייטונגען זיינען וועכענטלעכע, נאָר עס זיינען אויך דאָ אַרום 50 טעגלעכע צייטונגען. איין צייטונג דערשיינט אפילו צוויי מאָל א טאָג און זי פאַרמאָגט אויך בילדער. די מערסטע צייטונגען באַשטייען פון 8 ביז 16 זייטן.

שפּייזמאַן גיט אָן א צעטל נעמען פון די אומלעגאַלע צייטונגען. אָט זיינען אייניגע פון אָט די נעמען:

„די שטים פון פרייהייט", „פּיאָנער", „די וואָך", „דאָס קעמפּענדיגע פּוילן", „דער וועג פון פרייהייט", „פּוילן לעבט", „דער קאַמף דויערט", „די רויטע פאָן", „דער סערפּ און האַמער", „דאָרף און שטאָט", „דאָס נייע פּוילן" און נאָך און נאָך.

דער אויטאָר פון דעם בוך „די יידן אין פּוילן" דערציילט אויך וועגן דעם אופן ווי די פּוילישע גלות־רעגירונג קומט צוהילף אָט דער אומלעגאַלער פּרעסע.

„אָפטמאָל באַנוצט מען זיך מיט ווייט־פליענדיגע באָמבערס און פאַראַשוטיסטן. עס ווערן צוגעשיקט פייאיגע זשורנאַליסטן קיין פּוילן. מיט פאַראַשוטן וואַרפט מען אַראָפּ צייטונגס פּאַפּיר, פאָטאָגראַפיעס, טינט און קליינע האַנט מאַשינען".

ביי דער פאַרשפּרייטונג פון דער אומלעגאַלער צייטונג ווערט שטרענג אָפּגעהיט דער אַזוי גערופענער „געזעץ פון דריי". דער, וועלכער באַקומט די צייטונג קאָן בלויז דעם, ביי וועמען ער קריגט די צייטונג, און דעם, צו וועלכן ער גיט איבער זיין נומער נאָך דעם, ווי ער לייענט די צייטונג איבער. אָט דער געזעץ פון דריי ווערט שטרענג אָפּגעהיט כדי צו פאַרקלענערן ביז צו א מינימום די לעבנס־געפאַר פאַר די, וועלכע לייענען און פאַרשפּרייטן די אונטערערדישע פּרעסע.

עס דערשיינען אויך פון צייט צו צייט ספּעציעלע אויפרופן אין פאַרבינדונג מיט ברענענדיגע פראַגן פון דעם מאָמענט. אַזעלכע אויפרופן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דעם איבערפאַל פון היטלער'ן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין פּראָטעסט געגן דעם, וואָס עס איז

איינגעפירט געוואָרן אַ געטאָ אין וואַרשע און ביי נאָך אַנדערע געלעגנ־הייטן.

עס איז אויך דאָ אַ צאָל אומלעגאַלע אידישע צייטונגען אין פוילן, כאָטש דאָס אַרויסגעבן אַ אידישע צייטונג אין אונטערגרונד איז נאָך טויזנט מאָל שווערער ווי דאָס אַרויסגעבן אַן אומלעגאַלע פוילישע צייטונג.

דעם 17־טן דעצעמבער, 1942, איז אין ניו יאָרק געעפנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג, וואָס האָט געהייסן „דער אַנטייל פון פוילן אין דער מלחמה" ביי דער אויסשטעלונג איז געווען אַ פּאַנעל מיט אָנגאַבן וועגן דעם חלק פון פוילן אין דער מלחמה און אַן אויפשריפט, וואָס האָט צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז אַרום דער צייט האָט פוילן געהאַט מאָביליזירט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט אַ סך פון איר יוגנט און אַז זי איז „די פינפטע לויט דער צאָל פון איר מיליטער צווישן די פאַראייניגטע פעלקער, די דריטע לויט דער צאָל פאַרלוסטן, וואָס זי האָט געליטן, און די ערשטע אין באַצוג צו די קרבנות, וואָס זי האָט צוגעטראָגן פאַר דעם זיג".

עס זיינען ביי דער אויסשטעלונג אויך פאַרעפענטלעכט געוואָרן ציפערן וועגן אונטערערדישן קאַמף. וואָס די אונטערדריקטע פוילישע באַפעלקערונג פירט אַזוי העלדיש. עס זיינען אין פוילן ביז אַרום יענער צייט פאַרניכטעט געוואָרן 847 לאָקאָמאָטיוון. כדי צו פאַרשטיין ווי גרויס אָט דער פאַרלוסט איז פאַר די נאַציס, ווערט אָנגעוויזן אַז די פוילישע פאַבריקן קאָנען אַרויסגעבן בלויז 200 לאָקאָמאָטיוון אַ יאָר. פאַר די נאַציס, וועלכע נויטיגן זיך אַזוי אין וואָס מער לאָקאָמאָטיוון אויף צו פירן מיליטער און זאַפּאַסן צום פראָנט, איז אָט די פאַרניכטונג אַ ריזיגער קלאַפּ.

גלייכצייטיג מיט די פאַקטן וועגן דעם העלדישן קאַמף פון דעם אונטערגרונט אין פוילן ווערן אָנגעגעבן פאַקטן וועגן די נאַצישע גרויל־טאַטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אָט דעם ברענענדיגן צאָרן פון דער פוילישער באַפעלקערונג. 5,000,000 פאַליאַקן זיינען אין די דריי יאָר פון דער נאַצישער הערשאַפט דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד — דעפּאָרטירט געוואָרן צו ווערן שקלאַפן ביי דעם נאַצישן „הערן־פאָלק". אין די זעלבע דריי יאָר האָבן די נאַצים קאַלטבלוטיג אויסגעקוילעט אין פוילן 1,400,000 אידן און פאַליאַקן.

אונטערערדישע צייטונג זאָגט אַז די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג איז אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן.

אין דעם נומער פון דער אונטערערדישע צייטונג „נאָווי דזשען" (נייער טאָג) פון דעם 19־טן יאַנואַר, 1943, וואָס איז אָנגעקומען קיין שוויץ, ווערט גערעדט וועגן דער געפאַר, אין וועלכער עס געפינט זיך די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג, ווען עס דראָעט די פולשטענדיגע פיזי־שע פאַרניכטונג מצד די נאַצישע בעסטיעס. די צייטונג פאַרדאַמט די, וועלכע ראַטן די פּאָליאַקן צו וואַרטן און דערווייל ניט ריזיקירן מיט קיין קאַמף, נאָר זיך באַנוגענען מיט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. די אַנטי־פאַ־שיסטישע עלעמענטן אין פּוילן, לויט דער דערקלערונג אין אָט דער אונ־טערערדישער צייטונג זיינען אַנטשלאָסן צו קעמפן מיט אַלע זייערע כוחות אָן אָפּשטעל, ווייל דער קוילער שטייט מיט אַ מעסער ביים האַלז. די צייטונג שרייבט:

„עס איז נויטיג צו אַפּעלירן צו אונזערע פאַרבינדעטע אַז זיי זאָלן באָמבאַרדירן פּוילן מיט טויזנטער עראָפּלאַנען און צווינגען די דייטשן זיך צו פאַרטיידיגן אַנשטאָט זיי זאָלן קאָנען אַנגיין מיט

אַן נאַצישע אָבלאַווע אויף אידן אין דער וואַרשעווער געטאָ.

זייער אויסשלאַכטונג פון דער שוצלאָזער באַפעלקערונג.

„אונזער לאַנד וואַרט, נאָר מיר קאָנען ניט וואַרטן אומענד־לעך, ווייל עס וועט באַלד ניט בלייבן ווער עס זאָל וואַרטן.

אַ האַלבער מיליאָן דייטשן קאָלאָניזירט אין פּוילן

דער „אַפּיס אָוו וואָר אינפאָרמעישאָן" האָט דעם 15־טן יאַנואַר הייר־יאָריאָר פאַרעפענטלעכט אַ באַריכט אויף דער באַזע פון אַן אַרטיקל אין דער שוועדישער צייטונג „אַפטאָנטידנינגען", אַז אין די העכער דריי יאָר, זינט די נאַציס זיינען באַפאַלן און פאַרשקלאַפט פּוילן האָבן זיי דאָרט קאָלאָניזירט 500,000 דייטשן.

„זיי זיינען געקומען פון די באַלטישע לענדער און פון רומע־ניע. עס זיינען אויך געקומען פּויערים פון זיד־דייטשלאַנד, צענד־ליגער טויזנטער שטורם־טרופּן און פּאַלים ווי אויך מחנות מלוכה־באַאַמטע", — ווייזט אָן דער אַרטיקל.

דערנאָך ווערט איבערגעגעבן דאָס פאָלגענדיגע:

„אין די אַנעקסירטע מערב־טיילן פון פּוילן ווערט געמאַכט דער עקספּערימענט אויף צו פאַרוואַנדלען אין אַ ריין דייטשער און זיכערע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער טעריטאָריע — אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַ פרעמדע, אָדער געמישטע באַפעלקערונג. דאָ ווערט דורכגעפירט אַ פּראָצעס פון גערמאַניזירן אַ לאַנד, נאָר ניט אין דעם אַלטן זין פון וואָרט. עס ווערט ניט געטאָן דורך אַרויפצווינ־גען די דייטשע שפּראַך אויף דער באַפעלקערונג. איצט ווערט עס געטאָן אַ סך מער פּשוט."

דער פּשוט׳ער מעטאָד באַשטייט אין דעם, וואָס מיליאָנען פּאָליאַקן ווערן דעפּאָרטירט, זייער ביסל האָב און גוטס ווערט צוגענומען. „מענער און טאַטעס ווערן אָפּגעריסן פון זייערע פרויען און פון זייערע קינדער און די פאַמיליע הערט געוויינלעך מער גאָר ניט וועגן זיי".

אָט דאָס איז היטלער׳ס „נייע אָרדענונג": דערשטיקן די אָרטיגע באַפעלקערונג דורך טעראָר, צונעמען ביי דער באַפעלקערונג די מעגלעכ־קייט צו באַנוצן זיך מיט אייגענע שולן, מיט צייטונגען און ראַדיאָ אין דער אייגענער שפּראַך, מאָרדן און דעפּאָרטירן מיליאָנען מענטשן, קאָלאָ־ניזירן דייטשן און שאַפן אַ דייטשע אַריסטאָקראַטיע פון פּריצים און פאַבריקאַנטן און די אָרטיגע באַפעלקערונג פאַרוואַנדלען אין שטומע שקלאַפן.

איינער פון די שוידערלעכסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פּוילן איז דער אַזוי־גערופענער „מאָרד־לאַגער" אין אָסוויעטשים. דאָרט דער־גרייכט די צאָל טויטע טעגלעך ביז 250 אַלס רעזולטאַט פון הינריכטונ־גען, פּייניגונגען, הונגער און עפּידעמיעס. אַט די נייעס איז אָפיציעל באַ־ריכטעט געוואָרן אין לאָנדאָן דורך דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין אָנ־הויב מערץ היי־יאָר.

דער זעלבער באַריכט דערציילט אויך אַז אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אָסוויעטשים זיינען געבראַכט געוואָרן 60 מאַינערס פון אויי־בער־שלעזיע. די אַרבעטער זיינען באַשולדיגט געוואָרן אין פאַרלאַנגזאַ־מען די אַרבעט ביים גראָבן קוילן. מען האָט די אַרבעטער געבראַכט אין דעם „מאָרד־לאַגער" און טעגלעך האָט מען געשאָסן צען פון זיי ביז מען האָט אַלע 60 דערמאָרדעט.

7 לידיצעס אין פּוילן

גרויס איז געווען דער פאַרברעכן פון די נאַציס, ווען זיי האָבן קאַלט־בלוטיג באַשלאָסן אָפּצומעקן דאָס שטעטעלע לידיצע אין טשעכאָסלאָוואַ־קיע. אַ כוואַליע פון צאָרן האָט זיך אַ טראָג־געטאָן איבער דער גאַנצער וועלט געגן אָט די שרעקלעכע באַנדיטן, צו וועמעס בלוטדורשטיגקייט עס איז גאָר קיין גרעניץ ניטאָ. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אָט דער אויפברויז פון פאַרדאַמונג וועט אָפּהאַלטן די נאַציס פון ווידער דורכפירן

אַ ספּעציעל בריקל פאַר אידן צווישן צוויי טיילן פון דער געטאָ.

אַזעלכע אַקטן פון האָלסייל פאַרניכטונג פון א גאַנצער באַפעלקערונג פון א ישוב. די נאַציס זיינען אָבער אַזוי פאַר׳שכור׳ט פון בלוט, אַז זיי שטעלט שוין קיין זאַד ניט אָפּ. זיי האָבן אין פוילן אַריינגעשריבן מיט איין מאָל א קאַפּיטל פון 7 „לודיצעס“. אין דעם לובלינער דיסטריקט האָבן די נאַציס אין מערץ היי־יאָר פאַרברענט ביזן גרונט זיבן דערפער און פאַרניכטעט די גאַנצע דאָרטיגע באַפעלקערונג. די זיבן דערפער זיינען: הוטשיסקאָ, קראַליעוועץ, לעליטקאָוו, סקאבי, זשאַלאָזי, גאַלקי און וויסטאָוועץ. דער לובלינער נאַצישער „גאַולייטער“ האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיט דער פאַרניכטונגס־עקספּעדיציע.

אָט די פאַרניכטונג איז געווען אַ טייל פון א כוואַליע פון פאַרשטאַרקן נאַצישן טעראָר, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ פוילן. צו אָט דער צייט האָבן די נאַציס פאַרגרעסערט זייערע אַרעסטן, זיי האָבן גענומען כאַפּן אַלץ מער משכנות. די הינריכטונגען זיינען געשטיגן. בלויז אין איין טאָג אין אָנהויב מערץ האָבן די נאַציס הינגעריכטעט אין וואַרשע 260 מענטשן. אויף מאָרגן האָבן זיי הינגעריכטעט 20. גרויסע גרופּן פון דער פּוילישער יוגנט ווערן פאַרשיקט קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנג־אַרבעט. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד, וואָס די פּוילישע באַפעלקערונג ניט די אַריינדרינגער, און די מערדער האָבן בלויז איין ענטפער — אַ פאַרשטאַרקטן טעראָר. גלייכצייטיג פילן אָבער די נאַציס אַז זיי זיצן אויף אַ וואולקאַן. דער זעלבער באַריכט וועגן דער פאַרניכטונג פון די 7 דערפער דערציילט אויך וועגן האַנדלונגען פון די פאַרשקלאַפער, פון וועלכע מען קאָן אורטיילן אַז אויף זיי ציטערט די פּעל. אין וואַרשע האָבן די נאַציס אין אָנהויב מערץ היי־יאָר פאַרצוויפּאַכט די וועכטער ביי אַלע געביידעס, וואו עס געפינען זיך זייערע קאַנטאָרן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע מאָטאָריזירטע־אַפּטיילונג פון דער פּאָליציי, וואָס פּאַטרולירט די גאַסן טאָג און נאַכט. די נאַציס האָבן געהאַט איינגעשטעלט ספּעציעלע רעסטאָראַנען און קאַפעס, וואו בלויז דאָס „הערן־פאָלק“ האָט געמעגט אַריינקומען. איצט האָבן די נאַציס מורא אַריינצוגיין אין אָט די פּלעצער, ווייל זיי ווערן דאָרט אָפט צעריסן דורך האַנט־גראַנאַטן, וואָס די פּוילישע פּאַטריאָטן שליידערן אַריין דורך די פענסטער. פוסטעווען אָט די רעסטאָראַנען און דאָס „הערן־פאָלק“ קאָן נעבעך ניט זיך לאָזן וואויל־גיין.

נאַציס ברענגען ווילדע הינט צו צערייסן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די טורמעס

דער נאַצישער סאַדיזם האָט גאָר קיין גרעניץ. אין פּרילינג היי־יאָר זיינען אָנגעקומען באַריכטן אַז די נאַציס האָבן זיך דערטראַכט צו אַ שפּאָגל־נייעם מעטאָד ווי אַזוי צו מאַטערן און צעמוטשען מענטשן. ביים באַזוכן די טורמעס אין וואַרשע קומען די נאַצישע באַאַמטע אין באַגלייטונג פון ווילדע הינט. ווען מען גיט די הינט אַ סיגנאַל, וואַרפן זיי זיך אויף די פּאָליטישע אַרעסטירטע און רייסן פון זיי שטיקער. אין דער טורמע אין פּאַוויאַק האָבן די הינט צעריסן צוויי אַרעסטירטע אויף טויט און אַ צאָל אַרעסטירטע זיינען שטאַרק צעביסן געוואָרן.

אין דער זעלבער טורמע אין פּאַוויאַק דערשיסט מען טעגלעך אַ דורכשניט פון 20 אַרעסטירטע.

די „אַסאָשיעיטעד פּרעס" האָט דעם 12־טן אַפּריל היי־יאָר געבראַכט די נייעס, אַז די נאַציס האָבן הינגעריכטעט 51 מענטשן ווען עס איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ געהיימע דרוקעריי אין וואַרשע.

צווישן די הינגעריכטעטע איז געווען די 72־יאָריגע אַלסוואַווסקאַ, די אַלמנה פון אַ פריערדיגן פּוילישן דיפּלאָמאַט, וועלכער איז איין צייט געווען דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין.


Amtliche Bekanntmachungen

Bekanntmachung

[illegible] 7.15 [illegible]

[illegible] 7.15 Uhr haben alle Polen den Wagen zu verlassen.

Auf den Linien 2, 6, 9 und 11 dürfen die Polen nur [illegible] benutzen.

[illegible]

פּאָליאַקן פאַרבאָטן צו פאָרן אין טראַמווייען אין געוויסע שטונדן.

די נאַצים האָבן הינגעריכטעט יעדן איינעם, וועלכער האָט געוואוינט אין דער געביידע, וואו מען האָט געפונען די אומלעגאַלע דרוקעריי.

אַלס א מוסטער פון דער נאַצישער רציחה, וואָס האָט גאָר ניט קיין גרעניץ, קאָן דינען דער פאַל ווען די נאַצים האָבן אין פרילינג היי־יאָר אויסגעשאָסן אַלע אַרעסטירטע אין דער טורמע אין ראָוונע. דאָס האָבן די נאַצים גענומען נקמה פאַר דעם, וואָס עטלעכע אַרעסטירטע האָבן געמאַכט א פּאַרזוך צו אַנטלויפן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן פּאָליטישע אַרעסטירטע, ווייל מיט די קרימינעלע פאַרברעכער האָבן די נאַצים זייער א סך איינזען. עס האַנדלט זיך וועגן די, וועלכע קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון פוילן און פאַר דער פאַרניכטונג פון דעם אַריינדרינגער.

דעם 4-טן אַפּריל היי־יאָר האָט די „אַסאָשיעיטעד פּרעס" געבראַכט א באַריכט פון לאָנדאָן, אַז אהין איז אָנגעקומען פון פוילן איינער, וועלכער האָט זיך באַטייליגט אין אַרויסגעבן אַן אונטערערדישע צייטונג. ער דערציילט ווי אַזוי די נאַצים האָבן אומגעבראַכט 83 מענטשן ביי אַן איבערפאַל אויף דער געהיימער דרוקעריי פון דער אונטערערדישער צייטונג „גלאָס פּאָלסקי". די געשטאַפּאָ-אַגענטן און נאַצישע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט די געביידע, אין וועלכער די דרוקעריי האָט זיך געפונען, און האָבן גענומען וואַרפן האַנט-גראַנאַטן דורך די פענסטער. גלייכצייטיג האָבן זיי געשאָסן רעכטס און לינקס אויף אַלע אַרומיגע הייזער, דערשיסנדיג מענער, פרויען און קינדער — צוזאַמען 83 מענטשן.

עס איז אָבער אַריבער בלויז א קורצע צייט און די צייטונג „גלאָס פּאָלסקי" איז ווידער דערשינען. די קעמפער אין פּוילישן אונטערערד האָבן דאָ ווידערהאָלט די העלדישקייט פון די אַרויסגעבער פון די בעלגישע אונטערערדישע צייטונגען ווי עס ווערט דערציילט אין דעם קאַפּיטל, וואָס קומט שפּעטער, וועגן בעלגיע. אויך דאָרט האָבן די אַריינדרינגער פאַר זיך א ניט-געבראָכענעם מוט און דעם פאַקט, וואָס איינער פון די רעדאַקטאָרן פון אַן אונטערערדישער צייטונג, וואָס איז דערשינען נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז א רעדאַקטאָר פון אַן אונטערערדישער צייטונג איצט. אָט דער רעדאַקטאָר האָט געזעצן נאָך מיט 25 יאָר צוריק ווי מען האָט דערשאָסן 28 פון זיינע קאָלעגן, נאָר דאָס האָט אים דעמאָלט ניט אָפּגעשטעלט פאָרצוזעצן זיין אַרבעט און עס האַלט

אים איצט ניט אָפּ פון טאָן זיין חלק ארבעט אויף צו מונטערן דאָס בעל-גישע פאלק צום קאמף און צום ווידערשטאַנד.

דער אָנגעקומענער פון פוילן האָט אין לאָנדאָן דערציילט, אז ער איז אריינגעשליידערט געוואָרן אין א קאָנצענטראציע-לאגער און מען האָט אים דאָרט געפייניגט פאר זיין אנטייל אין ארויסגעבן די אונטערערדישע צייטונג.

גלייכצייטיג מיט דער נייעס וועגן אָט דעם קעמפער, וועלכער האָט זיך געראטעוועט פון נאַצישן גהינום און האָט געקראָגן די מעגלעכקייט צו דערציילן וועגן דעם אומגעבראָכענעם גייסט פון די אונטערערד-קעמ-פער אין פוילן, וואס שטעלן זיך פאר גאָר ניט אָפּ אויף צו ברענגען צו דער אונטערדריקטער באפעלקערונג דאָס וואָרט פון דערמוטיגונג, איז פארעפענטלעכט געוואָרן דער פאקט, אז אין פוילן דערשיינען איצט 80 אונטערערדישע צייטונגען; אין נאָרוועגיע 200 אזעלכע צייטונגען; אין בעלגיע דערשיינען 30 אונטערערדישע צייטונגען און אויך א גאנץ בא-דייטנדע צאָל אין אלע אנדערע אקופּירטע לענדער.

די געשיכטע פון דעם העלדישן ארנאָ ראנאָוויטש

אין א פארזוך אויסצוגעפינען איינצעלהייטן וועגן דער אונטערער-דישער באוועגונג אין פוילן און דער עיקר אויף אויסצושפירן וואו עס געפינט זיך דער הויפּט-שטאב פון דעם העלדישן פירער פון דעם פוי-לישן אונטערגרונד, ארנאָ ראנאָוויטש, וועמעס געשיקטקייט און בראַווי-קייט עס האָט אים ארומגערינגלט מיט לעגענדעס, — האָבן די נאַציס אריינגעשיקט קיין פוילן א מחנה פון 400 ספּעציעל-צוגעגרייטע געשטאַ-פּאָ-אגענטן, און עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי אָט די אגענטן זיינען אָנגע-קומען קיין פוילן, האָט הימלער אָנגעהויבן דערהאַלטן נעט-צעגויפגע-פּרעסטע פּעקעלעך מיט די קליידער פון די אגענטן. אויף יעדן פּעקעלע איז געווען אָנגעקלעפּט א צעטעלע פון ארנאָ ראנאָוויטש מיט א דער-קלערונג, אז ער באדויערט זייער וואס ער האָט זיך געפילט געצוואונגען „אַ ביסל צו דער׳הרג׳ענען״ די אגענטן.

די וויים-פאַרצווייגטע טעטיגקייט און גוטע אָרגאניזאציע פון דעם פּוילישן אונטערגרונד ווערט כאראקטעריזירט דורך דעם פאָלגנדיגן פאל: 3 ענגלישע אָפיצערן זיינען אריינגעפאלן אין נאַצישער געפאנגענשאַפט אין די שלאכטן אין פראנקרייך אין 1940. אין 1941 אנטלויפן די 3 אָפיצערן פון א קאָנצענטראציע-קעמפּ אין מזרח-פּרייסן. די אָפיצערן

טרעפן אָן אויף א זייטיגן וועג לעבן א וואלד א צאָל פוילישע פאר-שקלאַפטע אַרבעטער און די ענגלענדער... זיינען געראַטעוועט, ווייל דער פוילישער אונטערגרונד נעמט זיי אונטער זיין שוץ. אַ דאנק די פאר-בינדונגען פון דעם פוילישן אונטערגרונד מיט די קעמפער אין אַנדערע לענדער — איז מעגלעך געוואָרן, אַז די אָפיצערן זאָלן דורכגיין גאַנץ פוילן, סלאָוואקיע, אונגארן, יוגאָסלאוויע און גריכנלאנד און ענדלעך זיך רעטן פון א זיכערן טויט.

די געשיכטע איז אזוי שפּאַנענד אז די פארטרעטער פון דער ענגלי-שער רעגירונג האָט געפונען פאר נויטיג צו דערציילן אין פארלאמענט וועגן דער רעטונג פון אָט די 3 אָפיצערן און וועגן דעם אָרגאַניזירטן אופן פון דער ארבעט פון דעם אונטערגרונד אין אייראָפּע.

(„פּאָלאנד פאיטס בעק", קסאווערי פרוזשאַנסקי, לאָנדאָן).

דער זעלבער אויטאָר, וואס דערציילט דעם פאל פון די 3 ענגלישע אָפיצערן, שטרייכט אונטער אז „אין ערגעץ האָט דער נאַצי-טעראָר ניט דערגרייכט אזאַ מוסטערהאפטן פארנעם ווי אין פוילן. און פונקט ווי דער נאַצישער טעראָר האָט דאָרט דערגרייכט א פונקט פון בעסטיאַלישקייט, וואָס ער ווייזט ניט ארויס אין אנדערע לענדער, אזוי דערגרייכט אויך דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד אין פוילן א הויך, וואס מען זעט ניט אין קיין אנדער לאנד אין אייראָפּע".

איין אופן, אויף וועלכן דער אונטערגרונד דערגייט גאָר שטארק די נאַצים די יאָרן, איז דאָס פאָטאָגראפירן פון סצענעס פון נאַצישע גרויל-טאטן. די נאַצים ווילן ניט אז די דרויסנדיגע וועלט זאָל באקומען פאָ-טאָגראַפישע באשטעטיגונגען פון דערשאָסענע קינדער, פון אויפגעהאַנ-גענע, פון צעקאַליעטשעטע. פאר אזעלכע פארזוכן צו נעמען פאָטאָגרא-פישע בילדער פון נאַצישע טעראָר-אקטן האקט מען קעפּ, נאָר די אונטער-ערדישע אָרגאַניזאַציעס טראכטן אויס אלערליי געשיקטע וועגן ווי צו נע-מען פאָטאָגראפיעס ביי די נאַצים אונטער'ן נאָז.

(„בעהאינד די נאַזי פראָנט", דזשאן מ'קאטשע און ראלעי — לאָנדאָן).

קאַפּיטל 6.

דאָס גאַנצע נאָרוועגישע פאָלק באַטייליגט זיך אין דעם אונטערערדישן קאַמף

נאָר א באַזונדער קאַפּיטל איז דער קאַמף געגן די נאַצישע פאַרכאַפּער אין נאָרוועגיע. דאָ האָבן מיר פאַר זיך ניט קיין איינצעלנע גרופּן, וואָס אַרבעטן אין אונטערגרונט געגן דעם שונא, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד — טאַקע בפועל ממש דאָס גאַנצע לאַנד, איינגעשלאָסן יונג און אַלט — שטעלט אויף קיין איין מאָמענט ניט אָפּ דעם קאַמף צו שעדיגן דעם אַריינ-דרינגער און צו מאַכן אים פילן אויף יעדן מעגלעכן אופן, אַז ער איז פאַר-האַסט און פאַרשאָלטן.

אויסערלעך זעט נאָרוועגיע אויס זייער שטיל, זייער געוויינלעך, זייער רואיג, נאָר אויף וויפיל פאַרשיידענע אופנים אָט די רואיגע נאָר-וועגער האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן זייער צאָרן און פאַראַכטונג איידער זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו סאַבאָטאַזש און צו טעראָר-אַקטן.

אָט לויפן נאָך קינדער נאָך א מאַרשירנדיגן נאַצישן רעגימענט. די קינדער שרייען עפּעס אויף א קול. די נאַצים נעמען דאָס אָן פאַר א קינדערשער פרייד מיט א פאַראַד, נאָר איינער פון די נאַצים פאַרשטייט די נאָרוועגישע שפּראַך און עס ווערט אים א לאָך אין האַרצן, ווייל ער הערט ווי די קינדער שרייען: „גנבים, איר האָט צוגענומען אונזער לאַנד!"

אָט דער נאַצי איז דאָ געווען מיט 25 יאָר פריער. ער איז דעמאָלט — אין צייט פון ערשטן וועלט-קריג — דאָ געווען ביי גוטע מענטשן, וועלכע האָבן אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז ווען ער איז געווען אַן אויסגע-

WHISPERING TIMES
LANDSUTGAVE
NR. 16 SØNDAG 17 MAI 1942 1 ÅRG

א נאָרוועגישע אונטערערדישע צייטונג.

דארט פארהונגערט קליין אינגל אין דייטשלאנד. א סך נאָרוועגער האָבן דעמאָלט געבראכט צו זיך אין הויז קינדער פון דייטשלאנד און זיי דער-האלטןביים לעבן.

איצט איז אָט דער זעלבער, וועלכער האָט זיך דאָ אמאָל אָנגעגעסן, געקומען אהער אלס א קאפיטאן אין דער נאַצישער ארמיי. אמאָל האָט ער דאָ געהאט פריינט, נאָר איצט האָט ער אומעטום באגעגנט בלויז האַס און פאראכטונג.

ער קלינגט-אָן אין דער טיר פון דער וואוינונג, וואו ער האָט אין דער ערשטער מלחמה געלעבט אלס א קעסט-קינד. דער ווירט פון הויז איז שוין טויט; די באַלעבאָסטע דערזעט אים און לאָזט אראָפּ די אויגן. צווישן זיי קומט פאָר אזא געשפרעך:

— איר האָט מיך מסתמא פארגעסן, טייערע פראו רוזש, — זאָגט דער נאַצישער קאפיטאן.

— זיכער געדענק איך ווער איר זייט, — זאָגט די פרוי און קוקט אים גלייך אין די אויגן.

— איך בין געקומען . . . — זאָגט דער נאַצי.

ער וויל זאָגן עפּעס, וואס זאָל אויסנעמען ביי דער אלטער פרוי, וואס פארמאָגט אזא ליבן פּנים.

גיט די פרוי א ביטערן שמייכל און לאָזט אים מער ניט רעדן.

— איך ווייס צוליב וואס איר זייט געקומען. איר קאָנט צונעמען מיין הויז. איך וועל איינפּאקן מיינע זאכן און איך וועל אוועק פון דאַנען אין א שעה ארום. וועט דאָס ניט זיין פאר אייך קיין צו-לאנגע צייט צו ווארטן?

דער נאַצישער קאפיטאן פילט וויפיל שנאה און צאָרן עס איז דאָ אין די רייד פון אָט דער פרוי, וועלכע איז אמאָל צו אים געווען ווי א מאמע. ער דערפילט, אז זי קוקט אויף אים ווי אויף א הונט. ווי א הונט, א געשלאָגענער, טראָגט ער זיך אָפּ פונדאנען.

נאַצים גיבן אָן אָפּערע — און דער עולם שטימט מיט די פיס

אזוי ווי די דייטשע שוישפילער און זינגער פלעגן אין אמאָליגע צייטן האָבן א גרויסן דערפאָלג אין נאָרוועגיע, האָבן די נאַצים באשלאָסן צו פּרובירן זיך איינקויפן אין פריינטשאפט דורך ברענגען קיין נאָרוועגיע

א דייטשע אָפּפערע-טרופּע. די נאַצישע הענקער האָבן געמיינט, אז זיי וועלן מיט זייער „קולטור" קאָנען שאפן דעם איינדרוק, אז זיי מיינען חלילה ניט קיין בייז פאר דעם לאנד.

רעדט דער נאַצישער הויפּט פון דער אָקופּאַציע-מאכט צו די אַר-מיסטן אזוי:

— איר זייט געקומען קיין נאָרוועגיע ניט אלס געוויינלעכע געסט-קינסטלער, נאָר אלס שלאָג-ברינגאַדעס פון דער קולטור. אייער אויפגאבע פארגלייכט זיך אין באדייטונג מיט דער אויפגאבע פון די באָמבערס...

און די נאַצים האָבן טאקע געקראָגן א באָמבע צוליב אָט דער אָפּערע. פארגעקומען איז דאָס אזוי: ווען מען האָט אָנאָנסירט די פאָרשטעלונג, האָבן מענטשן זיך א לאָז-געטאָן קויפן בילעטן. די נאַצים האָבן זיך אליין ניט געריכט אויף אזא דערפאָלג. נאָר ווען מען האָט געדאַרפט ארויפ-ציען דעם פאָרהאנג אין דעם באַשטימטן אָוונט, איז אין זאַל קיין איין איינציגער מענטש ניט געווען.

אָט אזוי האָבן די נאָרוועגער ארויסגעוויזן זייער פאראכטונג צו דער נאַצישער „קולטור".

די נאָרוועגער ווייזן ארויס אויף פארשיידענע אופנים זייער פאראכ-טונג צו די ארייַנדרינגער. ווען א נאַצי קומט אריין אין א רעסטאָראַן, הויבן זיך אלע נאָרוועגער אויף און פארלאָזן דעם פּלאַץ. האָבן די נאַצים ארויסגעגעבן א באפעל אז נאָך דעם, ווי א דייטש קומט אריין אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ, טאָר קיינער ניט אוועקגיין פריער ווי א פערטל שעה נאָך דעם ארייַנקומען פון דעם דייטש. האָבן אויף דעם די נאָרוועגער גע-ענטפערט אזוי: ווען עס קומט אריין א דייטש, נעמען זיי באלד ארויס זיי-ערע זייגערס, ווארטן בלויז ביז עס גייט אריבער א פערטל שעה און פּונקט צו דער מינוט גייען זיי אלע ארויס.

נאַצים ציטערן ווען די נאָרוועגער לאכן

אין די מואווים ווייזט מען בלויז נאַצישע בילדער. זייער ווייניג נאָרוועגער גייען אין די מואווים, און אויך פון די מענטשן, וועלכע קומען אהין, האָבן די נאַצים ניט קיין נחת. איז אָט וואָס פאר א סאָרט בא-פעל עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן „געגן דעמאָנסטראַציעס" אין די מואווים:

1. מען טאָר ניט לאכן.



נאָרוועגער דעקאָרירן ביינאַכט די קברים פון אַרונטערגעשאָסענע ענגלישע פליער. די נאַציס דערשיסן פאר דעם, נאָר די נאָרוועגער טוען עס ווידער.

2. מען טאָר ניט אפּלאָדירן אומזיניג (אַפּלאָדיסמענטן ניט אין קיין פּאַסינג פּלאַץ).
3. מען טאָר ניט קלאַפּן מיט די פיס.
4. מען טאָר ניט פייפן.
5. מען טאָר ניט הוסטן.
6. מען טאָר ניט אויסליידיגן דעם האַלז.

עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א פאָראָרדענונג, אז דריי פּאָליסלייט מוזן זיין אין דער יעדער מוּאווי אכטונג צו געבן, אז אָט די כּללים זאָלן דורכגעפירט ווערן.

דער פּעריאָד פון שפּילן זיך מיט „קולטור" איז שנעל אריבער. די נאַצים האָבן גענומען ארויסווייזן אויף וואָס זיי זיינען פייאיג. מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן מענטשן פון די בעטן און זיי פארשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מען האָט געמאַכט א פּאָגראָם אויף די יוניאָנס; מען האָט גענומען פארשלעפּן יונגע מיידלעך און מען האָט ארויסגעגעבן א באַפעל צו דער נאָרוועגישער פּאָליציי „ניט ארייינצומישן זיך ווען מען הערט, אז א פרוי שרייט און בעט הילף ערגעץ אין א פינסטערער גאַס".

איז דען א וואונדער וואָס דער צאָרן פון די נאָרוועגער איז געשטיגן אַלץ מער און מער ביז יעדער איינער איז געוואָרן א געשוואָרענער שונא פון די ארייינדרינגער — גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן, אבי פון דעם שונא נקמה צו נעמען.

דער חזיר וועט ארויסגעטריבן ווערן

אויף אַלע ווענט האָבן זיך באַוויזן דריי בוכשטאַבן ס. ס. י. — דאָס זיינען די איניציאַלן פון דריי נאָרוועגישע ווערטער, וואָס באַדייטן: „דער חזיר וועט ארויסגעטריבן ווערן".

דערנאָך האָט מען גענומען איבערשניידן מיליטערישע דראָטן. עטלעכע נאַצישע שיפן האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן. עס זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן מיט דער פּאָליציי אין די גאַסן פון נאָרוועגישע שטעט. די לאַגע איז געוואָרן ערנסטער פון טאָג צו טאָג.

די נאַצים האָבן געענטפערט מיט נאָך א גרעסערן טעראָר. מען האָט אָנגעהויבן דערשיסן משכּנות. מען האָט אָנגעהויבן וואַרפן טויזנטער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אין א רעדע אין אָסלאָ, אין אָקטאָבער, 1941, האָט דער נאַצישער

באַלעבאָס איבער דער ציווילער באַפעלקערונג פון נאָרוועגיע, טערבאָווען, געמאַכט די פאָלגנדיגע דערקלערונג:

„דייטשלאַנד וועט זיך ווייניג וואָס נעמען צום הארצן אויב טויזנטער, אָדער צענדליגער טויזנטער פון נאָרוועגישע מענער, פרויען און קינדער וועלן אין צייט פון דער מלחמה אויספּרירן, אָדער אויסגיין פון הונגער“.

נאַצישער קאָמענדאַנט צווינגט נאָרוועגישע פּאַטריאָטן אויפצוהויבן באָמבעס

די סאַדיסטישע נאַצישע בעסטיעס האָבן אַלע מאָל צוגעטראַכט נייע מיטלען ווי צו פּייניגן די באַפעלקערונג פון דער פאַרשקלאַפּטער נאָרוועגיע. און אָט צו וואָס זיי האָבן זיך ענדלעך דערטראַכט. נאָך דעם, ווי עס איז פאָרגעקומען א באָמבע-אַטאַקע, וואָס ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן דורכגעפירט אויף א נאָרוועגישער אַלימינום-פאַבריק אין האיאַנגער, האָט מען געפונען פיר ניט-אויפגעריסענע באָמבעס. דער נאַצישער קאָמענדאַנט האָט ארויסגעגעבן א באַפעל, אַז 10 פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט זאָלן אויפהויבן אָט די באָמבעס און זיי צעשטערן. זיין באַפעל איז באַגלייט געוואָרן מיט פאָלגנדיגן ציניש אויסרוף:

— איר האָט סיי ווי ניט וואָס צו פאַרלירן.

ערשט דערנאָך האָט מען די 10 אָפּגעשיקט אין א קאָנצענטראַציע לאַגער.

דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געבראָכן דעם ווילן פון דעם נאָרוועגישן פאָלק. פאַרקערט, דער ווידערשטאַנד, וואָס איז פריער ארויסגעוויזן געוואָרן צו די אריינדרינגער, איז געוואָרן נאָך א סך שטאַרקער. ווען די גלות-רעגירונג האָט געזוכט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען אויף איינצושטעלן א צענטער פאַר אָרגאַניזירטער אונטערערדישער ארבעט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ניט מיט באַזונדערע גרופּן וועט אויסקומען צו האַנדלען, נאָר מיט דעם גאַנצן פאָלק, ווייל ניט-אָרגאַניזירטערהייט האָט יעדער איינער זיך געשטעלט אין די רייען פון א ניט-זיכטבאַרער ארמיי צו קעמפן געגן די נאַצישע מערדער, פּלינדערער און שענדער.

זעלבסטמאָרדן און משוגעת צווישן די אָקופּאַנטן

אויף צו האַלטן אין קיים דאָס פאָלק פון נאָרוועגיע האָט היטלער באַשטימט דעם גענעראַל פאַן פאַלקענהאָרסט. דאָס איז א מיליטאַריסט,

וואָס שטאַמט פון א משפּחה מיליטאַריסטן. ווי די מערסטע דייטשע גע-נעראַלן באַציט זיך פאָלקענהאָרסט מיט פאראכטונג אפילו צו דער דייטשער ציווילער באַפעלקערונג און אודאי באַציט ער זיך ציניש צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון א פאַרכאַפּט לאַנד.

דער גענעראַל און זיינע סאָלדאַטן, וואָס זיינען איינקוואַרטירט אין נאָרוועגיע, געדענקען זייער גוט דעם פאַקט, מיט וועלכן מען האָט זיך אַזוי געהאַט באַרימט אין דייטשלאַנד, אז היטלער האָט געהאַט אין נאָרוועגיע 50,000 פינפטע-קאָלומניקעס, וועלכע האָבן געמאַכט אַזוי לייכט פאַר די אַריינדרינגער צו פאַרכאַפּן נאָרוועגיע. ווייסן אָבער אָט די אַריינדרינגער אַז איצט האָבן זיי נעגן זיך דריי מיליאָן מענטשן, וועלכע זיינען אַלע פאַר ענגלאַנד און פאַר די פאַרבינדעטע פעלקער. דאָס איז א מעכטיגער פינפטער קאָלום. אויב 50,000 האָבן געקאָנט אָנטאָן אַזויפיל שאָדן דעם אייגענעם לאַנד, טאָ וואָס וועלן אויפטאָן אין א מאָמענט פון אַן אַליאירטער אינוואַזיע אָט די דריי מיליאָן, וועלכע זיינען א פינפטער קאָלום געגן די נאַציס? ווייסן די אַריינדרינגער, אַז אין אַזא מאָמענט וועלן זיי אויסגעשטיקט ווערן ווי ראַצן.

די אַריינדרינגער זיינען דערפאַר אין טויטלעכער שרעק פאַר דעם



אויפשריפט אויף א וואַנט אין נאָרוועגיע: די דייטשן טרייבן אונז צו הונגער.

טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט פון זיי נעמען נקמה.

פאָן פאַלקענהאָרסט פּרובירט פאַרדעקן זיין שרעק, וואָס לאָזט אים ניט צורו, נאָר אין צוויי פון זיינע געהיימע באַפעלן, וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין די הענט פון א גרופּע ענגלישע „קאָמאַנדאָס", וועלכע זיינען איבערגעפאַלן די לאַפּאָטען אינזלען לעבן נאָרוועגיע, האָט דער נאַצישער מיליטערישער דיקטאַטאָר איבער נאָרוועגיע צווישן אנדערעס געשריבן אזוי: „אַלע נאָרוועגישע אָרגאַניזאַציעס און פּארטייען און, ספּעציעל, די פארטרעטער פון די גרויסע געשעפטן און פון דער אינדוסטריע — זיינען פארבליבן ווי פריער פּראָ-בריטיש און נעגען אונז". דער גענעראַל האָט אויך געשריבן, אז „מען זעט, אז דער גייסט און די באַציאונג פון דעם נאָרוועגישן פאָלק באַצייכענען לעצטנס א פארשטאַרקטן ווידערשטאַנד צו אונזערע איינפירונגען".

אָבער דער גענעראַל איז דאָך ניט דער איינציגער, וואָס זעט און אנערקענט אָט דעם ווידערשטאַנד פון דעם גאַנצן נאָרוועגישן פאָלק. דאָס פילן דאָך אויך זיינע סאָלדאַטן און זיינע אָפיצערן. זיי פילן און עס ציטערט אויף זיי זייער פעל. פאָן פאַלקענהאָרסט האָט אויף זיך די שווערע אויפגאַבע ניט בלויז צו קאָנטראָלירן און דערשטיקן דאָס נאָרוועגישע פאָלק, נאָר צו קאָנטראָלירן און האַלטן אין צוים זיינע אייגענע סאָלדאַטן, וועלכע ווערן שוידערלעך דעמאָראַליזירט צוליב דער מורא, וואָס לאָזט זיי ניט אָפּ אויף קיין איין מינוט. דער גענעראַל האָט צוגענומען ביי די סאָלדאַטן די פּריווילעגיע, וואָס זיי האָבן פריער געהאַט, זיך צוצוהערן צו אויסלענדישע ראַדיאָ-פּראָגראַמען. דער גענעראַל האָט אויסגעפונען דורך זיינע געהיימע אגענטן, וואָס שפּירן נאָך די דייטשע סאָלדאַטן און אָפיצערן, אז אנשטאָט זיך צוצוהערן צו די באַריכטן פון בערלין, הערן די סאָלדאַטן זיך נאָר צו צו דער ראַדיאָ-פּראָגראַם פון לאָנדאָן. דאָס איז שוין געפערלעך, ספּעציעל ווען די סאָלדאַטן זיינען אזוי דעגענערווירט פון דעם צושטאַנד פון האַס און אָפּאָזיציע, וואָס זיי באַגעגענען אויף יעדן שריט אין נאָרוועגיע.

דער גענעראַל איז געגאַנגען אפילו אזוי ווייט, אז ער האָט ארויסגעגעבן א באַפעל אז די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך ביים בויען א געוויסע פעסטונג, טאָרן ניט רעדן מיט די נאָרוועגישע ארבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט ביים בויען אָט די פעסטונג.

דער נאַצישער גענעראַל האָט ניט אומזיסט געהאַט אזוי ווייניג צו-

טרוי צו זיינע סאָלדאַטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן אָנגע-הויבן מאַכן דעפּאָזיטס אין די נאָרוועגישע באַנקען אַנשטאָט אָפּצושיקן זייער געלט קיין דייטשלאַנד. פאָן פאַלקענהאָרסט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די נאָרוועגישע באַנקען אַז זיי זאָלן ניט אָננעמען קיין דעפּאַ-זיטס פון דייטשע סאָלדאַטן.

די געשיכטע מיט די דעפּאָזיטס און מיט דעם אומצוטרוי צו די דיי-טשע באַנקען איז אָבער געווען ערשט אַן אָנהויב פון די צרות, וואָס דער גענעראַל האָט פאַר זיך געהאַט. אין יוני, 1941, איז געקומען אַן אָפּע-נער אויפשטאַנד פון די סאָלדאַטן אין דעם פאָרט פון קוואַרווען לעבן דער שטאָט בערגען. ווען דער גענעראַל איז אין דער באַגלייטונג פון זיינע אַדיוטאַנטן אַריינגעקומען אין דער קאַזאַרמע, האָבן די סאָלדאַטן אָנגע-הויבן שיסן אויף זיי. איינציגע אָפיצערן זיינען דערהרג׳עט געוואָרן. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן. פאָן פאַלקענהאָרסט האָט מיט אַ בייטש געפּאַסעוועט די סאָלדאַטן, וואָס האָבן רעוואָלטירט. ס׳אַראַ באַ-לערנדיגע און ספּעקטאַקולערע געשיכטע דאָס איז געווען. פאַר דער וועלט האָט מען דערקלערט אויף מאָרגן, אַז עס איז געווען אַ נאַכט-איבערפאַל פון ענגלישע קאָמאַנדאָס און אַז די אָפיצערן, פאַר וועלכע מען האָט גע-מאַכט אַ לויה, זיינען געפאַלן „ביים אויספילן זייערע פליכטן״.

נאָך דעם דערשטיקטן אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון דעזערטירעריי. דאָס איז געווען ספּעציעל דער פאַל, ווען אַ טייל פון דער אָקופּאַציע-אַרמיי איז באַשטימט געוואָרן צו גיין צום סאָוועטישן פראָנט. עס זיינען אויך געווען אַ סך פאַלן פון זעלבסטמאָרד. די דעזערטירעריי איז געוואָרן אַזאַ אָפּטע דערשיינונג, אַז פאָן פאַלקענהאָרסט האָט זיך גע-פונען געצוואונגען דאָס צוגעבן אין דער עפנטלעכקייט, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן דעם פאָלגענדיגן באַפעל:

„מיט דעם ווערט געמאָלדן אַז קיינער האָט ניט קיין רעכט צו העלפן דייטשע דעזערטירער דורך געבן זיי אַ נאַכטלעגער, שפּייז, אַ מלבוש, אָדער וועלכע ניט איז אַנדערע הילף. ווער עס געפינט אויס אַזעלכע דעזערטירער, מוז וועגן דעם באַלד מעלדן דער פּאָליציי. ווער עס וועט ניט אויספאָלגן אָט דעם באַפעל, וועט געבראַכט ווערן פאַר אַ דייטשן קריגס-געריכט און וועט באַשטראָפט ווערן לויט די דייטשע געזעצן״.

די נאָרוועגער ווייסן גוט, אַז דאָס מיינט טויט-שטראָף, טאָ וואָס באַ-

וועגט זיי צו געבן הילף צו די, וועלכע האָבן זיך אריינגעריסן צו זיי אין לאנד אויף צו פארשקלאפן די באפעלקערונג? דער ענטפער איז א פשוטער: די נאָרוועגער זיינען גרייט צו טאָן אלץ אין זייערע כוחות צו העלפן די ענגלישע קאָמאנדאָס און ענגלישע פאראשוטיסטן, וואס לאנדן אין נאָרוועגיע, ווייל די געלאנדעטע קומען דאָך אויף צו ברענגען דער־לייזונג צו נאָרוועגיע. ווען א נאציישער דעזערטיר קאָן זאָגן עטלעכע ווערטער אין ענגליש, קריגט ער שפייז און א צימער אויף איבערצונעכ־טיגן און מען באהאלט אים אויס, נאָר ווי און ווינד איז אים, אויב ער קאָן זיך ניט פאָרשטעלן אלס אן ענגלענדער, אָדער אויב מען געפינט אויס, אז ער האָט אפּגענארט און ער איז נאָר א דייטש.

און ווייל דער גענעראל פאָן פאלקענהאָרסט ציטערט פאר דער אָרטי־גער באפעלקערונג, און ווייל ער איז ניט זיכער מיט די אייגענע סאָלדאטן, שרעקט ער זיך שוין פאר יעדן שאָטן און ווילדעוועט דערפאר נאָך מער אין דעם אָקופּירטן לאנד. די אריינדרינגער זיינען ניט נאָר שכור פון בלוט, זיי זיינען ניט נאָר סאדיסטן, וואס האָבן ניט קיין שום אָפּשיי פאר מענטשלעכע לעבנס, נאָר זיי זיינען אויך משוגע פון שרעק פאר דעם גורל, וואָס דערווארט זיי ווען דאָס פאָלק וועט זיך אויפהויבן צו נעמען נקמה, און דערפאר ווילדעוועט זיי נאָך מער כל זמן זיי זיינען די, וואס קאָנען ארויסגעבן די באפעלן. און זייערע באפעלן פירן זיך צו צו איין וואָרט: — שיס!

דער פּראָפעסער פון בוך „אָנדערגראונד יוראָפּ", וואס דערציילט וועגן העלדישן קאמף פון די נאָרוועגער און פון אנדערע פעלקער, אויף וועלכע די נאציס האָבן ארויפגעשטעלט זייער קנאפל, פאַרענדיגט זיין קאפּיטל וועגן די נאָרוועגער מיט פאָלגנדיגער באהויפּטונג:

„עס איז ניט געווען קיין זין און קיין לאָגיק אין דעם פאקט, וואָס די, וועלכע זיינען געווען אונטערדריקט, פארשפּארט אין טור־מעס, פארפאָלגט און הינגעריכטעט — אז גראד זיי זאָלן גיין מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ, בשעת די, וועלכע האָבן געהערשט אי־בערן לאנד, זאָלן באגיין זעלבסטמאָרד.

„עס האָט אויסגעקוקט אומפארשטענדלעך, ניט לאָגיש — ווי עס איז אָט דאָס גאנצע אומפארשטענדלעכע לאנד".

אויף אָט אזא ווידערשטאנד האָבן די נאציס זיך ניט גערעכנט. קוויז־לינג האָט טאקע פאר זיי געעפנט די טויערן פון דעם לאנד, נאָר די הער־

צער פון דעם פאָלק זיינען פאַרבליבן פאַרשלאָסן אויף טויזנט רינגלען. צו אַט די הערצער קאָנען די באַצווינגער ניט צוקומען. אין אָט די הער־צער ברענט א פייער פון צאָרן און עס ווערט אַלץ שטאַרקער דער ווילן צו נעמען נקמה פון דעם שונא.

דער קאַמף אין נאָרוועגיע צו ראַטעווען די קינדער פון נאַצישן סם

ווי אין אַלע אָקופּירטע לענדער, זוכן די נאַצים מיט אַלע מעגלעכ־קייטן אויך אין נאָרוועגיע צו פאַר׳סמ׳ען די מוחות פון די קינדער מיט זייער נאַציש מענטשן-פרעסערישן גייסט. דאָס ווערט געטאָן דורך צווינ־גען די לערער צו דערציילן די קינדער, אַז שולדיג אין אַלע אומגליקן זיינען אידן, אַז „די דייטשן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק און אַז פעלקער דאַרפן דינען דעם „הערן-פאָלק" און דאַנקען די דייטשן פאַר זייער „שוץ".

די נאָרוועגישע באַפעלקערונג און די שול-לערער האָבן צעוויקלט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף געגן אָט דעם פאַרזוך צו פאַר׳סמ׳ען די מוחות פון די קינדער. אין יאַנואַר היי-יאָר איז קיין וואַשינגטאָן געקומען א נאָרוועגישער לערער, וועלכער האָט זיך ארויסגעריסן פון היטלער׳ס טור־מע. נאָרוועגישע באַאַמטע אין וואַשינגטאָן דערקלערן, אַז אָט דער לע־רער איז דער ערשטער, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון נאָרוועגיע. זיין נאָמען איז האַראַלד לענד. ער איז 31 יאָר אַלט. ער איז געווען א לערער פון שפּראַכן אין א נאָרוועגישער שול פון צווייטן ראַנג אין א שטעטל אין דרום נאָרוועגיע.

ער דערציילט, אַז אין מערץ, 1942, זיינען אַרעסטירט געוואָרן 1,400 לערער און די שולן זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אויף א חודש צייט אַלס א שטראָף פאַר דער געגנערשאַפט צו די נאַצישע פּלענער. ווען דער חודש איז אַריבער, זיינען אָבער די שולן ניט געעפנט געוואָרן, ווייל די מערסטע לערער זיינען נאָך אַלץ געווען אין טורמע. ענדלעך האָבן די שולן זיך געעפנט אין אויגוסט, נאָר עס זיינען געקומען זייער ווייניג שי־לער. אין דעצעמבער זיינען אַלע שולן ווידער געשלאָסן געוואָרן.

דער אַנטלאָפענער לערער דערציילט, אַז עס ווערן אָנגעפירט געהיימע שולן. לערער שטעלן איין זייער לעבן און זעצן פאָר צו אונטעררריכטן קינדער אין קעלערן און אין אַנדערע פאַרבאָרגענע פּלעצער. ער האָט אויך דערציילט וועגן די אונטערערדישע צייטונגען, וואָס גייען ארויס אין נאָר־

וועגיע און וועגן דעם פארצווייינגטן אונטערערדישן קאמף, אין וועלכן עס באטייליגט זיך דאָס גאנצע נאָרוועגישע פאָלק.

די נאָרוועגער ענטפערן מיט טעראָר אויף טעראָר

די „אָווערסים ניוס עידזשענסי" האָט דעם 14-טן פעברואר, 1943, באריכטעט וועגן 13 נאָרוועגער אין עלטער צווישן 20 און 30 יאָר, וועלכע זיינען פאראורטיילט געוואָרן צום טויט פאר „לערנען זיך ווי זיך צו באַניין מיט האנט-געווער".

די נאַצים האָבן ביים משפט דערקלערט, אז ענגלאנד ווארפט אראָפּ מיט דער הילף פון פאראשוטן געווער צו די נאָרוועגער.

אויף ווי ווייט עס ציטערט די הויט אויף די פארדעטער אין די אָקופּירטע לענדער קאָן מען אורטיילן פון דער נייעס, וואָס די „יונאַיטעד פּרעס" האָט איבערגעגעבן דעם 14-טן פעברואר, 1943, אז צו געבעלסעס פרוי זיינען געקומען „צו-גאַסט" די פרויען פון עטלעכע קוויזלינגס, צווישן זיי די פרוי פון דעם קוויזלינג פון נאָרוועגיע און אויך די פרוי פון מוּסערטן אין האָלאנד.

אינטערעסאנט איז אָבער, אז די „געסט" זיינען אויפגענומען געוואָרן פון דער געבעלסיכע ניט ביי איר אין דער היים, נאָר אין דעם מאַיאָנטעק פון דעם געשטאַפּאָ-טשיף, הימלער, אין בייערן.

אָט דער מאַיאָנטעק איז אַן אמת'ע פעסטונג מיט קאַנאָנען-נעסטן און אנדערע פאָרטיפיקאַציעס, צווישן וועלכע עס געפינען זיך „קאַטעדזשעס" מיט ווענט, וואָס זיינען דריי פוס די דיק.

דעם 14-טן פעברואר היי-יאָר איז אין טראמסאָ, נאָרוועגיע, אויפגעריסן געוואָרן אַ שווימענדיגער שיפן-באַסיין, וואָס איז פאר די נאַצים געוועזן פון גאָר גרויסער וויכטיגקייט פאר זייערע פלאָטן-טיילן, וואָס אָפּעריִרן אין צפון-אַטלאַנטיק.

די גרעסטע עלעקטרישע סטאַנציע אין לאַנד איז אויפגעריסן געוואָרן פון נאָרוועגישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געוועזן אָנגעטאָן אין ענגלישע מונדירן. די סאָלדאַטן זיינען ווארשיינלעך אראָפּגעלאָזט געוואָרן דורך פאראשוטן. די אויפגעריסענע סטאַנציע אין רזשוקאַן האָט באַזאָרגט קראַפט פאר די כעמישע אינדוסטריען, וואָס זיינען מערסטנס פארנומען מיט דער פּראָדוקציע פון אויפרייס-שטאָפן פאר דער נאַצישער מלחמה-מאַשין.



אַ קאָנצענטראַציע לאַגער אין נאָרוועגיע.



אויפשריפט אויף אַ וואַנט: נידער מיט קוויזלינגן!

די, וועלכע האָבן אויפגעריסן די עלעקטרישע סטאַנציע, זיינען ווי אין וואסער אריין. אלע פארזוכן פון דער פּאָליציי אויסצוגעפינען די שולדיגע, זיינען געבליבן אָן רעזולטאַטן. ווי אין אלע אנדערע פאלן פון סאבאָטאזש — קאָנען די געזוכטע זיך אויסבאהאלטן, ווייל די גאנצע באַ-פעלקערונג באשיצט זיי נעגן דער פּאָליציי.

און וויפיל די נאַצים זאָלן ניט ווילדעווען, שטעלט עס אלץ ניט אָפּ די נאָרוועגישע באפעלקערונג פון ארויסווייזן א ווידערשטאַנד צו די ארייננדרינגער. אין די ערשטע צוויי וואָכן אין מערץ היי-יאָר (און דאָס איז שוין באלד פיר יאָר זינט די נאַצים זיינען אריין קיין נאָרוועגיע) זיי-נען די סאבאָטאזש-אַקטן געוואָרן גאָר שטארק, ווי עס האָט באריכטעט אָן „אסאָשיעיטעד פּרעס״ נייעס-מעלדונג פון סטאָקהאָלם דעם 18-טן מערץ.

דער זעלבער נייעס-באריכט האָט דערציילט, אז אין טראנדהיים, נאָר-וועגיע, האָבן די נאַצים אין די ערשטע וואָכן פון חודש מערץ געכאַפּט נאָך 300 משכנות, צווישן וועלכע עס געפינען זיך זייער פּראָמינענטע נאָרוועגער.

דאָס איז די בעסטע באשטעטיגונג, אז די נאַצישע פארכאַפּער האָבן ניט באוויזן צו צעברעכן דעם מוט פון דעם נאָרוועגישן פאָלק, וואס האלט אָן דעם קאמף נעגן די ארייננדרינגער, פּונקט ווי די נאָרוועגער פירן אָן אומדערמידלעכן קאמף נעגן די איינענע קוויזלינגס, וואס זוכן מיט אלע מעגלעכקייטן צו מאכן לייכטער פאר די היטלעריסטן צו פארשקלאַפן נאָרוועגיע.

דעם 28-טן מערץ היי-יאָר האָט די מאָסקווער ראדיאָ איבערגענעבן די נייעס וועגן דעם אז די נאָרוועגישע פּאַטריאָטן האָבן אויפגעריסן די הויפּט-קוואַרטיר פון א נאַצישער אָרגאַניזאַציע לעבן אָסלאָ. 14 נאַצים זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן. צווישן זיי איז אויך געווען דער הויפּט פון דער היטלערישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע.

דערזעלבער באריכט האָט אויך דערציילט אז די פּארטיזאַנען האָבן אין דעם זעלבן טאָג פארניכטעט 6 נאַצישע טראָקס און צעשטערט א סך בוי-מאַטעריאַלן.

די ווייט-פארשפּרייטע סאבאָטאזש-אַקטן אין פרילינג היי-יאָר האָבן פאראורזאכט דאָס זינקען פון א נאַצישער טרופּן-שיף לעבן טראנדהיים,

ווי עס האָט באַריכטעט די נאָרוועגישע גלות-רעגירונג אין די לעצטע טעג פון מערץ.

דער זעלבער באַריכט גיט אויך איבער, אַז די נאַצים האָבן גענומען דורכפירן מאַסן-אַרעסטן אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַרשטאַרקטן סאַבאָ-טאַזש. בשעת די געשטאַפּאָ-אַגענטן האָבן געהאַלטן אין אַרעסטירן אַ צאָל סטודענטן אין דער טעכנישער הויך-שול אין טראָנדהיים, האָבן די סטודענטן אָנגעהויבן שיסן אויף די נאַצים. די נאַצים האָבן געענטפערט מיט פייער און אַ צאָל סטודענטן און אַ פּראָפעסאָר זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

קוויזלינג איז פאַרהאַסט און ער ציטערט פאַר זיין פאָלק

אויב עס איז נאָך מעגלעך צו האַסן מער, ווי די אונטערדריקטע פעלקער האַסן די נאַצים, איז דאָס דער ביטערער, גרעניצלאָזער האַס, וואָס זיי פילן צו די פאַררעטער אין די אייגענע רייען.

אין נאָרוועגיע איז דער פאַרראַט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אָפּע-נעם און פרעכן אופן. מען האָט די נאַצישע סאָלדאַטן געפירט אויף נאָר-וועגישע באַנען אַלס „טוריסטן", ווייסנדיג אַז זיי קומען אַריין צו פאַר-כאַפּן דאָס לאַנד. מען האָט פאַר די נאַצים געמאַכט מעגלעך אַריינצופירן זייערע שיפן אין די נאָרוועגישע פּאָרטן.

דאָס איז געווען די אַרבעט פון דעם אינערלעכן „פינפטן-קאָלום", וואָס איז דאָ צוגעגרייט געוואָרן פון די נאַצים. אין ערגעץ האָט אָט דער פינפטער קאָלום און געאַרבעט אַזוי געטריי.

די נאַצים האָבן אויסגעגעבן גענוג געלט אויף אויפצובויען אַזעלכע „פינפטע-קאָלומס", ווייל זיי האָבן אויסגערעכנט אַז עס וועט זיך זיי גוט באַצאָלן. די נאַצים האָבן ספּעציעל זיך געשאַרפט די ציין אויף דעם נאָרוועגישן אייזן-ערץ. אין 1939 האָט נאָרוועגיע פּראָדוצירט 2,750,000 טאָן אייזן. אָט וואָס די נאַצים האָבן געוואָלט — אייזן און, נאַטירלעך, אויך די אַלע אַנדערע רייכטימער, וואָס נאָרוועגיע האָט פאַרמאָגט.

איז וואָס האָט דאָ געשפּילט פאַר אַ ראָל דאָס געלט, וואָס מען האָט אויסגעגעבן אויף אויפצובויען אַ קוויזלינג-גרופּע און אויפהאָדעווען אַ קוויזלינג!

דער טאַטע פון אַלע קוויזלינגס — דער נאָרוועגישער פאַררעטער, וועמעס נאָמען עס איז געוואָרן אַ צונאָמען פאַר אַלע פאַרקויפטע נשמות, — אָט דער קוויזלינג ציטערט פאַר זיין לעבן. דעם ערשטן פעב-

רואר, 1941, איז ער מיט דעם גנאָד פון די נאַצים געוואָרן דער פּרעמיער פון נאָרוועגיע. עס איז דורכגעפירט געוואָרן א פּאַראַדנע צערעמאָניע, ביי וועלכער קוויזלינג האָט אין דייטש דערקלערט, אַז די נאַצים ווייזן אַרויס די טיפסטע פאַרשטענדעניש פאַר די פאַרלאַנגען פון ד'עם נאָרוועגישן פאָלק". דערנאָך האָט ער אין נאָרוועגיש דערקלערט, אַז זיין פאָלק איז פשוט גליקלעך צו העלפן אין דעם קאַמף געגן ענגלאַנד, אַמעריקע, סאָוועטן-רוסלאַנד און די „אינטערנאַציאָנאַלע אידן." נאָר כאָטש ער האָט פאַרזיכערט, אַז זיין פאָלק איז גליקלעך, האָט ער אבער מורא געהאַט זיך צופיל פאַרלאָזן אויף אָט דעם „גליקלעכן" פאָלק. קוויזלינג איז געווען ארומגערינגלט פון נאַצישע באַיאָנעטן און פון א מחנה אַגענטן פון דער דייטשער געשטאַפּאָ.

צוויי מאָל זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו טויטן אָט דעם פאַררעטער.

וואָס ווייטער איז אָבער אַלץ מער געוואַקסן די שנאה פון דעם נאָרוועגישן פאָלק צו די פאַרכאַפּער און צו די אייגענע לאַקייען וועלכע שטייען אין דינסט פון די פאַרהאַסטע אַריינדרינגער. דאָס וואַרפט די קוויזלינגס אין היץ און אין קעלט, ווייל זיי ציטערן פאַר דעם טאָג פון רעכענונג.

קוויזלינג באַהאַלט זיך אין א פעסטונג הינטער מאַשין-ביקסן

ווען דער פאַרהאַסטער קוויזלינג האָט דערזען ווי זיינע מיניסטאָרן ווערן דערשאָסן, ווען ער האָט דערפילט דעם טעם פון א פּאָר אַטענטאַטן אויף זיין לעבן, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז אָננעמען אַלע מיטלען זיך צו באַשיצן געגן דעם צאָרן פון דעם פאָלק. קוויזלינג האָט פאַר זיך אויפגעבויט א פעסטונג, וואָס איז ענלעך אויף היטלער'ס געביידע אין בערכטעסגאַדן. קוויזלינג'ס פעסטונג געפינט זיך לעבן אָסלאָ, איז באַוואַכט פון 150 גוואַרדייער און פון מאַשין-ביקסן, ביי וועלכע די שיסער שטייען 24 שעה אין מעת לעת.

אָט וואָס עס דערציילט א נאָרוועגער, וועלכער איז געווען זייער נאָענט צו קוויזלינגען און האָט גלייכצייטיג אָנגעפירט אונטערערדישע אַרבעט און איז דערנאָך אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, (דער באַריכט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער „יונאַיטעד פּרעס" דעם 23-טן יאַנואַר, היי-יאָר). קוויזלינג איז א דערשראָקענער און אויסגעמאַטערטער מענטש, וועלכער האַלט אין איין ציטערן פאַר דעם, אַז מען קאָן אויף אים אָנ-

פאַלן. ער פירט מיט זיך א סך וועכטער, ווען ער פאָרט ערגעץ.

מורא-האָבנדיג אז מען קען קאן אים פאַר׳סמ׳ען, טרינקט ער ניט קיין זאך און עסט גאָר ניט ביז עס ווערט ניט פריער פארזוכט פון עמיצן. א חוץ דעם, וואס ער האָט אין זיין פעסטונג אָוועקגעשטעלט מאשין-ביקסן, האָט ער דאָרט אויך אנטי-עראָפּלאַן קאַנאָנען. זיין פעסטונג, וואס באַשטייט פון 46 ציפערן, פארמאָגט וועגט, וואס זיינען געזיכערט געגן קוילן. אמאָל איז דאָ געווען א מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציע און איצט זיצט דאָ אונטער די באפעסטיגטע ווענט דער ארכי-פאַררעטער. אפשר איז אין דעם אויסוואל פון דעם פּלאַץ דאָ א געוויסער סימבאָל, ווייל קוויזלינג דאַרף האַלטן אין איין נאָכפאָלגן וואוהין בלאָזן די פּאָליטישע ווינטן. און ווי און ווינד וועט אים זיין, ווען די ווינטן וועלן אָנהויבן בלאָזן געגן היטלער׳ן.

יאָ, קוויזלינג האָט דאָ אויך אן אייגענע אבסערוואַטאָריע, וואו ער פארברענגט א סך צייט און קוקט אויף די שטערן.

קוויזלינג האָט זיין באַפעסטיגטן פּאַלאַץ אויסגעשטאַטעט מיט זעל-טענע בילדער און ווערטפולע ביכער, וואס ער האָט אָנגעראַבעוועט ביי נאָרוועגישע פּאַטריאָטן, וועלכע ער האָט אָפּגעראַמט פון וועג. 200 אר-בעטער האָבן געטאָן געצוואונגענע ארבעט ביים איבערבויען די מעטעאָ-ראָלאָגישע סטאַנציע אויף צו פארוואַנדלען זי אין א באַפעסטיגטן פּאַ-לאַץ פאַר קוויזלינג׳ן.

זיצט ער דאָרט, דער פאַררעטער, ארומגערינגלט מיט פּראַכטפולע בילדער און מיט זעלטענע ביכער, און קוקט אויף די שטערן, נאָר עס גייט אים ניט אין זיין רייכטום, ווייל ער ווייסט, אז זיין לעבן הענגט אויף א האָר, ווייל א גאַנץ פּאָלק זוכט א געלעגנהייט זיך נוקם זיין אין אים.

קאַפּיטל 7.

די נאַציס האָבן מורא צו גיין אַליין אין די גאַסן פון דענמאַרק

דענמארק איז א קליין לאנד, נאָר צרות טוט מען דאָרט אָן די נאַציס זייער א סך.

אָט איז א מוסטער פון דעם, ווי די באפעלקערונג פון דענמארק דערגייט די נאַציס די יאָרן.

אין א געוויסן טאָג האָט די געשטאַפּאָ-אַגענטור אין דענמארק פּלוצ-לונג אריינגעקראָגן א צאָל באריכטן וועגן א פארצווייגטער טעטיגקייט פון אנטי-נאַציס. עס זיינען אָנגעגעבן געוואָרן די נעמען און אדרעסן פון די שולדיגע. די געשטאַפּאָ האָט זיך ארויסגעלאָזט אויף א געיעג. די נאַציס האָבן זיך דערפרייט, אז זיי האָבן אויסגעראַמט א נעסט פון הונ-דערטער געגנער, נאָר ארויסגעוויזן האָט זיך, אז זיי האָבן ארעסטירט א גאַנצע דענישע קוויזלינגס (פאררעטער), וואס האָבן אויף דעם מוסטער פון דעם נאָרוועגישן קוויזלינג זיך געשטעלט אין דינסט פון דעם שונא פון דעם לאנד.

אין דענמארק ווערט פראַקטיצירט די סיסטעם פון „טשעין לע-טערס" — פון בריוו, וואס גייען פון האנט צו האנט. אזוי ווי עס איז איינגעפירט א שטרענגע צענזור, גייען די בריוו ניט דורך פּאָסט, נאָר מען גיט זיי איבער איינער דעם צווייטן ווען מען דריקט זיך די הענט. אין די בריוו ווערן אָנגעגעבן אָנווייזונגען ווי צו באהאנדלען די „געסט".

מען מיידט אויס די אריינדרינגער ווי קרעציגע; קיינער ענטפערט ניט, אויב מען פרעגט עפּעס אויף דייטש.

נאָר א סך יונגע מענטשן ריזיקירן ממש מיט זייער לעבן און לויפן קיין ענגלאנד אַנצושליסן זיך דאָרט אין דעם לופט-פלאָט, כדי צו קאָנען קעמפן געגן די פארשקלאפער פון זייער לאנד. די געשיכטע פון יעדן איינציגן פון אָט די אנטלאָפענע איבערשטייגט די גרעסטע פאנטאזיע, נאָר אזוי ווי עס קאן שטעלן נאָך אין א גרעסערער געפאר די, וועלכע האָלטן ערשט איצט אין אנטלויפן, איז בעסער ניט אָנצוגעבן די איינצעלהייטן

אין דענמארק זיינען א סך נאַצישע שפּייז-סקלאדן אוועק מיט׳ן רויך און מען האָט ניט געכאפּט די אונטערצינדער.

די ערד הויבט-אָן ממש ברענען אונטער די פיס פון די נאַצישע אָקופּאנטן.

עס איז שוין דערגאנגען צו דעם, אז אין דענמארק האָבן די נאַצים געפונען פאר נויטיג ארויסצוגעבן א געהיימע פאראָרדענונג צו די סאָלדאטן ניט צו גיין איינער אליין אין די גאסן. אין דעם באפעל ווערט געזאָגט, אז מען זאָל זיך היטן אויף יעדן שריט, „ווייל די איינוואוינער פון דענמארק זיינען די פּאַליאַקן פון מערב".

סאבאטאזש-אַקטן האַלטן אָן א גאנצע צייט זינט דענמארק איז אָקופּירט געוואָרן. כאָטש דאָ האָבן די נאַצים צוליב זייערע אייגענע חשבונות געהאנדלט פארהעלטנישמעסיג ניט אזוי ברוטאל ווי אין די אנדערע פארכאפּטע לענדער, איז אבער דער צאָרן צו זיי ניט קלענער ווי אומעטום.

דעם 28-טן מערץ, 1943, האָט אויפגעריסן א באָמבע אין קאָפּענהאגען. פיר פרויען „מיטגלידער פון די דייטשע אקופּאציע-כוחות", ווי די נאַצישע ראדיאָ האָט זיי באצייכנט, זיינען פארוואונדעט געוואָרן.

ניט קוקנדיק אויף אלע פארזוכן, האָט דער פּאָליציי זיך ניט איינגעגעבן צו כאפּן די באָמבע-ווארפער. דאָס איז א רעזולטאַט פון דעם, וואָס דאָס גאנצע פאָלק העלפט די קעמפער געגן די נאַצים און די נאַצישע אונטערזוכער קאָנען ביי קיינעם ניט ארויסקריגן קיין וואָרט.

דענמארק גיט די נאַצים א הילכיגן פּאטש אין פּנים

די באפעלקערונג פון דענמארק האָט געקראָגן א געלעגנהייט צו געבן די נאַצים א האָלסייל פּאטש אין פּנים און האָט עס געטאָן מיט א טראסק. עס האנדלט זיך וועגן די וואלן צום פּארלאמענט, וואָס זיי-

נען דורכגעפירט געוואָרן דעם 24-טן מערץ היי-יאָר. ביים לייענער וועט זיך זיכער שטעלן די פראגע, ווי קומט עס אז עס זאלן אָפּגעהאלטן ווערן וואלן אין א לאנד, וואס איז אָקופּירט פון די נאַציס? דער ענטפער איז, אז פון צייט צו צייט גיבן די נאַציס זיך א שפּיל מיט די איינוואוינער פון א לאנד — ספּעציעל פון די קלענערע לענדער, וואס זיינען אקופּירט גע-וואָרן אין געציילטע עטלעכע שעה — און מאכן א זשעסט פון „פריינד-לעכער באהאנדלונג". באלד נאָך אזא זשעסט טרעט ארויס די געשטאַפּאָ און ווייזט ווער עלטער איז, נאָר אויף א מאָמענט פּרובירן די נאַציס אָנ-ווענדן דעם מיטל פון „פריינדשאַפט". איינער אזא זשעסט איז געווען די דערלויבעניש, וואס איז געגעבן געוואָרן דעם דענישן פאָלק דורכצופירן וואלן צום פּארלאמענט. פאר דעם פּארלאמענט האָבן די נאַציס ניט קיין מורא, ווייל סיי ווי איז ער אוממעכטיג. די גאנצע מאכט איז דאָך אין די הענט פון די אָקופּאנטן. די נאַציס האָבן אבער געהאט א ספּעציעלע כונה. זיי האָבן געהאָפט, אז די 3 יאָר פון זייער הערשאַפט אין דענמארק און פון דער ארבעט פון זייערע קוויזלינגס צווישן די דענער — האָבן שוין געגנוג צעפרעסן דעם גייסט פון דעם דענישן פאָלק. די אונטערדריקער זיינען געווען זיכער ביי זיך, אז א ריזיגע מאַיאָריטעט וועט שטימען פאר דער דענישער נאַצישער פּארטיי. די נאַציס האָבן זיך אויך ניט פארלאָזט אויף קיין נסים. זיי האבן געטאָן וואס זיי האָבן געקאָנט. זיי האָבן פארבאָטן מיטינגען, זייענדיג זיכער אז ניט קאָנענדיג זיך צוזאמענרעדן און האָבנדיג מורא פאר דעם צאָרן פון די אקופּאנטן, וועט די דענישע באפעלקערונג שטימען „ווי מען דארף". וואָלט א גרויסע מאַיאָריטעט שטימען אָפּגעגעבן געוואָרן פאר דער נאַצישער פּארטיי, וואָלט מען פון בערלין געלאָזט וויסן דער גאנצער וועלט: איר זעט, זיי זיינען אלע פאר דער נייער אָרדענונג!

וואָס זשע איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען אז די נאַציס האָבן געכאַפּט אזא פּאטש אין פּנים, אז עס האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאנצער וועלט.

ערשטנס, זיינען 95 פּראָצענט פון די ווײלער געגאנגען שטימען. פון 2,000,000, וועלכע זיינען געווען בארעכטיגט צו שטימען, האָבן דעם 24-טן מערץ געשטימט 1,900,000. דאָ איז כדאי צו דערמאנען, אז די נאַציס האָבן אין דער שטיל אגיטירט, אז עס וועט זיין געזינטער, אז וואס ווייניגער מענטשן זאלן זיך באטייליגן אין די וואלן. דאָס איז אויך

נעווען איינער פון זייערע מיטלען אויף צו טעראָריזירן די באַפעלקערונג. זיי האָבן געהאַלטן אַז מיט אָט דער אַגיטאַציע וועלן זיי אויספירן אַז די, וועלכע זיינען געגן די אָקופּאַנטן, וועלן זיך דערשרעקן און ניט גיין צום שטים-קאַסטן; פאַרקערט ווידער די, וועלכע זיינען ניט אַזוי געגנעריש געשטימט, וועלן ניט האָבן מורא און וועלן יאָ גיין שטימען און עס וועט זיין אַ ריזיגע מאַיאָריטעט פאַר דער נאַצישער פּאַרטיי.

דער צווייטער און סאַמע הילכיגער פּאַטש איז געגעבן געוואָרן ווען די דענישע נאַצישע פּאַרטיי האָט אָנגעציילט ניט מער, ווי 43,277 שטימען.

אין די וואַלן אין 1939 האָט די נאַצישע פּאַרטיי געקראָגן 31,000 שטימען. צוגעקומען זיינען אַזויאַרום 12,000 שטימען, נאָר דאָס איז בלויז אויבנאויף אַזוי; אין דער אמת'ן האָבן די דענישע נאַצים ניט געוואונען, נאָר פאַרלאָרן שטימען. אין 1939 האָבן די דייטשן, וואָס לעבן אין דער שלעזוויג-פּראָווינץ אין דענמאַרק, געהאַט אַן אייגענעם קאַנדידאַט און האָבן אָפּגעגעבן זייערע 15,000 שטימען פאַר אים. היי-יאָר האָבן אַלע דייטשן געקראָגן אַ באַפעל צו שטימען פאַר די נאַצים. אַרונטעררעכענענדיג די שטימען פון אָט די דייטשן, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די דענישע נאַצים האָבן ניט געוואונען קיין 12 טויזנט שטימען, נאָר האָבן נאָר געהאַט אַ פאַרלוסט פון 3,000 שטימען.

ניט דער טעראָר און ניט די שפּיל אין „פריינדשאַפט" האָבן ניט געקאָנט באַווייזן צו ברעכן דעם מוט און די אייניגקייט פון דעם דענישן פאָלק, וואָס האַסט דעם אַריינדרינגער, קעמפט געגן אים מיט אַלע מעגלעכקייטן און קוקט אַרויס אויף דער ענדגילטיגער שעה פון דערלייזונג. אויך דאָ האָט היטלער'ס „נייע אָרדענונג" ניט אָנגערירט.

און איידער עס איז נאָך אַריבער דער האָניג-חודש פון דער שפּיל אין „זעלבסטשטענדיגקייט" אין דענמאַרק, האָט די ליאַלקע רעגירונג פון דעם אָקופּירטן לאַנד געפונען פאַר נויטיג אַרויסצוקומען אָפן און דערקלערן, אַז אין לויף פון צוויי חדשים צייט זיינען דריי אייזנבאַנען באַשעדיגט געוואָרן 10 מאָל. די פּופּען-הערשער, וואָס רעגירן מיט היטלער'ס גנאָד, האָבן אַרויסגעגעבן אַ וואָרענונג, אַז די באַפעלקערונג זאָל אָפּשטעלן די סאַבאָטאַזש-אַקטן, אָדער עס וועט צוגענומען ווערן די „זעלבסטשטענדיגקייט".

אַ כוואַליע פון סאַבאָטאַזש-אַקטן געגן די נאַצים און געגן די דענישע פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אויף זיי, האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ דענמאַרק,

ספּעציעל די דיסטריקטן פון קאָפּענהאגען און אארטום בילד אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי די נאַציס האָבן ארויסגעוויזן זייער „גוטסקייט“ און דער-לויבט וואלן צום פּארלאמענט.

אין די פרישע אויסברוכן זיינען דריי דייטשע סאָלדאטן פארוואונ-דעט געוואָרן. ווען די נאַציס האָבן פארוואנדלט די ספּאָרט-ארענע אין אארטום אין א קאזארמע פאר 500 סאָלדאטן, איז די ארענע באלד אונ-טערגעצונדן און פארברענט געוואָרן.

דער מאיאָר-גענעראל הערמאן פאן האנעקען, דער קאָמאנדיר פון די דייטשע אקופּאציע-טרופּן אין דענמארק, האָט באלד נאָך די וואלן צום פּארלאמענט, אין וועלכע די נאַציס האָבן געקראָגן א פּאטש אין פּנים, אראָפּגענומען דעם פארבאָט אויף נייעסן וועגן סאבאטאזש-אַקטן אין לאנד. האָבן טאקע די צייטונגען באלד באריכטעט אז אין לויף פון די לעצטע צוויי חדשים זיינען געווען 11 פאלן ווען עס איז אונטערגעלייגט געוואָרן דינאמיט אונטער אייזנבאנען.

דער פארבאָט איז, ווייזט אויס, אראָפּגענומען געוואָרן מיט דעם אב-זיכט צו קאָנען שאפן דעם אויסרייד אויף איינצושטעלן אויך אין דענ-מארק, פּונקט ווי אין אנדערע אקופּירטע לענדער, די פולע הערשאפט פון דער געשטאַפּאָ.

אין א וואָך ארום נאָך דעם, ווי דער פארבאָט אויף נייעסן וועגן סאבאָטאזש איז אראָפּגענומען געוואָרן, זיינען אין איין נאכט (דעם 4-טן אפּריל, היי-יאָר) אונטערגעצונדן געוואָרן 5 פאבריקן אין דעם שטעטל הילעראד, וואס געפינט זיך ארום 20 מייל פון קאָפּענהאגען. צוויי פאב-ריקן זיינען אינגאנצן פארברענט געוואָרן. די אנדערע זיינען שטארק באַשעדיגט געוואָרן.

די געשטאַפּאָ האָט זיך ארויסגעלאָזט זוכן פיר יונגע מענטשן און האָט אָנגעבאָטן 5,000 דאָלאר א באלוינונג פאר העלפן כאפּן אָט די גע-זוכטע, וועלכע ווערן אָנגעקלאָגט אין סאבאָטאזש.

דענמארק איז ניט אָפּגענארט געוואָרן פון דער שפּיל אין „פרייגט-שאַפט“. דענמארק פארשטייט, ווי מען זעט, אז בלויז דורך קאמף קאָן מען קריגן פרייהייט און אז עס וועט זיין גאָר גוט אז מען זאל פון די ניט-געבעטענע „פריינט“ פּטור ווערן וואס שנעלער.

קאַפּיטל 8.

דער העלדישער קאַמף אין האָלאַנד

איינגנטלעך דאַרף קוויזלינג ניט באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער פאַררעטער, וועלכער האָט פאַרקויפט זיין לאַנד צו די נאַציס. אָט דער אום׳כבוד קומט נאָר דעם עסטרייכישן פאַררעטער סעיס-אינקוואַרט, וועלכער איז געווען דער אינערן-מיניסטער אין עסטרייך אין דער שושניג-רעגירונג, און וועלכער איז געוואָרן פּרעמיער נאָך דעם, ווי שושניג איז אַרויסגערופן געוואָרן צו היטלער׳ן און איז געצוואונגען געוואָרן צו רעזיגנירן פון זיין אמט. סעיס אינקוואַרט האָט איינגעלאַדן היטלער׳ן צו שיקן טרופּן אויף „איינצושטעלן אָרדענונג אין עסטרייך״.

דאָס האָט אָט דער סעיס-אינקוואַרט דער ערשטער געוויזן דעם מוסטער פון שטעלן זיך אין דינסט פון דעם בלוטיגן אַריינדרינגער און פון פאַרראַטן דאָס אייגענע פאָלק.

די נאַציס האָבן דעם פאַררעטער נומער איינס, דעם אָריגינעלן קוויזלינג סעיס-אינקוואַרט, באַלוינט מיט דעם אמט פון היטלער׳ס קאָמיסאַר פאַר האָלאַנד. דאָרט באַנעגענט ער אָבער פּונקט אַזאַ האַס, ווי דער, וואָס האָט אים באַגלייט אויף יעדן טראָט אין זיין אייגן לאַנד.

סעיס-אינקוואַרט הינקט אַביסל אונטער. דאָס האָבן די האָלענדער אויסגענוצט צו דערגיין אים די יאָרן. וואו נאָר ער באַווייזט זיך, אַזוי הויבן אַלע קינדער אָן צו הינקען.

דער פאַררעטער וואַגט ניט צו נעכטיגן צוויי נעכט אין איין און דעם זעלבן פּלאַץ. ער האַלט-אָן פיר פאַרשיידענע וואוינונגען, און יעדע נאַכט בייט ער דעם פּלאַץ, וואו ער שלאָפט.

איינמאָל, ווען ער איז אריינגעקומען אין דער אמסטערדאמער אָפּערע, האָט דאָרט אויסגעבראָכן אזא פּראָטעסט-שטורעם, אז זיינע באַגלייטער האָבן זיך דערשראָקן, אז דאָס קאָן זיך נאָך ענדיגן זייער שלעכט פאר דעם פארהאסטן נאַצישן אגענט. איינעם פון זיי איז איינגעפאלן איינצואָרדענען א געפעלשטן באָמבע-אלאַרם, און אויף אזא אופן איז די אָפּערא-געביידע אָפּגעליידיגט געוואָרן פון דעם דעמאָנסטרירנדיגן עולם.

גרינדער פון נאַצי-פּאַרטיי אין האָלאנד ווערט אומעטום אויסגעפייפט

עסטרייך האָט געהאט איר סעים-אינקווארט; נאָרוועגיע האָט איר קוויזלינג, בעלגיע האָט איר דעגרעל און האָלאנד האָט איר אנטאָן מוסערט, וועלכער האָט דאָרט געגרינדעט א נאַצי-פּארטיי. נאַטירלעך קריגט ער שויץ און געלט און דערמוטיגונג פון די נאַצים, נאָר דאָס האָלענדישע פאָלק לאָזט זיך ניט „באַגליקן" פון זיין פארטיי און פון זיינע דרשות. פּאַקטיש קאָן ער קיינמאָל ניט האלטן קיין רעדע פאר א גרויסן עולם, ווייל מען פייפט אים אויס און מען לאָזט אים ניט אויסריידן קיין וואָרט. איינמאָל, אין יולי, 1941, איז צו א מיטינג, וואָס ער האָט פארופן, געקומען א גרויסער עולם. מען האָט זיך געוואונדערט, וואָס אלע — טאָקע אלע אָן אויסנאַם — זיינען געקומען אויף וועלאָסיפּעדן, נאָר באלד איז קלאָר געוואָרן די אורזאַך. אזוי שנעל, ווי דער נאַצישער לאַקעי האָט נאָר געזאָגט דאָס ערשטע וואָרט, האָט זיך אָנגעהויבן אזא פייפעריי פון אלע טרובעס און עס האָבן זיך אזוי צעקלונגען אלע גלעקלעך, מיט וועלכע די וועלאָסיפּעדן זיינען געווען אויסגעשטאַטעט, אז עס איז שוין ניט געווען מעגלעך עפּעס צו הערן אין אָט דעם גיהנום פון קלאַנגען.

אכצן חדשים נאָך דעם, ווי היטלער האָט ארויפגעלייגט זיין לאַפּע אויף האָלאנד, האָט מוסערט אין א מינוט פון אָפנהערציגקייט צוגעגעבן, אז „די פארגאַנגענע אַכצן חדשים זיינען געווען פארנומען מיט א קאַמף, וועלכער איז שווערער פון אלץ, וואָס מיר האָבן זיך ווען געקאָנט פאָרשטעלן".

דאָס האָט דער האָלענדישער קוויזלינג זיך געקלאָגט וועגן דעם, וואָס אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד, וואָס דאָס האָלענדישע פאָלק ווייזט ארויס צו אים אין זיין ראָל פון א לאַקעי און צו זיינע נאַצישע באַלעבאַטים.

עס וועט בלויז זיין גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָ האָט דער אונטער-גרונד באַוויזן אונטערן נאָז פון די נאַצים צוצונעמען אַ סובמארין און זי אוועקפירן קיין ענגלאַנד. אַ צווייטע סובמארין איז געגאַנגען צום גרונד צוזאַמען מיט 42 נאַצישע מאַטראָסן, ווייל די האָלענדישע אַרבע-טער האָבן צווישן די מאַשינען באַהאַלטן אַ באָמבע, וואָס איז געווען אויסגעשטאַטעט מיט אַ זייגער, וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם מעכאַניזם. די באָמבע האָט אויפגעריסן ווען די סובמארין איז שוין געווען ווייט פון ברעג. קיין איינער פון די מאַטראָסן האָט זיך ניט געראַטעוועט.

דריי לאַקעיאישע מיניסטאָרן דער'הרג'עט אין לויף פון 3 טעג

די נאַצים זיינען אין האָלאַנד שוין באַלד דריי יאָר. אין לויף פון אַט דער צייט האָבן זיי שוין אויסגעטיילט אַ סך טויט-שטראָפן, נאָר די אַנטשלאָסנקייט פון דער האָלענדישער באַפעלקערונג צו קעמפן קעגן די פאַרכאַפּער איז ניט געוואָרן קלענער פאַר אַט דער צייט, נאָר איז געוואָרן אַ סך גרעסער ווי אין די ערשטע טעג פון דער אריינדרינגונג פון די נאַצים.

מען דאַרף האָבן אינזינען, אַז די האָלענדישע גלות-רעגירונג האָט מערערע מאָל זיך געבעטן ביי דער האָלענדישער באַפעלקערונג אַז מען זאָל

אַ האָלענדישע אונטערערדישע צייטונג.

ניט באַגיין קיינע אַקטן, וואָס קאָנען דינען אַלס אַן אויסרייד פאַר די נאַצים אויף דורכצופירן האַלסייל-עקזעקוציעס. און ניט געקוקט אויף די אַלע וואָרענונגען עקספּלאָדירט ווידער און ווידער דער צאָרן פון די האָלענדער און זיי פירן דורך אַקטן פון נקמה נעגן די נאַצים און נעגן זייערע משרתים. איינער פון אַזעלכע אַקטן, וואָס האָט געוויזן דער וועלט די אַנטשלאָסנקייט פון די האָלענדער צו קעמפן פאַר זייער פרייהייט, איז די דערמאָרדונג דעם 8-טן פעברואַר, 1943, פון דעם גענעראַל אַלעקסאַנדער סעיפּאָרדט, וועלכער איז געווען דער איין-איינציגער הויכער מיליטער-באַאַמטער אין האָלאַנד, וועלכער איז אַריבער אויף דער זייט פון די נאַצים.

דער האָלענדישער קוויזלינג, אַנטאָן מוסערט, האָט דעם 70-יאָריגן גענעראַל געגעבן דעם 1-טן פעברואַר דעם טיטול פון מיניסטער און די אויפגאַבע צוזאַמענצושטעלן אַ האָלענדישע אַרמיי, וואָס זאָל גיין אויף דעם סאָוועטישן פראָנט זיך שלאָגן אויף דער זייט פון די נאַצים.

דער פראָ-נאַציישער גענעראַל האָט זייער גערן אויף זיך גענומען אָט די באַשטימונג. ער האָט שוין געהאַט אַביסל דערפאַרונג אויף דעם געביט פון מאָביליזירן „פרייוויליגע" צו גיין זיך שלאָגן אויף דעם סאָוועטישן פראָנט. ער האָט נאָך פריער געהאַט באַוויזן אָפּצושיקן עטלעכע טויזנט אַזעלכע „פרייוויליגע", נאָר זיי זיינען שוין אַלע אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן צו דער צייט ווען מוסערט האָט דעם גענעראַל געמאַכט פאַר אַ מיניסטער און אים געגעבן דעם אויפטראָג צו מאָביליזירן אַ פרישע אַרמיי פאַר היטלער׳ס רויבערישע צוועקן.

די האָלענדישע פּאַטריאָטן האָבן, ווי מען זעט, געהאַט זייער קוק אויף דער באַדייטונג פון דעם קאַמף אויף די סאָוועטישע פראָנטן און זיי האָבן געמאַכט אַ סוף צו דעם לעבן פון דעם פאַררעטער, וועלכער האָט געוואָלט שיקן נאָך האָלענדישע בחורים צו פאַרגיסן זייער בלוט און צו מאָרדן סאָוועטישע מענטשן.

באַלד נאָך דער דערמאָרדונג פון דעם גענעראַל סעיפּאָרדט איז געקומען די נייעס פון דער דערמאָרדונג פון נאָך צוויי וויכטיגע אַרויסהעלפער פון דעם האָלענדישן קוויזלינג, מוסערט. דעם 10-טן פעברואַר, 1943, איז דערשאָסן געוואָרן אין זיין וואוינונג מוסערט׳ס פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטער, ד״ר. ה. רעידאַן. צוזאַמען מיט דעם הויפּט-פּראָפּאַגאַנדיסט איז אויך דערשאָסן געוואָרן זיין פרוי.

אויף דעם דריטן טאָג נאָך דער דערמאָרדונג פון דעם צווייטן מיניסטער אין מוסערט׳ס קאבינעט איז דערשאָסן געוואָרן א דריטער — דער מיניסטער פון סאָציאַלע אַנגעלעגענהייטן, ס. וואן ראוועגזוואי, וועלכער איז געווען זייער פארהאסט אין האָלאנד אלס איינער פון די נידערטרעכטיגסטע פאררעטער און פארקויפטע נשמות. לויט דעם באריכט פון דער „יונאיטעד פרעס״, זיינען מוסערט׳ס דריי מיניסטאָרן דער׳הרג׳עט געוואָרן פון דער אונטערערדישער אָרגאניזאציע, וואס רופט זיך „די שווארצע האנט״.

דער דערמאָרדעטער מיניסטער פון סאָציאַלע אנגעלעגנהייטן איז אויך געווען דער בורגא-מייסטער פון דער שטאָט יוטרעכט. מיט דער אמת׳ער חוצפה און ציניזם פון א נאַצי האָט ער אויף דעם פּאָסטן פון שטאָטישן דירעקטאָר פון די צדקה-אנשטאַלטן באשטימט א געוועזענעם ארעסטאַנט, און אלס דעם עלטסטן אָפּיס-פירער פון דער שטאָט-פארוואלטונג האָט ער באשטימט א געוועזענעם אָנגעשטעלטן אין א גראָסערי, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין גנבה. אָט דאָס זיינען די אונטערוועלט-פּארשוינען, וואס ווערן אונטער די נאַציס דערהויבן צו גדולה. דאָס גיסט, נאַטירלעך, בוימל אויף דעם פייער פון צאָרן, וואָס פלאַקערט אין די הערצער פון די אונטערדריקטע פעלקער.

די באריכטן פון דעם אונטערערד אין האָלאנד גיבן איבער, אז עס זיינען פארשפּרייט געוואָרן פלוג-בלעטלעך מיט א דראָאונג, אז מוסערט און זיין גאנצער קאבינעט וועלן באצאָלן מיט זייערע קעפּ פאר זייער פארראַט צום לאנד.

דעם 15-טן פעברואר, 1943, איז געקומען א באריכט פון סטאָקהאָלם, אז צוליב דעם, וואס אין געציילטע טעלעכע טעג זיינען דערהרג׳עט געוואָרן זיינע דריי מיניסטאָרן, האָט דער האָלענדישער קוויזלינג, מוסערט, דערקלערט אין א רעדע, וואס ער האָט געהאלטן אין אמסטערדאם, און וואס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער נאַצישער ראדיאָ אין בערלין, אז אלע מיטגלידער פון דער האָלענדישער נאַצישער פּארטיי וועלן מיט זיך טראָגן וואפן. דאָס ווייזט אויף וויפיל עס ציטערט די פעל אויף די פאררעטער אין האָלאנד און ווי דער פּאטריאָטישער אונטערגרונד רעכנט זיך מיט זיי אָפּ פאר ווערן לאקייען ביי היטלער׳ן.

אין דער זעלבער רעדע האָט מוסערט דערקלערט, אז איבער׳ן לאנד

ווערן דורכגעפירט מאסן ארעסטן און ער האט געזאגט אז זיי זיינען „א נויטיגע רייניגונג".

נאַצים פירן איין צוואנג־אַרבעט

די נאַצים האבן ניט געקאַנט ברעכן דעם ווילן פון דעם האלענדישן פאלק. די אקופאנטן האבן ניט געקאנט קריגן די צאל ארבעטער, וואס זיי האבן דערוואַרטעט צו קריגן און זיי האבן ניט געקאַנט צווינגען די האלענדישע ארבעטער, ווען זיי האבן שוין יאָ אריינגעכאַפּט, צו אר-בעטן מיט דעם אימפעט, וואס די נאצים דארפן האבן פאר זייער מלחמה-מאשין. די נאצים האבן אין סוף פעברואר איינגעפירט צוואנג-ארבעט פאר דער גאנצער באפעלקערונג פון האלאנד. דער נאצישער קאָ-מיסאר פאר האלאנד, ארטור סעיס אינקווארט, האט אנאנסירט אין א ראדיאָ-רעדע דעם דעקרעט וועגן דער ארבעטער-קאנסקריפשאן און האט דערקלערט אז דאס אפזאגן זיך צו קאאפערירן מיט די דייטשן אין זייער מלחמה-אנשטרענגונג וועט באטראכט ווערן אלס סאבאטאזש און וועט באשטראפט ווערן מיט טויט.

גלייכצייטיג מיט אָט דער נייעס איז געקומען דער באריכט אין דער האלענדישער צייטונג „דייטשע צייטונג אין דען נידערלאנדען", אז סוף פעברואר זיינען דערשאסן געווארן צוויי „קאמוניסטן", קארנעליס וואן דען בערג און הענדריק ברימען, וועלכע זיינען אנגעקלאגט געווארן אין טאן סאבאטאזש-ארבעט.

עס איז דא א פארבינדונג צווישן די טויט-אורטיילן און דעם פאקט, וואס די נאצים האבן איינגעפירט צוואנג-ארבעט. די נאצים פרובירן צעברעכן דעם ווידערשטאנד פון דעם האלענדישן פאלק, נאר עס גיט זיך זיי ניט איין, ניט קוקנדיג אויף די הינריכטונגען, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואס זיי זוכן אריינטראגן צעטיילונג צווישן דער האלענדישער באפעל-קערונג מיט דעם געשריי קאמוניזם. וועט זיי די איינגעפירטע צוואנג-ארבעט ברענגען נחת? דאכט זיך, אז ניט.

די מאסן-ארעסטן אין האלאנד האלטן אן די גאנצע צייט זינט די נאצים האבן ארויפגעלייגט זייער לאפע אויף דעם לאנד. נאך דריי יאר פון זייער הערשאפט אין האלאנד האלטן די נאצים נאך אלץ אין ווארפן נייע און נייע מחנות האלענדער אין טורמע אריין. אין מיטן פעברואר הײ-יאר, ווען עס זיינען אין א פעריאד פון דריי טעג דער׳הרג׳עט געווארן דריי מיניסטארן פון דעם קאבינעט פון דעם האלענדישן קוויזלינג, זיינען

אויך א סך אנדערע האָלענדישע נאַצים דער׳הרג׳עט געוואָרן. עס איז געווען אן אמת׳ע כוואַליע פון אויסמאָרדונג אין באצוג צו די היטלערישע לאַקײען.

די נאַצים האָבן געענטפערט מיט פארשטארקטן טעראָר און מיט מאסן-ארעסטן. בלויז אין אמסטערדאם אליין האָבן זיי אריינגעוואָרפן אין טורמע 300 מיטגלידער פון דער דאָרטיגער יוגנט-אָרגאניזאַציע.

די נאַצים צעשטערן איצט א סך געביידעס אין האָלאנד, כדי צו האָבן מאטעריאל, מיט וועלכן צו פאררריכטן די געביידעס, וואס ווערן צעשעדיגט פון באָמבע-איבערפאלן אויף דייטשלאנד. אזוי האָט דער-קלערט דער האָלענדישער אמבאסאדאָר אין אמעריקע, דר. אלעקסאנדער לאוראן, אין א רעדע אין פּענסילוועניע דעם 5-טן פעברואר.

„די נאַצים זאָגן איצט אָפן, אז זיי וועלן פארוויסטן גאנץ האָלאנד״, — האָט דערקלערט דער אמבאסאדאָר.



וואָס די נאַצישע באָמבעס האָבן געמאַכט פון ראָטערדאם.

דעם 1-טן פעברואר, 1943, האָט די „יונאַיטעד פרעס" באַריכטעט אַז איין האָלענדער איז פאַר'משפט געוואָרן צום טויט פאַר פאַרשפּרייטן אַנטי-נאַצי-ליטעראַטור.

די נאַציס אין האָלאַנד ציטערן פאַר זייער שאָטן. אַ סך פון זיי גייען אַראָפּ פון זינען. אַ סך באַגייען זעלבסטמאָרד.

די אונטערערדישע באַוועגונג אין האָלאַנד גיט אַרויס אירע „7 געבאָט"

די אונטערערדישע באַוועגונג אין האָלאַנד האָט אין פרילינג היי-יאָר גענומען פאַרפּלייצן דאָס לאַנד מיט פּלונבלעטלעך, וואָס האָבן אָנגעוויזן דער באַפעלקערונג „זיבן געבאָט" ווי צו זיין אַ גוטער פּאַטריאָט.

די „זיבן געבאָט" זיינען ווי פאָלגט:

„1. עס איז דער חוב פון יעדן האָלענדישן פּאַטריאָט צו שטאַרקן מיט וואָרט און טאַט יעדן האָלענדער, יונגן, אַלטן, מאַן אָדער פרוי, איד אָדער קריסט, וועלכע פאַלן אריין אין אַ צרה צוליב די האַנדלונגען פון די דייטשע אָקופּאַנטן.

„2. זאַמלט קליידער, וועש, שפּייז, געלט און שפּייז-קאַרטלעך פאַר די, וועלכע נויטיגן זיך אין דעם.

„3. שיקט פּעקלעך צו די אַרעסטירטע, צו די משכנות און צו די געפאַנגענע. זייערע פרויען און אייניקלעך וועלן אייך דאַנקבאַר זיין.

„4. פאַרגעסט ניט אין די אַרבעטער, וועלכע זיינען מיט גוואַלד אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. געדענקט אויך אַז זייערע פאַמיליעס, וואָס זיינען פאַרבליבן אין האָלאַנד, נויטיגן זיך אין הילף.

„5. מאַכט ביישטייערונגען פאַר דער באַפרייאונגס-אַרבעט — פאַר אַלץ, וואָס דינט די אינטערעסן פון דעם לאַנד, דעם פאָלק און דער פרייהייט.

„6. אין אַלע פּריוואַטע-און מלוכה-אַנשטאַלטן דאַרפן די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע טאָן אַלץ וואָס זיי קאָנען אַז אין אַלץ, וואָס דינט די אינטערעסן פון די דייטשן אין אונזער אָקופּירטע לאַנד, זאָל אַריינגעטראָגן ווערן וואָס אַ גרעסערער כאָאָס און פּלאָנטער.

„7. יעדער בירגער איז היינט-צו-טאָג אַ סאָלדאַט. ער דאַרף זיין

גרייט אויסצופילן דעם חוב פון א סאָלדאט יעדע מינוט וואו ער זאָל זיך ניט געפינען".

ניטאָ קיין רייד דאָ פון דער ריזיקע, וואס איז פארבונדן מיט דעם קאמף; ניטאָ קיין רייד דאָ פון וועלכן ניט איז קאָמפּראָמיס מיט דעם שונא. עס איז א קאמף אויף לעבן און טויט — א קאמף, וואָס שטעלט זיך דאָ אויף קיין טאָג ניט אָפּ, פּונקט ווי ער שטעלט זיך ניט אָפּ אין קיין שום אנדער אקופּירט לאַנד.

אונטערערדישע ראַדיאָ גיט־אָן איינצעלהייטן פון טעראָר־אַקטן אין האָלאַנד

צוזאמען מיט דעם אקטיוון ווידערשטאנד גייט דער פּאסיווער ווידער־שטאנד פון די מאסן. אָט דער ווידערשטאנד טוט אָן דעם שונא זייער א סך שאָדן. לויט דעם באריכט פון דעם „אינטערעלאַיד אינפאָרמעישאָן סענטער" („די פּיפּל פּאיט אָן" — אָקט. 13, 1942) איז די פּראָדוקציע פון די קוילן־מאַינס פון דער מלוכה פארקלענערט געוואָרן אויף 40 פּראָ־צענט, ניט געקוקט אויף דעם וואס די צאָל ארבעטער אין די מאַנס איז פארגרעסערט געוואָרן אויף 8 פּראָצענט.

די מאַינערס מישן אויך אוים שטיינער מיט קוילן. זיי זאָגן זיך אָפּ צו ארבעטן זונטאג. אין א קאָנסערוון פאבריק, וואו מען האָט געפּאקט געפּרעגעלטע פּרוכט, האָט מען דורכגעלעכערט 2 מיליאָן שאכטלאך און דאָס גאנצע איינגעמאכטס איז זויער געוואָרן.

עס ווערט געשאצט אז אין דער בראבאנט־פּראָווינץ האָבן די פּאר־מער אויסבאהאלטן פון די נאַציס ארום 50 פּראָצענט פון דער גערע־טעניש.

אין איינינע דיסטריקטן אין האָלאנד האָבן די גייסטלעכע זיך אָפּ־געזאָגט דורכצופירן רעליגיעזע צערעמאָניעס ביי די לויות פון האָלענ־דישע נאַציס. די היטלעריסטן באשטראָפן דערפאר די גלחים מיט טור־מע־טערמינען און מיט שליידערן זיי אין קאָנצענטראציע־לאגערן, נאָר די גלחים זיינען אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון פּראָטעסט, וואס בא־הערשט דאָס גאנצע האָלענדישע פאָלק און זיי גיבן זיך ניט אונטער.

ווען די נאַציס האָבן באשטימט זייער אייגענעם קאָמיסאר איבער אלע האָלענדישע יוניאָנס, האָבן צענדליגער טויזנטער ארבעטער רעזיגנירט פון זייערע טרעיד־יוניאָן אָרגאניזאציעס. עס האָט רעזיגנירט די גאנצע עקזעקוטיווע פון די טרעיד־יוניאָנס און אויך די עקזעקוטיווע פון די

קאַטוילישע טרעיד-יוניאָנס. דער נאַציִשער קאָמיסאַר, וואָודענבערג, האָט צוזאַמענגעשמאָלצן אַלע יוניאָנס אין איין אָרגאַניזאַציע, נאָר פון די פריערדיגע 525,000 יוניאָן-מיטגלידער אין האָלאַנד זיינען אין דער נייער אָרגאַניזאַציע אריינגעקומען בלויז 17,000 ארבעטער.

אין א ספּעציעלן רוף, וואס הייסט „האָלאנד וואכט אויף“, שרייבט מען אזוי:

„די מאַינערס וועלן זען אז די פּראָדוקציע זאל פאלן נאָך מער. די אייזנבאַן ארבעטער וועלן קאַליע מאכן נאָך מער און מער מאַטעריאַל. די באַזאָרגונג פון עלעקטריציטעט וועט צעקריפּלט ווערן.“

ארום 300,000 האָלענדישע ארבעטער זיינען אויף אזא אָדער אן אַנדער אופן געצוואונגען געוואָרן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, נאָר קיין סך נחת האָבן די נאַציִם פון אָט די ארבעטער נים. דער נאַציִשער דירעקטאָר איבער ארבעטער-קראפט אין דער אקופּירטער האָלאנד האָט זיך געקלאָגט אז די האָלענדישע ארבעטער אין דייטשלאַנד אַרבעטן נאָר, גאָר שלעכט.

ווען א האָלענדישער קוויזלינג איז דערמאָרדעט געוואָרן סוף זומער, 1942, האָבן די נאַציִם זיך אָנגעצונדן מיט נאָך מער רציחה צוליב דעם, וואָס אין דער זעלבער נאַכט האָט די אונטערערדישע ראַדיאָ איבערגעגעבן גענוי אַלע איינצעלהייטן פון דער דערמאָרדונג פון דעם נאַציִשן לאַקעי און האָט אפילו אָנגעגעבן דעם נומער פון די לאַיסענס אויף דעם אויטאָמאָביל, אין וועלכן דער קוויזלינג איז דערשאָסן געוואָרן.

DE ORANJEKRANT
(VIVERE MILITARE EST)
JAARGANG 1942 No. 1
Verschijnt twee maal per maand
GEREDIGEERD EN GEDRUKT IN BEZET NEDERLAND. ONVERDRAAGLIJKE LECTUUR VOOR MOFFEN EN N.S.B.-ers
Onder redactie van alias Brugmans

אַ צווייטע האָלענדישע אונטערערדישע צייטונג.

קאַפּיטל 9.

בעלגיע נייט אין טראַט מיט אַלע קעמפּענדיגע פעלקער

„בעלגיע, וואָס איז געוואָרן דער קרבן פון דייטשער אַגרעסיע איןביידע גרויסע מלחמות פון אונזער יאָרהונדערט, איז אַן אָקופּירט לאַנד זינט מאַי 1940. היטלער׳ס גרויע האָרדעס האָבן זיך א טראָג-געטאָן איבער די גרעניצן פון בעלגיע און האָבן דערשטיקט א קליין פאָלק, וואָס האָט גע-מאַכט יעדע אָנשטרענגונג צו פאַרבלייבן נייט-ראַל אין א קאָנטינענט, וואָס איז געווען אריינ-געצויגן אין קריג.

„ . . . און כאָטש בעלגיע איז אָקופּירט, אונטערדריקט און קריגט ווייניג שפּייז פון אי-רע באַזיגער, גיט זי אָבער אַלץ א ווידערשטאַנד. צענדליגער אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס סאַ-באָטאַזשירן דעם דייטשישן פאַרזוך איינצושטילן דאָס לאַנד. די פּויערים באַנוצן זיך מיט שטור-קאַצן; זיי צינדן אָן פייערן און זיי באַנוצן זיך מיט געהיימע פּאַראָלן אויף אַרויסצוהעלפן די ענגלישע פליער, וואָס קומען באָמבאַרדירן בעל-גיע. העכער 50 אונטערערדישע צייטונגען ווערן

גערדוקט און פארשפרייט אין געהיים דורך פּאַט-
ריאָטן, וועלכע מען באַשטראָפט מיט טויט אויב
מען כאַפּט זיי..."

(די טאַוזענד מיליאָן", פּאַרעפּענטלעכט
פון „אָפיס אָוו וואָר אינפאָרמיישאָן".)

גרויס איז די טראַגעדיע פון בעלגיע. אין 18 טעג פון מיליטערישע אָפּעראַציעס אויף צו פאַרכאַפּן דאָס לאַנד האָבן די נאַציס פאַראורזאַכט אַ גרעסערן חורבן ווי אין די פיר יאָר און דריי חדשים פון דער ערשטער וועלט-מלחמה מיט אַ דור צוריק. אין יענער מלחמה האָבן די דייטשן פאַרניכטעט אין בעלגיע 100,000 הייזער. איצט האָבן זיי דאָרט צע-שטערט 150,000 טויזנט הייזער. פון די 2,650 שטעט און דערפער, וואָס בעלגיע פאַרמאָגט, זיינען העכער 1,000 מער אָדער ווייניגער צעשעריגט.

די נאַציס האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט צעשטערן דאָס לאַנד פי-זיש, זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו צעברעכן דאָס בעלגישע פאָלק אויך גייסטיג. די אָקופּאַנטן האָבן גענומען וואַרפן פון זייערע שטעלעס די באַאַמטע, וועלכע זיינען ניט געווען קיין פּראָ-נאַציס פאַר דער מלחמה. העכער 3,000 אַזעלכע באַאַמטע זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס. די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען זיינען פאַרנאַנדערגעטריבן געוואָרן און פּראָ-נאַציס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו באַלעבאַטעווען איבער דער באַפעלקערונג. די טורמעס זיינען איינס און צוויי איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט פּראָמינענטע בעלגיער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו בויגן זיך פאַר די נייע הערשער. קאָנצענטראַציע לאַגערן זיינען געעפנט געוואָרן און מען האָט געשלעפּט אַהין קרבנות רעכטס און לינקס. עס איז אַוועק אַן אומ-ענדלאָזע ריי פון הינריכטונגען. אָפט זיינען מענטשן דערשאָסן געוואָרן אפילו אָן אַן אָנשטעל פון אַ משפּט, און שטענדיג אָן דעם רעכט צו אַפּע-לירן. און צו דער צו האָבן די אָקופּאַנטן נאָך גענומען אַרויספירן די שפּייז פון בעלגיע און פאַראורטיילט דאָס בעלגישע פאָלק צו הונגער.

אין בעלגיע עסט מען קעז און מייז. „מייז קאָסטן 70 סענט אַ שטיק. פאַר אַ קאַץ האָט מען געצאָלט צוויי דאָלאַר מיט 80 סענט". (רענע קראוס „יוראָפּ אין רעוואָלט"). אין אַ שול איז אַ צען-יאָריג אינגל קראַנק געוואָרן און האָט אָנגעהויבן ברעכן. אַלץ, וואָס ער האָט אויסגע-בראָכן איז געווען שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. ווען די לערערין האָט געפרעגט ביי די קינדער ווער נאָך האָט געגעסן בלויז שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, האָבן

זיך אויפגעהויבן די הענט פון א העלפט פון די קינדער אין קלאַס.

די נאַצים האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן פאַר זיך פאַרכאַפּט די שפּייז אין בעלגיע; זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי די בעלגיער די מעגלעכקייט צו אימפּאָר-טירן זריעה אויף צו באַזאָרגן א פרישן קוואַל פון שפּייז; זיי האָט ניט געאַרט וואָס די שטערבלעכקייט אין בעלגיע איז פון אַפּריל 1940 ביז אַפּריל 1941 געשטיגן אויף 11.9 פּראָצענט און וואָס די געבורטן זיינען געפאַלן אויף נאָענט צו 17 פּראָצענט, נאָר זיי האָבן נאָך באַשלאָסן אויף א ציניש אופן צו מאַכן חוזק פון דער הונגערנדיגער בעלגיע. דער חוזק איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזא אופן: די נאַצים האָבן דערלויבט אַ דעלעגאַציע פון בעלגיער צו פאָרן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד און בעטן ביי דער סאָוועטן-מלוכה זי זאָל העלפן ראַטעווען די הונגערנדיגע בעלגישע באַפעלקערונג. די סאָוועט-מלוכה איז געווען גרייט צו העלפן ראַטעווען די הונגעריגע אין בעלגיע און האָט פאַרשפּראָכן צוצושטעלן אין לויף פון דעם זומער אַ פערטל מיליאָן טאָן תבואה. דריי טעג נאָך דעם, ווי די בעלגישע דעלעגאַציע איז געקומען צוריק אַ היים, האָט היטלער אָנגע-הויבן זיין רויבערישן איבערפאַל אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. ווען מען האָט געפרעגט צוליב וואָס זשע האָט מען דערלאָזט די בעלגיער פאָרן אין סאָוועטן פאַרבאַנד און דאָרט בעטן ברויט, ווען עס איז שוין מסתמא צו יענער צייט געווען באַשלאָסן אָנצופאַלן אויף דעם סאָוועטן פאַרבאַנד, האָט דער נאַצישער מיניסטער וואַלטער פרענק זיך גענומען קייקלען פון געלעכטער און האָט געענטפערט:

„עס איז געווען אַ גוטער שפּאַס, און דער שפּאַס איז געווען אויף דעם חשבון פון בעלגיע".

די רויבערישע אַפּעטיטן פון די נאַצים האָבן גאָר ניט קיין גרעניץ. בשעת דער גאַנצער יערלעכער בודזשעט פון בעלגיע פלעגט באַטרעפן אַרום אַ ביליאָן מיט 600 מיליאָן פראַנק, האָבן די נאַצים געצוואונגען די בעלגיער צוצוטראָגן בלויז אין זעקס חדשים צייט די סומע פון פינף און אַ האַלב ביליאָן פראַנק אויף אויסצוהאַלטן די נאַצישע אָקופּאַציע-אַרמיי.

אָט אַזוי שרייבט זיך אין בעלגיע די געשיכטע פון פּלינדערן, פון דערנידעריגן און פון מאָרדן די באַפעלקערונג. נאָר ניט דער הונגער און ניט די ברוטאַלע אונטערדריקונג האָבן ניט געבראָכן דעם גייסט פון דעם פּיל-ליידנדיגן בעלגישן פאָלק. אָנשטאָט הכנעה, וואָס די דייטשן האָבן

געוואָלט, האָבן די בעלגיער אָנגעהויבן ארויסווייזן אַן אָנטשלאָסנקייט צו קעמפן און צו געבן אַ ווידערשטאַנד אויף יעדן מעגלעכן אופן. אָנשטאָט אַ דערשלאָגן און צעטיילט און צעברעקלט שקלאַפן-פאָלק, וואָס די נאַציס האָבן געוואָלט שאַפן אין בעלגיע, איז גאָר געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניגט און אַנטשלאָסן פאָלק, וואָס איז געווען גרייט אויף אַלע קרבנות — אַבי צו שעדיגן דעם אַריינדרינגער.

בעלגיע געדענקט נאָך די לעסאָנס פון אַמאָליגן אונטערערדישן קאַמף

בעלגיע האָט נאָך מיט 25 יאָר צוריק זיך געלערנט ווי צו פירן דעם אונטערערדישן קאַמף. מען האָט איצט בלויז געדאַרפט זיך דערמאָנען די פריערדיגע לעסאָנס און זיך נעמען צו דער דעמאָלטדיגער פּראַקטיק, אין אייניגע פאַלן שטעלן זיך איצט צו דער אַרבעט אין אונטערגרונט די זעלבע מענטשן, וועלכע האָבן מיט 25 יאָר צוריק געפירט אָט די טעטיגקייט. דאָס איז דער פאַל איצט מיט דער אונטערערדישער ציַיטונג „לאַ ליבר בעלזשיק“ (די פרייהייט פון בעלגיע), וואָס ווערט רעדאַגירט פון דעם זעלבן אומדערשראָקענעם קעמפער, וועלכער האָט פון אונטערגרונד גערעדט צום בעלגישן פאָלק מיט אַ פערטל-יאָר-הונדערט צוריק.

אין מערץ היי-יאָר איז אין דייטשלאַנד הינגעריכטעט געוואָרן דער אָפּיצער לאַמבער, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט אָט דער ציַיטונג, און וועלכן מען האָט אָפּגעשיקט אין אַ דייטשער טורמע. עס האָט געהייסן אַז ער קריגט בלויז אַ טורמע-שטראָף. נאָר דערנאָך האָבן די נאַצישע הענקער באַשלאָסן אים דערשיסן. נאָר ניט זיין הינריכטונג און ניט די הינריכטונג פון אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן געהאָלפן שרייבן, דרוקן און פאַרשפּרייטן די ציַיטונג, האָט ניט אָפּגעשטעלט דאָס דערשיינען פון דער „לאַ ליבר בעלזשיק“.

אין פאַרבינדונג מיט דעם אַרויסגעבן פון אָט דער אונטערערדישער ציַיטונג, וואָס איז, ווי שוין פריער דערמאָנט, אויך דערשינען אין דער ציַיט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די דעמאָלטדיגע טאַטעס פון די איצטיגע נאַציס האָבן אויך אַרויפגעלייגט זייער לאַפּע אויף בעלגיע — איז דאָ אַ פאַרכאַפּנדיג קאַפּיטל פון מסירת נפש און דערפינדערישקייט, מיט וועלכע מען האָט די ציַיטונג אַרויסגעגעבן און אָפּגעהיט. עס איז כדאי צו דערמאָנען אָט די געשיכטע.

דער דייטשער גענעראל פאָן ביסינג, דער דעמאָלטדיגער מיליטערישער גובערנאַטאָר אין בעלגיע, פלעגט יעדן אין דער פרי צו זיין פרישטיק קריגן אַריינגעשיקט א פרישן נומער פון דער אונטערערדישער צייטונג. ער פלעגט שפרינגען פון דער הויט און פאָדערן פון זיינע שפּיאָנען און זשאַנדאַרן אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט אויסשפּירן און כאַפּן די שולדיגע אין אַרויסגעבן די צייטונג. האָבן זיינע משרתים זיך געפּלייסט און גענישטשטערט און געזוכט און אָפּט ניט אָן דערפאָלג. אָט האָט מען געכאַפּט איינעם, וועלכער האָט ביינאַכט צעטראָגן די צייטונג. אין לאַגער פון די אָקופּאַנטן איז געווען א שמחה. מען האָט גע׳משפּט; מען האָט פאַראורטיילט; מען האָט געשאָסן. און מען האָט זיך געפרייט און זיך געזאָגט: שוין, עס איז שוין אוים מיט דער „לא ליבר בעלזשיק״, נאָר אויף מאָרגן פלעגט דער דייטשער קאָמענדאַנט געפינען אונטער זיין טיר א פרישן נומער פון דער צייטונג.

האָט מען אויסגעפונען די דרוקעריי, וואו די אונטערערדישע צייטונג האָט זיך געדרוקט, מען האָט צעשמעטערט די מאַשינען; מען האָט צעוואָרפן דעם שריפט; מען האָט געמאַכט אַן אמת׳ן פּאָגראָם און פאַרניכטעט אפילו דאָס מעבל אין דעם פּלאַץ; מען האָט אַרעסטירט דעם דרוקער און עס איז ביי די אָקופּאַנטן געווען גאָר ששון ושמחה. און ווידער איז געווען א קריגס-געריכט און א טויט-אורטייל און אַן הינריכטונג און ווידער איז געווען די זיכערקייט, אַז מען איז שוין פּטור געוואָרן פון דער אונטערערדישער צייטונג, וואָס איז געוואָרן ווי א סימבאָל פון דעם אויסדויער פון דעם אונטערדריקטן פאָלק, — נאָר אויף מאָרגן האָט דער קאָמענדאַנט געקראָגן א פרישן נומער פון „לא ליבר בעלזשיק״.

מען האָט איינמאָל געכאַפּט דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. ער האָט ניט געלייקנט, ווייל מען האָט אים געכאַפּט ביי דער אַרבעט — ביים לייענען און קאָרעגירן מאַנוסקריפּטן פאַר דעם אָרגאַן פון דעם ניט-געבראָכענעם אונטערגרונד. דאָ איז שוין געוואָרן גאָר א גרויסע פרייד. מען האָט זיך געריבן די הענט און מען האָט זיך באַגריסט אינ׳ם לאַגער פון די אָקופּאַנטן. איצט איז מען געווען זיכער, אַז עס איז שוין אויס מיט דער צייטונג. זיי האָבן זיך געפרייט צו פרי, ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט אַז דער, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין זייערע לאַפּעס, איז בלויז איינער פון די רעדאַקטאָרן. אים האָט מען דערשאָסן, נאָר די שמחה איז ביי

די שיסער גיך פאַרשטערט געוואָרן, ווייל דער קאָמענדאַנט האָט באַלד דערהאַלטן אַ פרישן נומער פון דער ציימונג.

אין לויף פון דער צייט האָט מען אַרעסטירט און הינגעריכטעט נאָך מענטשן, וואָס זיינען אויף אַזאַ, אָדער אויף אַן אַנדער אופן געווען פאַר־בונדן מיט דעם אונטערערדישן גלאָק, וואָס האָט גערופן דאָס פאָלק צו ווידערשטאַנד און צו קאַמף נעגן דעם פאַרכאַפּער. מען האָט שוין גע־האַט דערשאָסן 26 מענטשן, נאָר די ציימונג האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו דערשיינען. נאָך יעדער עקזעקוציע פלעגן די הינריכטער מיינען אַז אָט האָבן זיי שוין דערשטיקט די שטימע פון אונטערגרונד. עס פלעגן זיין פאַלן, ווען נאָך אַן הינריכטונג פלעגט די ציימונג ניט דערשיינען אין לויף פון עטלעכע טעג. דעמאָלט פלעגט שוין ביי די הענקער גאָר ווערן גרויס די זיכערקייט אַז זיי האָבן זייערס דערגרייכט, נאָר באַלד פלעגט קומען אַ פרישער נומער פון דער ציימונג, וואָס זיי האָבן אַזוי גע־האַסט, און זייער שמחה פלעגט שוין ווידער ווערן פאַרשטערט.

און אָט איז געקומען אַ טאָג, ווען די יונקערס האָבן דורך זייערע שפּיאָנען אויסגעפונען אַז די ציימונג ווערט געדרוקט אויף אַ פּאַרוואָרפענעם פאַרם. מען האָט אַרויסגעשיקט אַ גרויסן עסקאַדראָן סאָלדאַטן, זשאַנ־דאַרן און פּאָליציי. מען האָט געמאַכט אַן אַטאַקע אויף דעם פאַרם ווי דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע פעסטונג מיט אַ ריזיגן גאַרניזאָן. מען האָט אַרעסטירט אַ פּאָר פאָלק — מיט אַמאָל צוויי אַרעסטאַנטן און נאָך וועל־כע — ביידע זיינען געווען, רעדאַקטאָרן פון דער ציימונג. זייער הינריכ־טונג איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ גרויסן פּאַראַד. די יונקערס האָבן זיך געזאָגט אַז דאָ האָבן זיי געכאַפּט די לעצטע רעדאַקטאָרן און נאָך דער הינריכטונג פון 28 מענטשן וועט שוין מער קיינער ניט ריזיקירן צו פאַר־נעמען זיך מיט דער געפערלעכער אַרבעט. און ווירקלעך איז זייער פרייד געווען, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אַ באַרעכטיגטע, ווייל עס זיינען אַוועק וואָכן און די ציימונג איז מער ניט דערשינען. דער גובערנאַטאָר האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ גרויסן יום־טוב צו באַצייכענען זיין טריאומף. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג פאַר דעם יום־טוב. מען האָט געקאָכט און געבאַקן. אין פּאַלאַץ, וואו דער גענעראַל איז איינגעשטאַנען, האָט מען געגרייט אַ קעניגלעכע אויפנאַמע פאַר אַלע הויכע דייטשע גענעראַלן, זייערע דאַמעס און הויך־געשטעלטע דייטשע מלוכה־באַאַמטע. ווען אַלע

געסט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט און דער עולם האָט געהאַלטן אין מיטן לאָזן זיך וואויל-גיין מיט עסן, געטראַנק און טענץ, האָט מען דעם גובערנאַטאָר דערלאַנגט אויף אַ טאַץ אַ גרויסן פּאַקעט מיט די זיגלען פון דעם אימפּעראַטאָר ווילהעלם. אַלע, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום דעם גענעראַל, האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם פון נייגיר. דער גובערנאַטאָר האָט מיט ציטערדיגע הענט גענומען אויפרייסן דעם קאָנווערט. עפּעס אַ קליינינקייט — אַ פּאַקעט פון זיין מאַיעסטעט דעם אימפּעראַטאָר אַליין! דאָס קאָן דאָך זיין אַ דערהויבונג און אַ באַלוינונג פאַר זיין גוטער אַרבעט. עס קאָן זיך אָבער אַמאָל מאַכן אַז עס זאָל גאָר זיין אַן אויסרייד, אַ שטראָף — ווער ווייסט דאָרט דעם קאַפּריז פון אַ מעכטיגן דעספּאָט!

דער קאָנווערט איז אויפגעריסן און דער גובערנאַטאָר שלעפּט אַרויס . . . אַ פרישן נומער פון דער „לא ליבר בעלזשיק“.

מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פון דער גאַנצער הוליאַנקע איז געוואָרן.

און נאָך איין געשיכטע ווערט דערציילט אין פאַרבינדונג מיט יענער ציייטונג מיט אַ פערטל יאָר-הונדערט צוריק: אַזוי ווי די דייטשן זיינען געשפּרונגען פון דער הויט אויף פּטור צו ווערן פון דער „לא ליבר בעלזשיק“ און אַזוי ווי זיי פלעגן אָנבאָטן גרויסע סומען צו די, וועלכע וועלן העלפן כאַפּן די שולדיגע אין דרוקן און פאַרשפּרייטן די צייטונג, פלעגן די פאַרהאַסטע הערשער פאַרוואָרפן ווערן מיט בריוו, אין וועלכע מען פלעגט זיי ראַטן פאָרן אויף דער לבנה און דאָרט זוכן די שולדיגע, זיך אַראָפּלאָזן אויף דעם דנאָ פון ים, ווייל דאָרט איז באַהאַלטן אַן אונטערוואַסער דרוקעריי און נאָך ענלעכע עצות, וואָס האָבן געטריבן די דייטשן צו משוגעת צוליב דעם, וואָס מען האָט זיי געמאַכט צום נאַר.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער גענעראַל פאָן ביסינג דערהאַלטן אַן אַנאָנימען בריוו, אין וועלכן דער שרייבער האָט דערקלערט אַז ער וויל העלפן צעשמעטערן די אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט אַרויס די אונטערערדישע ציייטונג. דער שרייבער האָט אינפאָרמירט דעם דייטשן מיליטערישן גובערנאַטאָר איבער בעלגיע, אַז אין דער שפּיץ פון אָט דער אָרגאַניזאַציע שטייט איינער מיט דעם נאָמען וועסאַלע און אַז מען קאָן אים צו יעדער צייט געפינען אויף איינעם פון די סקווערן אין בריסל.

דער גענעראַל האָט באַלד געקלאַפּט טרעוואָגע. 500 שווער-באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם סקווער און אָפיצערן זיינען גע-

גאנגען פון הויז צו הויז אויספרענגנדיג צי באהאלט זיך דארט ניט אויס איינער וועסאלע. מען האט זיי אנגעקוקט מיט גרויס דערשטוינונג, נאר מען האט אומעטום געגעבן איין און דעם זעלבן ענטפער: מיר ווייסן ניט!

אין איין הויז אבער האט מען אויף דער פראגע פון אן אפיצער, „וואו קאן מען געפינען וועסאלע׳ן?" אים געענטפערט זייער אפנהארציג און מיט א שמייכל: „איר קאנט אים דאך זען אין מיטן סקווער. דארט שטייט דאך שוין די סטאטוע א סך יארן". ניט דער גענעראל פאן ביסינג און ניט זיינע אפיצערן האבן געוואוסט אז אנדרי וועסאלע, אדער וועסאליוס איז געווען דער בארימטסטער אנאטאמיקער פון דעם 16-טן יארהונדערט.

אט דאס שפיצל און ענלעכע שפיצלעך האבן געברענט די דייטשן ביז דער זיבעטער ריפ און דערפאר פלעגן זיי מיט אזא רציחה זיך ארויפ-ווארפן אויף יעדן איינעם, וועלכער האט געהאט א שייכות מיט דער צייטונג, און וועלכער פלעגט אריינפאלן צו זיי אין די הענט. ספעציעל איז זייער רציחה געווען גרויס צו די רעדאקטארן פון דער אונטערערדישער צייטונג. און איצט איז איינער פון די דעמאלטיגע רעדאקטארן פון דער גלאררייכער „לא ליבר בעלזשיק", דער רעדאקטאר פון דער באנייטער אונטערערדישער צייטונג, וואס טראגט דעם זעלבן נאמען.

ווי וואונדערלעך עס איז דער כוח פון א פאלק, וואס לאזט זיך ניט פארשקלאפן!

סטודענטן און פראפעסארן גייען האנט אין האנט אין קאמף געגן די נאצים. ארבעטער און פויערים, פראפעסיאנאלן און הויז-פרויען — זיינען אלע געאייניגט אין דעם קאמף געגן די שונאים.

ווען די נאצים האבן ארויסגעגעבן א באפעל, אז די אידן זאלן אנמאן א געלן ארם-באנד, האט די גאנצע באפעלקערונג פון אנטווערפן אנגעטאן אזעלכע ארם-בענד.

נאצישע מיליטערישע קאזארמעס ווערן אויפגעריסן; באמבעס עקס-פלאדירן אויף באן-קנופן, פאראורזאכנדיג אפט גרויסע שאדן, נאר עס פאסירט אזוי, אז די אויפרייסן קומען אלע מאל פאר גראד ווען עס פארן ניט קיין ציווילע מענטשן. בריקן ווערן אויפגעריסן און בארזשעס קערן זיך איבער אין די קאנאלן. די נאצים געפינען כמעט קיין מאל ניט אויס ווער עס זיינען די שולדיגע. דער נאצישער גובערנאטאר אין בעלגיע

האָט דערקלערט, אז ער וועט צעברעכן דעם בעלגישן ווידערשטאַנד, נאָר ער האָט דאָס ניט געקאָנט באַווייזן.

און אָט איז די באַלערנדיגע געשיכטע פון דעם בעלגישן קווילינג.

בעלגישער קווילינג קריגט א שפּיי אין פּנים

בעלגיע האָט איר דעגרעל, וועלכער איז א פאַרביסענער נאַצי. היט-לער׳ס הערשער איבער בעלגיע האָבן דעגרעל׳ן געגעבן א הויכן אַמט, נאָר דאָס פאָלק האָט אים דערפאַר פאַרהאַסט נאָך מער, ווי מען האָט אים גע-האַסט אין די פריערדיגע יאָרן, ווען ער האָט געבויט א נאַצי-באַוועגונג אין בעלגיע.

דעגרעל האָט ניט געוואָלט אַנדערש, נאָר אז דער קעניג פון בעל-גיע זאָל אים אויפנעמען, אָבער דער קעניג האָט זיך אָפּגעזאָגט אים צו באַווייליגן אן אוידיענץ. איז דעגרעל אוועק זיך בעטן ביי זיינע נאַצישע באַלעבאַטים, זיי זאָלן זיך איינשטעלן פאַר אים, און זיי זיינען באַשטאַנען, אַז דער קעניג זאָל דעם קווילינג אויפנעמען. דער קעניג האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט איינגעווייליגט אויפצונעמען דעגרעל׳ן און אים אָפּגעבן א האַלבע שעה צייט.



אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דענגרעל איז אריינגעקומען און האָט באַגריסט דעם קעניג, נאָר דער קעניג האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. דענגרעל האָט גערעדט די גאַנצע צייט. ווען די האַלבע שעה איז געווען אַריבער, האָט דער קעניג זיך אויפגעהויבן און האָט דערקלערט:

„די צייט וואָס איך בין געווען געצוואונגען אייך אָפּצוגעבן, איז פאַריבער". ווען דער קעניג האָט פאַרענדיגט אָט-די ווערטער, איז ער אַרויס פון צימער און האָט איבערגעלאָזט דענגרעל'ן שטיין ווי אַן אָפּ-געשמיסענעם.

זיי פילן זיך גאָר ניט פריילעך און גאָר ניט זיכער אָט-די קוויזלינגס אין די פאַרשיידענע לענדער. זייער אומזיכערקייט איז נאָר אַ ביטערע פּיל פאַר זייערע באַלעבאַטים, וועלכע פילן, אַז די ערד הויבט אָן צו וואַק-לען זיך אונטער די פיס פון זייערע משרתים און אונטער זייערע אייגענע פיס אין אַלע פאַרשקלאַפטע לענדער.

די איינפאַלן אויף צו דערגיין די נאַציס די יאָרן

גלייכצייטיג מיט דער ערנסטער און געפערלעכער סאַבאָטאַזש-אַר-בעט, וואָס פאַראורזאַכט די נאַציס אַזוי פיל שאָדן, ציט זיך אויך אַ סעריע שפּיצלעך, וואָס מען טוט אָפּ די אָקופּאַנטן אויף אַרויסצושטעלן זיי צו חוזק אויף יעדן מעגלעכן אופן. אָט איז איינער פון אַזעלכע פאַלן פון מאַכן די נאַציס אויסקוקן לעכערלעך:

אין מערקסעם, וואָס געפינט זיך לעבן אַנטווערפּן, האָבן די נאַציס איינגעשטעלט אַן אַמוניציע סקלאַד, וואָס איז געווען פאַרדעקט פון אַ מענטשיש אויג מיט זייער אַ געשיקטן קאַמופלאַזש. זיינען בלויז אַוועק צוויי טעג זינט די אַמוניציע איז געבראַכט און פאַרדעקט געוואָרן — און ענגלישע פליער האָבן באָמבאַרדירט פּונקט דאָס געהעריגע אָרט און אויפגעריסן דעם גאַנצן סקלאַד מיט אַמוניציע. די נאַציס זיינען גע-ווען ווילד פון כעס. ע ס איז געווען קלאָר, אַז דאָ האָט עמיצער פון דער באַפעלקערונג געגעבן די פליער סיגנאַלן און זיי געהאָלפן צו באַשטימען דעם פּונקט, אויף וועלכן די באָמבעס האָבן געדאַרפט געשליידערט ווערן. אַן אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט אַז עס זיינען טאַקע גע-געבן געוואָרן ליכט-סיגנאַלן איידער דער לופט-איבערפאַל איז פאָרגעקו-מען. אַ וועכטער, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן אינ'ם אויפרייס, האָט זיך דערמאָנט, אַז צו אים זיינען צוגעקומען צוויי פרויען און בשעת איינע

האָט מיט אים פאַרפירט אַ געשפּרעך, האָט די צווייטע זיך דורכשפּאַ־צירט אַרום און אַרום דעם פּלאַץ, וואו עס איז געווען דער פאַרדעקטער סקלאַד. דאָס האָט די שפּאַצירנדיגע פרוי, וויזט אויס, געוואָרפן פון אַן עלעקטרישער באַטאַריע ליכט־סיגנאַלן צו די אָנקומענדע ענגלישע פליער.

די נאַציס האָבן פאַרעפנטלעכט אַ ווענדונג צו דער באַפעלקערונג אַרויסצוגעבן די פרויען, וואָס האָבן גערעדט צו דעם וועכטער. דערביי האָבן די נאַציס אָנגעבאָטן אַ גרויסע סומע אַלס באַלוינונג. אין ניכן האָט גענעראַל פאָן פאַלקענהאַוזען, דער נאַצישער מיליטערישער הויפּט אין בעלגיע, דערהאַלטן אַ בריוו, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן „אַ פאַרהערער פון היטלער׳ן“. אין בריוו איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שיינער פרוי און אַ דערקלערונג, אַז אָט די פרוי איז געווען איינע פון די צוויי געזוכטע פרויען, וועלכע האָבן גערעדט צו דעם וועכטער. ווען מען וועט זי כאַפּן, וועט זי שוין מוזן אויסזאָגן ווער עס איז געווען די צווייטע פרוי מיט איר.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש אויף צו געפינען די פרוי, וועמעס פאָטאָגראַפיע פאָן פאַלקענהאַוזען האָט דערהאַלטן. די פאָטאָגראַ־פיע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ צאָל צייטונגען, און ווידער האָבן די נאַציס פאַרגעשלאָגן אַ גרויסע באַלוינונג צו די, וועלכע וועלן העלפן פעסטשטעלן ווער די פרוי אויף דער פאָטאָגראַפיע איז. אַרום אַ טויזנט מענטשן האָבן זיך געווענדעט נאָך דער באַלוינונג, ווייל יעדער איינער פון זיי האָט פּאָזיטיוו פעסטגעשטעלט אַז אויף דער פאָטאָגראַפיע איז גע־ווען דאָס געזיכט פון . . . פּאולעט גאָדדאַרד, די אַמעריקאַנער מואווי אַקטריסע.

און אָט איז נאָך אַן איינפאַל: עס איז געוואָרן אַ גאַנץ אָפטע דער־שיינונג פאַר בעלגישע פרויען צו טראָגן מיט זיך ביכער אומעטום, וואו זיי גייען. פון אָט די ביכער שטעקן זיך אַרויס שמאָלע פּאַסקלעך פּאַ־פּיר, וואָס דינען כלומר׳שט אויף צו באַצייכענען די זייט, וואו די ליי־ענערין האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר דער אמת׳ער צוועק איז צו טראָגן לאָזונגען אויף אָט די פּאַסקלעך פּאַפּיר. בשעת די פרוי זיצט אין אַ טראַמוואַי, אָדער אין אַן אָמניבוס, קאָנען אַלע אַרום איר זייען לייכט דערזען דעם אויפשריפט אויף דעם שמאָל צעטעלע:

„לע זשור וויענדראַ“ (דער טאָג וועט קומען), „רירא ביען קאי רי־

רא לע דערניער״ (דער לאַכט צום בעסטן, ווער עס לאַכט צום לעצטן) און אזוי נאָך און נאָך.

ווען די נאַציס האָבן געשטעלט א פאָדערונג צו דעם בורגאמעסטער (מעיאָר) פון בריסעל, דעם 60-יאָריגן דר. וואן דע סעלעברעק, אַז ער זאָל אָדער מיט זיי קאָאָפערירן, אָדער פארלאָזן זיין אמט, האָט דער אום-דערשראָקענער אַלטער זיך ניט אונטערגעגעבן און באַשלאָסן בעסער אויפ־צוגעבן זיין אמט, איידער ווערן א לאַקעי ביי די נאַציס, נאָר איידער ער האָט אויפגעגעבן זיין אמט האָט ער פאַרעפנטלעכט א דערקלערונג, וואָס איז אויסגעקלעפּט געוואָרן איבער׳ן שטאָט. די ווענדונג צו דער באַ-פעלקערונג האָט זיך געלייענט אזוי:

„מיינע טייערע מיטבירגער:

„די דייטשע מאַכט האָט מיר נאָר וואָס געלאָזט וויסן, אַז איך מוז אויפגעבן מיין אמט. איך האָב ניט קיין ברירה און מוז זיך אונטערוואַרפן אָט דער פאַראָרדענונג, כאָטש לעגאַל איז דאָס א פאַר-לעצונג פון דעם „אָפּמאַך פון האַאג״, און פאַקטיש איז ניטאָ קיין אורזאַך, וואָס זאָל באַרעכטיגן אזא באַשלוס אין באַצוג צו מיר.

„איך פיל, אַז איך האָב לאָיאַל און געטריי צו דער באַפעלקע-רונג דורכגעפירט די פאַרשיידנאַרטיגע פליכטן, — אָפּט גאַנץ שווערע — וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטער אין די שטעט, וואָס זיינען פאַרנומען פון דעם שונא.

„. . . . וואָלט איך אָנגענומען די באַדינגונגען, וואָס מען האָט מיר פאָרגעשלאָגן, וואָלט עס געמיינט פאַר מיר אויפצוגעבן מיין ערע און מיין פליכט; עס וואָלט געמיינט גיין געגן די פונדאַמענ-טאַלע געזעצן פון אונזער לאַנד — די געזעצן, צו וועלכע איך האָב געשוואָרן טרייהייט. . . . איך האָב ניט פאַרלאָזן מיין פּאָסטן און איך האָב ניט רעזיגנירט. איך בין, איך פאַרבלייב און איך וועל פאַרבלייבן דער איינציגער געזעצלעכער בורגאמעסטער פון ברי-סעל.

איך געזעגן זיך ניט מיט אייך אויף שטענדיג, איך זאָג בלויז „צום ווידערזען״. צעשיידענדיג זיך מיט אייך ציטוויליג, בעט איך אייך איר זאָלט איבערטראָגן אייערע מאַטעריעלע און מאָראַלע

שווערינקייטן מיט רואיגקייט, מיט מוט און מיט זיכערקייט אין זיך.

„איר זאָלט באַגעגענען דעם שיקזאַל מיט א שטאַרקער נשמה און מיט א שטאָלץ האַרץ. די, וועלכע באַלאַנגען אויף אַן אמת צו אונזער פאָלק, האָבן ניט מורא פאר קיינעם און ניט פאר קיין זאַך. זיי האָבן בלויז איין שרעק — צו פאַרפעלן צו טאָן זייער פליכט און ניט צו האַנדלען לויט זייער ערע.

„פאַרבלייבט פאַראייניגט. איינינקייט וועט זיין אונזער קראַפט און וועט פאַר אונז פאַרזיכערן א גליקלעכע צוקונפט.

פ. דזש. וואַן דע מעלברעק, בריסעל, 30-טער יוני, 1941“.

דער בורגאָמעסטער איז אַרעסטירט געוואָרן און די פּלאַקאַטן מיט זיין דערקלערונג זיינען אַרונטערגעריסן געוואָרן, נאָר אויף מאָרגן האָבן די פּלאַקאַטן זיך ווידער באַוויזן אויף די ווענט פון בריסעל. האָבן די נאַציס אַרעסטירט דעם דרוקער, אויף וועלכן עס איז געפאַלן א חשד אַז ער האָט געדרוקט די פּלאַקאַטן. זיי האָבן אויך אַרעסטירט דעם בריסעלער הויפּט פון דער פּאָליציי און האָבן אַרויפגעלעגט אויף דער שטאָט א געלט-שטראָף אין דער סומע פון 170,000 דאָלאַר. נאָר די באַפעלקערונג איז געוואָרן נאָך מער אַנטשלאָסן אויסצודריקן איר פאַראַכטונג און שנאה צו די שונאים. טויזנטער בריסעלער איינוואוינער האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן פאַרביי דער געביידע פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג און וואַרפן בלומען ביי דעם אַריינגאַנג צו דער געביידע.

האָבן די נאַציס ווידער אַרעסטירט און דער צאָרן געגן זיי איז געוואַקסן נאָך גרעסער.

די באַפעלקערונג האָט געענטפערט מיט סאַבאָטאַזש-אַקטן, ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן. לאָמיר דאָ וואַרפן א בליק אויף עטלעכע מוסטערן פון אָט דעם סאַבאָטאַזש, וואָס קאָסט די נאַציס אַזוי טייער.

אין מאַלין, וואָס געפינט זיך צווישן בריסעל און אַנטווערפּן, איז אויפגעריסן געוואָרן אַן אייזנבאַן-בריק. צוליב דעם, וואָס אָט די בריק איז אויפגעריסן געוואָרן געדויערט איצט די רייזע פון אַנטווערפּען קיין בריסעל 2 שעה. פאַר דער מלחמה פלעגט אָט די רייזע דויערן בלויז 30 מינוט.

לעבן אסעלט אין צפון בעלגיע זיינען אויפגעריסן געוואָרן צוויי באַרזשעס, וואָס האָבן געפירט שטאָל קיין דייטשלאַנד פון די ליעזשער

שטאָל פאַבריקן. די אויפגעריסענע באַרזשעס האָבן פאַרשפאַרט דעם וועג אין דעם אַלבערט קאַנאַל אויף אַ לאַנגער צייט.

ביי דעם אייזנבאַן-קנופּ לעבן בריסעל האָט מען געפונען 60 באָמ-בעס. עטלעכע באָמבעס האָבן אויפגעריסן. דער נאַצישער מיליטע-רישער פאַרקער פון בעלגיע קיין פראַנקרייך איז שטאַרק פאַרשווערט גע-וואָרן.

עס האָבן אויסגעבראָכן מיסטעריעזע שריפות אין די נאַצישע קאַ-זאַרמעס אין אָסטענד, גענט, שאַרלעראָי, נאַמור און ליעזש. אין איינינע פון די שריפות זיינען פאַרברענט געוואָרן נאַצישע סאָלדאַטן. די אויס-פאָרשונגען האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט פעסטשטעלן ווער עס זיינען די שולדיגע, נאָר די נאַציס האָבן נאָך יעדער שריפה אַרויפגעלעגט אַ שווערע געלט-שטראַף אויף דער באַטרעפנדיגער שטאָט.

די בעלגיער ווייזן אַרויס אַ סך העלדישקייט אין דער הילף, וואָס זיי גיבן די ענגלישע פליער, וועלכע קומען באָמבאַרדירן בעלגיע. עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס און אויבן-אויף קאָן זיך אויסווייזן אַז דאָס איז אַ פולשטענדיגער אבסורד, נאָר די בעלגיער זיינען איבערגליקלעך ווען עס קומען אָן די ענגלישע באָמבע-עראָפּלאַנען. נאָך יעדער דערפאָלג-רייכער ענגלישער באָמבאַרדע אויף וועלכן ניט איז פונקט אין בעלגיע — קומען די פרויען אַרויס אין קליידער פון שאָטלענדישע שטאָפן. דאָס טוען זיי צו באַצייכענען זייער אָנערקענונג צו די ענגלישע פליער. פאַ-נען טראָגן איז פאַרבאָטן, נאָר קליידער פון אַ שטאָף, וואָס דערמאָנט די שאָטלענדישע מונדירן — דאָס האָט מען נאָך ניט געהאַט פאַרבאָטן.

די נאַציס האָבן זיך געכאַפּט אַז די בעלגישע באַפעלקערונג איז ניט נאָר באַגייסטערט פון די ענגלישע באָמבע-עראָפּלאַנען, נאָר אַז עס ווערן געגעבן ליכט-סיגנאַלן, וואָס העלפן זייער אַ סך אַרויס די פליער. מיט די, וועלכע ווערן באַשולדיגט אין העלפן די ענגלישע פליער, באַגייען זיך די נאַציס מיט אויסערגעוויינלעכער ברוטאַליטעט. טויט-אורטיילן ווערן אויסגעטיילט אָן אַ צאָל, נאָר די סיגנאַלן ווערן אַלץ געגעבן.

דער נאַצישער גענעראַל פאָן פאַלקענהאוזען, וועלכער איז דער אוי-בער-הערשער אין בעלגיע, וואָס עס מיינט דער אויבער-הענקער אין דעם אָקופּירטן לאַנד, שפּרינגט פון דער הויט אויף אָפּצושטעלן אָט די הילף, וואָס די בעלגיער גיבן צו די ענגלישע פליער, נאָר ביז איצט האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו דערגרייכן זיין ציל. עס האָט זיך אים אויך ניט

איינגעגעבן אָנצושרעקן די באַפעלקערונג אַז זי זאָל אויפהערן באַהאַלטן ענגלישע פּאַראַשוטיסטן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אין בעלגיע, אָדער פלי-ער, וואָס לאַנדן ווען זיי פאַרלירן קאָנטראָל איבער זייערע עראָפּלאַנען.

אין פלאַבערג אין דער היינאַ פּראָווינץ האָט מען אויפגעדעקט אַן אָרגאַניזאַציע אויף צו העלפן ענגלישע סאָלדאַטן, וועלכע אַנטלויפן פון געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד. מען האָט אַ צאָל ארעסטירטע אָנגע-קלאָגט אַז זיי האָבן אויסבאַהאַלטן 4 ענגלישע סאָלדאַטן, געהאָלפן זיי ארויסשיקן בריוו און געהאָלפן זיי אַנטלויפן קיין ענגלאַנד. די אָנגעקלאָג-טע האָבן אַלע געלייקענט די באַשולדיגונג. קיין שטאַרקע באַווייזן געגן זיי זיינען ניט געווען. נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט די נאַצישע פּאָליציי געפונען אַ בריוו, אין וועלכן די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן באַ-דאַנקט די אָנגעקלאָגטע פאַר זייער הילף. 2 אָנגעקלאָגטע זיינען דער-שאָסן געוואָרן און 11 זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו 20 יאָר שווערע ארבעט.

אין אַ צווייטן פאַל איז אַ 70-יאָריגער מאַן, זיין פרוי און זייער 34-יאָריגע טאָכטער פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר אַן ענלעכן „פאַרברעכן“.

און אָט איז נאָך אַ געשיכטע, וואָס האָט אָנגעצונדן די יוכע פון דעם גענעראַל פאָן פאַלקענהאוזן. דאָס איז געווען אין זעעברוגע, וואו די נאַצים האָבן איינגעשטעלט אַ סובמארין-באַזע. מען האָט זיך גע-כאַפּט אַז דאָרט זיינען געגעבן געוואָרן ליכט-סיגנאַלן מיט אַ פּאָר מינוט איידער עס איז פאָרגעקומען אַן ענגלישע לופט-אַטאַקע. אַלס נקמה האָט מען די גאַנצע מענער-באַפעלקערונג פון דעם דאָרף אַוועקגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער אין דייטשלאַנד. ווען עס איז אָבער געקומען אַ נייע לופט-אַטאַקע, זיינען ווידער געגעבן געוואָרן ליכט-סיגנאַלן פון ער-גערץ אַ ווינקל אין דעם פּאָרט. די נאַצים האָבן באַשלאָסן ארויסצושיקן יעדע נאַכט אַ פּאַטרול פון 1,000 סאָלדאַטן אויף צו כאַפּן די שולדיגע. אין די קומענדיגע צוויי לופט-איבערפאַלן זיינען קיין ליכט-סיגנאַלן ניט געגעבן געוואָרן, נאָר ביים דריטן איבערפאַל האָט מען דערזען אַז אַ שטאַרקע ליכט באַוועגט זיך לענג-אויס דעם ברעג פון דעם פּאָרט. די גאַנצע מחנה סאָלדאַטן האָט זיך גענומען פאַרזיכטיג דערנענטערן צו דעם פּלאַץ, וואו עס איז געווען דער ליכט-פּאַס. אָט זיינען זיי שוין געווען גאָר נאָענט און געגעבן אַ באַפעל: „האַלט! זייער באַפעל איז ניט אויס-

געפּאַלגט געוואָרן און דער ליכט-פּאַס האָט זיך גענומען באַוועגן שנעלער. זיי האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן און עס האָט זיך צעהילכט אין דער נאַכט זייער שיסעריי. עס איז געוואָרן פינסטער; דער ליכט-פּאַס איז פאַרשוואונדן. ווען די סאָלדאַטן זיינען ענדלעך צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, פון וואַנען עס האָט זיך פריער געזען ליכט, האָבן זיי געפונען אַ טויטן הונט, ביי וועמען עס איז געווען צוגעבונדן צום רוקן אַ גרויסע עלעקטרישע באַטאַרייע, וואָס האָט געוואָרפן אירע שטראַלן צום הימל. די באַטאַרייע איז איצט געווען צעשמעטערט פון אַ קויל.

מען האָט אויף דער פאַרבליבענער באַפעלקערונג אַרויפגעלעגט אַ שווערע געלט-שטראָף. אין זעעברוגע זיינען שוין קעפּ געווען אָפּגעהאַקט, מען האָט שוין אַלע דערוואַקסענע מענער אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן, נאָר די ליכט-סיגנאַלן זיינען אַלץ געגעבן געוואָרן אָן אויפהער און מען האָט קיינעם ניט געקאָנט כאַפּן. דעמאָלט האָבן די נאַצים פאַרשיקט די גאַנצע באַפעלקערונג און ניט איבערגעלאָזט אין זעעברוגע אפילו קיין איינציגן פון די פריערדיגע איינוואוינער.

דעם 17-טן דעצעמבער, 1942, האָט די „יונאַיטעד פּרעס" באַריכטעט אַז נאָך דעם ווי עס איז אויפגעריסן געוואָרן אַ באַן-סטאַנציע האָבן די נאַצים געכאַפּט 30 משכנות און גלייכצייטיג האָבן זיי געפונען 200 דראָטלאָזע אַפּאַראַטן.

אויף דער שטאָט לאָוווען איז אַרויפגעלעגט געוואָרן אַ שטראָף פון 2,000,000 בעלגישע פראַנק דערפאַר וואָס דאָרט זיינען פאַרברענט געוואָרן די רעקאָרדס פון די אַרבעטער אין שטאָט, כדי די נאַצים זאָלן ניט קאָנען אַזוי לייכט שלעפּן מענטשן אויף שקלאַפן-אַרבעט אין דייטשלאַנד.

דער נאַצישער מיליטערישער קאָמאַנדיר איבער בעלגיע האָט פאַראָרדנט אַז אויף ווייטער וועט מען די בעלגיער, וועלכע זיינען פאַראורטיילט צום טויט, ניט שיסן, נאָר מען וועט זיי הענגען. דאָס איז געטאָן געוואָרן כדי צו קאָנען מער טעראָריזירן די באַפעלקערונג מיט דער שרעקלעכקייט פון די קערפּערס, וואָס וועלן הענגען אַ לאַנגע צייט אויף אָנצויאָגן אַ פּחד אויף אַלעמען.

די בעלגישע נייעס-אַגענטור אין לאָנדאָן האָט דעם 25-טן פעברואַר היי-יאָר אָנאָנסירט אַז עס איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אין בריסעל דער נאַצישער אַדמיניסטראַטאָר אין בעלגיע, דר. וואָלפגאַנג גלעד. צוזאַמען מיט דער נייעס איז אויך געקומען דער באַריכט אַז אַ בעלגישער נאַצי האָט

נאָכשפּיאָנירט און ארויסגעגעבן צו די נאַצים א בעלגישן גייסטלעכן, וועלכער איז באשולדיגט געוואָרן אין באהאלטן אן ענגלישן פּליער. אָט דער בעלגישער נאַצי איז באלד נאָך זיין פאררעטערישן אקט דערשאָסן געוואָרן פון די בעלגישע אונטערערדישע קעמפער.

דעם 9-טן מערץ היי־יאָר האָט די „אסאָשיעיטעד פּרעס" געבראַכט א באריכט וועגן דער פארשטארקטער טעטיגקייט פון דעם אונטערערד. אין איין נאכט איז אויפגעריסן געוואָרן א לאָקאָמאָטיוו-פאַבריק, א פּאַלאַץ, אין וועלכן עס האָבן זיך איינקוואַרטירט הויכע נאַצישע מיליטער-באַאַמטע; אן עלעקטרישע סטאַנציע, אן אייזנבאַן-דעפּאָ און א קוילן-גרוב. אָט די אַטאַקעס האָבן די אונטערערדישע כוחות דורכגעפירט ביי די נאַצישע וועכטער אונטער׳ן נאָז. די נאַצים האָבן געקראָגן א פארדאַכט, אז עס גרייט זיך עפּעס געגן זיי און זיי האָבן ביי אָט די פּלעצער פארגרעסערט די וואך, נאָר געהאָלפן האָט עס זיי ניט.

אין דער זעלבער צייט האָט א נאַצישער מיליטערישער געריכט אין ליעזש פאראורטיילט 9 בעלגיער צום טויט פאר סאַבאָטאַזש-אקטן.

אָלס א מוסטער פון גרעניצלאָזן העראָאיזם קאָן דינען די געשיכטע פון דעם בעלגישן 29-יאָריגן אָפיצער זשין קאַרנעז. אים האָט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן פון א נאַצישן קאָנצענטראַציע-לאַגער און אָנקומען קיין לאָנדאָן. ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן, נאָר ניט פאר דעם צוועק צו פירן א רואיגע עקזיסטענץ אין דער פארהעלטניסמעסיגער זיכערקייט אין ענגלאנד, נאָר אויף צו קעמפן ווייטער געגן די באַצווינגער פון זיין לאַנד. ער קערט זיך אום צוריק קיין בעלגיע מיט א וויכטיגער מיסיע. ער פאַלט אריין צו די נאַצים אין די לאַפּעס. זיי פּייניגן אים אָן אויפהער 5 חדשים, האַלטנדיג אים אין א פינסטערן צעל, און צולעצט דערשיסן זיי אים.

די העלדישקייט פון זשין קאַרנעז איז כאַראַקטעריסטיש פאר דעם גייסט, וואָס באהערשט דאָס בעלגישע פאָלק און זיין אנטשלאָסנקייט צו קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט געגן די נאַצישע הענקער.

איבער בעלגיע באַלעבאַטעוועט דער לייטענאַנט-גענעראל אלעקסאַנדער ערנסט באראָן פאַלקענהאוזען. דאָס האָט ער דער ערשטער איינגעפירט די סיסטעם פון משכנות, וואָס די נאַצים האָבן גענומען אָנווענדן אין אלע אָקופּירטע לענדער, און וואָס האָט שוין אָפּגעקאָסט די לעבנס פון אזויפיל הונדערטער טויזנטער אומשולדיגע מענטשן, וועלכע זיינען

צעשאָסן געוואָרן אויס נקמה פאַר די אַקטן פון אַנדערע.

דער אָנהויב איז געווען אַזוי: אין אַן אַפּריל נאַכט, אין 1941, איז דערשאָסן געוואָרן איינער פון די בעלגישע נאַצישע פירער אין טורנעי. ווען דריי נאַצישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַוויזן אין דער גאַס, וואו דער בעלגישער נאַצי איז דערשאָסן געוואָרן, האָט מען אויף זיי אויך אָנגעהויבן שיסן. די נאַצישע סאָלדאַטן האָבן געכאַפּט דעם ערשטן פאַרבייגייער און אים דערשאָסן כאָטש ער האָט געהאַט גוטע באַווייזן אַז ער האָט מיט דער שיסעריי גאָר ניט געהאַט וואָס צו טאָן.

די הינריכטונג פון דעם אומשולדיגן מענטשן האָט אויפגעבראַכט די באַפעלקערונג פון טורנעי. אויף דער צווייטער נאַכט זיינען צוויי נאַצישע אָפיצערן דערשאָסן געוואָרן אין גאַס. די געשטאַפּאָ האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעלאָזט און האָט גענומען דורכפירן מאַסן-אַרעסטן. מען האָט די אַרעסטירטע שווערלעך געפייניקט, נאָר מען האָט ביי קיינעם קיין שום אינפאָרמאַציע ניט געקאָנט אַרויסקריגן. קיינער האָט זיך אין גאָר ניט מודה געווען און קיינער האָט קיינעם ניט אַרויסגעגעבן. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער באַראָן פאָלקענהאַוזען און האָט געגעבן אַ באַפעל: „פאַרהאַלט די 25 פּראָמינענטסטע בירגער און דעמאָלט וועט די גאַנצע באַפעלקערונג זיך פילן פאַרפליכטעט צו קאָאָפּערירן“.

האָט מען פאַרהאַלטן די 25 אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט, נאָר די באַפעלקערונג האָט פאָרט ניט קאָאָפּערירט. דער גענעראַל האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז אויב אין לויף פון צען טעג וועלן ניט אַרויסגעגעבן ווערן די שולדיגע אין די שיסערייען, וועלן די 25 אַרעסטירטע דערשאָסן ווערן.

און אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. די 25 אין טורנעי זיינען דערשאָסן געוואָרן. באַלד זיינען דערשאָסן געוואָרן 22 משכנות אין בריסל און 11 אין ליעזש און עס איז אַוועק אַ גאַנג.

דער זעלבער באַראָן פאָלקענהאַוזען האָט צו זיינע אָפיצערן אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל: „דערשיסט ניט קיינעם. שינדט אַראָפּ די הויט פון זיי. דאָס וועט זיי ווייטאָן אַ סך לענגער איידער ווי מען זאָל זיי באַלד דערשיסן.“

היטלער׳ס בלוטיגע הינט אין יעדן לאַנד זיינען ווערט איינער דעם צווייטן. מיר האָבן פאַר זיך אַ גאַלעריע פון סאַדיסטן, פּסיכאָפּאַטן, בלוט-דורשטיגע חיות, וועלכע האָבן פאַרלאָרן יעדן מענטשלעכן געפיל,

און ביי וועלכע עס איז א פראנע פון באגיין וואס מער פארברעכנס גענן דער באפעלקערונג פון א פארכאפּט לאנד, ווייל אויף אזא אופן קאן מען ביי היטלער'ן זיך דערדינען צו די העכסטע אויסצייכענונגען.

№ 33 PRIERE DE FAIRE CIRCULER CE JOURNAL 15 AVRIL 1942

LA LIBRE BELGIQUE

NOUVELLE SERIE DE GUERRE
FONDÉE LE 15 AOUT 1940

RÉDACTION ET ADMINISTRATION : OBERFELDKOMMANDANTUR, 1, PLACE DU TRONE, BRUXELLES
EDITEUR RESPONSABLE : PETER PAN, JARDIN D'EGMONT, BRUXELLES

J'ai foi dans nos destinées. Un pays qui se défend s'impose au respect de tous. Ce pays ne périt pas! Dieu sera avec nous dans cette cause juste.
ALBERT. Roi des Belges.

Acceptons provisoirement les sacrifices qui nous sont imposés et attendons patiemment l'heure de la réparation.
A. MAX.

Envers les personnes qui dominent par la force militaire notre pays, ayons les égards que commande l'intérêt général. Respectons les règlements qu'elles nous imposent aussi longtemps qu'ils ne portent atteinte ni à la liberté de nos consciences chrétiennes, ni à notre dignité patriotique.
Monseigneur MERCIER.

Entre le sacrifice et le déshonneur, le Belge de 1940 n'hésite pas plus que celui de 1914. La lutte sera dure, mais nul ne peut douter du succès final. La cause de la Belgique est pure. Avec l'aide de Dieu, elle triomphera.
LEOPOLD.

Quelle que soit la durée de l'épreuve à subir, tous les Belges doivent avoir pour mot d'ordre " Fors le Roi, nul ne sera ".
F.-J. VAN DE MEULEBROEK.

Sans doute est-il nécessaire de reconnaître le pouvoir occupant comme un pouvoir de fait et de lui obéir aussi dans les limites des conventions internationales, mais la Petite Belgique continue à exister et tous ses enfants lui doivent fidélité et assistance.
Monseigneur VAN ROEY.

Cure de Jouvence?

Notre journalisme contemporain me fait subir chaque jour une heureuse cure de jouvence.

Il me ramène aux temps élus et lointains où, sous la conduite de quelque maître érudit, je me consacrais sans souci aucun à l'étude des poètes anciens.

Qu'un journal me tombe sous la main et immédiatement renait, intact en ma mémoire le beau vers de Térence « le voilà qui va dire avec grand effort de grandes niaiseries ».

La sagesse des anciens est l'or du présent.

Nos scribaillons, voulant tous sauter plus haut que leur chapeau, finiront toujours par se casser le nez sur notre inaltérable bon sens.

Ils forment aujourd'hui un chœur bien orchestré et entonnent avec un méritoire courage «l'hymne au travail obligatoire».

Chacun tient sa partition et nul ne rate son entrée.

« Remercions nos protecteurs chéris », ainsi débute la cantate, « car avant leur arrivée chez nous notre main-d'œuvre nationale était tout de même si mal répartie ». « On va enfin pouvoir manger à sa faim ».

Les harmonies finement ciselées entraînent au pays du rêve les auditeurs conquis. Pain blanc, café, jambon, beurre, prix abordables, défilent devant leurs yeux attendris !

Devant les regards brillants des enfants se dessinent les mirages d'une oasis de cocagne, où s'entassent en pyramides bariolées les oranges vineuses, les bananes d'or, les chocolats exquis, les gâteaux à la crème fraiche et bien d'autres choses dont leur palais ne garde plus qu'un souvenir lointain ..

Les économistes se rappellent que les 280 habitants par kilomètre carré étaient nourris chaque jour, ma foi assez copieusement et le bon bourgeois qui fut rentier se dit tristement que le début de cet hymne est probablement une œuvre



de pure imagination. Mon vieux maître, citant Pline, aurait dit : « comme s'il n'y avait rien de plus malheureux qu'un homme dominé par son imagination, cette maîtresse d'erreur et de fausseté ».

Déjà la deuxième voix entonne : « Le travail est un devoir, louange à ceux qui nous en facilitent l'exécution ».

Parmi ces ténors imaginatifs ne reconnais-je point des voix qui, jadis, sur d'autres tréteaux, clamaient impudemment la louange de théories aujourd'hui périmées. N'était-ce point l'époque où ils disaient, ces choristes devenus maintenant solistes, que le travail faisait partie de la nature humaine, qu'il était la marque de sa dignité, n'était pas soumis à la loi de l'offre et de la demande, bref qu'il était un attribut essentiel de l'homme et comme lui libre ?

Aujourd'hui ils ont lu M. Rosenberg et ces esprits clairs ont enfin compris que ce catholicisme auquel ils adhéraient « n'était qu'une forme dégénérée des tendances juives, étrusques et romaines ».

Voulant libérer leur peuple de l'emprise judaïque, ne voulant pas d'autre part être pris pour des étrusques et M. Beatse enfin étant convaincu qu'il n'était pas un dégénéré, ils ont jeté le froc aux orties. M. Brenda eût appelé cela « la trahison des clercs ».

Si vous n'y voyez pas d'inconvénient, journalistes en renom, je préfère quant à moi être un descendant dégénéré des civilisations étrusques, hebraïques et romaines plutôt que d'être l'héritier de ceux dont Henri Pirenne disait : « Le genre d'humanité qu'ils montrent à leurs esclaves blancs permet de les comparer aux planteurs des Antilles ». Il parlait des junkers allemands.

Entre les deux mon choix est fait, entre la civilisation de Rome, qu'elle soit d'avant ou d'après Romulus, celle qui a conservé pure la tradition divine et celle des planteurs antillais je n'hésite point.

אַ בעלגישע אונטערערדישע צייטונג.

קאפיטל 10.

„די ליגע פון שטיינערנע געזיכטער" אין לוקסעמבורג

די נאַציס האָבן זיך ארויפגעוואָרפן אויף דעם פּיצל לאַנד, וואס הייסט לוקסעמבורג, און האָבן אויך דאָ געוויזן אויף וואס זיי זיינען פּיי-איג. לויט די באריכטן, וואס זיינען דערהאלטן געוואָרן אין לאָנדאָן, האָבן די היטלערישע הענקער פארשפּארט 10,000 לוקסעמבורגער איינוואוינער אין קאָנצענטראציע-לאַגערן. 30,000 מענטשן זיינען פון דעם לאַנד דעפּאָרטירט געוואָרן. דאָס איז פון א באפעלקערונג, וואס ציילט בלויז 297,000 מענטשן.

די נאַציס האָבן אזוי ארום פארשפּארט אין לאַגערן און דעפּאָרטירט איינעם פון יעדע זיבן איינוואוינער פון דעם לאַנד.

עס איז דערפאר ניט קיין וואונדער וואס אויך אין אָט דעם קליינעם לאַנד האָט די באפעלקערונג פארשטשעמעט די ציין און גענומען ארויס-ווייזן די אריינדרינגער פאראכטונג און אויך אָנטאָן זיי אזויפיל שאָדן וויפיל עס איז נאָר מעגלעך.

דאָס קליינע לאַנד, וואס פארנעמט אינגאַנצן 999 קוואדראט מייל, און וואָס מען קאָן דורכשניידן אן אנדערהאלבן שעה אין דער לענג און אין א האלבער שעה אין דער ברייט, איז שוין געווען אין די דייטשע לאַפּעס אין דער ערשטער וועלט מלחמה, און די באפעלקערונג האָט נאָך פון יענער צייט גאַנץ ביטערע דערינערונגען וועגן דעם, ווי די יונקערס

האָבן דאָרט באַלעבאַטעוועט. דאָס, וואָס איז אָבער געווען דעמאָלט, איז בלאָס לגבאי די איצטיגע האנדלונגען פון היטלער׳ס פאַרשווינען. דערפאַר אזא צאָרן, אזא פאַראכטונג, אַזא אנטשלאָסנקייט ניט אָנצונע-מען די הערשאַפט פון די נאַצים.

די לוקסעמבורגער זיינען א שטאָלץ און פרייהייט-ליבנדיג פאָלק, ווי מען קאָן דאָס זעען פון דער פּאָעמע, וואס איז געשאַפן געוואָרן אין 1859, ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע אייזנבאן, וואס האָט פאַר-בונדן לוקסעמבורג מיט דער דרויסנדיגער וועלט. אָט די פּאָעמע איז געוואָרן מיט דער צייט א נאַציאָנאַלע ליד, ווייל דאָס פאלק האָט דערפילט אַז דאָ ווערט גלענצענדיג סומירט זיין כאראקטער. עס זינגט זיך אזוי:

„קומט איר אלע פון פרייסן, פון בעלגיע און פון פראנקרייך,
קומט און באטראכט מיט פריינדשאַפט אונזער לאַנד.
פרעגט זיך נאָך ביי די מענטשן פון נאָענט און ווייט,
מיר ווען בלייבן וואס מיר זיינען — בלייבן אָן א בייט.
מיט אונזער גורל זיינען מיר פולשטענדיג צופרידן
און מיר בלייבן געטריי צו אונזער אייגענער מלוכה.
קיין מיליאָנען קאָן זי ניט אריינעמען,
נאָר פאַר אונז איז זי גענוג,
און ווי איינער רופן מיר אויס מיט פרייד:
די זון שיינט קיינמאָל ניט אויף קיין בעסער לאַנד!״

ווען די נאַצים האָבן זיך אריינגעריסן אין לוקסעמבורג אין מאַי 1940, האָבן זיי פּראָקלאמירט דייטש אלס די איינציגע שפראך פון דעם לאַנד. „דער נאַצי-באַשטימטער „גאוליטער״ (פּאָליטישער הויפּט) האָט דעם 15-טן אויגוסט, 1940, אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע פון לוקסעמ-בורג, דעם פּארלאמענט און דעם מלוכה-ראט. ער האָט אויך גלייכצייטיג געמאַכט א סוף צו די טאַמאַזשנע-אָפּצאָלונגען אויף דעם האנדל צווישן לוקסעמבורג און דייטשלאַנד. דאָס האָט געמיינט אז לוקסעמבורג איז פולשטענדיג איינגעשלונגען געוואָרן פון דעם נאַצישן רייך.״ („די טאַו-זענד מיליאָן״, ארויסגעגעבן פון דעם „אָפיס אָוו וואָר אינפאָרמעישאָן״, וואשינגטאָן, 1942).

דער ענטפער פון די לוקסעמבורגער איז, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, געוואָרן אויסגעדריקט אין פאַראכטונג און אין צאָרן.

סוף 1940 האָבן די לוקסעמבורגער דורכגעפירט א גענעראַל-סטרייק אויס פּראָטעסט נעגן די ארייַנדרינגער.

„די נאַצים האָבן א נאָמען געגעבן די לוקסעמבורגער — „די מענטשן מיט די געזיכטער פון א שטיין". דאָס איז גראַד געפעלן געוואָרן די איינוואוינער פון לוקסעמבורג און זיי האָבן מיט אָט דעם נאָמען גענומען באַצייכענען די אַלע, וואָס נעמען אָן אנטייל אין דעם אונטערערדישן קאמף נעגן היטלעריזם. עס איז געשאַפן געוואָרן די „ליגע פון די שטיי-נערנע געזיכטער" — א ליגע פון די, וועמעס געזיכטער זיינען פאַר די נאַצים קאַלט ווי שטיין, נאָר אין וועמעס הערצער עס ברענט א העליש פייער צו דעם אריינדרינגער און פאַרכאַפּער.

לוקסעמבורג פאַרעפנטלעכט אַ שווערע אָנקלאגע נעגן די נאַצישע אַריינדרינגער

דעם 13-טן פעברואַר, 1941, האָט די „ליגע פון שטיינערנע געזיכ-טער" אָפּגעשיקט דעם פאָלגענדיגן פּראָטעסט צו דעם נאַצישן „גאַוליי-טער" אין לוקסעמבורג:

„די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון דער קאָמיטע פון דער „ליגע פון שטיינערנע געזיכטער", וועלכע זיינען אלע בירגער פון לוקסעמבורג, דריקן דאָ אויס זייער פייערלעכן פּראָטעסט... נעגן די פאַקטן, וואָס זיינען ווי פאָלגט:

1. די פּראָטעסטירנדיגע און זייערע לוקסעמבורגער מיטביר-גער זיינען אין די לעצטע צען חדשים געבראַכט געוואָרן אלס א קרבן צו דעם אזוי גערופענעם „ריינעם אריש-נאַצישן" שטאַט פון רוי-בער, וועמעס האַנדלונגען עס פאַסן זיך מער פאַר דער עפּאָכע פון די מאָנגאָלישע פאַרכאַפּער, איידער פאַר דעם קריסטלעכן 20-טן יאָרהונדערט.

2. נעגן דער אויסגערעכנטער פאַרשקלאַפונג פון דער לוק-סעמבורגער באַפעלקערונג צוגונסטען פון דעם אומפּראָדוקטיוון דייטשן סאָלדאַטסקן פאָלק, וואָס שפּאַנט אַרום מיט ריזן-שריט און זוכט צו פאַרניכטן יעדע פרייהייט כדי צו דערגרייכן דעם אָנגע-צייכנטן ציל.

אין אנזיכט פון דער אנווענדונג פון ברוטאַלער מאַכט נעגן א קליין פאָלק, וואָס ציילט קוים 300,000 מענטשן, מצד א פאָלק פון

80 מיליאָן — פּראָטעסטירן מיר צו דער געשיכטע פון דער וועלט נעגן דעם פאָלגענדיגן:

1. געגן דער לאנגער קייט פון שווינדעלן און פון ברעכן צוזאָגן מצד דער נאַצישער רעגירונג.

2. געגן דעם ברוטאלן איבערפאל אויף אונזער לאנד דעם 10-טן מאַי, 1940, נאָך דעם, ווי עס איז געגעבן געוואָרן פון די דייטשן א פייערלעכער צוזאָג צו העלפן אייביג אָנצוהאלטן די זעלבסטשטענדיגקייט פון לוקסעמבורג.

3. געגן דעם, וואס מען פּלינדערט אונזער לאנד, ניט געקוקט אויף אלע געגעבענע גאראנטיעס.

4. געגן די רויבערישע עקספּראָפּריאציעס און געגן די אום-געזעצלעכע שטייגענדיגע שטייערן, וואס ווערן אויף אונז ארויפ-געלייגט.

5. געגן דעם איינפירן פון דעם נאַצישן שטראָף-געזעץ אין לוקסעמבורג.

6. געגן דעם, וואָס די פּאררעטער, וואָס זיינען געקומען פון דעם אָפּפאל פון דער געזעלשאפט, ווערן באשיצט מיט באַיאָנעטן.

7. געגן דעם, וואס עס איז איינגעפירט געוואָרן צוואנג-אר-בעט, און געגן דעם, וואָס עס איז איינגעפירט געוואָרן געצוואונגענע מיליטער-דינסט פאר אונזער יוגנט.

8. געגן דער ברוטאלער און אוממענטשלעכער עקספּראָפּריא-ציע פון מאָנאסטירן...

9. געגן דעם, וואָס עס איז אָפּגעשאפן געוואָרן דער אכט-שטונדיגער ארבעטס טאָג.

10. געגן דעם פארדייטשן לוקסעמבורגער נעמען.

11. געגן דעם, וואס מען פארשיקט אונזערע בירגער קיין פּוילן, און געגן דעם, וואס מען צווינגט אָנצונעמען די אידייען פון נאַציזם.

12. געגן דעם פארדארבן פון דער מאָראל פון אונזער יוגנט

און געגן צווינגען די יוגנט אריינצוטרעטן אין נאַציִשע אָרגאַניזאַ-ציעס, וואָס זיינען צענטערן פון מאָראַלער געזונקענקייט.

13. געגן דעם פּלאַן אָנצוטאָן אונזער יוגנט אין מונדירן און שיקן אונזערע זין געגן די קוילן פון אונזערע ענגלישע פריינט.

14. געגן דער אונטערדריקונג פון אונזער געוויסן און געגן דעם איינפּירן אונטערן שוץ פון באַיאָנעטן א באַרבאַרישע ראַסן-טעאָריע, וואָס איז אונז פרעמד.

15. געגן די מאָרדן, פּייניגונגען און שאַנד-אַקטן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין לוקסעמבורג מצד דער געסטאַפּאָ.

16. געגן דער פאַרעפּענטלעכונג פון אַלע סאָרטן מאָנסטער-האַפטע פאַראָרדענונגען.

דערנאָך קומט אויך דער פּראָטעסט געגן דעם, וואָס עס איז פאַרבאָטן געוואָרן זיך צוהערן צו דער ענגלישער ראַדיאָ, וואָס איז „די איינציגע טרייסט פאַר די לוקסעמבורגער איינוואוינער אין די איצטיגע טראַגישע טעג". און אויך א פּראָטעסט געגן דעם, וואָס „די לוקסעמבורגער יוגנט ווערט פּראָסטיטואירט".

די אַנקלאַגע ענדיגט זיך מיט דעם רוף:

„לאַנג לעבן זאָל די פרייהייט!"

„לאַנג לעבן זאָל דאָס פרייע און זעלבסטשטענדיגע לוקסעמבורג!"

אונטערגעשריבן:

„די ליגע פון שטיינערנע געזיכטער".

די לוקסעמבורגער האָבן גוט געוואוסט, אַז די נאַציס וועלן זיך ניט בייטן און וועלן ניט ווערן ווייכער, אָדער בעסער, נאָר די ניט-געבראָכענע אין גייסט האָבן געוואָלט פאַר דעם געוויסן פון דער וועלט אויסשרייען זייער פּראָטעסט און ווייזן, אַז זיי נעמען ניט אָן די מעשים פון די אריינ-דרינגער אין גוטן מוט.

די לוקסעמבורגער האָבן זיך ניט באַנוצט מיט פּראָטעסטן אַליין, זיי האָבן זיך גענומען קעמפן און געבן א ווידערשטאַנד דעם שונא מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. דאָס פּיצל לאַנד האָט געוויזן אַז ווי גרויס עס

איז ניט די מאכט פון אריינדרינגער, קאן ער ניט צעברעכן דעם מוט פון אַ פאָלק, וואס איז אנטשלאָסן אַלץ מקריב צו זיין, אבי ניט צו לאָזן זיך פארשקלאַפן.

אַ קאָלעקציע פון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע.

קאַפּיטל 11.

לאַוואַל איז ניט פראַנקרייך און דאָס פראַנצויזישע פאָלק וויל ניט זיין אין שקלאַפעריי ביי היטלער׳ן

היטלער איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער פראַנקרייך ניט צוליב זיין גבורה, נאָר צוליב דעם, וואָס מען האָט פון פראַנקרייך פאַרראַטן. די זעלבע, וועלכע האָבן געדאַרפט פראַנקרייך באַשיצן, זיינען געווען די הויפּט־פאַררעטער. אָט די וועיגאַנס און פּעטענס און לאַוואַלס און דאַרלאַנס האָבן שטענדיג זייער פיינט געהאַט די רעפּובליק און האָבן זיך באַצויגן צום פאָלק מיט פאַראַכטונג. זיי האָבן מערערע מאָל אַרויסגעוויזן זייערע ציין, גרייטנדיג זיך צו פאַרניכטן די פרייהייט אין פראַנקרייך, נאָר די מלחמה האָט זיי געבראַכט די אמת׳ע געלעגנהייט, אויף וועלכער זיי האָבן אַרויסגעקוקט אַ לאַנגע צייט — צו פאַרראַטן די רעפּובליק און איינצופירן פאַשיזם.

זינט פראַנקרייך איז געפאַלן אין יוני 1940, איז ווידער און אָבער געשטעלט געוואָרן די פראַגע, ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ פּאַסירט? ווי האָט געקאָנט קומען צו דעם, אַז היטלער זאָל אַזוי לייכט ווערן דער באַלעבאָס פון פראַנקרייך און אַז זיינע באַוואָפנטע באַנדעס זאָלן קאָנען אַריינמאַרשירן קיין פּאַריז, בשעת עס איז נאָך געווען ניט באַרירט דער פראַנצויזישער לופט־פלאָט, בשעת עס איז נאָך געווען גאַנץ דער פראַנצויזישער ים־פלאָט, בשעת עס איז נאָך געשטאַנען אונטערן ביקס אַזאַ ריזיגע אַרמיי? ווי אַזוי איז די מעכטיגע מאַזשינאָ־ליניע געוואָרן ביי היטלער׳ס גענעראַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל? ווי אַזוי האָט זיך אַזוי שנעל אונטערגעגעבן דאָס לאַנד, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גאָר גרויסע מיליטערישע מאַכט אין אייראָפּע?

דער ענטפער אויף די פראגן איז איינער: פּאַרראַט!

אין א מערקווירדיגן בוך, וואָס איז לעצטן יאָר דערשינען אין אמע-ריקע, ווערט אַרויסגעבראַכט אַט דער פּאררעט און ס׳ווערט קלאָר ווי אַזוי די שעכטער פון פראַנקרייך האָבן זי געפּעטעט און זי געקוילעט. האנס האַבע. דער אויטאָר פון דעם בוך, וואָס הייסט „עי טאַוזענד שעד פּאָל״, איז אַליין געווען אין דער פראנצויזישער אַרמיי. ער האָט דאָרט געדינט אַלס א פּריוויליגער און ער האָט בייגעוואוינט די אַלע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן דערפירט צו דעם, אַז פראַנקרייך זאָל אַרונטערפאַלן אונטער היט-לער׳ס ממשלה.

אָפּיצערן דערלאָזן ניט די לופטפליער זיך אויפהויבן אויף זייערע עראָפּלאַנען

צווישן א גאַנצער ריי פאַקטן פון פּאררעט, וועגן וועלכער האנס האבע דערציילט, — און וועלכע ער באַשטעטיגט, אָנרופנדיג נעמען פון שולדי-גע, אָנגעבנדיג דאַטומס און פּלעצער, — דערציילט ער אויך ווי מען האָט די סאָלדאַטן געגעבן ביקסן פון דער יאָר 1891 און אויך די האָט מען ניט געלאָזט נוצן געגן דעם שונא.

האַבע גיט איבער די רייד פון א פראַנצויזישן אָפּיצער, וועלכער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט קאָנטראָלירן און האָט זיך אַראָפּגערעדט פון הארצן. דער געשפּרעך קומט פאָר אין א רענטש, וואָס איז בלויז עט-לעכע שפּאַן פון דעם שונא׳ס פּאָזיציעס. דער אָפּיצער איז געטריי דעם לאַנד. עס איז פאַר אים קלאָר, אַז מען מאַכט בלויז אַן אָנשטעל פון א ווידערשטאַנד און אַז אין דער אמת׳ן גיט מען דעם שונא נאָך אַלץ, וואָס ער וויל. דער אָפּיצער זעט קלאָר, אַז מען פירט צו דעם, אַז די מלחמה זאָל פאַרלאָרן ווערן. ברענט ער מיט צאָרן און זאָגט:

„זיי דערקלערן, אַז מען האָט א גרויסן טייל פון אונזער לופט-פלאָט פאַרניכטעט אויף די פלי־פעלדער. ווייסטו וואָס דאָס מיינט? עס זיינען געווען אָפּיצערן, וועלכע האָבן מיט רעוואָלווערן אין די הענט זיך געשטעלט געגן אונזערע פּילאָטן, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן זיך אויפהויבן אין זייערע עראָפּלאַנען. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן אַזא זאַך?

דער אָפּיצער שטעלט זיך אָפּ אויף א מינוט און דערנאָך זעצט ער פאָר מיט צאָרן:

„איך הויב אָן צו פאַרשטיין: מיר זיינען ניט פאַרקויפט גע־וואָרן — מיר זיינען פאַרראַטן געוואָרן. אַמאָל האָב איך געהערט זאָגן, אַז געוויסע באַלקאַנישע מלוכות זיינען אַלע מאָל גרייט צו פאַרקויפן זייערע לענדער, נאָר אַז זיי זיינען קיינמאָל ניט גרייט איבערצוגעבן דאָס פאַרקויפטע. מיר האָבן דאָס לאַנד איבערגעגעבן, ניט האָבנדיג אפילו געקראָגן קיין באַצאָלט פאַר דעם."

די צעפּוילטקייט פון די פאַררעטער, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון זייער פינסטערן האַס צו דער רעפּובליק, ווערט אויף דעם בעסטן אופן כאַראַקטעריזירט פון אַן אַנדער פאַרביטערטן אָפיצער, וועלכער גיט איבער דעם פאָלגנדיגן פאַקט:

„ניט לאַנג צוריק האָט אַ קאַפּיטאַן מיר געזאָגט, אַז ער האָט ליב פראַנקרייך מער, ווי היטלער'ן נאָר אַז ער האָט ליב היטלער'ן מער, ווי לעאָן בלום'ן איז וואָס נאָך דאַרפט איר?".

טאַקע וואָס נאָך? אָט די רייד אַליין זיינען דאָך שוין אַ גענוג קלאָרע באַווייז, אַז צוליב זייער פינסטערן אַנטיסעמיטיזם, צוליב זייער האַס צו די מאַסן, צוליב זייער גאַליגער שנאה צו די אָרגאַניזירטע אַרבעטער — זיינען די לאַוואַלס און פּעטענס געווען גרייט איבערצוגעבן דאָס לאַנד אין היטלער'ס הענט.

די היטלעריסטישע בעסטיעס ווייזן אויף וואָס זיי זיינען פעאיג

פּעטען האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיט היטלער'ן שליסן אַ שלום „ווי צווישן אַ סאָלדאַט און אַ סאָלדאַט". מען האָט זיך געשלאָגן, הייסט עס, איין צד האָט פאַרלאָרן, וועט ער זיך אונטערגעבן, מען וועט זיך איצט דערלאַנגען די הענט און . . . דער זיגער וועט גרויסמוטיג באַהאַנדלען דעם באַזיגטן מיט איינזעעניש. פראַנקרייך איז דאָך עפּעס ניט פּוילן, וואָס איז באַזיגט געוואָרן. פראַנקרייך איז דאָך ניט טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. פראַנקרייך איז דאָך עפּעס ניט קיין יוגאָסלאַוויע, אָדער גריכנלאַנד, וואָס מען קאָן צעמאָלן איינס און צוויי. נו, האָט היטלער געוויזן אַ מוסטער פון „גרויסמוטיגקייט"!

אָנגעהויבן האָט זיך מיט דער שווידערלעכער באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע. מען האָט די נעכטיגע קריגער באַהאַנדלט ערגער ווי חיות. מען האָט געהאַלטן מענטשן אין אָפענעם פעלד און זיי געצוואונגען צו

שלאָפן אויף דער הוילער ערד. דאָס איז אָבער פאַר די נאַציס ניט גע־ווען גענוג, האָבן זיי נאָך באַשלאָסן צו די מאַטערנישן צוגעבן אויך דער־נידערונג. אַט באַווייזט זיך אין אַ קעמפּ, וואו מען האָט 22,000 מענטשן צונויפגעשפּאַרט ווי בהמות, אַ וואָגן מיט שטרוי — איין וואָגן שטרוי פאַר אַ קעמפּ פון צוויי און צוואַנציג טויזנט מענטשן. מען גיט אַ באַפעל, אַז יעדער זאָל כאַפּן וויפל שטרוי ער קאָן. עס ווערט אַ געראַנגל; מענטשן פאַרוואַנדלען זיך אין חיות; מען וואַרפט זיך איינער אויף דעם צווייטן און מען רייסט איינער ביים צווייטן פון די הענט; האָט שוין איינער באַ־וויזן צו כאַפּן אַ זשמוט שטרוי און זיך לאָזן לויפן, יאָגן זיך צען אַנדערע נאָך אים נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענט; מען כאַפּט אים און מען גיט אים אַ וואַלגער אויף דער ערד, און נאָך דעם, ווי מען רייסט זיך און מען בייסט זיך און מען צעפּליקט אויף זיך אַלעס, בלייבט יעדער איינער מיט עטלעכע געציילטע שטרויעלעך אין האַנט.

עס איז קיינעם ניט ווייכער געוואָרן צו שלאָפן נאָך אַט דעם קאַמף פאַר דער „מתנה" וואָס די נאַציס האָבן געבראַכט, עס איז נאָר געשאַפן געוואָרן אַ געלעגנהייט פאַר די נאַצישע בעסטיעס זיך גוט אָנצולאַכן אויף דעם חשבון פון די, וועלכע זיינען ביי זיי אין די הענט.

מען וואַרפט ברויט ווי אין אַ זווערינעץ פאַר חיות

מען האָט די קריגס־געפאַנגענע ניט געגעבן קיין גענוג שפּייז. מען האָט אפילו ניט געגעבן קיין גענוג ברויט אויף צו שטילן דעם הונגער. און אויך דאָ געפינען די סאַדיסטן אַ געלעגנהייט חוזק צו מאַכן פון די אומבאַהאָלפענע געפאַנגענע.

אָט איז אַ סצענע, וואָס ווערט געמאָלן אין האַנס האָבע'ס בוך:

„עס איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע אָנגעשטרענגקייט. יע־דער איינער האָט געפילט ביי זיך אין מויל דעם טעם פון ברויט. (דאָס האָבן די נאַציס באַשלאָסן זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט די הונ־געריגע און זיי אַ וואַרף־טאָן צוויי לאַבנס ברויט) און ווי אַ פּאַרציי־טיגער וואַרפער פון אַ מעטאַלענעם דיסק — האָט אַ נאַצי אַ שלייַ־דער געטאָן איין לאַבן ברויט צווישן אונז. אין עטלעכע סעקונדן אַרום האָט ער אַ וואַרף געטאָן דעם צווייטן לאַבן ברויט צווישן אונז. הונדערטער הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט.

איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך אַריינצוואַרפן אין

דעם ווילדן קאמף, האָב איך דערזען ווי דריי נאַצים, זיינען געשטאַנען לעבן דער קיך, פון וואַנען, איינער פון זיי האָט עס אַ שליידער געטאָן די ברויטן, — פאַרגייען זיך אין געלעכטער. זיי האָבן זיך געבויגן, זיך געדרייט, זיך פאַרהוסט און געקייכט פון געלעכטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע פאַר זיך אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן מיט אַ וואַנט צווישן חיות און מענטשן, נאָר דאָ האָבן די חיות געוואָרפן שפּייז צו די מענטשן".

די נאַצים האָבן אָבער ניט נאָר חוזק געמאַכט פון זייערע קרבנות, נאָר זיי האָבן אויך אָנגעווענדעט ברוטאַלע מיטלען: שלאָגן, פּייניגן, אויסהונגערן. זיי האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן אַריינצושטופּן די געפאַנגענע אין דעם שמוץ פון אַן אָפּטרעט.

וויינט אַ צעשלאָגענער געפאַנגענער און דערציילט:

— זיי האָבן געהאַלטן אין איין שלאָגן מיך אַ גאַנצן טאָג. זיי האָבן מיך געשלאָגן און מיך געצוואונגען איך זאָל קושן די שטיוול ביי די דייטשע סאָלדאַטן.

מיט דער פרידלעכער באַפעלקערונג האָבן די נאַצים אויך אַזוי געהאַנדלט. דערציילט אַ פראַנצויז מיט צאָרן און ווייטאָג, אַז אַ נאַצישער אָפיצער, וועלכער האָט זיך איינקוואַרטירט ביי אים אין הויז, שלאָפט אין זיין בעט, נאָר דאָס באַליידיגנדיגסטע איז דאָס, וואָס דער אָפיצער האָט באַלייגט זיין הונט אין צווייטן בעט. אַלע טאָג מוז מען בייטן דאָס בעטצייג פאַר דעם אָפיצער און פאַר דעם הונט און אַליין שלאָפט מען אויף דעם הויכן דיל.

מיידל בעט גאָט אַז זי זאָל זיך אָנשטעקן מיט אַ ווענערישער קראַנקהייט

די גאַנצע ברוטאַליטעט זייערע האָבן די סאַדיסטן אַרויסגעוויזן אין באַצוג צו פרויען. אויף דעם געביט האָבן אַלע לענדער, אויף וועלכע די נאַצים האָבן אַרויפגעלעגט זייער לאַפּע, געגוג צו דערציילן. אומעטום זוכן די בעסטיעס פרויען־לייבער. זיי פאַרגוואַלטיגן און דערמאָרדן זייערע קרבנות. זיי פאַרגוואַלטיגן אָפט קינדער פאַר די אויגן פון די טאַטעס און מאַמעס. זיי שוינען ניט קיין אַלטע פרויען און קיין יונגע מיידלעך. דאָס איז דער פאַרברעכן און די שאַנדע, וואָס די באַפעלקערונג אין די פאַרנומענע לענדער וועט ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן נאָך ווייניקער ווי זי וועט פאַרגעסן און פאַרגעבן די מאָרדן.

דערציילט האָט האָבּע אזא פאַל:

„זיצט אַ מיידל אין אַ שאַנד־הויז און וויינט און טוט תפילה אויף אַ קול. זי בעט זיך ביי גאָט אַז זי זאָל וואָס גיכער זיך אָנשטעקן מיט אַ ווענערישער קראַנקהייט, „כדי זי זאָל קאָנען אָנשטעקן די דייטשן”. (די נאַציס צווינגען, אַז מען זאָל זיי אין יעדער שטאָט און אין יעדן לאַנד צו־שטעלן אַזויפיל און אַזויפיל מיידלעך פאַר זייערע שאַנד־הייזער).

האָבע דערציילט, אַז ער האָט צוגעזען ווי מען האָט געיאָגט אַ מחנה פּרויען. ער האָט זיך צוגעקוקט ספּעציעל צו איין סאָלדאַט און ער זאָגט אַזוי:

„ער איז ניט געווען קיין באַזונדערס שלעכטער קערל אָט דער פעלד־פעבל קאַרל וואַגנער פון מאַגדעבורג. נאָר צווישן אים און מיטלייד איז געווען פונקט אַזאַ ענדלאָזער מהלך, ווי צווישן אַ נאַצי און אַ מענטשי־שער באַשעפעניש”.

אָט איז נאָך אַ מוסטער פון דער בעסטיאַליטעט פון די נאַציס און פון זייער באַציאונג צו דער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך (אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער איז זייער באַציאונג ניט בעסער, אויב ניט נאָך ער־גער). אין אַ געווויסן שפּיטאָל האָט מען געהאַלטן אין דורכפירן אַן אָפּעראַציע איבער אַ מענטשן, וועלכער האָט געהאַט פאַרלאָרן זייער אַ סך בלוט. דאָס לעבן פון דעם אָפּערירטן איז געהאַנגען אויף אַ האָר, נאָר פונקט דעמאָלט האָט זיך אַריינגעריסן אין שפּיטאָל אַ דייטשער סאָלדאַט מיט זיין הונט, וועלכער האָט זיך צעבראָכן אַ פוס. דער סאָלדאַט האָט אויף אַ פרעכן אופן געגומען פאָדערן, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די אָפּעראַ־ציע אויף דעם קראַנקן, וואָס האָט געהאַלטן אין אָפּגיין מיט בלוט, און מען זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיין הונט.

די נאַציס פאַרפעלן קיינמאָל ניט צו אונטערשטרייכן, אַז דאָס לעבן פון אַ הונט איז טייערער, ווי דאָס לעבן פון אַ פראַנצויז, פון אַ טשעך, פון אַ גריך, אָדער פון וועלכן ניט איז אַנדער בירגער פון אַ באַזיגט לאַנד.

אָט די הפקר׳דיגע באַציאונג, אָט די פאַרברעכנס און שאַנד־טאַטן האָבן אָנגעצונדן אַ ברענענדיגע שנאה אין די הערצער פון די פראַנצויזן — ווי אויך אין די הערצער פון אַלע פעלקער, וואָס זיינען צייטווייליג אַרונטערגעפאַלן אונטער היטלער׳ס הערשאַפט.

פאַרשיידן זיינען די וועגן, אויף וועלכע עס גייט דער קאַמף פון די פראַנצויזן געגן די נאַצישע פאַרכאַפּער. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון

וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געכאַפּט, אַז מען האָט דאָס לאַנד פאַרראַטן. שוין אין די ערשטע טעג פון היטלער'ס אינוואַזיע, ווען הונדערטער טויזנ־טער פראַנצויזן האָבן זיך געלאָזט לויפן פון די שטעט, צו וועלכע עס האָבן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן היטלער'ס באַנדעס, — ווען מען איז געלאָפן וואוהין די אויגן פירן — האָבן פון אַלע זייטן זיך געהערט אויס־רופן:

„מען האָט אונז פאַרקויפט! מען האָט אונז פאַרראַטן."

דאָס פאָלק האָט ניט אָנגענומען די נידערלאַגע. אין דעם „קאַפּיטל" אין דעם בוך „דער זעקסטער קאָלום" זאָגט די באַרימטע פראַנצויזישע זשורנאַליסטקע זשענעוויוו סאַבואי: „דאָס פאַלן פון פראַנקרייך האָט באַדייטעט דאָס פאַלן פון דער בורזשואַזיע, נאָר ניט פון דעם פאָלק."

אין אָנהויב האָבן די פראַנצויזן בלויז געזוכט אויסצודריקן אַ פּראָ־טעסט קעגן די פאַרכאַפּער, נאָר באַלד זיינען די פּראָטעסטן פאַרביטן גע־וואָרן מיט קאַמף — אַנטשלאָסענעם אומאויפהערלעכן און בלוטיקן קאַמף.

די ערשטע דעמאָנסטראַציע קעגן די פאַרכאַפּער איז פאָרגעקומען אין


DE FRIE DANSKE

No.6 April 1942. 1'Aargang.

VÆR OPMÆRKSOM! BRUG ØJNENE!

For nogen Tid siden skete det en Morgen, at en Skovrider og en Skytte paa en Inspektionstur etsteds i Nordsjælland, saa noget mørkt ligge i Sneen ude paa en Mark. Skovrideren tog sin Kikkert og betragtede Tingene lidt

1. MAJ I FRIHEDSKAMPENS TEGN

Danske Arbejdere!

For tredje Gang maa vi fejre vor gamle internationale Festdag i et ufri Danmark. Vi maa holde 1. Maj, mens Landet er fyldt med tyske Besættelses-

אַ דעניִשע אונטערערדישע צייטונג.

דעם פּאַריזער אוניווערזיטעט. באַלד ווי די נאַציס זיינען אריין אין שטאָט, זיינען אַלע לער־אַנשטאַלטן צוגעמאַכט געוואָרן. ווען מען האָט צוריק געעפנט די פאַקולטעטן פון מעדיצין און יוריספּרודענץ, האָט דער דין געקראָגן אַ באַפעל איבערצופֿיינען אַ מאַניפעסט פון פּעטענען, נאָר די סטודענטן האָבן אים ניט געלאָזט אויסרעדן קיין וואָרט און פאַרהילכט די זאַלן פון אוניווערזיטעט מיט דעם געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע. ווי נאָר אַ נאַצי פלעגט זיך באַווייזן אין דער טיר פון אַ קלאַס-צימער, פלעגן באַלד אַ די סטודענטן, אין די פּראָפעסאָרן דעם צימער פאַרלאָזן.

עס איז געקומען דער 11־טען נאָוועמבער, 1940. אַט דער טאָג פון דעם וואַפנשטילשטאַנד אין דער וועלט־מלחמה פלעגט אין פראַנקרייך געפייערט ווערן מיט גרויס פּאָמפּ, ווייל פראַנקרייך האָט דאָך אין דער ערשטער מלחמה באַצאָלט מיט אַזויפיל לעבנס, מיט אַזויפיל צעטראָטענע פעלדער און מיט אַזויפיל פאַרניכטעטע שטעט און דערפער. די נאַצי־הענקער האָבן גוט געוואוסט וואָס אַט דער טאָג באַרייט פאַר די פראַנ־צויזן. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ שטרענגער באַפעל, אַז קיינע דע־מאָנסטראַציעס זאָלן ניט געהאַלטן ווערן. אומעטום אין פּאַריז האָט מען געזען גרופּן פראַנצויזישע פאַשיסטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגע־מישט דייטשן, איטאַליענער און שפּאַניער. אַלע האָבן זיי געטראָגן סוואַס־טיקא-פאָנען און האָבן געהאַלטן אין איין רעווען: הייל היטלער!

די פּאַריזער סטודענטן האָבן ספּאַנטאַן באַשלאָסן צו ענטפערן אויף אַט די חוצפה׳דיגע דעמאָנסטראַציעס. מיט אַמאָל האָבן זיך באַוויזן טויזנטער סטודענטן מיט ווענטקעס אין זייערע הענט. די באַרימטע גאַס „שאַן עליסעי", וואָס פירט צו דער „אַרק דע טריאומף" (די טריאומפאַלע אַרקע), וואו עס ברענט אַן אייביג ליכט איבער דעם קבר פון דעם אונ־באַקאַנטן סאָלדאַט, איז פאַרפּלייצט געוואָרן פון די סטודענטן מיט די ווענטקעס אין די הענט. די סטודענטן האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין אַ פּראָ־צעסיע, וואָס האָט אין אַנהויב אויסגעקוקט זייער מאָדנע. די סטודענטן האָבן אויף זייער מאַרש געהאַלטן אין ווידערהאָלן לאַנגזאַם און אין ריטם: „וויוו דע — . . . . . ! " (זאָל לעבן דע — . . . . ! ") באַלד נאָך די צוויי ווערטער פלעגט מען אַ הויב-טאָן אין דער הויך אַלע ווענטקעס. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז די טויזנטער אויף די טראָטואַרן האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָס באַרייט. אַ ווענטקע אויף פראַנצויזיש איז — גאָל.

דאָס האָבן די סטודענטן אויף אַזאַ קלוגן אופן אַרויסגעבראַכט דעם לאָ־זונג: וויוו דע גאָל (לעבן זאָל דע גאָל).

פֿאַר אָט דער דעמאָנסטראַציע האָבן די סטודענטן זייער טייער באַצאָלט. 800 סטודענטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן 500 זיינען אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ געוויינלעכער טורמע און 300 זיינען פֿאַר־שפאַרט געוואָרן אין אַ געסטאַפּאָ־טורמע. וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער גאַס „שערשע מידי". מען האָט געהערט אין דרויסן ווי מען האָט געפּייניגט די אַרעסטירטע. די באַפעלקערונג איז געשטאַנען אַרום דער טורמע און האָט געבערענט פֿון צאָרן, נאָר טאָן האָט מען גאָרניט גע־קאָנט. אַ צאָל סטודענטן האָט מען דערנאָך אַוועקגעשיקט אין קאָנצענט־ראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד. עס איז לייכט זיך פֿאָרצושטעלן וואָס זייער גורל איז געווען.

די נאַצישע חוצפּה און דער נאַצישער ווילקיר זיינען פֿון טאָג צו טאָג געוואַקסן אַלץ מער. די נאַצים האָבן פֿאַרבאָטן די פֿראַנצויזן צו גיין אויף די טראָטואַרן. זיי האָבן גענומען ראַבירן דאָס לאַנד. פֿריער פֿון אַלץ האָבן זיי אַרויפֿגעלעגט אַן אָפּצאָל פֿון 400,000,000 פֿראַנק אַ טאָג אויף אויפֿצוהאַלטן די אָקופּאַציע־אַרמיי (כאָטש דאָס אויסהאַלטן די אַר־מיי האָט ניט באַטראָפֿן אפילו קיין העלפֿט פֿון אָט דער סומע). בלויז אין די ערשטע 4 חדשים פֿון דער אָקופּאַציע האָבן די נאַצים אַרויסגע־פֿירט פֿון פֿראַנקרייך 800,000 טאָן ווייץ, 12,000,000 פֿלעשער שאַמ־פּאַניער און אַלע מינים פּי.

עס איז אַרויסגעפֿירט געוואָרן אַ מאַסע רוי־מאַטעריאַלן; מאַשי־נען זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פֿון פֿאַבריקן און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. אין די ערשטע עטלעכע חדשים פֿון דער אָקופּאַציע האָבן די נאַצים אַרויסגעפֿירט 160,000 טאָן רוי־מאַטעריאַלן. פֿאַר די פֿראַנצויזן איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי ווערן פֿון די אָקופּאַנטן פֿאַראור־טיילט צו אַרעמקייט, צו הונגער און צו שקלאַפֿעריי. דאָס איז געווען נאָר אַנדערש פֿון דעם, וואָס דער פֿאַררעטער פּעטען האָט צוגעזאָגט — „אַ שלום צווישן אַ סאָלדאַט מיט אַ סאָלדאַט". די פֿראַנצויזן האָבן גע־ברענט מיט צאָרן און האָבן גענומען ענטפֿערן מיט נקמה.

איינער פֿון די ערשטע טעראָר־אַקטן איז געווען דער אַרויסטריט פֿון אַ גרופּע סטודענטן אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט. די סטודענטן האָבן ערגעץ געקראָגן אַ באַדייטנדיגע צאָל האַנט־גראַנאַטן. זיי האָבן זיך פֿאַר־

זאַמלט אין אַ צענטראַלער גאַס, און ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ קאָלאָנע דייטשע סאָלדאַטן, האָבן די סטודענטן זיי באַהאָגלט מיט די האַנט־גראַנאַטן. די סטודענטן זיינען אויף דעם פּלאַץ דערשאָסן געוואָרן. דערנאָך איז אַוועק אַ גאַנצע ריי טעראָר־אַקטן, וואָס האָבן זיך שוין ניט אָפּגעשטעלט ביז איצט.

אַ נאַצישער סאָלדאַט איז דערשאָסן געוואָרן אין אַ גרויסן פּאַרק. די נאַצים האָבן פאַרבאָטן די פראַנצויזן אַריינצוקומען אין דעם פּאַרק. די נאַצים האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די פראַנצויזן זאָלן זיך ניט טאָרן באַווייזן אויף די גאַסן נאָך 10 אַזייגער אין אָוונט, נאָר באַלד האָבן זיי געביטן זייער באַפעל, פאָדערנדיג, אַז קיינער זאָל ניט זיין אין גאַס נאָך 5 פאַרנאַכט. די נאַצים האָבן געפילט געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען, ווייל ווי נאָר עס פלעגט צופאַלן די נאַכט פלעגט מען איבערפאַלן די נאַצישע סאָלדאַטן און זיי געבן וואָס זיי איז געקומען.

אַלס אַן אויסדרוק פון צאָרן און האַס קאָן דינען די פּראָקלאַמאַציע, וואָס די אונטערערדישע באַוועגונג אין פראַנקרייך האָט אַרויסגעגעבן מיט אָנווייזונגען ווי צו באַהאַנדלען די אָקופּאַנטן. די פּראָקלאַמאַציע הייסט: „אַ ראַט צו די אָקופּירטע". די אָנווייזונגען אָטעמען מיט האַס און מיט גאַליגן סאַרקאַזם. אין דער פּראָקלאַמאַציע ווערן די נאַצים באַצייכנט אַלס „זיי". קיין איין מאָל ווערט ניט דערמאָנט דאָס וואָרט אָקופּאַנטן, נאַצים, אָדער דייטשן. דאָס וואָרט „זיי" איז מיט גרעסערע בוכשטאַבן און עס איז דאָ אין דעם פאַראַכטונג, עקל און פאַרדאַמונג.

די אָנווייזונגען גייען אַזוי: „זיי זיינען די זיגער . . צעשלאָג זיך ניט די נאָז אויף אַרויסצוהעלפן זיי . . . דו קאָנסט ניט זייער שפּראַך, אָדער דו האָסט די שפּראַך פאַרגעסן. . . . זיי פירן דורך פאַראַדן, כדי אָנצוטאָן דיר אומכבוד, דאַרפסטו שטיין און באַטראַכטן זייערע פאַראַדן? ניין, עס איז בעסער, אַז דו זאָלסט אַריינקוקן אין אַ שויפענסטער. דאָס איז אינטערעסאַנטער, ווייל לויט דער שנעלקייט, מיט וועלכער זיי האַלטן אין אָנלאָדן זייערע טראָקס, וועט באַלד ניט בלייבן וואָס צו קויפן. ווייזט אַרויס אַ שיינע גלייכגילטיגקייט, נאָר זאַמלט אָן אייער צאָרן אין געהיים. עס וועט קומען אַ טאָג און אָט דער צאָרן וועט זייער גוט צונוץ קומען.

„כאַפּט איר זיך, אַז זיי האָבן פאַר'סמ'ט די לופט, וואָס איר אָטעמט

אַז זיי האָבן פאַרשמוצט די קוואַלן, פון וועלכע איר ווילט שטילן אייער דורשט?"

אין יאַנואַר 1941, האָט מען אַרעסטירט דעם סענאַטאָר זשין אַרין און פיר פאַריזער אַדוואָקאַטן אויף דער קלאַגע אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַנטי-נאַציישע פּראָקלאַמאַציעס. נאָר נאָך זייער אַרעסט האָט די פאַר-שפּרייטונג פון פּראָקלאַמאַציעס זיך ניט אָפּגעשטעלט.

די נאַצים שפּרינגען פון דער הויט. זיי טיילן אויס שווערע שטראָפן. פאַר בלויז אויפקלעפּן אַ פּראָקלאַמאַציע אויף אַ וואַנט באַשטראָפן זיי מיט 10 יאָר טורמע, נאָר די שווערע שטראָפן שרעקן קיינעם ניט אָפּ און דאָס אויסקלעפּן פון פּראָקלאַמאַציעס האַלט אָן.

ווען היטלער האָט געמאַכט אַ פּוסטן זשעסט און האָט אָפּגעשיקט קיין פראַנקרייך די ביינער פון דעם פירסט פון רייכסטאַט, נאַפּאָלעאָנ'ס זון, האָבן די דייטשע און אויך די פראַנצויזישע פאַשיסטישע צייטונגען זיך פאַרכלינעט, לויבנדיג היטלער'ס גרויסמוטיגקייט. נאָר ביינאַכט זיי-נען אויסגעקלעפּט געוואָרן פלוג-בלעטלעך אויף טויזנטער געביידעס אין פּאַריז מיט אַ קורצן טעקסט אין גרויסע בוכשטאַבן:

„פירער, קאָנסט ביי זיך האַלטן די טויטע ביינער, אונז קער אום אונ-זערע לעבעדיגע חזירים".

זייט ביי זייט מיט דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד, זייט ביי זייט מיט דער פאַרשפּרייטונג פון פּראָקלאַמאַציעס, צוזאַמען מיט די טעראָר-אַקטן, גייט אויך אַ ווייט-פאַרשפּרייטע סיסטעם פון סאַבאָטאַזש, וואָס טוט אָן די נאַצים ריזיגן שאָדן. באַלד אין יולי, 1940, אַ חודש נאָך דעם, ווי די נאַצים זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים פון פראַנקרייך, האָט זיך אָנגע-הויבן דער סאַבאָטאַזש מיט דעם אויפרייס פון אַ באַן, וואָס האָט געפירט אַמוניציע. די באַן איז אויפגעריסן געוואָרן לעבן מאַרסעי. דאָס איז גע-ווען דער אָנהויב פון אַ גאַנצער ריי סאַבאָטאַזש-אַקטן אויף די פראַנצויזי-שע באַנען. בלויז אין לויף פון 4 טעג האָט מען אין 47 פלעצער צעש-שרויפט די רעלסן אויף דער אייזנבאַן-ליניע צווישן פּאַריז און ברעסט. אָבער גאָר אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב האָט דער סאַבאָטאַזש זיך צעפלאַ-קערט זינט היטלער איז אָנגעפאַלן אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. פון דע-מאָלט אָן „איז קיין איין טאָג ניט אַוועק אָן איינעם, אָדער עטלעכע אינ-צידענטן" (טאַבואי — „דער זעקסטער קאָלום").

די נאַצים זיינען געוואָרן פּשוט וואַנזיניג צוליב זייער ניט געלונגע-

א קאָלעקציע פון פראַנצויזישע אונטערערדישע צייטונגען.

נעם פאַרזוך צו כאַפּן די שולדיגע. אַלע מיטלען, וואָס זיי האָבן אָנגעווענדעט, האָבן ניט געבראַכט קיינע רעזולטאַטן. מען האָט אָנגעבאָטן אויף דער פּאַריזער ראַדיאָ גרויסע סומען צו די, וועלכע וועלן העלפן כאַפּן די סאַבאָטאַזשניקעס, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. אין איין פאַל האָבן די נאַצים געצוואונגען די פראַנצויזן צו שטיין אויף דער וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אַז עס זאָל גאָר ניט געשען צו דער אייזנבאַן. די זעלבע נאַכט איז צעשמעטערט געוואָרן דער צופאָר צו דעם פּלאַץ, וואו ס'זיינען געווען קאָנצענטרירט אַ סך לאָקאָמאָטיוון. מען האָט ניט געקאָנט ארויספירן קיין לאָקאָמאָטיוון און מען האָט ניט געקאָנט לאָזן קיין באַן אין גאַנג. די נאַצים האָבן קיינעם ניט געקאָנט כאַפּן.

דער נאַצישער מיליטערישער קאָמאַנדיר אין בעלגיע און אין צפון פראַנקרייך האָט אין אַן אָפיציעלער דערקלערונג צוגעגעבן, אַז „אין צפון פראַנקרייך אָפּערירט אַ באַוואָפנטע מחנה", נאָר כאַפּן האָט מען קיינעם ניט געקאָנט. די נאַצים האָבן גענומען אויסלאָזן זייער צאָרן צו אומשולדיגע מענטשן. מען האָט איינגעפירט די שווידערלעכע סיסטעם פון נעמען משכנות, און ווען מען האָט ניט געקאָנט כאַפּן די אָנפירער פון די סאַבאָטאַזש-אַקטן, האָט מען ארויסגעפירט די משכנות און מען האָט זיי צעשאָסן. אַזוי איז געווען ווען די נאַצים האָבן ניט באַוויזן אויסצוגעפינען ווער עס האָט צוגענומען אויפרייס-שטאָפן פון אַ נאַצישער באַן מיט אַמוניציע אין ליל. זיי האָבן אויס נקמה דערשאָסן 26 אייזנבאַן-אַרבעטער. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען גאָר גאָר אַ סך, און די צאָל פון אומשולדיגע, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן אָפּט אַפילו אָן אַן אָנשטעל פון אַ משפּט — איז גאָרניט איבערצוציילן.

מען האָט גענומען אויסשיסן הונדערטער משכנות אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעט. יעדעס מאָל ווען אַ נאַצישער סאָלדאַט, אָדער געשטאַפּאָ-אַגענט איז דערשאָסן געוואָרן. דער סאַבאָטאַזש און די טעראָראַקטן האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. זעקס שיפן מיט שפּייז און אַמוניציע פאַר ראָמעל'ס סאָלדאַטן אין ליביע זיינען אויפגעריסן געוואָרן אין דעם האַפן פון מאַרסעי. די ספּעציעלע דייטש-איטאַליענישע קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט דעם אויפרייס, איז געקומען צום שלוס, אַז די אָרטיגע פּאָליציי גייט, ווי עס ווייזט אויס, האַנט אין האַנט מיט די סאַבאָטירער, ווייל אַנדערש וואָלט ניט מעגלעך געווען צו דערקלערן דעם

פאַקט וואָס מען האָט ניט געקאָנט געפינען אפילו דעם קלענסטן שפּור פון די, וועלכע האָבן דעם סאַבאָטאַזש דורכגעפירט.

און וואָס אַנבאַלאַנגט סאַבאָטאַזש אין די פאַבריקן, קאָנען די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס געפינען זיך אין דראַנסי לעבן פּאַריז, זיין אַן עדות, אַז אין די פאַבריקן גייט ניט אַלץ אָן אין דער בעסטער אָרדענונג.

דעם 28־טן אָקטאָבער, 1940' איז אויפגעריסן געוואָרן די עלעקטריק־פאַבריק אין דער פּאַריזער פאָרשטאָט סענט דעניס. 100 מענטשן האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אין דעם אויפרייס. די פּאַריזער אינדוסטריע האָבן געקראָגן אַ שווערן קלאַפּ, ווייל די עלעקטרישע קראַפט־פאַבריק אין סט. דעניס איז געווען איינע פון די גרעסטע אין פראַנקרייך.

די נאַציס האָבן אין זייער וואַנזין זיך גענומען וואַרפן שוין ניט בלויז אויף די אַרבעטער, נאָר אויך אויף פראַנצויזישע הויכע מיליטער־לייט, אויף אַריסטאָקראַטן — אויף די, וועלכע זיינען אין אָנהויב געווען גרייט צו קאָאָפּערירן מיט די פאַרכאַפּער און פאַרגוואַלדיגער. אויף מאָרגן נאָך דעם' ווי פּאָול קאָלעט האָט געשאָסן אויף לאַוואַל'ן, האָט די נאַצישע פּאָליציי אַרעסטירט דעם אַריסטאָקראַט און מאָנאַרכיסט — דעם קאָמענדאַנט עסטיען ד'ארוועי — האָט אים צוגעשטעלט צו דער וואַנט און אים דערשאָסן. עם זיינען פאַראורטיילט געוואָרן 8 פראַנצויזישע אָפיצערן צום טויט און אַזוי נאָך אַ סך, אַ סך פאַלן פון דערשיסן אַריסטאָקראַטן, פּראָפעסאָרן, אַדוואָקאַטן און יוניאָן־פירער.

אָט די עקזעקוציעס האָבן געפירט צו דעם, אַז די באַוועגונג, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל דע גאָל זאָל זיך אַלץ מער און מער אויסשפּרייטן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער הויפּט פון דער פּאַריזער פּאָליציי, לאַנזשעראָן, צו וועמען די פּעטעין רעגירונג האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פירער פון דער דע־גאָל־באַוועגונג.

לאַנזשעראָן און נאָך 180 הויכע פּאָליציי באַאַמטע זיינען אַרעסטירט געוואָרן און מען ווייסט ניט ביז היינט צו טאָג וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט.

אלס צייכן פון דער זעלבסט־דיסציפּלין פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג און פון דער גרויס פון דער צאָל פון דע־גאָל'ס אָנהענגער קאָן דינען דער פאָלגענדיגער פאַקט: אין אַ געוויסן טאָג האָט די דע־גאָל'ס־ראַדיאָ זיך געווענדעט צו דער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך,

אז מען זאל דורכפירן א שטילע דעמאנסטראציע דורך דעם, וואס צווישן דריי און פיר דעם זעלבן טאג זאלן אלע פראנצויזן פארלאזן די גאסן און אריין צו זיך אין די היימען. נאך עטלעכע מינוט פאר דריי זיינע אלע גאסן געווארן פוסט. די נאציס האבן נערוועז פאטרולירט די גאסן, נאר וואס האבן זיי געקאנט טאן, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך באטייליגט אין אט דער דעמאנסטראציע פון אייניגקייט. מען קאן דאך ניט פארשפארן אין טורמע א גאנץ פאלק.

פראנצויזישע לופט-פליער האבן באוויזן ארויסצופליען אין פארכאפטע עראפלאנען פון פראנקרייך און שטעלן זיך און זייערע עראפלאנען אין דינסט פון די כוחות, וואס קעמפן געגן היטלערן. ניט נאר האבן די נאציס געדראעט מיט די שווערסטע שטראפן פאר אט די „דעזערטירן", נאר עס איז ארויסגעגעבן געווארן א באפעל, אז די עראפלאנען אויף די פליפעלדער זאלן ביי זיך האבן זייער ווייניג גאזאלין. דאס האט, נאטירלעך, געשאפן גרויסע שוועריגקייט פאר די, וועלכע האבן געוואלט אנטלויפן אין עראפלאנען, נאר מען האט זיך אלץ געגעבן אן עצה. אזוי, למשל, האט פאסירט, אז ווען אן עראפלאן איז צוגעגרייט געווארן אויף א לופטפעלד אין אלזשיר פאר דער איטאליענישער שלום-קאמיסיע אויף אפצופליען א היים, איז דער עראפלאן פלוצלונג פארשוואונדן און די שלום קאמיסיע איז שוין אין אים מער ניט געפלויגן, נאר צוויי פראנצויזישע לופט-פליער האבן אין דעם עראפלאן זיך געראטעוועט.

עפעס באקומט זיך שוין אזוי, אז ווען פראנצויזן אין א שטעטל ביים ברעג ים פארן אוועק אויף א וויזיט צו זייערע פריינט אין אן אנדער שטאט, באמבארדירן ענגלישע פליער גראד דאס שטעטל, פון וועלכן די באפעלקערונג איז אין אט דער נאכט אוועק. פונקט אזוי פאסירט עפעס געוויינלעך, אז גראד באמבארדירן די ענגלישע לופט-פליער געוויסע האטעלן אין די נעכט, ווען די נאציס ארדענען דארט איין הוליאנקעס.

דעם 29-טן יולי, 1941, האבן די נאציס ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז פאר דער קלענסטער הילף די ענגלישע לופט-פליער — אין וועלכער פארמע דאס זאל ניט זיין — וועט מען באשטראפן מיט טויט. נאר, ווי עס ווייזט אויס, העלפט די פראנצויזישע באפעלקערונג די ענגלישע פליער אויף א סך אופנים.

פראַנקרייך שליידערט צוריק היטלער'ס אנטיסעמיטישע געזעצן

אַלס אַ צייכן פון דעם, אז פראַנקרייך איז געגן די אַנטי־סעמיטישע געזעצן, וואָס זיינען אויף דעם לאַנד ארויפגעצוואונגען געוואָרן פון היט־לער'ן און פון זיינע לאַקייען, קאָן דינען דער בריוו פון דעם פּרעזידענט פון דעם נאַציאָנאַלן ראַט פון דער פּראָטעסטאַנישער קירכע אין פראַנק־רייך צום דעם הויפּט ראַבאַי פון פראַנקרייך. דער בריוו איז דאַטירט דעם 26־טן מערץ, 1941. דאָס איז אַ דאָקומענט פון גרויסער באַדייטונג. צווישן אַנדערעס זאָגט דער בריוו אזוי:

„דער נאַציאָנאַלער ראַט פון דער פראַנצויזישער פּראָטעסטאַ־נישרע קירכע האָט ערשט אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן מיטינג זינט עס זיינען איינגעפירט געוואָרן די געזעצן פון דעם ערשטן אָקטאָבער, 1940 (געזעצן געגן אידן ש. א.) דער ראַט האָט מיך אויפגעפאָדערט אייך איבערגעבן אז מיר זיינען אַלע דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון ווייטאָג צו זען אז ראַסן־טעאָריעס ווערן איינגעפירט ביי אונז אין לאַנד און ווען מיר זיינען עדות פון די אומצאָליגע ליידן און אומגערעכטיגקייטן, וואָס מען צווינגט אַרויף אויף די אידן אין פראַנקרייך. — . . . אונזער קירך, וואָס האָט אין דער פאַרגאַנגענ־הייט איבערגעטראָגן דעם גאַנצן שווידער פון פאַרפאָלגונג, פילט אַ טיפע סימפּאַטיע פאַר אייערע געמיינדעס, אין וועלכע עס איז גע־שטעלט געוואָרן אין געפאַר די פרייהייט פון גלויבן, און פאַר איי־ערע גלויבנס־גענאָסן, וועלכע זיינען אזוי פּלוצלונג אַריינגעשליי־דערט געוואָרן אין אַ ים פון אומגליק. . . ״

(אונטערגעשריבן) מאַרק בעגנער.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער באַציאונג פון דער קאַטוילי־שער קירך צו די פאַרפאָלגונגען אויף אידן: דער קאַרדינאַל גערליער האָט געזאָלט אָנוועזנד זיין ביי דעם נייעם נאַציאָנאַלן ראַט אין ליאָן אַלס דער הויפּט פון אַלע קאַטוילִיקן אין פראַנקרייך. ער האָט זיך געווענדעט צו מאַרשאַל פּעטען מיט אזאַ פראַגע:

— איז דער הויפּט־ראַבינער פון פראַנקרייך אויך אַ מיטגליד פון דעם ראַט?

פּעטען האָט אויף דעם געענטפערט:

— זאָרגט זיך ניט, ער איז ניט קיין מיטגליד!״

ווי דערשטוינט איז מסתמא דער פינסטערלינג געוואָרן, ווען ער, מיי־

נענדיג אז זיין פאַרזיכערונג אז דער הויפּט־ראַבינער וועט ניט זיין ביים נאַציאָנאַלן ראַט — וועט זייער געפעלן דעם הויפּט פון דער קאַטוילישער קירכע, האָט פון דעם לעצטן גאָר געקראָגן אַזאַ ענטפער:

— דאָס ווייזט ווי ווייניג איר קאָנט מיך. דערפאַר וואָס דער הויפּט־ראַבינער איז ניט קיין מיטגליד פון דעם ראַט, וועל איך אויך ניט קומען.

פעטען און לאַוואַל, דאַרלאַן און דאַריאַ האָבן טאַקע געמעגט טאָן אַלץ אין זייערע כּוחות צו שלעפּן פראַנקרייך אונטער היטלער׳ס יאָך, נאָר דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט אָננעמען די שקלאַפעריי און האָט ניט געוואָלט „קאָלאָבאָרירן״. אין דער פאַשיסטישער צייטונג „ל׳עפאָרט״ האָט איר רעדאַקטאָר ספינאַסע צוגעגעבן אַז „מיר פּרעדיגן אין אַ מדבר״. אַ צווייטע פּראָ־נאַציִשע צייטונג „פראַנס אַ טראַוואַי״ האָט אָפן צוגעגעבן אַז אומעטום הערט מען „די זעלבע פאַרצווייפלטע אויסדרוקן וועגן נקמה״ און די פראַנצויזן נעמען נקמה פון די אריינדרינגער. אין באָרדאָ איז דערשאָסן געוואָרן דער דייטשער מעיאָר האַנס ריימערס. די נאַציס האָבן דערפאַר דערשאָסן 50 משכנות, נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט די נקמה־אַקטן.


Bekanntmachung
Durch das Feldkriegsgericht wurden die Witwe Eugenia Wlodarz und Studentin Elisabeth Zahorska zum Tode verurteilt, wegen Attentat gegen deutsche Wehrmachtsangehörige, bezw. Sabotage (Abreissen von Plakaten).
DIE KOMMANDANTUR


Obwieszczenie
Wyrokiem polowego sądu wojennego skazano na śmierć:
wdowę Eugenię Wlodarz oraz studentkę Elżbietę Zahorską za zamach na żołnierza niemieckiego, względnie sabotaż, tzn. zrywanie plakatów.
KOMENDANTURA

נאַציס מעלדן וועגן הינריכטונגען פאַר סאַבאָטאַזש אין פּוילן.

אין נאַנטעס איז דערשאָסן געוואָרן דער נאַציִשער לייטענאַנט-פּאָל-קאָווניק האָטץ. ווידער האָבן די נאַציס דערשאָסן 50 משכנות און ווידער האָט דאָס ניט געווירקט און ניט אָפּגעשטעלט די נקמה־אַקטן.

אין בערך זיינען פישער איבערגעפאַלן אן אָפּטיילונג פון 24 נאַצי־שע סאָלדאַטן און זיי אַלעמען דערשאָסן. אין פּאַריז איז פאָרגעקומען איין איבערפאַל נאָך דעם צווייטן אויף נאַציִשע אָפיצערן און סאָלדאַטן. נאַ־ציִשע פּאַטרולן ווערן געפונען צעריסענע פון באָמבעס. דאָס אַלץ טרייבט די נאַציס צו משוגעת. דער קאָמאַנדיר פון דער נאַציִשער אָקופּאַציע־אַר־מיי אין פראַנקרייך האָט אין אַ געוויסן מאָמענט זיך דערפילט געצוואונ־גען צו פאָדערן אַז מען זאָל אים צושיקן פאַרשטאַרקונגען, כאָטש ער האָט צו יענער צייט געהאַט אין זיין רשות אַן אַרמיי פון 400,000 סאָלדאַטן.

דער לאַקעי פּעטען איז געשפּרונגען פון דער הויט צוליב אָט די נקמה-אַקטן פון דעם פראַנצויזישן פאָלק. ער — דער פאַררעטער, ער — דער לאַנג־יאָריגער פאַשיסט, ער — דער אונטערשטיצער פון די פראַנצוי־זישע שוואַרצע מאות, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „די קאַגולאַרן" — ער האָט געציטערט פאַר אָט דעם אויסדרוק פון פאָלק־צאָרן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז אָט דער צאָרן וועט דאָך סוף כל סוף זיך אויסלאָזן אויך אויף זיין קאָפּ ווי אויף די קעפּ פון אַלע פאַררעטער, וואָס האָבן פאַרקויפט פראַנקרייך, און וואָס האָבן געדינט היטלער'ן. פּע־טען האָט געשיקט היטלער'ן אַן אויסדרוק פון מיטגעפיל צוליב די אָפּטע דערמאָרדונגען פון נאַציִשע אָפיצערן און האָט דערקלערט: „מיר פאַר־דאַמען אָט די אָפּשיילעכע אַקטן". „מיר" האָבן פאַרדאַמט און דאָס פאָלק האָט די נקמה־אַקטן אַלץ ניט אָפּגעשטעלט. און דעם ריכטיגן ענטפער פון דעם פאָלק האָט פּעטען ערשט געקראָגן ווען אין יאַנואַר, 1942, האָט מען געפונען זיין קאַבינעט-מיטגליד, פאַרינגאַל אַ דערמאָרדעטן. פאַרינ־גאַל איז געווען דאַרלאַנ'ס אַ ליבלינג, דער הויפט פון דער ווישי־געשטאַ־פּאָ און אויך דער הויפט פון דעם פראַנצויזישן שפּיאָנאַזש.

יאָ, פראַנקרייך קעמפט. עס קעמפן די אַרבעטער; עס קעמפן די פּאַרמער; עס קעמפן די פּראָפעסאָנאַלן — אַ גאַנץ פאָלק פירט דעם קאַמף. כאַראַקטעריסטיש איז די אינסטרוקציע, וואָס אַן אונטערערדישע ראַדיאָ האָט געגעבן די פראַנצויזן ווי צו באַהאַנדלען דעם שונא:

„זעט אַז דער „באָשע" (אַ באַליידיגנדיגער צונאָמען פאַר די דייטשן) זאָל אָראָפּפאַלן פון באַנען;

זעט אז ער זאָל אראָפּפאַלן פון באָסעס;
זעט אז ער זאָל פאַרשפּעטיגן זיין באַן;
פאַרשטופּט ערגעץ זיינע בריוו;
אויב איר פאַרריכט זיין אויטאָמאָביל, רואינירט די מאַשין".

און די נאַצים פאַלן פון די באַנען; און די נאַצים ווערן דערשאָסן אויף די גאַסן; און די פאַבריקן שטעלן צו א סך בראַק; און די אַרבעט אין די פאַבריקן ווערט גאַר אָפט איבערגעריסן — פראַנקרייך איז אַ האַרטער נוס פאַר די נאַצים צו צעקנאַקן.

דעם העכסטן אויסדרוק האָט די אנטשלאָסנקייט פון די פראַנצויזן זיך ניט אונטערצוגעבן דערגרייכט ווען דער פראַנצויזישער פלאָט אין טור־לאָן איז באַגאַנגען „זעלבסטמאָרד".

די נאַצים האָבן שוין געהאַט אויסגעשפּרייט זייער ממשלה אויך אויף זיד פראַנקרייך; זיי האָבן שוין אָקופּירט דאָס גאַנצע לאַנד. ווי וויכטיג עס איז פאַר זיי געווען אריינצוקריגן אין זייערע הענט דעם פלאָט. וואָס איז געווען פאַראַנקערט אין טולאָן. איז דאָך שוין צפון־אפריקע געווען אין די הענט פון די אמעריקאַנער און ענגלישע אַרמייען און פאַר מוסאָליני׳ן איז געשטאַנען דאָס געשפּענס פון א נאָענטער אַליאירטער אינוואַזיע אויף די דרום-ברעגן פון אייראָפּע. האָט דאָך דאָס פאַרכאַפּן פון מאַראָקאָ, אַלזשיר און די זיגן אין עגיפּטן און אין ליביע געשאַפן די נעפאַר פאַר די נאַצים אז זיי זאָלן באַלד אינגאַנצן אַרויסגעיאָגט ווערן פון אַפריקע. דעמאָלט וועלן די אַליאירטע כּחות ווערן גאַר שטאַרק אויף די דרום־ברעגן פון מיטללענדישן ים. ווי נויטיג די נאַצים האָבן דעמאָלט נעדאַרפט האָבן דעם פראַנצויזישן פלאָט. און פּעטען און לאַוואַל וואָלטן גאָר ניט געהאַט געגן אז היטלער זאָל קריגן די פראַנצויזישע שיפן, נאָר געקראָגן האָט ער זיי ניט. די מאַנשאַפט האָט אַליין אויפגעריסן די אייגענע שיפן. אין רויך און אין פייער איז פאַרברענט געוואָרן די נאַצישע האָפע־נונג צו באַנוצן זיך מיט דעם פראַנצויזישן פלאָט.

אין פייער פון צאָרן פון דעם פראַנצויזישן פאָלק — ווי אויך אין דעם צאָרן פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער — ווערט פאַרברענט די האָ־פענונג פון היטלער׳ן צו באַהערשן הונדערטער מיליאָנען מענטשן. אין אָט דעם פייער פון צאָרן און האַס ווערט אויסגעשמידט אַ שטאָלענער ווילן צו נעמען נקמה און צו קעמפן ביז די נאַצים וועלן אינגאַנצן אויס־געברענט ווערן פון דער ערד.

סוף יאַנואַר זיינען אין ליאָן ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן 2 סאָל־דאַטן אַלס רעזולטאַט פון אַן אויפרייס, פאַראורזאַכט פון אַנטי־נאַצישע קעמפער.

פון בערן, שווייץ, איז דעם 30־טן דעצעמבער, 1942, באַריכטעט גע־וואָרן אַז איבער גאַנץ פראַנקרייך ווערן געמאַכט מאַסן אַרעסטן. אין טור־לאָן אַליין זיינען אַרעסטירט געוואָרן העכער 100 מענטשן אויף דער קלאַ־גע פון אַנטי־נאַצישער טעטיגקייט.

ערב קריסטמעס, 1942, האָבן די נאַצים הינגעריכטעט 25 פראַנצויזן. די קלאַגע איז געווען אַז זיי זיינען „קאָמוניסטן". קוקנדיג דעם טויט אין די אויגן, האָבן די פאַראורטיילטע ביז דער לעצטער מינוט פאַר דער הינ־ריכטונג געהאַלטן אין אויסרופן דרייסט: „וויוו לאַ פראַנס". (זאָל לעבן פראַנקרייך)

דעם 9־טן דעצעמבער, 1942, האָט די „אַסאָשיעיטעט פרעס" באַ־ריכטעט אַז די נאַצים האָבן זיך גענומען איינפירן די סיסטעם פון משכנות אויך אין דעם טייל פראַנקרייך, וואָס זיי האָבן פאַרנומען דעם 11־טן נאָוועמבער נאָך דעם, ווי ענגלישע און אַמעריקאַנישע אַרמייען האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין צפון־אַפריקע. אָנגעהויבן האָבן די נאַצים מיט ליאָן, וואו זיי האָבן אַרעסטירט 100 מענער און פרויען און זיי דערקלערט אַלס משכנות, וואָס וועלן באַצאָלן מיט זייער לעבן אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן מיט די נאַצים אין שטאָט.

דעם 29־טן נאָוועמבער, 1942, איז אין ליאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן פראָ־נאַצישע דעמאָנסטראַציע. אַ גרויסער עולם האָט די דעמאָנסטראַציע אָפּגעבראָכן און האָט געשליידערט זידל־ווערטער געגן די נאַצישע טרופּן, וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט צו באַשיצן די פּראָ־נאַצישע דעמאָנסטראַנטן.

אין נאָוועמבער, 1942, האָט אַ נאַצישער קריגס־געריכט אין פּאַריז אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל געגן 6 סטודענטן אויף דער קלאַגע פון „פאַרשפּרייטן קאָמוניזם".

אין דעצעמבער, 1942, האָבן די נאַצים אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדע־נונג אין פראַנקרייך אַז אַלע ביקסן, וואָס ווערן באַנוצט אין ספּאָרט־אי־בונגען, מוזן באַלד איבערגעגעבן ווערן צו דער אָקופּאַציע־מאַכט „צוליב דער זיכערקייט פון דער מלוכה".

דעם 19־טן דעצעמבער, 1942, האָט „די אַסאָשיעיטעד פרעס" באַ־ריכטעט, אַז דער הויפּט־אָפּיס פון די „קעמפענדיגע פראַנצויזן" אין וואַ־

שינגטאָן האָט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג אַז די נאַציס באַנוצן זיך מיט גוואַלד אין אַלע טיילן פון פראַנקרייך צו צווינגען פראַנצויזישע אַרבעטער פאָרן אויף שקלאַפן־אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

די מערסטע פון די, וועלכע ווערן פשוט געכאַפּט אויף די גאַסן, זיינען מענער אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר. אין איינציגע שטעט זיינען געכאַפּט געוואָרן אַזויפיל מענער, אַז זייער צאָל באַטרעפט אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אויף די וואַגאָנען, אין וועלכע מען האָט פאַרשפּאַרט די געכאַפּטע אויף אַריבערצופירן זיי קיין דייטשלאַנד, האָט מען געפונען אויפשריפטן:

„נידער מיט לאַוואַל'ן! מיר זיינען ניט קיין פרייוויליגע. נעמט נקמה פאַר אונדז!"

ווען דאַרלאַן האָט גענומען הערשן אין צפון־אַפריקע נאָך דעם, ווי ענגלישע און אַמעריקאַנער טרופּן האָבן זיך דאָרט אַרויסגעזעצט, האָט די אונטערערדישע פּרעסע געדרוקט אַ וואָרענונג צו אים: „מיר פאַרגעסן קיינמאָל ניט".

די אַנטי־נאַצי־צייטונג „וואָא דע פראַנס", וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק, באַריכטעט אַז דעם 27־טן, 28־טן און 29־טן נאָוועמבער האָבן די דריי גרעסטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך אַרויסגעשיקט 9 ראַדיאָ־בראָדקעסטס קיין ענגלאַנד. זיי האָבן אַלע געפאָדערט אַז דאַרלאַן'ס אַדמיניסטראַציע זאָל ניט גוטגעהייסן ווערן. די דריי אָרגאַניזאַציעס פון דער אונטערערדישער באַוועגונג זיינען: „קאָמבאַ", „ליבעראַסיאָן" און „פראַנק-טירער".

און אָט זיינען באַזונדערע אויסדרוקן פון דעם קאַמף קעגן די נאַציס בלויז אין די לעצטע צוויי חדשים פון 1942:

אין אַ פּאַריזער רעסטאָראַן, וואו עס זיינען געזעסן דייטשע אָפיצערן, איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע. 5 אָפיצערן זיינען דערהרג'עט געוואָרן און 9 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

לעבן פּאַריז איז אויפגעריסן געוואָרן אַ באַן. 23 וואַגאָנען מיט מלחמה-זאַפּאַסן זיינען צעשמעטערט געוואָרן.

בלויז אויף איין אייזנבאַן־ליניע איז אין משך פון איין וואָך פאַרצייכנט געוואָרן אַ צאָל פון 11 אויפרייסן.

נאַציס הינריכטן אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע, וואָס מאַכט איבערפאַלן אויף פאַבריק

אין נאָוועמבער, 1942, האָט די פּרעסע באַריכטעט וועגן דעם, אַז די נאַציס אין פראַנקרייך האָבן אַריינגעקראָגן אין זייערע הענט דעם מאַי־נער טשאַרלז דע באַרזש, דעם בראַוון פירער פון אַ פאַרטיזאַנען־גרופּע, וואָס האָט פאַרצייכנט 50 איבערפאַלן אויף פאַבריקן און אויף קאָמוניקאַ־ציעס ליניעס.

יעדן טאָג ווערן פון אומבאַוואוסטע אַוועקגעלייגט אויף זיין קבר בלומען־קרענץ.

דעם 22־טן סעפּטעמבער, 1942, האָט די „יונייטעד פּרעס" באַריכ־טעט אַז 5,000 פראַנצויזן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין פּאַריז נאָך דעם, ווי אַ נאַצישער סאָלדאַט איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ מעטרא.

די „שיקאַגאָ סאַן" גיט איבער דעם 26־טן סעפּטעמבער, 1942, אַז אין באָרדאָ האָבן די נאַציס הינגעריכטעט 70 משכנות. דאָס דערפירט די צאָל פון הינגעריכטעטע אין איין וואָך צייט צו 186.

די „יונייטעד פּרעס" באַריכטעט דעם 27־טן אָקטאָבער, 1942, אַז אין אַ שענק אין ליל איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ האַנט־גראַנאַט. דריי נאַצישע סאָלדאַטן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די נאַציס האָבן אַרעס־טירט 30 מענטשן אַלס משכנות.

די פאָלגענדיגע פאַקטן זיינען אַרויסגענומען פון דער צייטשריפט „די פּיפּל פּאַיט אָן", אַרויסגעגעבן פון דעם אינטעראַליד אינפאָרמיישאָן סענטער".

אין סוף סעפּטעמבער איז אין פּאַריז דערשאָסן געוואָרן געוואָרן אַן אַרבעטער, וועלכער איז געוואָרן אַ שפּיאָן ביי די נאַ־ציס. דעם זעלבן חודש זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן צוויי נאַצישע וועכ־טער לעבן ליוזש.

אין אָקטאָבער האָבן 14,000 פראַנצויזישע אַרבעטער געסטרייקט אין ליאָן

אין צוויי געגנטן אין פראַנקרייך זיינען אין אָקטאָבער אונטערגע־צונדן געוואָרן שפּייכלערס מיט תבואה.

דעם זעלבן חודש איז אין ברעסט מיט דינאַמיט אויפגעריסן געוואָרן אַ קאַפע, וואָס האָט באַדינט נאַצישע סאָלדאַטן.

דער אייזנבאַן־פּאַרקער צווישן ליל און בריסעל, בעלגיע, איז אין איין וואָך אין אָקטאָבער איבערגעריסן געוואָרן צוויי מאָל.

די „יונייטעד פּרעס" באַריכטעט אין אַ קעיבל פון לאָנדאָן דעם 5־טן פעברואר, 1943, אַז דער פריערדיגער דעפּוטאַט פון דער פראַנצויזישער פּאַלאַטע פון דעפּוטאַטן, דער קאָמוניסט אַנדרעי מאַרטי, וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין ענגלאַנד פון פראַנקרייך, גיט־איבער אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרדעקט מיט אַ נעץ פון אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. בלויז איין אָפּטיילונג פון אָט די פּאַרטיזאַנישע גרופּן אָט אין אַנדערהאַלבן יאָר דורכגעפירט 50 וויכטיגע קאַמפן מיט די נאַציס. איצט זיינען אַלע גרופן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פאַראייניגט, לויט מאַרטי'ס דערקלערונג. אין אָקטאָבער פון 1942 איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ געמיינשאַפטלעכע דערקלערונג פון די קאָמוניסטן און פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַ טייל פון דער דע־גאָול־באַוועגונג.

די אונטערערדישע באַוועגונג איז גרייט צו צעוויקלען אַן אויפשטאַנד געגן די נאַציס אויף אַ מאַסן-מאַשטאַב אַזוי שנעל, ווי עס וועט נאָר געעפנט ווערן אַ צווייטער פראָנט אין אייראָפּע.

מאַרטי האָט דערקלערט:

„אַלע אַלטע פּאָליטישע און רעליגיעזע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן אין פראַנקרייך ווערן איצט אָפּגעשטופּט אין הינטערגרונד. עס זיינען איצט ניטאָ קיין רעכטע און קיין לינקע, נאָר בלויז צוויי פראַקציעס — איינע, וואָס וויל קעמפן פאַר זעלבסשטענדיגקייט, און די צווייטע, וואָס פאַרקויפט זיך צו דעם שונא.

די נאַציס פילן אַז אַרום זיי שפּרייט זיך די שנאה און אַז אונטער זייערע פיס איז אַ ווולקאַן. זיי האָבן בלויז איין מעטאָד — טעראָר. זיי פירן דורך מאַסן־אַרעסטן; זיי שלײדערן מענטשן אין די טורמעס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי טייטן אויס טויט־אורטיילן. נאָר דאָס צעבלאָזט נאָך מער די פלאַמען פון צאָרן און עס שטאַרקט נאָך מער די אַנטשלאָסנקייט פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס צו פירן זייער קאַמף געגן דעם שונא.

דעם 5-טן פעברואר האָט די „אַסאָשיעיטעד פּרעס" באַריכטעט וועגן 100 אַרעסטן אין פּאַריז. דעם זעלבן טאָג האָט די ניו יאָרקער „טאַימס" באַריכטעט אַז די פּראָ־נאַציִשע צייטונג „ל'אַקסיאָן פראַנסעס", וואָס גייט אַרויס אין פּאַריז, האָט זיך פאַרקלאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי די נאַציס גע־

פינען אויס באַהאַלטן־געווער און ברענגען עס אין אַ צענטראַלן פּלאַץ, קו־מען „די קאָמוניסטן" און נעמען דאָס געווער צו. זיי טוען נאָך אַזוי: זיי סאָרטירן אויס דאָס געווער און נעמען צו דאָס בעסטע. דאָס, וואָס עס טויג ניט, לאָזן זיי איבער ביי דער טיר.

די ווישי־רעגירונג האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע סאָרטן וואָפן מוזן איבערגעגעבן ווערן דער מלוכה צו דעם 23־טן יאַנואַר, 1943. דערנאָך איז דער טערמין פאַרלענגערט געוואָרן ביז דעם 10־טן פעברואַר.

לויט אַ באַריכט פון בערן, שווייץ, אין דער ניו יאָרקער „טאַימס" פון דעם 5־טן פעברואַר קריגן די פראַנצויזישע אונטערערדישע אָרגאַני־זאַציעס געווער פון ענגלאַנד. דאָס געווער ווערט אַראָפּגעוואָרפן אין באַ־שטימטע פּלעצער מיט פּאַראַשוטן.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף דעם קאַמף אין אַלזאַס.

אין אַ באַריכט פון בערן, שווייץ, אין דער ניו יאָרקער „טאַימס" פון דעם 2־טן מערץ, 1943, ווערט דערציילט פאָלגענדיגעס:

„אַן אָפּיציעלער באַריכט אין דער צייטונג „מיועלהאַוזער טאַגע־בלאַט" לייענט זיך אַזוי: „דעם 25־טן פעברואַר זיינען הענרי דזשעגל, 46 יאָר אַלט, און פּאָול מיונער, 28 יאָר אַלט, דערשאָסן געוואָרן פאַר אָפּ־זאָגן זיך אַריינצוטרעטן אין דער דייטשער אַרמיי".

דאָס איז דער דורכשניט פון טעגלעכע הינריכטונגען אין אַלזאַס אין די לעצטע עטלעכע וואָכן."

דעם 3־טן מערץ האָט די „טאַימס" געדרוקט אַ באַריכט וועגן דעם, אַז אין אַלזאַס איז דאָ אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט העלפן יונגע מענער צו אַנטלויפן פון לאַנד, כדי זיי זאָלן ניט דאַרפן גיין דינען אין דער דייטשער אַרמיי. אָט די אָרגאַניזאַציע ווערט געפירט כמעט אויסשליסלעך פון פרויען. אין חודש מאַי איז געכאַפּט געוואָרן איינע פון די פירערינס פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. דאָס יונגע מיידל לוסיען וועל־שינגער. די נאַצים האָבן זי דערשאָסן. דערנאָך איז געקומען אַ לאַנגע ריי הינריכטונגען פון אַלזאַסער פרויען אויף דער זעלבער באַשולדיגונג פון העלפן יונגע לייט צו אַנטלויפן פון לאַנד ווי אויך פאַר געבן הילף צו פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע צו אַנטלויפן.

די אַלע הינריכטונגען האָבן אָבער ניט אָפּגעשראָקן די אַלזאַסער פּאַטריאָטישע פרויען, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט זייער אַרבעט אויף צו

שעדיגן דעם באַצווינגער פון זייער לאַנד מיט וואָס נאָר מעגלעך.

אין פעברואַר, 1943, איז איבער אַלזאַס אַרומגעפאָרן אַ ספּעציעלער געריכט, וואָס האָט ביי דער אָרטיגער באַפעלקערונג געקראָגן דעם נאָמען „דער בלוטיגער געריכט". אין לויף פון דעם חודש האָט דער געריכט אויסגעטיילט עטלעכע צענדליג טויט־שטראָפן און הונדערטער אורטיילן פון קאַטאָרזשנער אַרבעט. די מערסטע פון די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען פרויען, צווישן זיי אייניגע נאָך גאָר יונגע מיידלעך. אַזוי, למשל,איז די אָנגעקלאָגטע אַנסאָניאַ סקאַנדאַלאַ אַלט זעקס און צוואַנציג יאָר. נאָר וויפיל מוט זי האָט אַרויסגעוויזן ווען זי האָט מיט שטאָלץ דערקלערט פאַר די ריכטער אַז זי האָט געהאָלפן 49 יונגע מענער צו אַנטלויפן פון לאַנד.

אין מערץ היי־יאָר האָבן די נאַצים הינגעריכטעט 4 אַלזאַסער קאָ־מוניסטן און פאַראורטיילט צו שווערע טורמע־טערמינען נאָך 20 פאַר אונטערערדישער טעטיגקייט.

שרייבנדיג וועגן אָט די אורטיילן, זאָגט די נאַצישע צייטונג „מיל־האוזער טאַגעבלאַט", אַז די פאַר׳משפּט׳טע האָבן פאַרשפּרייט אַ סך אומ־לעגאַלע ליטעראַטור און זי זאָגט אַזוי: „זיי האָבן פאַרשפּרייט די ליטע־ראַטור אויף זייער אַ געשיקטן אופן. זיי האָבן אַקטיוו געהאָלפן מלחמה־געפאַנגענע און יונגע אַלזאַסער דעזערטירן פון דער אַרמיי צו אַנטלויפן פון לאַנד און האָבן דערמיט אונטערגעגראָבן די מיליטערישע מאַכט פון דעם רייך."

העכער 40 יאָר איז די פראַנצויזישע פּראָווינץ אַלזאַס געווען אין די הענט פון די דייטשן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט אָט די פּראָ־ווינץ צוריק צו פראַנקרייך. נאָך דעם, ווי אַלזאַס איז 22 יאָר ווידער גע־ווען אַ טייל פון פראַנקרייך האָבן די דייטשן אויף איר נאָך אַמאָל אַדויפ־געלעגט זייערע לאַפּעס. און ווי די אַלזאַסער מענטשן קעמפן עס געגן די באַצווינגער פון זייער לאַנד! די דייטשן האָבן אין זייערע 40 יאָר ממשלה איבער אַלזאַס זיך, ווייזט אויס, גענוג פאַרהאַסט, אַז מען זאָל זיי איצט אָנטאָן דאָרט אַזוינע געברענטע צרות.

אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַרזוך פון די נאַצים צו צווינגען די פראַנצויזישע באַפעלקערונג צוצושטעלן 400,000 מענטשן אויף שקלאַפן־אַרבעט אין דייטשלאַנד האָט אין פראַנקרייך זיך צעפלאַקערט אין פרילינג היי יאָר אַן אמת׳ע מלחמה געגן די פאַרשקלאַפער. די אונטערערדישע באַ־וועגונג האָט גענומען ברענען די נאַצים די טריט אויף גאָר אַן אינטעסיוון

אַחפּן. אין דער שטאָט ליאָן האָבן פראַנצויזישע פּאַטריאָטן געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אַ נאַצישן מיליטער־קאָלום, וואָס איז געגאַנגען דורך אַ שמאָלער גאַס. די פראַנצויזן האָבן פאַרשפּאַרט די גאַס און האָבן אין אַ שלאַכט מיט די סאָלדאַטן אויסגעהרג'עט צוועלף פון זיי.

אין דרום־מזרח פראַנקרייך לעבן דעם ראָן־טייך איז אויפגעריסן געוואָרן אַ באַן מיט אַמוניציע.

אין פּאַריז איז געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע אויף אַן אויטאָמאָביל, אין וועלכן עס זיינען געפאָרן נאַצישע פלאָטן־אָפיצערן. אַ נאַצישע אַמוניציע־באַן איז אויפגעריסן געוואָרן לעבן וויערזאָן.

די לאַגע איז געוואָרן אַזוי אַלאַרמירנדיג; אַז די ווישי־ראַדיאָ, וואָס איז, נאַטירלעך, קאָנטראָלירט פון די נאַצים, האָט דערקלערט אַז „די אינערלעכע צעטיילונג איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופּע אַז זי קאָן פאַראורזאַכן גאָר גרויסע צרות — מעגלעך דעם זעלבסטמאָרד פון פראַנקרייך".

לויט דער אינפאָרמאַציע, וואָס איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן צו די פירער פון די „קעמפענדיגע פראַנצויזן" זיינען אין אָט די נייע אויסברוכן געגן די נאַצים דער'הרג'עט געוואָרן העכער 500 נאַצישע סאָלדאַטן.

עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן טויזנטער. אַ סך פון די, וועלכע זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן פון לאַוואַל'ן אויף אָפּגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד, אַנטלויפן פון זייערע שטעט און שטעטלעך און שליסן זיך אָן אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנען. אַזוי איז געווען דער פאַל מיט 91 יונגע מענטשן אין אַנעסי. זיי זיינען אַלע אַנטלאָפן ביינאַכט און אויף מאָרגן זיינען זיי שוין געווען אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנען.

דעם 8־טן מערץ היי־יאָר האָט די „יונאַיטעד פּרעס" געבראַכט די נייעס וועגן דער דערקלערונג פון אַ פאַרטרעטער פון די „קעמפענדיגע פראַנצויזן" אַז — „די רייען פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך וואַקסן. אין די לעצטע וואָכן איז די צאָל פּאַרטיזאַנען פאַרדרייפאַכט געוואָרן".

אין דער זעלבער דערקלערונג האָט דער פאַרטרעטער פון די „קעמפענדיגע פראַנצויזן" געזאָגט, אַז אַ סך פון די דעמאָביליזירטע אָפיצערן און סאָלדאַטן שטייען-צו צו די פּאַרטיזאַנען. נייע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען זיינען לעצטנס אויספאָרמירט געוואָרן אין די אַלפּן־בערג ביי די גרעניצן פון דער שווייץ און אין די פּירענעין־בערג ביי די גרעניצן פון שפּאַניע.

באַזירנדיג זיך אויף די באַריכטן דירעקט פון די פּאַרטיזאַנישע טיילן, האָט אַ פאַרטרעטער פון די „קעמפּענדיגע פראַנצויזן" געמאַכט די דער־קלערונג, אַז אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנען זיינען דאָ אַ סך טויזנטער קעמפּער. די פּאַרטיזאַנען ווערן אָנגעפירט פון אַ גרופּע פון „געהיימע 5".

„די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנען זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אַר־מיי פון די „קעמפּענדיגע פראַנצויזן" און די קעמפּער אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנען האַלטן אָן די זעלבע ראַנגען ווי אין דער רעגולערער אַר־מיי פון די פראַנצויזן אויף די פראָנטן אין אפריקע," האָט געזאָגט דער זעלבער פאַרטרעטער פון דער דע־גאָל באַוועגונג. ער האָט אויך דער־קלערט פאָלגענדיגעס:

„די פּאַרטיזאַנען ווערן אָנגעפירט פון גענעראַלן, וועמעס נעמען עס וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן נאָך דער מלחמה. מיליטעריש זיינען די פּאַרטיזאַנען אַ טייל פון אונזער אַרמיי. פּאָליטיש זיינען זיי פאַראַנט־וואָרטלעך צו דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער קאָמיטע".

די אונטערערדישע באַוועגונג אין פראַנקרייך איז אויף אַזוי גוט אָר־גאַניזירט, אַז אין פרילינג הײַ־יאָר האָבן די פּאַרטיזאַנען אָנגעהויבן אַ־רויסגעבן אָפיציעלע קאָמוניקאַטן, וואָס ווערן אונטערגעשריבן אַזוי: „די הויכע קאָמאַנדע פון די פראַנצויזישע גערילאַס און פּאַרטיזאַנען". איין אַזאַ קאָמוניקאַט איז אין מערץ אָנגעקומען קיין לאָנדאָן אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון די קעמפּענדיגע פראַנצויזן. אין דעם קאָמוניקאַט ווערט אונטערגעצייכנט אַ סך הכל פון די קאַמפּן, וואָס די פּאַרטיזאַנען האָבן גע־פירט אין דעם פּעריאָד צווישן דעם 20־טן דעצעמבער פון 1942 און דעם 20־טן יאַנואַר הײַ־יאָר. אין אָט דעם פּעריאָד, זאָגט דער באַריכט, האָבן די פּאַרטיזאַנען דער'הרג'עט 282 נאַצים, צעשמעטערט 14 באַנען, פאַרניכ־טעט 94 לאָקאָמאָטיוון און 436 וואַגאָנען און אויפגעריסן 4 בריקן. פון דעצעמבער ביז אָנהויב מערץ האָבן די פּאַרטיזאַנען אויסגע'הרג'עט צום ווייניגסטן 532 נאַצים.

אין די ערשטע עטלעכע טעג אין מערץ הײַ־יאָר האָבן די פּאַרטיזאַ־נען אָנגעטאָן די נאַצים פאָלגנדיגן שאָדן: פאַרניכטעט 26 טראָקס, פאַר־אורזאַכט 12 שרפות, צעשמעטערט 12 אָפיסעס פון די נאַצים און פאַר־ניכטעט 1,000 טאָן שפּייז און ברען־שטאָף, וואָס די נאַצים האָבן רעקווי־זירט פאַר זיך. אין דער זעלבער צייט האָבן די פּאַרטיזאַנען דערשאָסן 10

פראַנצויזישע מוסרים, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די נאַציס.

די פראַנצויזן מאַכן דעם פאָלגענדיגן אונטערשייד צווישן גערילאַס און צווישן פּאַרטיזאַנען.. אַלס גערילאַס ווערן באַצייכנט די, וועלכע אַר־בעטן ביים טאָג ביי זייערע געוויינלעכע באַשעפטיגונגען, נאָר ביינאַכט לאָזן זיי זיך אַרויס אויף יאַגד אויף די נאַציס. אַלס פּאַרטיזאַנען ווערן באַ־צייכנט די, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס און פירן אַ קאַמף געגן דעם שונא סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט.

סיי די גערילאַס, סיי די פּאַרטיזאַנען זיינען גוט דיסציפּלינירט און זיי טוען זייער אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון געניטע מיליטער־לייט. דער קאַמף ווערט געפירט אויך געגן די איטאַליענישע אַריינדרינגער. אין אַ באַריכט פון דער „יונייטעד פּרעס" פון דעם 13טן מערץ ווערט אי־בערגעגעבן אַז ביי דער דרום־מזרח גרעניץ פון פראַנקרייך גייען אָן ביטע־רע שלאַכטן צווישן פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנען און איטאַליענישע טרופּן. די פּאַרטיזאַנען זיינען באַוואָרנט מיט וואָפן, וואָס איז צו זיי אַראָפּגע־וואָרפן געוואָרן פון עראָפּלאַנען פון די פאַרבינדעטע פעלקער. די שלאַכטן זיינען פון אַזאַ פאַרנעם אַז מען הערט אין זשענעווע, שווייץ, דאָס דונערן פון די קאַנאָנען.

די פּאַרטיזאַנען אין אָט דער געגנט ווערן אָנגעפירט פון דעם גענע־ראַל קאַרטיע.

די ראַדיאָ פון אַלזשיר האַלט אין איין מונטערן די פראַנצויזן און רופן זיי צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיזאַנען קאַמפן.

לויט אַן אָפּשאַצונג פון פראַנצויזן, וועלכע זיינען געווען אין דער שווייץ, באַטייליגן זיך העכער 100,000 פּאַרטיזאַנען אין די קאַמפן געגן די נאַצישע פאַרזוכן צו נעמען פראַנצויזישע יונגע מענער אויף שקלאַפן־אַרבעט אין דייטשלאַנד.

די פאַרפליכטונג פון דעם פראַנצויזישן אונטערגרונד

אין זומער 1942 איז קיין לאָנדאָן אָנגעקומען אַ קאָפּיע פון דער פאָלגנדיגער דערקלערונג, וואָס די אונטערגרונד-באַוועגונג האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן:

„מיר פאַרפליכטן זיך צו שאַפן אייניגקייט פאַר דעם צוועק פון דער נויטיגער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און מאָראַלער טראַנספאָר־מאַציע און צו באַזירן אונזערע האַנדלונגען אויף דער אַכטונג פאַר

דעמאָקראַטיע און אויף דער אכטונג פון די רעכט פון דעם איינ־צעלנעם...

„מיר פאַרפליכטן זיך אָנצוהאַלטן דעמאָקראַטיע, וואָס וועט אונז דינען אלס אַן אידעאַל. מיר וועלן מיט א שטרענגער דיסציפלין פאַרטיידיגן דעמאָקראַטיע געגן די, וואָס קאָלאַבאַרירן מיט די נאַ־ציס. מיר וועלן זיין באַוואָפנט געגן די ליגנס, וואָס קומען פון דער ווישי־פרעסע, און געגן דעם פאַרדאַרבענדיגן דרוק מצד די פאַר־רעטער.

„מיר וועלן קעמפן געגן די נאַציס וואו נאָר מיר וועלן זיך אָנטרעפן מיט זיי. פון דעם קריזיס, וואָס מיר לעבן איצט איבער אין פראַנק־רייך און אין אייראָפּע, וועט די וועלט אַרויסקומען א געענדערטע. מיט אונזער גאַנצער קראַפט וועלן מיר שטרעבן צו דעם, אז נאָך דעם זיג זאָלן אַלע באַפרייטע פעלקער פון דער וועלט גיין האַנט אין האַנט...!"

אָט די פאַרפליכטונג האָבן די פראַנצויזן גענומען דורכפירן, ריזי־קירנדיג מיט דעם לעבן פאַר יעדן אַרויסטריט ניט נאָר געגן די נאַציס, נאָר אויך פאַר'ן אַרויסטריט געגן די שונאים פון אינעווייניג. עס איז אָט דעם קעמפענדיגן פאָלק זיכער ניט געקומען די קללה פון דאַרלאַניזם און פּערוטאַניזם אויף טעריטאָריע, וואו לאַוואַל און פּעטען האָבן שוין ניט געקאָנט הערשן.

קאַפּיטל 12.

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען

פון דעם ערשטן מאָמענט ווען היטלער האָט א שליידער-געטאָן זיינע באַוואָפנטע באַנדעס אויף די סאָוועטישע גרעניצן, האָט ער זיך אָנגע-שטויסן ניט נאָר אויף דעם ווידערשטאַנד פון דער רויטער ארמיי, נאָר ער האָט דערפילט, אז דאָ וועט ער האָבן צו פירן א קאַמף געגן דעם פאראייניגטן כח פון דעם גאַנצן פאָלק.

12 טעג נאָכדעם, ווי היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, האָט יאָסעף סטאַלין, דער פירער פון די סאָוועטישע פעלקער, געהאַלטן זיין היסטאָרישע רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט: אז די נאַצים זיינען ניט אומבאַזיגבאַר, און אין וועלכער ער האָט גערופן דאָס גאַנצע לאַנד צו געבן א ווידערשטאַנד דעם אריינדרינגער. אין אָט דער רעדע האָט סטאַלין געזאָגט:

„די מלחמה געגן פאַשיסטישן דייטשלאַנד קאָן מען ניט באַ-טראַכטן אַלס א געוויינלעכע מלחמה. דאָס איז ניט נאָר א מלחמה צווישן צוויי ארמייען. דאָס איז גלייכצייטיג א גרויסע מלחמה פון דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק געגן דעם דייטשיש-פאַשיסטישן מיליטער. דער ציל פון דער דאָזיגער פאָטערלאַנדישער מלחמה געגן די פאַשיסטישע אונטערדריקער איז ניט נאָר צו ליקווידירן די געפאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונזער לאַנד, נאָר אויך צו העלפן אַלע פעלקער פון אייראָפּע, וואָס קרעכצן אונטער דעם יאָך פון דעם דייטשישן פאַשיזם“.

די באַדייטונג פון דער מלחמה איז אַזוי אַרום קלאָר אָנגעצייכנט געוואָרן פאַר די סאָוועטישע פעלקער. ביי זיי האָט מער ניט געקאָנט זיין דער מינדסטער צווייפל אין דער נויטווענדיגקייט צו מאָביליזירן אַלע כוחות און צו זיין גרייט אַלץ מקריב צו זיין אין אָט דער מלחמה, פון וועלכער עס הענגט אָפּ זייער אייגענע פרייהייט, זעלבסשטענדיגקייט און פשוט'ע פיזישע עקזיסטענץ, ווי אויך די פרייהייט, זעלבסשטענדיגקייט און פיזישע עקזיסטענץ פון אַזוי פיל פעלקער, אויף וועלכע היטלער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַרויפגעלייגט זיין לאַפּע.

אין דער זעלבער רעדע אויף דעם 12־טן טאָג נאָך היטלער'ס רויבעריש אָנפאַל אויף דעם סאָוועטישן לאַנד האָט סטאַלין גערופן צו האַנדלען אַזוי:

„אין די ראַיאָנען, וואָס זיינען פאַרנומען דורך דעם שונא, דאַרף מען שאַפן פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן — רייטער־אָטריאַדן און פוסגייער־אָטריאַדן — שאַפן סאַבאָטאַזש־גרופּעס צום קאַמף געגן דער שונא'ס אַרמיי, כדי צו צעצינדן אַ פּאַרטיזאַנישן קריג אומעטום און איבעראַל אויף אויפצורייסן די בריקן, די וועגן, קאַליע מאַכן די טעלעפאָן־און טעלעגראַף־פאַרבינדונגען, אונטערצינדן די וועלדער, די סקלאַדן, די נאַצישע קאַראַוואַנען מיט שפּייז און מיט פאַרשטאַרקונגען. אין די פאַרכאַפּטע ראַיאָנען דאַרף מען שאַפן אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פאַר דעם שונא און פאַר אַלע זיינע מיטהעלפער. מען דאַרף זיי פאַרפאָלגן און פאַרניכטן אויף יעדן שריט. מען דאַרף אויסרייסן זייערע מאַסמיטלען".

די סאָוועטישע מענטשן האָבן אָט דעם רוף גוט פאַרשטאַנען און האָבן אים אויפגענומען מיט דער גרייטקייט אוועקצוגעבן זייערע לעבנס אין דעם קאַמף געגן דעם שונא, וואָס האָט זיך פאַרמאַסטן אויף זייער לאַנד און אויף זייער פרייהייט. די סאָוועטישע מענטשן האָבן דאָך נאָך געדענקט די לעסאָנס פון די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן, וואָס זיי האָבן געפירט מיט 20 יאָר פריער געגן אַזויפיל שונאים פון זייער יונג לאַנד. אין יענע יאָרן האָבן זיי דאָך טאַקע אויך געפירט אַ קאַמף געגן דייטשע אַריינדרינגער. עס לעבן דאָך נאָך אַ סך פון די, וועלכע האָבן אָט דעם קאַמף געפירט.

זיי, וועלכע האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט צו באַשיצן זייער לאַנד און

זייער נייע פרייהייט נאָך איידער זיי האָבן פאַרזוכט די פֿולע־פּרוכט פון דעם נייעם לעבן, — זיי וועלן וויסן ווי צו קעמפן געגן דעם שונא, וועל־כער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם לאַנד, וואָס האָט שוין געשאַפן אַזאַ שפע, אַזאַ קולטור, אַזאַ ליכטיג און אַזאַ פריידיג לעבן פאַר די מיליאָנען, וועלכע זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים פון אַ זעקסטל פון דער וועלט — די באַלעבאַטים פון אַ לאַנד פון באַפרייטע פעלקער, פון אַ לאַנד, וואו די פרוי איז געוואָרן פולשטענדיג פריי; פון אַ לאַנד, וואו דער יונגער דור האָט פאַר זיך אַ ליכטיגע צוקונפט; וואו אַלע קאָנען געניסן פון בילדונג, וואו „דער מענטש איז דער העכסטער קאַפּיטאַל“, ווי סטאַ־לין האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט די באַציאונג צום מענטשן אין דעם אַרבעטער לאַנד.

אַ יאָ, זיי וועלן וויסן ווי צו קעמפן פאַר זייער פרייע היימלאַנד! און זיי האָבן געוויזן, אַז זיי ווייסן ווי צו קעמפן!

אַרבעטער און פּויערים זיינען אוועק אין די וועלדער און דאָרט זיך אָרגאַניזירט אין פּאַרטיזאַנען־בריגאַדעס. די גאַנצע באַפעלקערונג קומט די פּאַרטיזאַנען צוהילף. גאַנצע דערפער, גאַנצע ראַיאָנען זיינען אָרגאַניזירט פאַר פּאַרטיזאַנישער אַרבעט. דער שונא ציטערט פאַר אָט די פּאַרטיזאַ־נישע כחות. ער ווייסט, אַז פון יעדן פּויערישן הויז, פון הינטער יעדן בוים, פון צווישן יעדן קוסט קאָן זיך אָנהויבן גיסן אַ שטראָם פייער פון באַהאַלטענע ביקסן.

קיין שליאַך איז פאַר דעם שונא ניט זיכער; אין קיין שטאָט און אין קיין שטעטל פילט ער זיך ניט רואיג — פון אומעטום לויערט אויף אים דער פּאַרטיזאַן.

דער פּאַרטיזאַן איז ערגעץ באַהאַלטן אין שטאָט; דער פּאַרטיזאַן איז ערגעץ דאָ און אין דאָרף, ער איז דאָ אין וואַלד, אין פעלד — ער איז דאָ אומעטום.

ווער איז דער פּאַרטיזאַן? עס איז שווער אים צו דערקענען. אויסער־לעך טראָגט ער ניט קיין שום צייכן פון קיין קריגער, נאָר ער איז בראַוו, ער איז דערפינדעריש, ער איז עקשנות׳דיג — ער איז אומבאַזיגבאַר.

דער פּאַרטיזאַן איז אַ פּויער; דער פּאַרטיזאַן איז אַן אַרבעטער; דער פּאַרטיזאַן איז אַ לערער; דער פּאַרטיזאַן איז יונג; דער פּאַרטיזאַן איז אַלט — דער פּאַרטיזאַן איז די גאַנצע באַפעלקערונג. אויך די פרוי גייט אין פּאַרטיזאַנישן קאַמף. און אויך דאָ איז שווער צו באַשטימען צי אָט

די איינגעהויקערטע אַלטיטשקע, אָדער אָט דאָס ספּריטנע יונגע מיידל — איז ניט קיין פּאַרטיזאַנקע. וואָס קאָן פּלוצלונג אָנהויבן שליידערן האַנטגראַנאַטן, וואָס קאָן אָנצינדן דעם קנגיט, וואָס וועט אויפרייסן אַ באַמבע אונטער אַ בריק, אָדער אונטער אַ באַן.

און נאָך גאָר יונגע קינדער נעמען אויך אָן אַנטייל אין דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף און טוען זייער אַ סך וויכטיגע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

ריזיג איז דער שאָדן, וואָס די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען האָבן פאַראורזאַכט דעם שונא אין לויף פון דער איצטיגער מלחמה. עס איז נאָך ניט אונטערגעפירט געוואָרן קיין גענויער אָך הכל צו די צענדליגע טויזנטער צעשמעטערטע וואַגאָנען, צו די אויפגעריסענע אַמוניציע־סקלאַדן, צו די דער׳הרג׳טע נאַצישע אָפיצערן און סאָלדאַטן און צו די אַנדערע פאָרמען שאָדן, וואָס די פּאַרטיזאַנען האָבן פאַראורזאַכט. נאָר דאָס וואָס מען ווייסט שוין פון די אַלגעמיינע באַריכטן, שאַפט אַ בילד פון אַ קאָלאָסאַלן אויפטו וואָס קאָסט דעם שונא זייער טייער.

דער שונא ווילדעוועט און די פּאַרטיזאַנען ענטפערן מיט נאָך מער פאַרשטאַרקטן קאַמף

דער צעיושעטער פאַשיסט, וואָס האָט געוויזן זיין ווילקיה אין אַלע לענדער, אויף וועלכע ער האָט אַרויפגעלייגט זיין לאַפּע, האָט אויף סאָוועטישער טעריטאָריע זיך געלאָזט גאָר „וואוילגיין“. אויב ראַבעוועןן, האָט מען דאָך דאָ דערוואַרטעט צו קריגן אַזוי פיל. ווען מען האָט אָבער געטראָפן פאַר׳שרפה׳טע ערד (סקאָרטש אוירט), האָט זיך צעברענט די חיה׳שע רציחה. דער אַריינדרינגער האָט געזוכט זיך צו באַפרידיגן מיט פלינדערן אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט אַוועקשלעפּן, און מיט נוקם זיין זיך אין דער פרידלעכער באַפעלקערונג.

אויב פייניגן אידן, איז דאָך דאָ געוועזן אַזאַ קאָמפּאַקטע מאַסע אידן — פּוילישע אידן, אידן פון מערב אוקראַינע און אידן וועלכע זיינען אַנטלאָפן אהער, כדי זיך צו ראַטעווען; באַלטישע און בעסאַראַבישע אידן, וועלכע זיינען נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן, ווען די לענדער, וואו זיי האָבן געוואוינט, זיינען געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אָט די אידן זיינען געוואָרן אַ טייל פון די פרייע און גליקלעכע סאָוועטישע אידן; און די מיליאָנען סאָוועטישע אידן זעלבסט, וועלכע האָבן פאַר-



צוויי סאָוועטישע פּארטיזאנען.

מאַכט זייערע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין קרים און אין אוקראַינע, זייערע פּאַרצווייגטע קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאָט און אין דאָרף.

אַזויפיל אידן! ווי די חיות האָבן זיך עס אַ וואָרף געטאָן אויף זיי מיט אַ בלוט-דורשטיגקייט, וואָס האָט איבערשטיגן אַלץ, וואָס זיי האָבן גע-טאָן אין באַצוג צו אידן אין די לענדער אין מערב־אייראָפּע!

וואָס אַ טאָג איז אַלץ מער געשטיגן דער סאַדיזם, מיט וועלכן די נאַ־צים זיינען זיך באַגאַנגען מיט דער אַלגעמיינער סאָוועטישער באַפעלקע־רונג און, ספּעציעל, מיט די סאָוועטישע אידן. אָט די האַנדלונג האָט געצונדן די פלאַמען פון שנאה צו דעם שונא און האָט באַוועגט די ציווילע באַפעלקערונג פון די פאַרנומענע געגנטן צו גיין מיט נאָך מער אָפּפערווי־ליגקייט אין די פּאַרטיזאַנישע רייען אויף צו פירן דעם אומאויפהערלעכן קאַמף געגן די בלוטיגע נאַצישע הינט.

די נאַצים האָבן אַרויסגעשיקט ספּעציעלע שטראָף־עקספּעדיציעס געגן די פּאַרטיזאַנען, נאָר די העלדישע קעמפער, וואָס שלאָגן זיך פאַר זייער דאַך, פאַר זייער דאָרף, פאַר זייער לאַנד און פאַר זייער פרייהייט, האָבן ניט אויפגעגעבן דעם קאַמף אויף קיין איין טאָג.

די נייעס וועגן דעם בראַוון קאַמף פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען האָט אָפּגעקלונגען אין די אַנדערע פאַרכאַפּטע לענדער און האָט אָנגע־צונדן דאָרט נייע האָפענונגען און האָט אריינגעגאָסן מוט אין די הערצער פון מיליאָנען פאַרשקלאַפטע נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון די סאָוועטי־שע מענטשן

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם סאָוועטישן פּאַרטיזאַנישן קאַמף דער אינפאָרמאַציע־בולעטין פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט אין וואַ־שינגטאָן (דעצעמבער 19-טער, 1942):

> ווייט הינטער דעם פראָנט, טיף הינטער דעם שונא׳ס רייען, געפינט זיך דאָס לאַנד פון די פּאַרטיזאַנען, דאָ זיינען דאָ באַהאַל־טענע ביקסן. . . דאָס פּאַרטיזאַנען לאַנד לעבט אין שטענדיגע אָנגע־שטרענגטקייט און איז שטענדיג גרייט . . . פון אַלע זייטן רייסן זיך אויף מינען, שראַפּנעלן. עס הערט זיך דאָס גראַגערן פון די מאַשין־ביקסן. . . .די שטראָף־עקספּעדיציעס האָבן אויסגעשאָסן אַלע הינט אין דעם דיסטריקט פון די פּאַרטיזאַנען, ווייל דאָס בילן פון די הינט האָט געדינט אַלס אַ וואָרענונג פאַר די מענטשן, אַז די נאַצי־שע באַנדיטן קומען אָן. ווען די פאַשיסטן דערנעענטערן זיך צו אַ

דאָרף, לויפט די גאַנצע באַפעלקערונג אוועק אין וואַלד. זיי דער־הרג'ענען אַלע זייערע עופות, ווייל דאָס קרייען פון אַ האָן קאָן נאָך אַרויסגעבן דעם שונא דאָס באַהעלטעניש פון די פּויערים.

אַ מאָדנע שטילקייט הילט איין די פאַרניכטעטע און צעראַבירטע דערפער. אפילו די קינדער, וועלכע שפּילן אין מלחמה, רעדן זייער שטיל".

אין דער זעלבער באַשרייבונג אין דעם בולעטין פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע ווערט דערציילט ווי אַזוי די פּאַרטיזאַנען אין אַ געוויסן דיסטריקט האָבן מיט דער גרעסטער מסירת נפש דורכגעפירט אַ וועג דורך אַ זומפּ. בשעת זיי האָבן געהאַלטן אין אַרבעטן, זיינען זיי באַמערקט געוואָרן פון נאַצישע אויסשפּיר־עראָפּלאַנען. דערציילט דער באַריכט, אַז
„די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך אויסגעצויגן אין דעם זומפּ, וואַרטענדיג ביז די עראָפּלאַנען וועלן זיך אָפּטראָגן. קיינער האָט ניט פאַרלאָזן די אַרבעט. דער וועג דורך דעם זומפּ איז אָט אויף אַזאַ אופן אויפגעבויט געוואָרן. . . . אַ בריגאַדע פון זעקס מיידלעך האָט אויף זיך די אויפגאַבע צו האַלטן אין פאַרריכטן דעם וועג, וואָס פאָדערט באַנייאונג נאָך יעדן מאָל, ווען עס גייט דורך אַ גרויסע צאָל פערד און וועגענער".

דער פּאַרטיזאַנישער קאַמף כאַפּט אַרום אַלע טיילן פון דעם לאַנד. ווען די נאַצים האָבן זיך דערנענטערט צו קאַווקאַז, האָבן די דאָרטיגע קאָזאַקן צעוויקלט אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון אַזאַ פאַרנעם, אַז די נאַצים האָבן זיך דערפילט געצוואונגען אַרויסצושיקן געגן זיי גאַנצע מיליטער־אָפּטיילונגען מיט אַרטילעריע, טראַנשיי־קאַנאָנען און טאַנקען.

האָט דען דאָס אָפּגעשטעלט דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף? זיכער ניט, פּונקט ווי נאַצישע שטראָף־עקספּעדיציעס אין אַנדערע טיילן פון דער אָקופּירטער סאָוועטישער טעריטאָריע האָבן ניט אָפּגעשטעלט דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין קיין אָרט.

אין קאַווקאַז האָט אַ געוואַגטע גרופּע פּאַרטיזאַנען גענומען געפאַנגען אַ נאַצישן אַרמיי־קאָמאַנדיר. אין איין פּלאַץ האָבן די קאָזאַקישע פּאַרטיזאַנען געמאַכט אַזאַ בליץ־איבערפאַל אויף אַ נאַצישן גאַרניזאָן, אַז היטלער'ס „העלדן" האָבן אפילו ניט געהאַט קיין צייט צו נעמען זיך צו די ביקסן. די מערדער פון פרויען און קינדער זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרן ביז איינעם.

די פּאַרטיזאַנען צאָלן די נאַצים פאַר זייערע פאַרברעכנס. זיי צאָלן פאַר דעם, וואָס די נאַצים האָבן דאָס לאַנד פאַרדעקט מיט תליות פון אויפגעהאָנגענע ציווילע מענטשן; זיי צאָלן פאַר דעם, וואָס די נאַצישע חיות האָבן אַזויפיל קינדער אומגעבראַכט און ברענגען אום ביז היינט צו טאָג; זיי צאָלן פאַר דעם, וואָס די היטלעריסטישע באַנדעס אין מונדירן טרייבן פרויען און קינדער אין פראָנט פון זייערע טאַנקען־בריגאַדעס; זיי צאָלן פאַר די רואינירטע קאָלכאָזן, פאַר דעם גאַנצן צעפּלינדערטן האָב און גוטס — די סאָוועטישע מענטשן האָבן פאַרוואָס צו צאָלן און זיי צאָלן ניט געקאַרגט.

די פאַרברעכנס פון די אָקופּאַנטן.

עס וואָלט ניט געווען גענוג קיין בוך און ניט קיין צען ביכער אפילו ווען מען וואָלט געוואָלט אויסדערציילן די גאַנצע געשיכטע פון די נאַצישע פאַרברעכנס אין די שטעט און אין די דערפער, וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין זייערע לאַפּעס. נאָר עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען בלויז א קליינטשיקן טייל פון אָט די מעשים. דאָס וועט שוין כאַראַקטעריזירן דעם פּרצוף פון דער „העכערע ראַסע" און פון די „רעטער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע". מיר וועלן איבערגעבן די פאַקטן אָן פרושים, ווייל זיי רעדן פאַר זיך אַליין.

צום יום־טוב פון דעם יאָר־טאָג זינט די רויטע אַרמיי האָט גענומען טרייבן די נאַצים פון אַרום מאָסקווע — האָבן די קאָלווירטניקעס פון מאָזשיאַיקער דיסטריקט, וואָס זיינען א צייט געווען אונטער'ן נאַצישן יאָך, צוגעשיקט א בריוו צו דער רויטער אַרמיי אויף דעם מערב פראָנט. אין דעם בריוו גיבן די קאָלווירטניקעס אָן א סך הכל פון די נאַצישע פאַרברעכנס אין זייער דיסטריקט:

דערמאָרדעט 273 פרידלעכע מענטשן; אַרויסגעטריבן פון זייערע וואוינונגען 22,144 מענטשן; פאַרברענט 6,404 הייזער; צוגענומען 24,750 קעפּ פי, העכער 50 טויזנט עופות און פיר און א האַלב מיליאָן פּוד תבואה און קאַרטאָפל.

אין דעם דאָרף זאַווידאָוואַ אין דעם קאַלינינער ראַיאָן האָבן די נאַצים צוזאַמענגעטריבן אַלע מיידלעך אין דער קירך און האָבן זיי דאָרט פאַרגוואַלטיגט.

אָט איז א בריוו פון א מוטער צו אירע צוויי זין אין דער רויטער אַרמיי:

„. . . באַלד האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי און געשרייען.
. . . די נאַציס האָבן דערשאָסן אונזערע אַלטע לייט. צווישן די אַל־טע איז אויך געשטאַנען אייער פאָטער. איך האָב אָנגעהויבן וויי־נען און בעטן די דייטשע אָפיצערן אים ניט צו הרג׳ענען, נאָר דער אָפיצער האָט מיך אַ בריק געטאָן אין בויך מיט דעם שטיוול און האָט אויסגעשאָסן. דער פאָטער איז מיטאַמאָל אַ פאַל געטאָן און האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט.

נעמט־זשע נקמה, מיינע זין, פאַר דעם אַלטן טאַטן! דערשיסט די פאַרשאָלטענע דייטשן, מיט פאַרניכטענדיגע קלעפּ שלאָגט די הענקער!״

בלויז אויף איין גאַס אין נאָוואָטשערקאַסק האָבן די נאַציס דער־שאָסן העכער 100 מענטשן.

אין אַ דאָרף לעבן ראָסטאָוו זיינען די נאַציס געווען בלויז איין נאַכט. אין אָט דער צייט האָבן זיי באַוויזן אויסראַבעווען אַלץ, וואָס דאָס דאָרף האָט פאַרמאָגט; זיי האָבן דערשאָסן צוויי פרויען; זיי האָבן פאַרגוואַלטיגט אַ סך פרויען; זיי האָבן די קינדער אריינגעוואָרפן אין קע-

אַ גרופּע סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקעס

לערס און אין דער פרי האָבן זיי דאָס דאָרף אונטערגעצונדן.
(„פּראַוודאַ 11־טער אויגוסט, 1942)



דער פּאַרטיזאַן וואַרפט זיין האַנט־גראַנאַט.

און אזוי האָבן די פאַרכאַפּער געהאַנדלט אין טויזנטער דערפער און אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך, וואו נאָר זייערע האָרדעס זיינען אַריינגעקומען, האָט זיך גענומען ציען אַ שטראָם פון בלוט. זיי האָבן אומעטום מיט זיך געטראָגן אומגליק, פּיין און דערנידערונג.

איז דען אַ וואונדער, אז אויף אָט די פאַרברעכנס ענטפערט דאָס גאַנצע סאָוועטישע לאַנד מיט אַ פייערדיגער שנאה, מיט אַ שטאָלענער איינינקייט און מיט אַן אייזנפעסטן באַשלוס אויסצוברענען דאָס פאַשיסטישע מיסט פון דער סאָוועטישער ערד.

שרייבן צו דער רויטער אַרמיי די קאָלכאָזניקעס פון דאָרף גאָרקי, קאַלינינער ראַיאָן:

„בעסער זיך פאַרציען אַ שטריק אויף דעם האַלז, בעסער זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער, איידער צו לעבן אין קנעכטשאַפט אונטער דער נאַציסישער מאַכט און צו בויגן זיך אין דרייען פאַר די היטלערישע פאַראַזיטן... שלאָגט זיך ביז׳ן לעצטן. גיט ניט אָפּ דעם שונא קיין טראָט פון אונזער ערד. פאַרהאַלט דעם פאַשיסט, שליידערט אים צוריק! געדענקט, אז דאָרט, וואו איר טרעט צוריק, וועט בלייבן סאָוועטישע ערד, וואָס דער שונא באַדעקט מיט שאַנדע; עס וועלן בלייבן פאַרברענטע שטעט און דערפער און בלוט פון אומשולדיגע מענטשן, וועלכע האָבן אייך אַנפאַרטרויעט זייער לעבן. דערלאָזט ניט, אז זיי זאָלן אַריינפאַלן אין די נעגל פון דעם בלוטיגן, אומ-ברחמנות׳דיגן שונא. דערלאָזט ניט, אז זיי זאָלן דאַרפן איבער-טראָגן די פּייניגונגען, וואָס מיר האָבן איבערגעטראָגן“.
(איזוועסטיאַ, אויגוסט 11-טן, 1942)

דעם 13-טן אויגוסט, 1942, רופט די „פּראַוודאַ“ אין אַן עדיטאָריעל: „פּאַרטיזאַנען, דערלאַנגט דעם שונא שטאַרקערע קלעפּ!“ אויף מאָרגן איז אין דער זעלבער צייטונג ווידער דאָ אַן עדיטאָריעל אונטער אַ קאָפּ: „טויט די מערדער פון קינדער!“

אין דעם עדיטאָריעל זאָגט זיך צווישן אַנדערעס:

„די פּאַרטיזאַנען דאַרפן באַווייזן, אז עס זאָלן פליען אין דער לופטן לאָקאָמאָטיוון, וואַגאָנען, גאַנצע קאַראַוואַנען מיט אויטאָמאָבילן, סקלאַדן מיט געוועלין און סקלאַדן פון אַמוניציע און שפּייז-זאַפּאַסן.“

„...אַ קליינע גרופּע פּאַרטיזאַנען קאָן דורך אַ גוט-פאַרטראַכטער האַנדלונג אויף אַן אייזנבאַן דערלאַנגען דעם שונא אַזאַ קלאַפּ,

וואָס זאָל האָבן דעם ווערט פון א גרויסער געוואונענער שלאכט. אן
אומפאַרגעסלעכן העלדישן ביישפיל פון אזא מעגלעכקייט האָט גע-

אַ סאָוועטישער פארטיזאן

וויזן דער אומדערשראָקענער פּאַרטיזאַן מ. מיט דער הילף פון צוויי מיידלעך, וועלכע האָבן זיך באַטייליגט אין דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף, האָט ער אויפגעריסן א באַן מיט נאַצישע סאָלדאַטן. 700 נאַצים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. אזעלכע ביישפּילן זיינען דאָ אין די הונדערטער. זיי דארפן זיין אין די טויזנטער."

אָט ווי די סאָוועטישע פּרעסע צינדט דעם צאָרן געגן דעם שונא און עלעקטריזירט די באַפעלקערונג צום קאַמף אויף לעבן און אויף טויט געגן דעם פינסטערן כח פון דעם נאַצישן מאָנסטער.

עס רופט די פּרעסע; עס רופט די ראַדיאָ; עס רופט יעדער פאַר־כאַפּט דאָרף און יעדע פאַרכאַפּטע שטאָט; עס רופט דאָס בלוט פון די לעבעדיג־באַגראָבענע, פון די צעשאָסענע און פאַרשמיסענע; עס רופט דער פּיין פון די פאַרקריפּלטע; עס רופט דער וויטאָג און דער טרויער פון די באַליידיגטע און באַשפּיגענע; עס רופט די שאַנדע פון פאַרגוואַל־טיגונגען; עס שרייט דער מוטער'ס הארץ, פאַר וועמעס אויגן מען האָט

סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען לייענען זייער שבועה.

איר קינד אויף א שפּיז אויפגעהויבן, אָדער אין פייער געוואָרפן — עס רופט א פאָלק צו האַס און צו נקמה!

דאָס סאָוועטישע לאַנד באַטראַכט מיט ערפורכט די העלדישקייט פון די פּאַרטיזאַנען

דעם 2-טן סעפּטעמבער, 1942, דרוקט די „פּראַוודא" אן אַרטיקל אונטער א קאָפּ: „רום די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען". דער אַרטיקל הויבט זיך אָן אַזוי:

„דאָס סאָוועטישע פאָטערלאַנד ערט ווידער זײַנע בראַווע זין — די העלדישע פּאַרטיזאַנען. אַלע רעדן וועגן זייערע גלאָררייכע מעשים. מיט זייערע אויפטואונגען שטאָלצירט דאָס גאַנצע לאַנד; זייערע אי־בערפאַלן יאָגן אָן א פּחד און א ציטערניש אויף די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער. די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען זײַנען פלינק און עס איז שווער זיי צו כאַפּן; זיי זײַנען געוואַגט און זיי וואַקלען זיך ניט; זיי גיבן זיך א לאָז אויף דעם שונא און טראָגן אַרײַן אין זײַנע רייען פּאַניק און טויט...

„עס איז שווער אויסצורעכענען דעם שאָדן, וואָס די, וועלכע נעמען נקמה פאַר דעם פאָלק, טוען אָן דעם שונא. די היטלערישע מיליטערישע מאַשין פילט גאַנץ גוט די קלעפּ, וואָס עס דערלאַנגען איר די פּאַרטיזאַנישע בריגאַדעס. „די קליינע מלחמה", וואָס האָט זיך צעפּלאַקערט הינטער די רייען פון די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער, נעמט בײַ דעם שונא צו ניט ווייניג כוחות און, ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון די פאַשיסטן, נעמט אָט די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אָן אַלץ א ברייטערן פאַרנעם.

„יעדער טאָג ברענגט באַריכטן וועגן נייע פיינטלעכע עשעלאַ־נען, וואָס ווערן אַרונטערגעשליידערט אין אָפּגרונט; וועגן בריקן, וואָס ווערן אויפגעריסן אויף וויכטיגע אייזנבאַן־קנופּן; וועגן צע־גראַמירטע מיליטערישע שטאַבן, וועגן צענדליגער און הונדערטער היטלערישע רוצחים, וואָס זײַנען אויסגעקאָסעט געוואָרן דורך דער פינקטלעכער האַנט פון דעם סאָוועטישן מענטשן, וועלכער שיסט פון א מאַשין־ביקס.

„גרויס איז די פּאָליטישע באַדײַטונג פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. בײַ מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן, וועלכע זײַנען פאַר־

בליבן אין די געגנטן, וואס די נאַציס האָבן פאַרנומען, שטאַרקן די דערפאָלגן פון די פּאַרטיזאַנען דעם געפיל פון זיכערקייט אין דעם אומפאַרמיידלעכן זיג איבער דעם שונא, אין דער פולשטענדיגער פאַרניכטונג פון די פאַשיסטישע האָרדעס, וואס האָבן זיך אריינגע־ריסן צו אונז אין לאַנד. די דערפאָלגן פון די פּאַרטיזאַנען אַקטי־וויזירן דעם קאַמף הינטער די רייען פון דעם שונא און הויבן אויף גענן די פאַרכאַפּער נייע שיכטן פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק.

„די מעשים פון די פּאַרטיזאַנען הינטער די רייען פון דעם שונא זיינען פול מיט פּראַכטפולן העלדנמוט, מיט דערפינדערישקייט און פולשטענדיגן זעלבסטאָפּפער."

דערנאָך קומט א צעטל פון פּאַרטיזאַנען, וואס האָבן זיך דערדינט צו קריגן פון דעם פּרעזידיאום פון דעם סאָוועטן־מלוכה די אויסצייכענונג — „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד".

אָט איז איינער פון די העלדן. זיין נאָמען איז מיכאאיל לוקא. ער איז דער פירער פון א פּאַרטיזאַנען־אָפּטייל, וואָס האָט אין 6 חדשים צייט פאַרניכטעט 1,635 דייטשע סאָלדאַטן, 37 אָפיצערן, 1 גענעראַל און 134 נאַצישע פּאָליציסטן.

דער פּאַרטיזאַן וולאַדימיר קורילענקא איז ערשט אַלט 18 יאָר, נאָר ער טראָגט שוין דעם טיטול „העלד פון סאָוועטן פאַרבאַנד". איינער אליין האָט קורילענקא פאַראורזאַכט א קאַטאַסטראָפע פון א נאַצישער באַן. העכער טויזנט היטלעריסטן זיינען אוועק אהין, פון וואַנען זיי וועלן שוין צוריק ניט קומען.

און דער אַרטיקל אין דער „פּראַוודא" זעצט פאָר די אָפּשאַצונג פון דער אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנען אַזוי:

„דער בראַווער קאַמף מיט די היטלערישע פאַרכאַפּער האָט דערצויגן צווישן די פּאַרטיזאַנען א גאַנצע אַרמיי אומדערשראָקענע, געניטע קעמפער... מענטשן, וועלכע זיינען יאָרן לאַנג געשטאַנען ביים ווערקשטאַט, אָדער געזעסן אין אָפיסעס, אָדער זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, אָדער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט, אָדער זיינען געווען קאָלווירטניקעס — אָט די מענטשן זיינען גע־וואָרן קריגער און פירער פון קריגער".

ווידער ווערט אויסגערעכנט א צעטל פון פּאַרטיזאַנען און זייערע דערגרייכונגען. מיר האָבן פאַר זיך דעם העלד באַנדאַרענקאָ, וועלכער

איז פאר דער מלחמה געווען א ראיאנער סעקרעטאר פון דער קאמונים-טישער פארטיי, איצט איז ער דער קאמיסאר פון א גאנצער ריי גרופן פון פארטיזאנען. זיינע גרופן האבן פארניכטעט 7,500 פאשיסטן, האבן אויפ-געריסן צענדליגער סקלאדן, בריקן, מלחמה-באזעס און מלחמה-שטאבן.

די „פראוודא" שטעלט זיך אפ אויף דעם ריזיגן וואוקס פון דער פאר-טיזאנישע באוועגונג און זאגט:

„אין לויף פון דעם קריג איז די פארטיזאנישע באוועגונג אויס-געוואקסן אין א מעכטיגער געפאר פאר דעם שונא. זייט ביי זייט מיט קלענערע גרופן אפערירן אויך אפטיילונגען, וואס גייען אין שלאכט נעגן רעגולערע ארמייען פון דעם שונא. די גרופע פארטי-זאנען, וואס איז געווען אנגעפירט פון דעם העלד פון דעם סא-וועטן-פארבאנד, דימיטרי יעמליוטין, האט אויסגעהאלטן א שלאכט נעגן א צאל נאצישע פאלקן, וואס זיינען געווען געשטיצט פון לופט-כוחות. דער שונא איז צעשלאגן געווארן און האט אין דער שלאכט פארלארן 3,000 סאלדאטן און אפיצערן, 3 עראפלאנען, 2 געפאנ-צערטע אויטאמאבילן און נאך א סך מלחמה-מאטעריאלן אלס צונאב".

פארטיזאנען טיילן זיך מיט דערפארונגען.

דאָס זעלבע איז געווען דער פאַל אין די שלאַכטן, וואָס עס האָבן געפירט די פּאַרטיזאַנען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון וואַסילי קאָזלאָוו, וועלכער טראָגט אויך דעם טיטול „העלד פון סאָוועטן פאַרבאַנד". אויך דאָ זיינען טויזנטער נאַציס פאַרניכטעט געוואָרן און עס איז צוגענומען געוואָרן א סך מלחמה-מאַטעריאַל.

די „פּראַוודאַ" פאַרענדיגט אויף אַזאַ אופן איר פריער-דערמאַנטען רוף, וואָס הייסט: „רוף די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען":

„העלדישע פאָלקס-ראַכע-נעמער! דאָס פאָטערלאַנד פאָלגט נאָך מיט ליבע און מיט דאַנקבאַרקייט אייערע בראַווע העלדנטאַטן און דערוואַרט אַז איר וועט דערלאַנגען נייע קלעפּ דעם פאַרהאַסטן שונא.

„פּאַרטיזאַנען און פּאַרטיזאַנקעס! גיט ניט די דייטשן קיין איין מינוט רו. האַלט די פאַשיסטן אין שטענדיגער שרעק. פאַרניכטעט זיי מיט אַלע מעטאָדן. וואָס מער איניציאַטיוו, דערפינדערישקייט און אַנטשלאָסנקייט איר וועט אַרויסווייזן, אַלץ מער שאָדן וועט איר קאָנען אָנטאָן דעם שונא, אַלץ שנעלער וועט איר אונטערגראָבן זיינע כּוחות. שלאָגט די דייטשן אומעטום; פאַרניכטעט זייערע שטאַבן; רייסט אויף די סקלאַדן פון דעם שונא; רייסט אַרונטער דאָס צו-פירן פון פאַרשטאַרקונגען; צעשטערט די טעכנישע איינריכטונגען און קריגס-זאַפּאַסן; צערייסט דעם שונא'ס פאַרבינדונגען.

„זאָל יעדער טראָט ערד ביי אונז אין לאַנד טראָגן טויט צו די נאַציס. זאָל פון אונטער יעדן קוסט אויף זיי לויערן א קויל. זאָל אין יעדן הויז אויף זיי וואַרטן א האַנט-גראַנאַט. שוינט ניט דעם שונא. ברענט אויס מיט אַלע מעגלעכקייטן די דייטש-פאַשיסטישע פאַרכאַפּער!"

אָט אַזוי רופט די צייטונג, צו וועמעס וואָרט עס הערן זיך צו מיליאָנען. אָט אַזאַ איז דער רוף פון דעם גאַנצן סאָוועטישן לאַנד. עס איז א רוף צו נקמה, א רוף צו העלדנטאַטן, א רוף צו מסירת נפש.

דעם אָטעם פון אָט דעם גייסט, וואָס באַהערשט די סאָוועטישע פעל-קער, דערפילן מיר לייענענדיג די זאַמלונג פון פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס איז דערשינען אין 1942 אין מאָסקווע. די זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די גרויסע פאָטערלענדישע מלחמה", איז, פאַרבייגייענ-דיג, רעדאַקטירט פון א בריגאַדיר-קאָמיסאַר (א. באַיוו) און א באַטאַליאָן-

קאָמיסאַר (ס. שטשוקין). צאָרנט דער אוקראַינישער פּאָעט מ. באַזשאַן און ער זאָגט:

„מיט דעם שפּיז און מיט דעם טאַנק, מיט דער באָמבע און מיט דער קויל טראָגן מיר טויט צו די העסלעכע שרצים. מיר ברעכן זיי, מיר פאַרניכטן זיי ריי נאָך ריי — עס איז ניטאָ קיין רעטונג פאַר די בלוטדורשטיגע הינט!"

און דער קאַזאַכישער פּאָעט דזשאַמבול ווידמעט אַ פּאָעמע צו זיינע קאָלעגן און שילער-פּאָעטן, וועלכע גייען אַוועק אויף דעם פראָנט, און ער רופט אָן זיין געדיכט: „די פּאָעמע פון ליבע און צאָרן".

ער זאָגט אָן די אוקגייענדיגע:

„אויב דער טויט וועט דיר קומען אנטקעגן,
דערשרעק זיך ניט פאַר אים, מיין זון...
דער טויט נעמט ניט דעם בראַוון.
דיך ליבן וועט דאָס פאָלק,
און וועט דיר אכטונג געבן,
און דזשאַמבול וועט זינגען וועגן דיר;
און וועגן דיר וועט רום זיך שפּרייטן,
און סטאַלין וועט אלס אדלער באַצייכענען דיך!

די זאַמלונג ענדיגט זיך אויף פאָלגענדיגער נאָטע אין אַ געדיכט פון מ. סלאָבאָדסקי:

טויט צו זיי!

פאַר אונזערע דערפער, פאַרברענטע,
פאַר אַ וועלט, וואָס איז פאַרוואַנדלט אין פלאַם,
פאַר אונזערע פאַרפּייניגטע פרויען און שוועסטער,
וואָס זיינען אַמאָל אַזוי מיט פרייד געווען פול,
פאַר ביטערע ימים פון טרערן,
פאַר טויזנט מאָל טויזנטער טויטן,
פאַר אַ מוטערס וויי־טאָג,
פאַר דעם שרעק אין קינדערשע אויגן.
פאַר שוצלאָזע אַלטע, וואָס זיינען געקרייציגט
אויף שנייי, געפאַרבט מיט בלוט —
וועלן מיר אריינגעבן אַ הייליגן צאָרן
אין דעם קלאַפּ צו פאַרניכטן דעם פיינט!

אַ פֿאָלק, וואָס פֿילט אַזוי; אַ פֿאָלק, וואָס זינגט אַזוי; אַ פֿאָלק, וואָס שעלט אַזוי; אַ פֿאָלק, וואָס האַסט אַזוי; אַ פֿאָלק, וואָס שרעקט זיך פֿאַר דעם טויט ניט אָפּ — אַזאַ פֿאָלק קען מען ניט צעברעכן און אַזאַ פֿאָלק שלאָגט דעם שונא ניט נאָר מיט דער רעגולערער אַרמיי, נאָר שלאָגט מיט דעם פֿאַראייניקטן כח פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג — פֿון אַלע מענער, פֿרויען און קינדער. אָט וואָס דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנישער קאַמף שטעלט מיט זיך פֿאָר — ער איז אַ טייל פֿון דער גרויסער פֿאָטערלאַנדישער מלחמה.

וואָס אַ פֿירער פֿון פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג, וועלכער האָט געקראָגן אַן אָרדן פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, האָט צו דערציילן וועגן פּאַרטיזאַנישן קאַמף

אין דער ענגלישער צייטונג „מאָסקאָו ניוס", וואָס דערשיינט אין מאָסקווע, דערציילט דער שרייבער נ. קראַיעוו אין דעם נומער פֿון דעם 10־טן אָקטאָבער, 1942, פֿאָלגענדיקס:

„בשעת איך האָב די טעג באַזוכט אַ לופֿט־פֿעלד ניט ווייט פֿון דעם פֿראָנט, האָב איך זיך באַקענט מיט דמיטרי וו., דעם קאָמאַנדיר פֿון אַ גרויסער פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין קאַמפֿן מיט די נאַצישע אַריינדרינגער. אָט דער קאָמאַנדיר איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען צופֿליען צוליב פֿאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן און צווישן אַנדערעס אויך אויף צו קריגן זיין אָרדן, וואָס די סאָוועטן מלוכה האָט אים צוגעטיילט".

די אָפּטיילונג פֿון אָט דעם קאָמאַנדיר אָפּערירט אין דעם לענינגראַדער דיסטריקט שוין אַרום 15 חדשים. דימיטרי איז פֿריער געווען אַ פֿאָרמאַן אין אַ געהילץ־פֿאַבריק. די מערסטע פּאַרטיזאַנען אין זיין אָפּטיילונג זיינען פֿריער געווען אַרבעטער אין דער זעלבער פֿאַבריק. זיי האָבן אַלע גענומען ביקסן אויף די פּלייצעס און זיינען אַוועק אין די וועלדער צו שלאָגן דעם אַריינדרינגער.

דער שרייבער אין דער „מאָסקאָו ניוס" זאָגט וועגן אָט דעם פּאַרטיזאַנען־קאָמאַנדיר:

„זיין אויסזען האָט זיך ניט געפּאָרט מיט מיין פֿאָרשטעלונג וועגן אַ מענטשן, וועלכער פֿירט אָן מיט פּאַרטיזאַנען הינטער די רייען פֿון דעם שונא שוין העכער אַ יאָר ביי די גרעסטע שוועריקייטן און אין דער באַגלייטונג פֿון די גרעסטע געפֿאַרן. אין זיין

פעלצל און מיט זיינע ברילן האָט ער ניכער אויסגעזען ווי א דאָר-פישער לערער איידער אלס א פירער פון א בארימטער פארטיזאנישער אָפּטיילונג".

לויט דער דערקלערונג פון דעם פארטיזאנען-קאָמאנדיר זיינען די מערסטע מיטגלידער פון זיין אָפּטיילונג גוט באקאנט דער אָרטיגער באַ-פעלקערונג. וועגן די וויכטיגסטע קאמפן, אין וועלכע אים איז אויסגעקומען צו נעמען אן אנטייל, דערציילט ער אזוי:

אין איין פאל האָט זיין אָפּטיילונג זיך פאראייניגט מיט א צאָל אנדערע פארטיזאנישע טיילן אויף דורכצופירן אן איבערפאל אויף א נאַציישן גארניזאן, וואס איז געווען איינגעקווארטירט אין א וואקזאל. דאָ האָט זיך געהאנדלט וועגן איבעררייסן א וויכטיגע באַן-ליניע, דורך וועלכער די נאַצים האָבן געשיקט רעזערוון צו זייערע ארמייען ארום לענינגראד. די פארטיזאנען האָבן באוויזן אויפצורייסן א בריק, וואס האָט געפירט צום וואָקזאל, צעשמעטערן די סוויטשעס און צעוואָרפן די רעלסן. אָפּטועגדיג די ארבעט, זיינען די פארטיזאנען אוועק צוריק אין וואלד. די נאַצים זיינען געווען שוידערלעך אויפגעבראכט און זיי האָבן ארוים-

אַ רויט־אַרמייער גיט אינסטרוקציעס די פארטיזאנען ווי צו שיסן.

געשיקט א גאַנץ-גרויסע ארמיי געגן די פּאַטריזאַנען. בשעת די הויפּט-אַרמיי איז געגאַנגען אין דער אַטאַקע, האָבן הונדערט נאַציס, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטישע ביקסן, זיך אַוועקגעלאָזט צו אַטאַקירן די פּאַרטיזאַנען פון הינטן-אַרום.

דער קאָמאַנדיר דערציילט ווי אזוי ער האָט איינגעטיילט זיינע כוחות אויף צו באַגעגענען הי די נאַצישע הויפּט-אַרמיי, הי אויף צו ספּראַווען זיך מיט די, וועלכע האָבן געוואָלט אָנפאַלן אומגעריכט הינטן-אַרום. דער עיקר פון דער טאַקטיק איז באַשטאַנען אין צולאָזן די נאַציס גאָר נאָענט און דעמאָלט אָנהויבן האָגלען אויף זיי מיט פייער.

דער קאָמאַנדיר דערציילט:

„מיר האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף זיי ווען זיי זיינען שוין געווען בלויז צווישן 30 און 50 מעטערס פון אונז. איך געדענק נאָך אַלץ ווי אזוי די פאָדערשטע רייען פון די נאַצישע סאָלדאַטן זיינען אויסגעקאָסעט געוואָרן פאַר מיינע אויגן.״

ניט נאָר האָבן די נאַציס פאַרלאָרן א גרויסע צאָל דער׳הרג׳עטע, נאָר זיי האָבן אויך פאַרלאָרן א סך אַמוניציע און דאָס גיט א מעגלעכקייט די פּאַרטיזאַנען זיך אַלץ בעסער צו באַוואָפענען אויף דעם חשבון פון דעם שונא.

אָט דער קאָמאַנדיר האָט שוין צו זיין קרעדיט די צאָל פון עטלעכע הונדערט פאַרניכטעטע נאַציס. רעדנדיג מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „מאָסקאָו ניוס״, האָט דער פאַרדינסטפולער פּראַטיזאַנישער פירער דערקלערט: אָט דאָס צעטל פון נאַציס, וואָס מיר פאַרניכטן, וואַקסט פון טאָג צו טאָג און עס וועט האַלטן אין איין וואַקסן ביז מיר וועלן פאַריאָגן דעם לעצטן נאַצי פון ד׳ער סאָוועטישער ערד״.

די פּאַרטיזאַנען אין גאַנצן לאַנד פירן געטריי דורך אָט דעם צוזאָג.

אַ צאָל פאַקטן פון די אויפטואונגען פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען

לאָמיר ווארפן א בליק אויף די סאַמע לעצטע באַריכטן וועגן די העלדישע מעשים פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען אין לויף פון 1942. (די פאַקטן זיינען ארויסגענומען פון דעם אינפאָרמאַציע בולעטין פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן):

פּאַרטיזאַנען פאַרניכטן א פינישע באַן מיט סאָלדאַטן

א גרופּע פּאַרטיזאַנען, וואָס אָפּערירט אין די דיסטריקטן פון דער קאַרעליש-פינישער סאָוועטן-רעפּובליק, וועלכע זיינען פאַרנומען פון די שונאים, האָט דערגרייכט אַן אייזנבאַן ליבן די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דעם שונא. די פּאַרטיזאַנען האָבן אויפגעריסן א באַן מיט 18 וואַגאָנען, אין וועלכע עס זיינען געפאָרן פינישע סאָלדאַטן. קיין איין פין האָט זיך ניט ארויסגעראַטעוועט. 250 סאָלדאַטן זיינען באַגראָבן געוואָרן אונטער די צעשמעטערטע וואַגאָנען און די, וועלכע האָבן באַוויזן ארויסצושפּרינגען פון די וואַגאָנען, זיינען געטראָפן געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנישע „סנאַיפּערס“.

קאָזאַקישע פּאַרטיזאַנען פירן אַקטיווען קאַמף אין צפון קאַווקאַז

די קאָזאַקן אין צפון קאַווקאַז פירן זייערע פּאַטריאָטישע קאַמפן געגען די נאַציס אויף אַזאַ מאַסשטאַב, אַז דער שונא האָט זיך געפילט געצוואונגען צו שיקן געגן אָט די קעמפער גרויסע מיליטער-טיילן, באַוואָפנט מיט אַרטילעריע, טאַנקען און טרענטש-קאַנאָנען.

ליבן מאַזדאָק האָבן די קאָזאַקן צעשמעטערט עטלעכע נאַצישע מיליטערישע קאָלאָנעס און האָבן גענומען געפאַנגען א נאַצישן קאָמאַנדיר.

איין אָפּטיילונג פון קאָזאַקישע פּאַרטיזאַנען האָט געמאַכט אַן איבערפאַל אויף א דאָרף און האָט פאַרניכטעט דעם דאָרטיגן נאַצישן גאַרניזאָן, ניט איבערלאָזנדיג קיין איין ליבעדיגן נאַצי.

אין א צאָל איבערפאַלן אויף די נאַציס האָבן די פּאַרטיזאַנען אָפּגענומען אַליץ, וואָס די פלינדערער האָבן אַוועקגערויבט. דאָס צוריקגענומענע האָבן די פּאַרטיזאַנען אומגעקערט דער אָרטיגער באַפעלקערונג. אין איין פּונקט האָבן די פּאַרטיזאַנען אָפּגענומען ביי די נאַציס 6,000 שטיק פי, וואָס די פאַרכאַפּער האָבן געהאַלטן אין אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד.

פּאַרטיזאַנען אין לענינגראַד דיסטריקט קעמפן געגן טאַנקען, אַרטילעריע און עראָפּלאַנען

לויט א באַריכט פון דער סאָוועטישער טעלעגראַפן-אַגענטור „טאַס“ האָבן די פּאַרטיזאַנען אין דער לענינגראַדער דיסטריקט ניט לאַנג צוריק באַזיגט א גאַנצע נאַצישע דיוויזיע. די נאַציס האָבן אָפּערירט מיט אַרטילעריע, טאַנקען און מיט עראָפּלאַנען. די פּאַרטיזאַנען האָבן באַוויזן

צו פאַרניכטן זעקס טאַנקען און פיר טאַנקען האָבן זיי פאַרכאַפּט. זיי האָבן דער׳הרג׳עט 200 נאַצים און האָבן געצוואונגען די דיוויזיע זיך צוריקצוציען.

די נאַצים זיינען געווען אַנטשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט אָט דער אָפּטיילונג פון פּאַרטיזאַנען. באַנוצנדיג זיך מיט אַרטילעריע און טאַנקען, האָבן די נאַצים זיך א לאָז געטאָן פון דריי זייטן מיט דעם אבזיכט אַרומצורינגלען די פּאַרטיזאַנען. די לעצטע האָבן זיך ניט פאַרלאָרן. זיי האָבן גענומען אויף שנעל אויסהאַקן ביימער אין דעם וואַלד, וואו זיי האבן זיך געפונען. די ביימער האָבן זיי אָנגעוואַלגערט איינעם אויף דעם צווייטן צו פאַרצאַמען די נאַצים דעם וועג. בשעת די שונאים האָבן פּרובירט אָפּריינינגן פאַר זיך דעם וועג, האָבן די פּאַרטיזאַנען בליץ-שנעל אַטאַקירט דעם פלאַנג פון די נאַצים און זיי אָנגעטאָן זייער א סך שאָדן. ענדלעך האָבן די נאַצים זיך דערפילט געצוואונגען ווידער צוריקצוטרעטן. נאָך אָט דער נידערלאַגע האָבן די נאַצים שוין געלאָזט די פּאַרטיזאַנען צורו און האָבן מער ניט געמאַכט קיין פּרווו צוריק צו פאַרכאַפּן אָט דעם דיסטריקט לעבן לענינגראַד.

לויט דעם זעלבן באַריכט פון דער „טאַס“ האָבן די נאַצים אין אָט דעם דיסטריקט פאַרלאָרן אין שלאַכטן מיט די פּאַרטיזאַנען בלויז אין איין חודש צייט — 2,600 אין דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע, 8 טראָקס מיט אַמוניציע, 23 באַפעסטיגטע פּונקטן, א סך טאַנקען און נאָך א סך אַמוניציע א חוץ. 5 באַנען פון דעם שונא זיינען אויפגעריסן געוואָרן, ווי אויך א געפאַנצערטע באַן; 4 בריקן זיינען אויפגעריסן געוואָרן און עס זיינען אָנגעטאָן געוואָרן נאָך א סך, א סך אַנדערע שאָדנס.

די פּאַרטיזאַנען האָבן קאָאָפּערירט מיט דעם סאָוועטישן לופט-פלאָט, אַרויסשיקנדיג ראַקעטן פון צייט צו צייט מיט א גענויער אָנדייטונג וואו עס געפינען זיך נאַצי-טרופּן און אַמוניציע-סקלאַדן. דאָס זיינען געווען אויסגעצייכנטע ציל-ברעטער פאַר נאַכט-אַטאַקעס מצד דעם סאָוועטישן לופט-פלאָט.

עס איז אויסער צווייפל אַז אָט די העלדישע מעשים פון די פּאַרטיזאַנען אין דעם לענינגראַדער דיסטריקט האָבן צוגעטראָגן זייער חלק צו דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט געבראָכן די באַלאַגערונג פון לענינגראַד, וואָס איז געווען 17 חדשים אַרומגערינגלט מיט אַן אייזערנעם רינג פון דעם שונא.

פּאַרטיזאַנען דער׳הרג׳ענען און פאַרוואונדן 17,000 נאַציס אויף סמאָלענסקער פראָנט

אין לויף פון 11 חדשים האָבן די פּאַרטיזאַנען פאַראורזאַכט די נאַ־צישע פאַרכאַפּער ביי סמאָלענסק א גרויסן פאַרלוסט פון 17,000 סאָל־דאַטן אין דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע. גלייכצייטיג האָבן די פּאַר־טיזאַנען פאַרניכטעט 31 עראָפּלאַנען, 35 טאַנקען, 524 טראָקס און 61 טראָקס מיט געזאָלין. די פּאַרטיזאַנען האָבן אויך אויפגעריסן 75 אמו־ניציע־סקלאַדן, האָבן אראָפּגעפירט פון די רעלסן 16 באַנען, פאַרכאַפּט טויזנטער ביקסן, הונדערטער מאַשין־ביקסן און קאַנאָנען און 265 טראָקס.

אין אָנהויב האָבן די נאַציס זיך באַנוצט מיט א ספּעציעל־געגרינדע־טער פּאָליציי אויף צו באַקעמפן די פּאַרטיזאַנען אין אָט די דיסטריקטן. די ספּעציעלע פּאָליציי האָט געהאַט א צאָל הינט און פלעגט זיך אַרומ־לאָזן זוכן די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער, ווי מען גייט אויף יאַגד, נאָר זיי האָבן זיך שנעל געכאַפּט, אז צופיל פון אָט די „יעגער" קערן זיך ניט אום צוריק, ווייל ניט זיי כאַפּן דעם בער, נאָר דער בער כאַפּט זיי. דע־

אַ יונגע פּאַרטיזאַנקע.

מאָלט האָבן די נאַציס געגומען מאָביליזירן גרויסע מיליטערישע אָפּטיי-לונגען צו פירן דעם קאַמף געגן די פּאַרטיזאַנען.

פּאַרטיזאַנען שטעלן צוריק איין סאָוועטישע אָרדענונג אין 103 באַפעלקערטע פּונקטן אין האָמלער ראַיאָן

בשעת ניט נאָר גאַנץ ווייס-רוסלאַנד, נאָר אויך דיסטריקטן ווייט צו מזרח פון דאָרט זיינען שוין געווען העכער א יאָר אין די נאַצישע לאַפּעס, האָבן די פּאַרטיזאַנען באוויזן א דאַנק זייערע העלדישע קאַמפן אָפּצורייניגן גרויסע דיסטריקטן פון די נאַציס און איינשטעלן דאָרט ווי-דער די סאָוועטישע אינסטיטוציעס. אזוי האָבן די פּאַרטיזאַנען אין האָמ-לער ראַיאָן אָפּגערייניגט 103 ישובים און דאָרט ווידער איינגעשטעלט די סאָוועטישע מאַכט.

אָט דער זיג איז געקומען אלס רעזולטאַט פון א קאַמף פון עטלעכע פאַראייניגטע פּאַרטיזאַנען-גרופּן מיט א נאַצישער מיליטערישער אָפּטיי-לונג, וואס האָט געציילט 10,000 סאָלדאַטן און וואס האָט געהאט אין איר רשות 30 טאַנקען און א סך שווערע אַרטילעריע.

די נאַציס האָבן אין דער שלאַכט מיט די פּאַרטיזאַנען פאַרלאָרן 3,000 סאָלדאַטן אין דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. די נאַציס האָבן צעוויקלט א מעכטיגן אַרטי-לעריע-אַנגריף און דערנאָך האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג זייער אינפאַנטעריע. די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך געהאַלטן זייער בראַוו און האָבן דעם קאַמף געפירט זייער געשיקט און ענערגיש. זיי האָבן פאַרניכטעט 12 טאַנקען און האָבן אויסגעקאָסעט א באַדייטנדיגע צאָל פון די נאַצישע אינפאַנ-טעריע-סאָלדאַטן און זיינען אַרויס די זיגער.

אויסצוג פון אַן עדיטאָריעל אין דער „פּראַוודאַ" וועגן די פּאַרטיזאַנען אויפ׳ן דאָן

דער אינפאָרמאַציע בולעטין פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן ברענגט דעם פאָלגענדיגן אויסצוג פון אַן עדיטאָריעל אין דער „פּראַוודאַ" וועגן די העלדישע פּאַרטיזאַנען:

„די דייטשן האָבן אויסגעפונען וואס עס שטעלן מיט זיך פאָר די פּאַרטיזאַנען אין אוקראַינע, ווייס-רוסלאַנד, און אין די דיסטריקטן פון אָריאָל, טולאַ און סמאָלענסק. און איצט באַקאַנען זיך די נאַציס

מיט די פּאַרטיזאַנען ביים דאַן — די געבוירענע שלאַכט-פירער און אומדערשראָקענע קעמפער״.

און אָט די „געבוירענע שלאַכט-פירער״, ווי די „פּראַוודאַ״ רופט זיי אָן, האָבן געוויזן דעם שונא וואָס זיי קאָנען: אין א דיסטריקט אין די דאָנער סטעפּעס צו מערב פון וואָראָניאַזש, האָט א פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון קאָזאַקן געמאַכט אן איבערפאַל אויף א נאַצישן אַרמיי-שטאַב, האָט דער׳הרג׳עט 25 היטלערישע וועכטער און פּאָליציי און האָט פאַרכאַפּט א גרויסן זאַפּאַס אַמוניציע.

א צווייטע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון קאָזאַקן האָט דער׳הרג׳עט 300 אָפיצערן און סאָלדאַטן אין א גרופּע, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו פאַרשטאַרקן דעם נאַצישן גאַרניזאָן אין וואָראָניאַזש.

די נאַציס אין די געגענטן לעבן דעם אַזאָווער ים קלאָגן זיך אין זייערע בריוו צו די אייגענע אין דייטשלאַנד, אַז די קאָזאַקישע פּאַרטיזאַנען דערגייען זיי די יאָרן. אין אָט דער געגנט האָט ניט לאַנג צוריק א פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם „זיידן סעמיאָן״, באַוואָפנט מיט מאַשין-ביקסן, געמאַכט א ביינאַכטיגן איבערפאַל אויף א גרויס דאָרף, וואָס איז געווען ביי די נאַציס אין די הענט. די פּאַרטיזאַנען האָבן צעשמעטערט די נאַצישע מיליטערישע הויפּט-קוואַרטיר אין דאָרף, האָבן דער׳הרג׳עט א צאָל נאַצישע סאָלדאַטן, האָבן פאַרכאַפּט א צאָל מאַשין-ביקסן און האָבן צעבראָכן א תליה, וואָס די נאַציס האָבן אין דאָרף אויפגעשטעלט. די אָרטיגע באַפעלקערונג איז געקומען צוהילף די פּאַרטיזאַנען אין זייער קאַמף מיט די נאַציס.

אין א צווייטן פּלאַץ האָבן די פּאַרטיזאַנען אויפגעריסן 14 נאַצישע מאָטאָר-שיפלעך מיט אַמוניציע און אויך צעשטערט א פּאַטרול-שיפל.

פּאַרטיזאַנישע קאַמפן אין אוקראַינע, ווייס-רוסלאַנד, לעבן קורסק און לעבן אָריאָל

אוקראַינישע פּאַרטיזאַנען האָבן מיט דערפאָלג דורכגעפירט אן איבערפאַל אויף א געזאָלין-סקלאַד און האָבן, דער׳הרג׳ענדיג די וועכטער, פאַרניכטעט א סך געזאָלין און א צאָל טראָקס, אויף וועלכע מען פירט געזאָלין צום פראָנט.

אין קורסקער ראיאָן זיינען פּאַרטיזאַנען איבערגעפאַלן א גרויסן ישוב. זיי האָבן זיך „ספּראַוועט״ מיט די וועכטער און דערנאָך האָבן זיי

געגומען וואַרפן האַנט-גראַנאַטן אין די הייזער, וואו די נאַציס זיינען געשלאָפן. 60 נאַציס זיינען שוין מער קיינמאָל ניט אויפגעשטאַנען.

די פּאַרטיזאַנען האָבן אויסער דער אויסראָטונג פון די נאַציס אויך צעשמעטערט 2 טאַנקען, אַכט טראָקס און אַ שפּייז-סקלאַד.

אין אַריאַלער געגנט איז אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך פאַר קאָלעקטיווע פאַרמערס צו פאַרקלייבן זיך אויף בוימער און פון דאָרט צו שיסן אויף נאַציסשע עראָפּלאַנען אויב זיי פליען נידעריג צו דער ערד. אַ סך נאַציסשע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געמאַכט אַ טעות זיך אַראָפּלאָזן נידעריג צו דער ערד, האָבן פאַר דעם טייער באַצאָלט.

נאַציס קאָנען ניט צעברעכן דעם מוט פון די פּאַרטיזאַנען אין ווייס-רוסלאַנד

אין מאָסקווע איז לעצטן זומער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון ווייס-רוסישע פאַרטרעטער. דאָרט האָט איינער פון די דעלעגאַטן דער-קלערט:

„די נאַציס זיינען ניט בכח אויסצולעשן די פלאַמען פון פּאַרטי-זאַנישן קאַמף אין ווייס-רוסלאַנד. בלויז איין פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג לעבן מינסק האָט צעשמעטערט 50 נאַציסשע באַנען, וואָס האָבן געפירט סאָלדאַטן און אַמוניציע. אַן אַנדער אָפּטיילונג האָט צעשמעטערט 12 באַנען און האָט קאַליע געמאַכט 110 לאָקאָמאָטיוון. אַ חוץ דעם שאָדן האָבן אָט די פּאַרטיזאַנען-אָפּטיילונגען אויסגעה'רג'עט הונדערטער היט-לעריסטן“.

ביי דעם זעלבן צוזאַמענפאָר איז באַריכטעט געוואָרן אַז אין סוראַ-זשער דיסטריקט האָבן די נאַציס פאַרברענט אַ סך דערפער ביז דעם גרונט. 124 פרידלעכע ציווילע מענטשן זיינען דערשאָסן געוואָרן און 8 זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיגערהייט. צווישן די, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין די פלאַמען, איז אויך געווען יעוודאָקיאַ מי-כאַנענקאַ, וועלכע איז אַלט געוואָרן 103 יאָר.

פּאַרטיזאַנען פאַרבעסערן זייער טעכניק פון אויפרייסן אייזנבאַנען

די „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ“, די צייטונג פון דער רויטער אַרמיי, האָט געהאַט געדרוקט אַ באַריכט וועגן דער וואַקסענדיגער צאָל פון אויפרייסן אויף די אייזנבאַנען, וואָס די פּאַרטיזאַנען פאַרוראַזאַכן אין דער טערי-

אַ גרופּע יונגע פּאַרטיזאַנען.

טאָריע, וואָס איז אקופּירט פון די נאַציס. די פּאַרטיזאַנען האָבן אויך אַ סך אויסגעבעסערט זייערע מעטאָדן אין אַט די אָפּעראַציעס. ניט נאָר מינעווען זיי אונטער די רעלסן, נאָר זיי דערשיסן אויך די נאַצישע גאַר־ניזאַנען אויף די וואָקזאַלן און ביי די בריקן. דורך דעם ווערט דער פאַרקער אויף די אייזנבאַנען פּאַראַליזירט אויף אַ לאַנגער צייט, ווייל עס ווערט פאַרניכטעט דער גאַנצער פּערסאָנאַל פון די מיליטערישע אינ־זשענערן.

נאָך דעם, ווי אַ באַן ווערט אויפגעריסן, גייען די פּאַרטיזאַנען ניט אַוועק ביז זיי שטעלן פעסט אַז אַלץ, וואָס איז געווען אויף די באַנען, איז צעשטערט און אַז אַלע טרופּן זיינען פאַרניכטעט. די טעכניק פון מינעווען די רעלסן איז אויך שטאַרק אויסגעבעסערט געוואָרן. דער וועג ווערט אַזוי געמינעוועט אין עטלעכע פּונקטן אַז עס זאָלן פּאָרקומען אויפ־רייסן גלייכצייטיג אין פראָנט און אין עק פון דער באַן.

אַ דאָקטאָר באַדינט די פּאַרטיזאַנען און די פרידלעכע באַפעלקערונג און מאַכט נאָך דערצו באָמבעס אויך

עס איז גאָר ניט אויסצודערציילן וועגן דער העלדישקייט פון יעדן איינעם פון די פּאַרטיזאַנען. עס זיינען דאָ טויזנטער, וועלכע האָבן גע־קראָגן אויסצייכענונגען פון דער סאָוועטן־מלוכה פאַר איבערמענשלעכן העראָאיזם. עס זיינען דאָ הונדערטער, וועמעס נעמען עס ווערן דער־מאַנט מיט דעם העכסטן לויב איבער'ן גאַנצן סאָוועטן פאַרבאַנד. אָט איז איינער פון זיי. ער איז דער דר. טימאָפעי איוואַנאָוויטש. אפשר איז דאָס ניט זיין ריכטיגער נאָמען, נאָר אונטער אָט דעם נאָמען איז ער באַקאַנט אויף דעם פראָנט, וואו ער צייכנט זיך אויס מיט זיין אומדער־שראָקנקייט, מיט זיין געטריישאַפט אויף דעם געביט צו ראַטעווען פאַר־וואונדעטע פּאַרטיזאַנען. אין זיין „פרייער“ צייט גייט ער אויך אין די דערבייאיגע דערפער צו געבן מעדיצינישע הילף דער אָרטיגער באַ־פעלקערונג.

אויף דעם פראָנט איז ער ניט נאָר אַ דאָקטאָר, נאָר ער באַטייליגט זיך צוגלייך מיט אַלע פּאַרטיזאַנען אין די קאַמפן. ער איז אָבער ניט נאָר אַ דאָקטאָר, אַ סאַניטאַר, וואָס נעמט אַרויס פאַרוואונדעטע פון אונ־טער דעם פייער פון דעם שונא; ניט נאָר אַ פּאַרטיזאַן, ניט נאָר אַ דאָק־טאָר פאַר דער באַפעלקערונג פון די אַרומיגע דערפער, נאָר ער איז אויך אַ ספּעציאַליסט אויף צוצוגרייטן היימיש־געמאַכטע באָמבעס.

טימאפעי איוואַנאָוויטש האָט א לאַבאַראַטאָריע, וואס די פּארטיזאנען האָבן פאר אים אויסגעמייסטרעוועט און ווען ער האָט נאָר אַ פרייע מי-נוט, מאכט ער באָמבעס. וועגן זיינע באָמבעס זאָגן די פּאַרטיזאנען, אַז „זיי רייסן זיך אויף מיט אזא טראסק, אז די דייטשע טראָגן זיך גלייך אָפּ אין גיהנום אריין".

דער אונטערגרונד איז א גרויסע הילף דער רויטער אַרמיי אין וויכטיגע מלחמה־אָפּעראַציעס

אַ חוץ דעם, וואס די אונטערערדישע קעמפער פאראורזאכן דעם שונא ריזיגן שאָדן און האלטן אים שטענדיג אין א צושטאַנד פון שרעק, צווינגענדיג אים צו האלטן צוגעבונדן אין די פארנומענע שטעט און דער-פער גרויסע ארמיי-טיילן, וועלכע דער שונא וואלט געקאָנט אזוי גוט אויס-נוצן אויף די פראָנטן, — איז אַ חוץ דעם זיינען נאָך די פּארטיזאנען אַ דירעקטע הילף דער רויטער ארמיי ווען עס צעפלאַקערט זיך א קאמף צווישן די סאָוועטישע און די נאַצישע ארמייען פאר א באשטימטער פּאָ-זיציע. אָט וואס עס דערציילט אין פעברואר היי-יאָר דער קאָרעספּאָנ-דענט פון דער „פּראַוודא", ד. רודנעוו, וועגן דעם, ווי פּארטיזאנען האָבן געהאָלפן דער רויטער ארמיי ביים נעמען די שטאָט פּאוולאָגראַד:

„אין פּאוולאָגראַד האָבן מיר זיך געטראָפן מיט סאדאווני-טשענקא׳ן, דעם סעקרעטאר פון דער פּארטיי. ער האָט העכער אַ יאָר געארבעט אונטער דער ערד. ער דערציילט, אז פלוג-בלעטלעך, וואָס זיינען געווען געשריבן מיט דער האנט, זיינען פון די קאָמו-ניסטן צעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט פון די הייזער אין שטאָט. דאָס פאָלק האָט אלץ מער זיך באַזאָרגט מיט געווער, האָט געהאלטן אין איין איבעררייסן די קאָמוניקאציע-ליניעס פון דעם שונא און האָט זיך געגרייט צו דעם טאָג, ווען מען וועט קאָנען ארויס אין די גאסן אין אן אויפשטאנד.

„דער טאָג איז געקומען ווען די רויטע ארמיי האָט זיך דער-נעענטערט צו פּאוולאָגראַד. אויף די גאסן האָט זיך באוויזן אן אויפרוף, וואס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אן אָרטיגער דרוקעריי. עס האָט זיך געלייענט אזוי:

„צום געווער! צום געווער! זאָל יעדער הויז צושטעלן א קעמפער. פארוואנדלט די דערפער אין באטאליאָנען און די שטעט

אין פֿאָלקן. אלע צום שלאַכט! באוואפנט זיך מיט וואס נאָר איר קאָנט. הויב זיך אויף, אוקראַיִנישע פֿאָלק!"

און דאָס פֿאָלק האָט זיך אויפגעהויבן. צוזאמען מיט דער רויטער אַרמיי האָבן די פּאַוולאָגראַדער איינוואוינער זיך געשלאָגן, און די הילף פון אָט די ציווילע קעמפער, וועלכע זיינען צוגעגרייט געוואָרן צום קאמף דורך די פּארטיזאנען, איז געווען זייער גרויס."

אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ אין דער „פּראַוודא" ווערט אויך איבערגעגעבן א פאל פון איבערמענטשלעכן מוט, וואס עס האָט ארויסגעוויזן איינער פון די פּאַוולאָגראַדער פּאַרטיזאַנען, וועלכער איז אריינגעפאלן צו די נאַצים אין די לאַפּעס. די סאַדיסטן האָבן דעם פּאַרטיזאַן געפּייניקט אויף דער שוידערלעכסטן אופן און געפאָדערט אז ער זאָל זיי געבן אינפאָרמאַציע וועגן די אונטערערדישע קעמפער. קיין איין וואָרט האָבן די נאַצים ניט געקראָגן פון אָט דעם פּאַרטיזאַן, מיכאַאיל סטאַשקאָ, וועלכער איז געווען דער פירער פון אַן אָפּטיילונג פון דער אָרטיגער אונטערערדישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. אין זייער צעיושעטער רציחה האָבן די נאַצים באַשלאָסן אז סטאַשקאָ זאָל אומקומען מיט א שרעקלעכן טויט. זיי האָבן אים אריינגעוואָרפן צווישן א סטאַיע אויסגעהונגערטע הינט, אז ער זאָל צעריסן ווערן אויף שטיקער. צווישן דעם וואָיען פון די הינט, וואס האָבן זיך א וואָרף-געטאָן אויף זייער קרבן, האָט זיך דערטראָגן אַן אויסגעשריי:

— און די רויטע ארמיי וועט פאָרט אָנקומען!

ווי קאָן מען צעברעכן דעם ווילן פון א פאָלק, וואס פאַרמאָגט אזעלכע זין?

די פּאַרטיזאַנען האָבן געפּייערט דעם 25-טן יובּיליי פון דער רויטער ארמיי

אין וואָלקאָווּיסק האָבן די פּאַרטיזאַנען מיט פּייער געפּייערט דעם יום טוב פון דעם פינף און צוואַנציגסטן געבורטסטאָג פון דער רויטער אַרמיי. די פּייערונג איז דורכגעפירט געוואָרן ערב דעם יובּיליי. דעם 22-טן פעברואר היי-יאָר האָבן די פּאַרטיזאַנען אָנגעצונדן א גרויסן סקלאַד מיט תבואה. די מאָסקווער ראַדיאָ, וואס האָט איבערגעגעבן די נייעס, האָט דערקלערט, אז דאָס איז געווען דער שענסטער סאַלוט, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געקראָגן צו איר יובּיליי.

דער זעלבער ראַדיאָ-בראָדקעסט האָט אויך דערציילט וועגן דעם, אז

אין אלע דריי באַלטישע לענדער ווערט אָנגעפירט אַן אַנטשלאָסענער אונטערערדישער קאַמף און אַז אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי גע-פינען זיך א סך זין פון ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. דער ראַדיאָ-באַ-ריכט זאָגט:

„און זיי זיינען אַלע גלענצענדיגע קעמפער". און ווייטער דערציילט דער באַריכט: „ערשט אָט די טעג האָבן די פּאַרטיזאַנען אין ליטע אַטאַ-קירט א נאַצישן מאָטאָריזירטן קאַראַוואַן, וואָס איז געגאַנגען אויף דעם וועג צו דעם פראָנט. דער קאַראַוואַן איז אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן."

א צעטל פון באַן־אויפרייסן און פאַרניכטונג, וואָס די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען האָבן פאַראורזאַכט אין די לעצטע חדשים פון 1942

עס איז גאָר ניט מעגלעך אויסצושעפּן די אומענדלעכע באַריכטן פון אויפגעריסענע באַנען און בריקן, פון אונטערגעצונדענע סקלאַדן מיט אַמוניציע און געזאָלין, און פון אַנדערע פאָרמען פון אָנטאָן שאָדן דעם שונא, וואָס איז די אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנען. עס וועט זיין גענוג בלויז צו ברענגען עטלעכע ציפערן פון בלויז עטלעכע געגענטן, כדי עס זאָל קלאָר ווערן, אַז די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז א מעכטיגער פאַק-טאָר אין אונטערגראָבן די מיליטערישע מאַכט פון די נאַציס, וואָס פילן זיך ניט זיכער אין קיין איין ווינקל פון דער סאָוועטישער טעריטאָריע, אויף וועלכער זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייער לאַפּע.

1. אין קורסקער דיסטריקט האָבן די פּאַטריזאַנען פאַראורזאַכט אין אָקטאָבער און אין נאָוועמבער אין דורכשניט איין באַן-קאַטאַסטראָ-פע טעגלעך. אין אָט די קאַטאַסטראָפעס זיינען אומגעקומען 6,400 נאַ-צישע סאָלדאַטן און אָפיצערן. עס זיינען דאָ אויך אויפגעריסן געוואָרן 7 בריקן.

2. די סמאָלענסקער פּאַרטיזאַנען האָבן אין א פעריאָד פון 6 וואָכן פאַראורזאַכט 45 באַן-קאַטאַסטראָפעס. צווישן די פאַרניכטעטע באַנען איז געווען איינע א געפּאַנצערטע באַן. עס זיינען אומגעקומען 7,000 נאַציס. עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן 5 בריקן און 500 טאָן געזאָלין.

3. צו דרום פון קורסק האָבן אוקראַינישע פּאַרטיזאַנען אין א פעריאָד פון בלויז 20 טעג אויפגעריסן 20 בריקן, פאַרברענט צוויי וואַקזאַלן און דער׳הרג׳עט 970 נאַצישע סאָלדאַטן. די פּאַרטיזאַנען האָבן אויך פאַרכאַפּט א מינען-וואַרפער, דריי טראָקס, 2 באַוועגלעכע ראַדיאָ-סטאַנ-ציעס און 22,000 קוילן.

נאַצים זיינען גרייט צו געבן די גרעסטע באַלוינונג פאַר די קעפּ פון פּאַרטיזאַנען

וו. יערמילאָד, א קאָרעספּאָנדענט פון דער אָפיציעלער מלוכה-צייטונג „איזוועסטיא״, וועלכער געפינט זיך אויף דעם פראָנט, דערציילט אז ווען די רויטע ארמיי איז אריין אין א געוויס דאָרף צו דרום פון וואראָניאזש, האָבן זיי דאָרט געפונען אויסגעהאנגען א מעלדונג פון די אָקופּאנטן צו דער אָרטיגער באַפעלקערונג. עס איז אן אינטערעסאנטער דאָקומענט. ער איז געשריבן אין א צעקאַליעטשעטן רוסיש, נאָר עס ווייזט ווי וויניג די בלוטיגע הינט פון נאַציזם פארשטייען דעם כאראַקטער פון די סאָוועטישע מענטשן

די מעלדונג לייענט זיך אזוי:

„דעם נאַצישן שטאַב איז באַקאַנט, אז דער פּאַרטיזאַן סטעפּאַניד באַזוכט אָפט דאָס דאָרף און די באַפעלקערונג זאָגט ווענן דעם ניט אויס. איך באַפעל אז די, וואָס ווייסן וואו דער פּארטיזאַן געפינט זיך און וואו זיין אָפּטיילונג איז, זאָלן וועגן דעם שנעל



אַ דעמאָנסטראַציע אין אסלאָ, נאָרוועגיע, דורך דעם, וואָס אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן אַלע פאַרלאָזן די גאַסן. אויפ׳ן בילד — דער סאמע צענטער פון שטאָט

מעלדן. דער דייטשער קאָמאַנדיר איז גרייט צו געבן אַ גרויסע באַלוינונג. ווער עס האָט אַן אָרימע שטוב, וועט קריגן אַ נייע הויז. ווער עס האָט ניט קיין פי, וועט קריגן בהמות. אַ חוץ דעם וועט אויך געגעבן ווערן אין מזומן 25,000 רובל. נאָר דער, וועל-כער ווייסט און וועט אונז ניט מעלדן, דער וועט דערשאָסן ווערן.

(אונטערגעשריבן)

פאָלקאָווניק שרעדער."

דער קאָרעספּאָנדענט גיט צו אַז קיין פאַררעטער האָט זיך ניט גע-פונען און דער פאָלקאָווניק שרעדער האָט ניט געהאַט וועמען צו געבן די אָנגעבאָטענע באַלוינונג.

אין דעם זעלבן דאָרף האָבן די נאַציס געהאַט פאַרפייניקט דעם רויט-אַרמייער סאַלאַגוב, ביי וועמען מען האָט אויף דעם קערפּער געפונען 20 מעסער-וואונדן. אויף דעם קערפּער פון דעם רויט-אַרמייער באַלשאַקאָוו האָבן די נאַציס אויסגעשניטן עטלעכע שטערן. די גאַנצע פּלייצע איז געווען צעפּאַסעוועט מיט מעסער-שניטן. פאַר די אויגן פון דער גאַנצער דאָרפישער באַפעלקערונג האָבן זיי געשניטן פּאַסן פון אַ געפאַנגענעם רויט-אַרמייער און דערנאָך האָבן זיי אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

דער קאָרעספּאָנדענט פאַרענדיגט זיין באַריכט אַזוי: „דאָס בלוט און די טרערן פון די סאָוועטישע מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן קרבנות פון די גרויזאַמע מערדערייען פון די נאַצישע אוממענטשן, רופן צו נעמען אומברחמנות׳דיגע ראַכע".

און די סאָוועטישע מענטשן נעמען ראַכע פאַר די טייכן בלוט און פאַר די ימים טרערן.

קיין אויל פון די מאַיקאָפּ-קוואַלן האָבן די נאַציס — אַ דאַנק די פּאַרטיזאַנען — ניט געקראָגן.

די נאַציס האָבן זיך געריסן צו די קאַווקאַזער אויל-פעלדער, ווייל זיי נויטיגן זיך זייער שטאַרק אין אויל פאַר זייער מלחמה-מאַשין. ענדלעך האָבן זיי זיך דורכגעבראָכן אַ וועג און זיי זיינען אַריין אין מאַיקאָפּ. היטלער האָט דערקלערט, אַז איצט וועט די עקאָנאָמישע לאַגע אין דייטש-לאַנד ווערן אַ סך בעסער, ווייל מען וועט אַרויסקריגן אויל פון די מאַי-קאָפּער אויל-קוואַלן. די פרייד פון די נאַציס איז געווען אַביסל צו פרי. ווען זיי זיינען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי געפונען אַז אַלץ איז פאַר-

ברענט געוואָרן — די אויל-ברונימער, די רעזערוואָארן און די געזאָלין-זאַוואָדן.

די נאַציס האָבן דריי חדשים צייט געזוכט די פּלעצער וואו די ברונימער האָבן זיך געפונען; זיי האָבן געפאָדערט פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג זיי קומען צו-הילף; זיי האָבן געסטראַשעט מיט הונגער און תליות, נאָר קיין הילף האָבן זיי ניט געקראָגן. ענדלעך האָבן זיי באַוויזן צו ברענגען פון דייטשלאַנד אויסשטאַטונג און האָבן זיך געגרייט צו לאָזן אין גאַנג צוויי אויל-ברונימער. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט און די ברונימער האָבן שוין געדאַרפט אָנהויבן אַרבעטן, זיינען זיי מיט אַ נאַכט פריער פאַר דעם באַשטימטן טאָג, אויף וועלכן די נאַציס האָבן אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, — אויפגעריסן געוואָרן. די גאַנצע אויסשטאַטונג איז אַוועק מיט׳ן רויך. די נאַציס האָבן קיין אויל אויף קאַווקאַז ניט געקראָגן. איצט, ווען זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון קאַווקאַז, קאָן מען זאָגן, אַז אויף זיי איז מקוים געוואָרן דאָס רוסישע ווערטל: דאָס אויג זעט, נאָר דער צאָן קריגט עס ניט. די פּאַרטיזאַנען האָבן שוין באַזאָרגט, אַז די נאַציס זאָלן אפילו ניט פאַרזוכן דעם טעם פון קאַווקאַזער אויל, נאָך וועלכן זיי האָבן אַזוי געדורשט.

אין דער רויט-אַרמייאישער צייטונג „רויטער שטערן״ האָט איר מלחמה-קאָרעספּאָנדענט אין דעצעמבער 1942 באַריכטעט אַז די פּאַרטיזאַנען אין קאַווקאַז זיינען זייער טעטיג. זיי געפינען זיך אין די וועלדער און אין די טיפע טאָלן. ביינאַכט מאַכן זיי זייערע אָנפאַלן אויף דעם שונא, צעשטערן זיינע מיליטערישע טיילן, פאַרניכטן אַמוניציע-סקלאַדן און פאַרשווינדן באַלד צוריק אין זייערע באַהעלטענישן.

דער קאָרעספּאָנדענט ברענגט אַלס אַ ביישפּיל איין פּאַרטיזאַנען-אַטאַקע אויף אַ דאָרף, וואו עס זיינען געווען 200 נאַציס. זיי האָבן זיך געוואָלט באַוואָרענען נעגן אַ פּאַרטיזאַנישן איבערפאַל און זיי האָבן זיך גוט באַפעסטיגט. די נאַציס האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ 3 געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן, 2 טאַנקען, 4 גרויסע און 3 קלענערע קאַנאָנען און אַ סך לייכטע מאַשין-ביקסן.

די פּאַרטיזאַנען האָבן געוואוסט יעדן שפּאַן ערד און ביינאַכט האָבן זיי זיך צוגערוקט צום דאָרף. די נאַצישע סאָלדאַטן ביי די קויל-וואַרפער האָבן זיך געכאַפּט אַז עס רוקט זיך אָן אַ געפאַר און זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן. די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד

און זיינען אזוי אָפּגעלעגן א לאנגע צייט. ווען די שיסעריי האָט אויפ־געהערט, האָבן זיי זיך א וואָרף־געטאָן אין אן אטאקע. זיי האָבן גע־נומען באַשיסן צוויי הייזער, וואו עס איז געווען די גרעסטע צאָל פון די נאַצישע סאָלדאטן. די נאַצים האָבן געשאָסן, צילנדיג זיך אויף די וועגן, וואס האָבן געפירט צום דאָרף, נאָר די פארטיזאנען האָבן גאָר אויסגעמידן אָט די וועגן און זיינען געקומען דורך זייטיגע סטעזשקעס, אַזוי אז דאָס נאַצישע פייער האָט זיי ניט געטראָפן.

די נאַצים האָבן זיך דערפילט געצוואונגען צוריקצוטרעטן פון דעם דאָרף. די פארטיזאנען האָבן זיי גענומען נאָכיאָגן, האָגלענדיג אויף זיי מיט פייער.

דער פארנעם פון אָט דער פארטיזאנישער אטאקע קאן געשאַצט ווערן פון דעם פאקט, וואס די פארטיזאנען האָבן אויסגענוצט 15,000 פעקלעך אמוניציע. די פארטיזאנען האָבן ניט געהאט קיין איין פאר־וואונדעטן, בשעת ביי די נאַצים זיינען עטלעכע טוצן סאָלדאטן און אָפי־צערן דערהרג׳עט געוואָרן.

די אינטענסיווע קאמפן פון די פארטיזאנען אין ווייס־רוסלאנד זיי־נען געוואָרן פאר די נאַצים אזא גרויסע געפאר, אז זיי האָבן גענומען טראכטן וועגן נייע מיטלען ווי צו באקעמפן אָט די ארויסטרעטונגען פון די פארטיזאנען. די נאַצים האָבן ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע דייטשן, וואָס וואוינען אין ווייס־רוסלאנד, אין עלטער פון 17 ביז 70 יאָר מוזן זיך אָנשליסן אין א ספעציעל־געשאַפענעם „ווייס־רוסישן שוץ־קאָרפּוס“. די ווענדונג צו דער ווייס־רוסישער יוגנט אריינצוטרעטן אין אָט דעם קאָרפּוס האָט קיין רעזולטאטן ניט געבראכט.

די שוועדישע צייטונג „סווענסקא דאגבלאדעט“ האָט באַריכטעט באַלד נאָך דעם ווי אָט די פאראָרדענונג וועגן א שוץ־קאָרפּוס איז ארויס־געגעבן געוואָרן אין יולי 1942, אז די פארטיזאנישע טעטיגקייטן אין ווייס־רוסלאנד זיינען פארשטארקט געוואָרן. דאָס זעלבע האָט באריכ־טעט די שוועדישע צייטונג „נאי דאג“. די לעצטע צייטונג שרייבט: „אזוי שנעל ווי איין געגנט ווערט אָפּגערייניגט פון די פארטיזאָנען, באַ־ווייזן זיי זיך אין אַן אַנדער געגנט. די רוסן זיינען א דערפינדעריש פאָלק און די פארטיזאנען באַנוצן טויזנטער איינפאלן און קונץ־שטיק אויף דורכצוגיין דורך די דייטשע פראנט־ליניעס. אומעטום אין די אָקו־פּירטע שטעטלעך און דערפאר כאַפּט מען רוסישע פרויען, קינדער,

אָפּט אפילו אלטע לייט, וועלכע פארנעמען זיך מיט שפּיאָנירן, מיט סא-באטאזש און מיט שיסן אויף די דייטשן".

שרייבן פּארטיזאנען צו זייערע אייגענע:

אין פעברואר היי-יאָר האָט די צייטונג „איזוועסטיא" געדרוקט אַ צאָל בריוו פון סאָוועטישע פּארטיזאנען צו זייערע פרויען און קינדער. די בריוו זיינען ארויסגעפירט געוואָרן פון סאָוועטישע פליער, וואס לאָזן זיך אראָפּ הינטער די נאַצישע רייען אויף צו ברענגען געווער און שפּייז און מעדיצין צו די פּארטיזאנען.

שרייבט דער פּארטיזאן וולאדימיר צו זיין טאָכטער דינע אין סיזראן:

„דאָס גאנצע וויים-רוסישע פאָלק, איינשליסנדיג אויך קינדער, העלפט אונז אין אונזער קאמף געגן די פאַשיסטן. דער ווינטער איז אין פולן ברען. די וויים-רוסישע מיידלעך שטריקן הענטשקעס און שקארפעטקעס פאר די פּארטיזאנען. זיי גיבן אכטונג אויף די

אַ יונגער פּארטיזאן.

פארוואונדעטע. איינִיגע פון די קינדער פירן דורך שלאכט-אויפ-גאבן און זיי זיינען קליינינקע פּארטיזאַנען. ביי מיר אין דער אָפּטיילונג איז געווען א אינגל טאליא, וועלכער איז אלט געווען 12 יאָר. זיין טאַטע און זיין מאמע זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן פון די נאַצים. טאליא איז עטלעכע מאָל געווען אַן אויסשפּירער און האָט אלע מאָל אויסגעפונען וואו עס געפינט זיך דער דייטשער גארניזאָן. איינמאָל איז ער אריינגעפאלן צו די נאַצים אין די הענט. די נאַצים האָבן אים געבונדן און געשלאָגן אָן רחמנות. זיי האָבן אים צוגעזאָגט א סך געלט און האָבן צוגעזאָגט אים באַפרייען אויב ער וועט אויסזאָגן וואו עס געפינען זיך די פּארטיזאנען און ווי גרויס עס איז זייער צאָל.

טאליא האָט ניט פאררעטן; זיין ענטפער צו די נאַצים איז געווען:

— איך האָב פאר אייך ניט מורא, פאַשיסטישע פּיאַווקעס. טויטעט מיך, נאָר די פּאַרטיזאַנען וועלן אייך סיי ווי פארניכטן.

ער איז געשטאָרבן, נאָר ער האָט די פּארטיזאַנען ניט ארויסגעגעבן. עס זיינען דאָ א סך אזעלכע העלדן״.

די „איזוועסטיא״ דרוקט א בריוול פון אן אלטיטשקער פרוי צו סטאַלינען. דערציילט די פרוי, אז איר מאן און אירע צוויי אייניקלעך, וועלכע זיינען 17 און 14 יאָר אלט, שלאָגן זיך אין די פּארטיזאַנישע רייען. זי אנטשולדיגט זיך פאר דעם, וואָס צוליב איר שוואכן געזונט האָט זי ניט געקאָנט אוועק אין וואלד צו די פּארטיזאנען, נאָר זי דערציילט, אז זי טוט אלץ, וואָס זי קאָן, צו פארלייכטערן דאָס לעבן פון די בראווע אונטערערדישע קעמפער. זי וואשט וועש פאר די פּארטיזאנען און זי איז געוואָרן א קראנקן-שוועסטער פאר די פארוואונדעטע.

מאטרענא איוואנאָוונא הייסט אָט די אלטע פרוי, וועלכע פילט זיך שולדיג פאר דעם, וואס זי קאָן ניט טאָן קיין סך אין דעם קאמף. איז חוץ דעם, וואס זי וואשט וועש און וואכט איבער די פארוואונדעטע און העלפט זיי מיט וואס זי קאָן, האָט זי נאָך געפונען צייט ארויסצוגיין אויפ׳ן דאָרף און מאכן א זאמלונג צו שיקן הילף דער רויטער אַרמיי. זי האָט געזאמלט 17,000 רובל און אין דער סומע האָט זי אריינגעטראָגן אירע 300 רובל.

מיט אזעלכע מאטרענאס קאָן א פאָלק ניט פארלירן.

סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען האָבן אין 1942 דער׳הרג׳עט 250,000 נאַציס

דער פאַרנעם פון דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין סאָוועטן פאַרבאַנד קאָן געאַורטיילט ווערן פון א באַריכט פון וו. וו. טשאַפּלין, א פאַרטרעטער פון דער „אינטערנעשאָנאַל ניוס סוירוויס", וועלכער איז סוף 1942 צוריקגעקומען קיין אַמעריקע פון מאָסקווע. דער באַריכט לייענט זיך טיילווייז אזוי:

„רוסלאַנד האָט א ריזיגע „צווייטע אַרמיי" הינטער די נאַציישע רייען. עס ווערט אָפיציעל געשאַצט אז אָט די אַרמיי האָט אויסגעהרג׳עט אין 1942 ניט ווייניגער ווי א פערטל מיליאָן דייטשן. אָט די אַרמיי פון מענער, פרויען און קינדער האָט אויך פאַרניכטעט, אָדער פאַרכאַפּט דייטשע מלחמה-מאַטעריאַלן אין ווערט פון מיליאָנען דאָלאַרן. די פּאַרטיזאַנען האָבן פאַראורזאַכט באַן-קאַטאַסטראָפעס, האָבן איבערגעריסן פאַרבינדונגען און האָבן געקראָגן פאַר דער רויטער אַרמיי וויכטיגע געהיימע אינפאָרמאַציע.

אָט די „צווייטע אַרמיי" זיינען די פּאַרטיזאַנען — די „רויטע ראַכע-נעמער". פון אַן אומבאַדייטנדיגער שטערונג, וואָס זיי זיינען אין אָנהויב געווען פאַר די נאַציס, האָבן אָט די פּאַרטיזאַנען זיך אַנטוויקלט און געוואָרן א קאָלאָסאַלע געפאַר. זיי זיינען געוואָרן אזוי וויכטיג, אז דער פּרעמיער סטאַלין האָט צו זיי געשיקט א ווענדונג ווי פאָלגט:

„מיין פאַראָרדענונג צו אייך איז אז איר זאָלט שאַפן אין די געגענטן, וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען, אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פאַר דעם שונא און פאַר אַלע זיינע הענקער. יאָגט נאָך דעם שונא און צעשמעטערט אים אויף יעדן טראָט. צעשטערט אַלע פּלענער פון דעם שונא".

לויט אָפיציעלע באַריכטן קאָן איך איבערגעבן די פאָלגענדיגע דערגרייכונגען פון די פּאַרטיזאַנען:

1. אין מאָסקווער ראַיאָן האָבן די פּאַרטיזאַנען אין איין פּעריאָד פון 6 וואָכן דער׳הרג׳עט 3,000 דייטשן.

2. אין לענינגראַדער דיסטריקט האָבן די פּאַרטיזאַנען אין משך פון א צען-חדשים׳דיגן פּעריאָד דער׳הרג׳עט 20,000 דייטשן,

איינשליסנדיג 700 אָפיצערן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען 3 גענעראַלן און 11 פּאַלקאָווניקעס (קוירנעלס).

3. אין סמאָלענסקעס ראיאָן האָבן 28 אָפּטיילונגען פון די „רויטע ראַבע-נעמער" אויסגעהרג'עט 16,000 נאַצים אין א פּעריאָד פון 10 חדשים.

4. אין דעם קורסקער דיסטריקט האָבן 8 פּארטיזאנער אָפּטיילונגען דער'הרג'עט 9,500 דייטשן.

5. אין קאַלינינער ראיאָן האָבן 19 פּארטיזאנישע גרופּן אויסגע'הרג'עט 4,000 דייטשן.

6. אין אוקראינע האָבן 32 פּאַרטיזאנען-גרופּן בלויז אין דעם האלבן יאָר פון 1941 אויסגע'הרג'עט 5,400 דייטשן, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען 2 גענעראַלן. אין 1942 זיינען די אוקראַינישע פּארטיזאנען געוואָרן נאָך מער טעטיג.

7. אין קרים האָבן אפּעריִרט 15 פּארטיזאנישע גרופּן, וואס האָבן אויסגע'הרג'עט 4,477 דייטשן.

8. אין ווייס-רוסלאנד האָבן 10 פּארטיזאנישע אָפּטיילונגען דער'הרג'עט אין 1942 — 4,000 דייטשן.

די מערסטע פּארטיזאנען אָפּערירן אונטער'ן צודעק פון דער נאכט. זיי לאָזן זיך ארוים אין דער פינסטער און רייסן אויף נאַצישע באנען, איבערפאלן דייטשע פעלד-שטאבן און פארזייען מינען אויף די וועגן, וואס די נאַצים נוצן.

ווען די פּאַרטיזאנען פאראורזאכן אז א באן זאָל אראָפּ פון די רעלסן, ווארפן זיי אויך האנט-גראנאטן דורך די פענסטער. ווען די נאַצישע סאָלדאטן הויבן אָן אין פּאניק ארויסשפּרינגען פון די וואַגאָנען, ווערן זיי באשאָסן פון מאשין-ביקסן. די פּארטיזאנישע קאמפּאַניע געגן די נאַצישע באנען, וואס פירן מאטעריאלן און פּראָוויאנט, איז געווען אזוי דערפּאָלגרייך, אז דער גענעראל-שטאב פון דער רויטער ארמיי פארשפּאָרט שוין צו זאָרגן וועגן צושטעלן די נויטיגע זאפּאסן צו די פּארטיזאנען. ווען די „רויטע ראבע-נעמער" דארפן האָבן שפּייז, אמוניציע, מעדיקאמענטן און אנדערע מאַטעריאלן, גייען זיי ארוים און צעשמעטערן א נאַצישע באן און קריגן וואָס זיי דארפן. דאָס, וואס זיי קאָנען ניט פארנוצן, פארברענגען זיי אויפ'ן פּלאַץ.

די פּאַטריזאַנען ווערן אַלץ שטאַרקער, און לעצטנס האָבן זיי אָנגעהויבן צו אָפּערירן אין גרעסערע גרופּן, וואָס זיינען באַוואָפנט מיט קאַנאָנען, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי דעם שונא. עס זיינען דאָ איינציגע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי אַן אַרמיי-דיוויזיע. אין איין פאַל האָט אַזאַ פּאַרטיזאַנישע טייל אָנגעפירט אַ שלאַכט מיט אַ נאַציִשער מיליטערישער אָפּטיילונג, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט 100 טאַנקען. די פּאַרטיזאַנען האָבן צעשמעטערט 70 טאַנקען איידער זיי זיינען צוריק אַוועק אין וואַלד.

אָט די גרעסערע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פאַרמאָגן זייערע איינענע טאַנקען, וואָס זיי האָבן פאַרנומען ביי די נאַצים. זיי האָבן אויך עראָפּלאַנען, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי דעם שונא. די עראָפּלאַנען ווערן באַנוצט אויף אַוועקצופירן קיין מאָסקווע איבער די נאַציִשע רייען אַזעלכע מלחמה-געפאַנגענע, וואָס קאָנען איבערגעבן וויכטיגע אינפאָרמאַציע. די פּאַרטיזאַנען רעדן זיך געוויינלעך פריער צענויף דורך דער ראַדיאָ מיט דעם גענעראַל-שטאַב, כדי מען זאָל זיי ניט אַרונטערשיסן אַלס שונאים".

אַ געשפּרעך מיט אַ סאָוועטישן פּאַרטיזאַן אין ניו יאָרק

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אַ סאָוועטישן פּאַרטיזאַן, וועלכער איז אָנהויב היי-יאָר געקומען אויף אַ סאָוועטישער שיף קיין אַמעריקע.

מיכאַאיל איוואַנאָוו איז לויט זיין אויסזען אַ געוויינלעכער רוסישער בחור, נאָר אַז מען קוקט זיך צו צו אים גאָר נאָענט, דערזעט מען עפּעס פיינפולעס אין זיין געזיכט, עפּעס אַ מאָדנעם שאָטן אין זיינע אויגן און אַ שראָם אויף דער נאָז. אָבער אפילו נאָך אַזאַ באַטראַכטונג פון זיין געזיכט וואָלט קיינער זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אָט דער מענטש איז דורכגעגאַנגען פייער און וואַסער — יאָ, טאַקע בוכשטעבלעך דורך פייער און וואַסער — פון דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף.

ער איז אַ מאַטראָס. ער איז אַלט 28 יאָר. ווען די היטלערישע האָרדעס זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, איז ער געווען אין לענינגראַד, וואָס איז געווען זיין געבורטס-שטאָט. ער איז באַלד אַוועק מיט אַ גרופּע פון נאָך מאַטראָסן צו קעמפן הינטער די רייען פון די אַריינדרינגער — צו פירן אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף.

שוועמלעך פון וואלד, געווער פון די נאציס

איך זיץ לעבן אים און שטעל אים פראגן און הער זיינע ענטפערס און איך טראכט דערביי די גאנצע צייט: ווי באשיידן אט דער מענטש רעדט עס וועגן זיינע מעשים, וואס שטייגן איבער די גרעסטע העלדיש-קייטן! ווי פשוט עס האלט זיך אט דער קעמפער, וועלכער איז דורכגע-גאנגען וואכן און חדשים פון פארטיזאנישן קאמף ווען יעדע שעה — ניין, יעדע איינציגע מינוט — איז געווען אן אייביקייט פון לײדן און פון מוט!

— וואו פלעגט איר נעמען געווער? — פרעג איך אים.

— מיר פלעגן זיך אוועקלאזן אין די וועלדער מיט זייער ווייניג געווער, נאר מיט דער צייט פלעגן מיר צונעמען געווער ביי די נאציס. מען פלעגט אויך אריבערשמוגלען געווער צו אונז פון די רויט-ארמיי-אישע רייען. יעדער איבערפאל אויף א נאצישן גארניזאן האט אונז גענעבן אלץ מער געווער.

— ווי אזוי פלעגן די נאציס קעמפן קעגן די פארטיזאנען?

— איין טייוולשער מעטאד זייערער איז באשטאנען אין דעם, וואס די פלעגן צווינגען די גאנצע דערוואקסענע מענער-באפעלקערונג אין יעדן ישוב זיך צו רעגיסטרירן און זיך מעלדן יעדן אינדערפרי. האט איינער פארפעלט צו קומען צו דער מינוט, פלעגט מען דערשיסן אלע זיינע קרובים. דא איז כדאי צו באמערקן, אז אפט פלעגן די נאציס אוועקשיקן מענטשן אויף ארבעט אין ווייטע פלעצער, פון וואנען זיי האבן נים געקאנט קומען אין צייט זיך מעלדן. פלעגט מען דערשיסן זייערע נאענטע. דאס איז נעטאן געווארן קאלט-בלוטיג אויף אויסצוראטן די באפעלקערונג.

— ווי אזוי איז געווען די באציאונג פון דער דארפישער באפעלקע-רונג צו די פארטיזאנען?

— זיי האבן באטראכט די פארטיזאנען ווי זייערע דערלייזער. ווען די נאציס האבן אנגעהויבן פלינדערן, דערנאך שיסן מענטשן רעכטס און לינקס, האט אין די דערפער זיך צעברענט א שרעקלעכע שנאה צו די ארײנדרינגער. די פויערים זיינען געווען גרייט צו העלפן די פארטיזא-נען מיט אלץ, וואס איז געווען מעגלעך.

— ווי אזוי האבן זיך געשפייזט די פארטיזאנען?

— די פויערים פלעגן צושטעלן פראדוקטן. נאר גאר אפט האבן די פויערים אליין נים געהאט וואס צו עסן, ווייל די נאציס האבן אלץ

צוגענומען. דעמאָלט פלעגט מען לעבן אויף שוועבלעך. מען פלעגט אויך עסן רוי-פלייש, אויב מען פלעגט עס נאָר קריגן.

איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן וואס פאר אן אָפּטע דערשיינונג מאָגן-קראנקהייטן זיינען געוואָרן.

— וואו פלעגן די פּארטיזאנען זיך אויסבאהאלטן און ווי אזוי האָבן זיי געלעבט?

— מען פלעגט זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער. געלעבט האָט מען אין גרובן, וואס זיינען געווען צוגעדעקט מיט בלעטער.

— ווען פלעגט מען מאכן די איבערפאלן אויף דעם שונא?

— בלויז ביינאכט. שטענדיג פּלוצלונג און שנעל.

— קאָנט איר איבערגעבן איינצעלהייטן פון אן איבערפאל אויף א געוויסן פונקט?

— נו, לאָמיר נעמען אלס ביישפּיל אונזער איבערפאל אויף דעם דאָרף טאראסינאָ פון וואָלאָסאָווקער ראיאָן פון לענינגראד אָבלאסט. די פּויערים האָבן אונז געלאָזט וויסן, אז אין דאָרף האָט זיך איינגעקוואר־טירט א נאַציישער מיליטערישער שטאב. מיר האָבן ניט געוואוסט צי דאָס

איז א שטאַב פון א גרעסערער, אָדער קלענערער מיליטערישער אָפּטיילונג. מיר האָבן אוועקגעשיקט אין דאָרף אונזער אויסשפּירער. ווען זיי זיינען געקומען צוריק, האָבן זיי באַריכטעט אז דאָרט געפינט זיך א שטאַב אין דער שול-געביידע און אַז אָפיצערן און סאָלדאַטן פאַרנעמען אויך 2 הייזער לעבן דער שולע.

— וואָס טוען די נאַציס מיט די איינוואוינער פון אָט די הייזער, וואָס זיי פאַרנעמען? — שלאָג איך איבער איוואַנאָוו'ן.

— זיי טרייבן זיי פּשוט ארויס. זאָלן זיי גיין וואוהין די אויגן טראָגן.

— וויפיל מענטשן זיינען געווען ביי די נאַציס?

— 80 סאָלדאַטן און אָפיצערן.

— און וויפיל מענטשן האָט איר פאַרמאָגט?

— אונזער אָטריאַד איז באַשטאַנען פון 50 מענטשן.

— דערציילט ווייטער, — בעט איך דעם פּאַרטיזאַן.

— ביינאַכט האָבן מיר זיך שטיל צוגערוקט צום דאָרף. יעדער איינער פון אונז האָט געהאַט גענויע אינסטרוקציעס וואָס צו טאָן. פריער פון אַלץ האָט מען זיך געדאַרפט ספּראַווען מיט די 4 וועכטער און מיט די 2 „פּוליעמיאָטשיקעס" — שיסער פון מאַשין-ביקסן.

איך פרעג אים אין וואָס באַשטייט די ארבעט פון די „פּולימיאָטשי-קעס"?

— דער וועכטער שטייט אויף א באַשטימטן פּאָסט און זיין אויפ-גאַבע איז צו זיין וואַכזאַם און זיך אונטערהערן צי עמיצער קומט ניט צו. די 2 ביי דער מאַשין-ביקס דאַרפן יעדע עטלעכע מינוט אויסשיסן צי עס איז דאָ אן אורזאַך, צי ניט. דאָס טוען זיי, כדי אָנצוהאַלטן קוראַזש ביים גאַרניזאָן. אַז מען הערט, לינגדיג אין בעט, אז די מאַשין-ביקס שיסט, פילט מען זיך זיכערער און מען ווייסט, אז מען איז באַוואַכט. ווען די נאַציס מאַרשירן אויף א וועג, פאָרן אין פאָראויס מאַשין-ביקסן און מען האַלט אין איין האַגלען מיט קוילן. ווען די נאַציס מוזן דורכגיין א וואַלד — און זיי מיידן אויס צו גיין דורך א וואַלד, ווייל פאַר א וואַלד ציטערן זיי אימת מות — האַלטן זיי אין איין האַגלען מיט קוילן אין אַלע ריכטונגען.

— וואָס-זשע איז פאָרגעקומען אין דאָרף?

— אודאי האָבן מיר אָן גערויש צורעכט-געמאַכט די וועכטער און

די צוויי ביי די מאַשין-ביקסן. דערנאָך האָבן מיר גענומען שליידערן האַנט-גראַנאַטן דורך די פענצטער פון דעם שטאַב אין דער שול און אין די צוויי הייזער, וואָס זיינען געווען לעבן דער שול. די דריי געביידעס האָבן זיך באַלד אָנגעצונדן, עס האָבן גענומען ארויסשפּרינגען נאַציס אין נאַטקעס. קיין איינער האָט זיך ניט געראַטעוועט.

— די פּויערים האָבן דערהערט דאָס קנאַלן, פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי טאָרן ניט ארויסקומען פון זייערע הייזער. ווען אַלץ איז אָבער שוין געווען פאַרענדיגט האָבן זיי אונז איינגעלאַדן צו זיך. אין יעדן הויז איז אַוועק א גרופּע פּאַרטיזאַנען. מיר זיינען אין דרייען אריין אין א שטוב, וואו עס איז געווען אַן אַלטער מאַן, אַן אַלטע פרוי, זייער שנור און אירע 2 קליינע קינדער. דער זון איז געווען אין דער רויטער אַרמיי.

— די מענטשן האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אונז. זיי האָבן אונז געוואָלט קושן, זיי האָבן געוויינט פאַר פרייד. זיי האָבן אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל און אונז מכבד געווען. קיין ברויט איז אין הויז ניט געווען. זיי האָבן אויפגעקאָכט טיי, נאָר קיין צוקער איז ניט געווען. איך קאָן אָבער זאָגן, אַז אויף מיין לעבן האָב איך אַזאַ טיי ניט גע-טרונקען — טיי, וואָס זאָל זיין אַזוי באַ׳טעמ׳ט און אַזוי טייער ליב.

אין עטלעכע טעג ארום זיינען די נאַציס ווידער אַריין אין דאָרף. זיי האָבן דערשאָסן די גאַנצע באַפעלקערונג, ניט איבערלאָזנדיג קיין איין לעבעדיגן מענטשן.

מיט צוויי געפאַנגענע נאַציס דורך די סאָוועטישע ליניעס

די לעצטע ווערטער רעדט ער ארויס זייער שטיל. זיינע אויגן פאַר-ציען זיך נאָך מער מיט א שאָטן. עס ווערט קלאָר, פון וואַנען אָט-דער שאָטן שטאַמט. איך פרעג ביי אים, ווען האָט ער פאַרלאָזן די פּאַרטי-זאַנישע רייען.

— קיינער פאַרלאָזט ניט די רייען, — ענטפערט ער, — בלויז ווען מען ווערט קראַנק, צווינגען די חברים מען זאָל אַוועקגיין.

— נו, טעג ניט גענעסן, 4 טעג געלעגן אין וואַסער אין די קאַלטע סעפּטעמבער-טעג איז אָט... — זאָגט ער כמעט ווי א שולדיגער — געמוזט אַוועק אין שפּיטאָל.

ער דערציילט, ווי עס איז אויסגעקומען קראַנקערהייט צו קריכן אויף

אַלע פיר דורך די נאַצישע רייען, כדי צוצוקומען צו די רויט-אַרמייאישע טיילן, וואו מען קריגט מעדיצינישע באַהאַנדלונג.

— און איר האָט זיך דערשלאָגן?

— אָט ווי איר זעט. נאָך מיטגעשלעפּט מיט זיך צוויי נאַצישע געפאַנגענע.

— און זיי זיינען אויך געקראָכן אויף אַלע פיר?

— ווי נאָר מען נעמט ביי זיי צו זייער געווער, ווערן זיי ווי גיונ-קעלעך. זיי טוען וואָס מען הייסט זיי. מיט געווער אין די הענט זיינען זיי, די מערזאַווצעס, פּשוט'ע בעסטיעס, נאָר אַז מען נעמט זיי געפאַנגען, אָט-די לייזיגע הינט, בויגן זיי אָן די קעפּ.

זיין געשיכטע דערציילט מיר איוואַנאָוו אַ טאָג נאָך דעם, ווי עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס קאַפּיטל סטאַלינגראַד, און דאָס האַרץ פּילט זיך נאָך מער אָן מיט פרייד. קוקנדיג אויף אָט-דעם זון פון סאָוועטישן לאַנד, ווערט נאָך פעסטער די זיכערקייט, אַז די „פּריצעס" וועלן דאָרט אַלץ מער אַראָפּלאָזן די קעפּ און אָנלעגן מיט די קעפּ. איך דריק די האַנט פון אָט-דעם בראַוון קעמפער, אין וועמעס געזיכט איך זע דעם גאַנצן סאָוועטן-פאַרבאַנד מיט זיין שרעקלאָזיגקייט, מיט זיין שטאָלענעם ווילן, מיט זיין זיכערקייט אין זיך און אין זיין גערעכטער זאַך.

אָט-דער ווילן און אָט-די זיכערקייט מוז ברענגען אַ זיג!

פּאַרטיזאַנישע דערפאָלגן ברענגען פרייד דעם גאַנצן לאַנד

און אָט ווי דער ווייס-רוסישער שרייבער מיכאַס לינקאָוו רעדט וועגן די פּאַרטיזאַנען: „ווען עס רייסט אויף אַ נאַצישער עשעלאָן ערגעץ אין מיין אייגענער היים, צעטראָגט זיך אַן אָפּקלאַנג פון אָט דעם אויפרייס ווייט-ווייט פון ווייס-רוסלאַנד.

דער אָפּקלאַנג דערהערט זיך אין מאָסקווע; דער אָפּקלאַנג דערקייקלט זיך ביז סטאַלינגראַד, ביז די סאַמע ווייטסטע שטעט, ביז די סאַמע ווייטסטע גרעניצן פון אונזער ריזיגן פאָטערלאַנד. און טויזנטער און טויזנטער ליכטיגע שמייכלען באַשטראַלן די געזיכטער פון מענטשן מיט אַ וואַרימער פרייד פאַר דעם דערפאָלג. עס איז אַ פרייד מיט דעם דער-פאָלג פון די פּאַרטיזאַנען! אַ פרייד מיט דעם דערפאָלג פון די, וועלכע נעמען נקמה פאַר דעם פאָלק!

לייגט צוזאַמען אָט די אַלע שמייכלען: רעכנט צוזאַמען אָט די אַלע

ווארימע שטראָמען אין די הערצער פון צענדליגער טויזנטער און איר וועט באקומען א בילד פון אָט דער קאָלאָסאלער ליבע, מיט וועלכער דאָס פאָלק רינגלט ארום זיינע בעסטע זין — זיינע באליבטע העלדישע פּאר־טיזאנען.

ווען עס רייסט אויף אן עשעלאָן, ווען די סאָלדאטן, וואס זיינען דאָרט געפאָרן, מער ניט קאָנען שפּאנען אויף סאָוועטישער ערד. מער ניט קאָנען צינדן אונזערע שטעט און דערפער, מער ניט קאָנען פארגיסן דאָס בלוט פון אונזערע טאטעס און מאמעס, ניט קאָנען מאָרדן אונזערע קינ־דער און אונזערע נאָענטסטע. אָט די סאָלדאטן וועלן שוין ניט קאָנען קומען צוריק און זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט אָנקוקן די ברעגן פון אָפּ־ריקע, ניט די ברעגן פון דער ווייטער ענגלאנד און אויך ניט די ערד פון דייטשלאנד זעלבסט, וואס איז פאראומרייניגט געוואָרן פון די פאשיסטן.

א סך אזעלכע באנען מיט סאָלדאטן זיינען צעוואָרפן אויף די זייטן פון בערגלעך אין ווייס־רוסלאנד. איר געפינט זיי הינטער מינסק, הינטער באָריסאוו, הינטער וויטעבסק און הינטער פּאָלאָצק. און וויפיל טויזנטער היטלעריסטן ליגן טויט אין די וועלדער און אין די זומפּן פון ווייס־רוס־לאנד, אויף די שליאכן און זייטיגע סטעזשקעס, אין די טייכן און אין די אָזערעס!

...און ווען עס קייקלען זיך ארונטער נאצישע באנען, ווען די נאַ־צישע סאָלדאטן ווערן דערטרונקען אין זייער איינן מיאוס בלוט, ווען עס ווערן אויפגעריסן נאצישע סקלאדן און ווען דער היטלערישער באנדיט בייסט אונזער ערד אין זיין גסיסה־אגאָניע, דעמאָלט זאָגן מיר מיט דער־לייכטערונג:

— עס לעבט ווייס־רוסלאנד! ווייס־רוסלאנד איז אומבאזיגבאר! קיינמאָל וועט קיינער זיך ניט שטעלן אויף די קני!

מיט טויזנטער אומדערהערטע מערדערייען, מיט דער הילף פון טייכן אומשולדיג בלוט, מיט סאדיסטישע פּייניגונגען און דערנידערונגען האָבן די פאשיסטן זיך פארמאָסטן צו טעראָריזירן אונזער פאָלק און אים פאר־וואנדלען אין א ווילנלאָזער טשערעדע פון שקלאפן. עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן דאָס צו דערגרייכן! דאָס וועט זיך זיי קיינמאָל ניט איינ־געבן!

די הייליגע שנאה פון פאָלק, וואס האָט פארזוכט דעם טעם פון דעם אומבאגרעניצטן גליק און פון די גרויסע מעגלעכקייטן, וואס עס גיט די

אמת׳ע מענטשישע פרייהייט, — אָט די שנאה האָט זיך ארויסגעוויזן שטאַרקער און העכער פון דער טויט־טראַגנדיגער טעכניק פון דעם שונא און פון זיינע טעמפּע, בעסטיאַלישע איינפאַלן.

אָט די שנאה, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט אויסלעשן, האָט געבוירן דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף און האָט ארויסגערוקט צענדליגער און הונדערטער לעגענדארישע העלדן אין אָט דעם קאַמף און וואָס איז וויכטיגער פון אַלץ — זי האָט פאַרוואַנדלט אָט דעם קאַמף אין א מאַסן־קאַמף — אין א קאַמף פון דעם גאַנצן פאָלק. אין אָט דעם ליגט די גרעסטע געפאַר פאַר די פאַשיסטן — אין אָט דעם ליגט די זיכערקייט אַז זיי וועלן פאַרניכטעט ווערן.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די באַדייטונג פון דעם, וואָס א ווייס־רוסישע פּאַרטיזאַנישע פירער האָט מיר געהאַט געזאָגט. ער האָט אין צאָרן אויסגעשריען אַזוי:

פאַר יעדן טראָפּן בלוט פון מיינע קינדער, וואָס די נאַצישע מענטשן־פרעסער האָבן פאַרגאָסן, האָב איך שוין אָנגעזאַמלט גאַנצע עמערס פון דעם שונא׳ס בלוט . . . אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ווייניג . . . אונזער גאַנצן טייך דווינא וועל איך פאַרגיסן מיט דעם שוואַרצן בלוט — און אויך דאָס וועט זיין ניט גענוג . . . עס וועט קומען די צייט — און מיר וועלן זיך פולשטענדיג צערעכענען מיט די קאַניבאַלן — פאַר די טרערן, פאַר דעם בלוט, פאַר אַלץ . . .

אָט די צייט איז שוין גאָר ניט ווייט.

טאָ שלאָגט־זשע די פאַשיסטישע מערדער, שלאָגט די חיות אין גע־שטאַלט פון מענטשן — שלאָגט זיי! טייערע, ליבע העלדישע קעמפער אונזערע, שלאָגט זיי! שלאָגט זיי אָן אויפהער!

רום צו איך, נקמה־נעמער פאַר דעם פאָלק! אייער רום וועט ווי דאָס פאָלק אליין בלייבן אומשטערבלעך דורך אַלע יאָרהונדערטער!״

די אכט פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען הינגעריכטעט געוואָרן אין וואָלאָקאָלאַמסק

און ווען עס ווערט דערציילט וועגן נאַצישע גרוילטאַטן און וועגן פּאַרטיזאַנישער אומדערשראָקנקייט, דאַרף מען דערציילן די געשיכטע פון די אכט קאָמסאָמאָלצעס, פּאַרטיזאַנען פון מאָסקווע, וועלכע זיינען אומ־געקומען אין וואָלאָקאָלאַמסק. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די געשיכטע

ווענן זיי פאַראייביגט געוואָרן אין א ביכל פון דעם פאַרלאַג „מאַלאַדאַיאַ גוואַרדיאַ" (די יונגע גוואַרדיע). דאָס ביכל הייסט „אומשטערבלעכקייט". עס איז זייער א פּאַסנדיגער נאָמען, ווייל עס ווערט דערציילט ווענן אכט העלדן, דער ליכטיגער אנדענק פון וועלכע עס וועט לעבן אייביג אין די הערצער פון אלע, וועמען עס איז טייער פרייהייט און מענטשן-ווירדע.

די געשיכטע פון די אכט איז אין קורצן אַזאַ: זעקס יונגע מענער און צוויי יונגע מיידלעך גרייטן זיך צו פאַרלאָזן מאָסקווע און צו דורכ-גנב'ענען זיך דורך די פראָנט-רייען פון דעם שונא, כדי צו קאָנען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט א פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע און העלפן אין דעם קאַמף געגן דעם פאַרהאַסטן ארייַנדרינגער, וועלכער איז שוין גע-שטאַנען ביי די טויערן פון דער הויפּט-שטאָט. און דער דערציילער ווענן זייער מאַרטירערשאַפט שרייבט אזוי:

„אָט די אכט יונגע מאָסקווער איינוואוינער זיינען אוועק צו טאָן פּאַרטיזאַנען-ארבעט אין די וועלדער ארום מאָסקווע... זיי זיי-נען אוועק צו פאַרניכטן די גיפטיגע אומרייַנקייט, וואס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף זייער יוגנט. און וואָקלעניש האָבן זיי איבערגע-לאָזט זייערע פאַמיליעס, פריינט, געליבטע און זייערע היימען".

צווישן די אכט איז דאָ א יונגע מיידל זשעניא. זי איז נאָך כמעט א קינד. זי שטייט לעבן איר חברטע שורא, וועלכע גייט אויך זיך אָנ-שליסן אין דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף. זיי קוקן ביידע אויף מאָסקווע און שווייגן. פּלוצלונג הויבט זשעניא אָן צו וויינען. זי וויל אבער ניט, אז מען זאָל פאַרדעכטיגן אז זי שרעקט זיך, אָדער אז זי האָט חרטה אויף איר באַשלוס, און זי צעשמייכלט זיך בשעת די טרערן רינען נאָך איבער איר געזיכט און זי זאָגט:

— דאָס איז אזוי זיך. איך בין אזוי צופרידן, שורקא. איך בין פּשוט גליקלעך. ניטאָ קיין שרעק, נאָר ניט... זאָל אויסקומען איבערצוטראָגן קעלט; זאָל אויסקומען צו בראָדזשען ביז'ן גאַרטל אין שניי; זאָל מען מיך פאַרוואונדן; זאָל מען מיך אפילו דער'הרג'ענען... נאָר אבי איך זאָל טאָן אלץ ווי מען דאַרף. אבי איך זאָל העלפן צוריקצושליידערן און צעקוועטשן אָט דעם שרץ!

די אכט זיינען געקומען אויף א בית עולם לעבן וואָלאָקאָלאַמסק, נאָר אנשטאָט צו טרעפן צו די פּאַרטיזאַנען, זיינען זיי אריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַציס. מען פייניגט זיי, מען וויל ביי זיי ארויסקרינן ווער

עס האָט זיי געהאָלפן, וואו עס געפינען זיך די פּאַרטיזאַנען, צו וועלכע זיי זיינען געגאַנגען, נאָר אַלע אַכט האַלטן זיך בראַוו מיט אַן איבער-מענטשלעכער אומדערשראָקנקייט.

זאָגט דער נאַצישער אָפיצער צו זשעניאַ׳ן:

— אויב דו וועסט גאָר ניט אויסזאָגן, וועט מען דיך פאַראורטיילן צום טויט. פאַרשטייסט, צי ניין?

— איך פאַרשטיי, — ענטפערט זשעניאַ — און צום דריטן און לעצטן מאָל זאָג איך אייך, אַז איך האָב ניט וועגן וואָס צו רעדן מיט אייך.

און צו שוראַ׳ן פּרובירט מען צוצוגיין אויף אַן אַנדער אופן. דער אָפיצער, וואָס שטעלט איר פראַגן, זאָגט צו איר:

— האָט איר איינענע?

— אַ מאַמע, — ענטפערט שוראַ.

— אייער מוטער וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ווען זי קאָן אייך ווי-דער זען.

דער נאַצישער אָפיצער פּרובירט זיין העפלעך. ער אירצט אפילו שוראַ׳ן, נאָר זי לאָזט זיך ניט נעמען אויף קיין ווענטקע און ענטפערט זייער פּשוט און ערלעך:

— מיין מאַמע וועט זיין זייער צופרידן צו וויסן אַז איך בין ניט גע-וואָרן קיין פאַררעטערין!

דער נאַצישער אָפיצער פאַרלירט זיין געדולד און, אויפגעבנדיג די פּאָזע פון העפלעכקייט און רואיגקייט, שרייט ער אויס:

— צום טייוול זאָל עס גיין, איז דאָ עפּעס אין לעבן פאַר וואָס איר האָט מורא?!

קוקט אים שוראַ גלייך אין די אויגן און פרעגט דרייסט:

— איינגנטלעך פאַר וואָס?

— נו, זאָל זיין כאָטש פאַר דעם טויט, פון וועלכן איר זייט איצט אויף אַ האָר.

און שוראַ ענטפערט:

— איך וויל ניט שטאַרבן. איך וויל לעבן. איך וואָלט וועלן לאַנג לעבן. לאַנג, טייווליש לאַנג, נאָר אויב עס איז באַשערט צו שטאַרבן פאַר דעם סאָוועטישן פאָטערלאַנד... טאָ זאָל זיין! עס האָט זיך אַזוי גע-מאַכט — וועל איך שטאַרבן!



דער צייכן, וואָס די פּאָליאַקן, וועלכע טוען שקלאַפן־אַרבעט אין דייטשלאַנד, מוזן טראָגן.

און דער דערציילער שרייבט:

„זיי האָבן זיך פארלאָרן אויף א פיצעלע טייל פון א סעקונדע, אָט די טעמפּע בעסטיעס, וואס האָבן שוין לאנג פארלאָרן יעדן מענטשישן פונק. זיי האבן אויסגעסאלעפּעט די אויגן, געעפנט די מיילער ווי פיש, וואס ווערן ארויסגעוואָרפן פון וואסער אויפ'ן זאמד."

— איך וועל שטארבן! — האָט פעסט ווידערהאָלט דאָס יונגע מיידל מיט איר קלינגענדינער, זאפטיגער שטימע, וואס איז געווען פול מיט דורשט צו לעבן.

— פירט זי אוועק, נעמט זי צו! — האָט זיך צערעוועט דער היט-לעריסט, און איינער פון די נאצישע אָפיצערן האָט צווישן די ציין א זאָג-געטאָן:

— אי, די סטאליניוונגד!

עס איז געווען א גאלינע ביטערקייט אין אָט דעם אויסרוף פון א נאצי, וועלכער האָט אָט די יונגנט ניט געקאָנט באנעמען.

און די יונגע מענער האָבן מיט זייער בראווקייט ניט ווייניגער ווי די צוויי יונגע מיידלעך דענערווירט די נאצישע אָפיצערן און די גענע-ראלן, וועלכע זיינען געזעסן ביים משפט.

מען פירט די אכט צו דער הינריכטונג. אָט איז א גרוב. אָט זיצן אכט טעמפּע נאצישע סאָלדאטן לעבן אכט מאשין-ביקסן. נאָך א מינוט און די לעבנס פון די אכט קעמפער וועלן אויסגעלאָשן ווערן. זיי נעמען זיך ארום. מען קושט זיך און מען דריקט זיך די הענט. פאכאמאָוו און נאלאטשקין, וועלכע זיינען געווען לאנג-יאָריגע פריינט, צעקושן זיך. עס קושט זיך אויך זשעניא מיט שורא'ן. דאָ קומט אונטער א נאצישער אָפיצער, וואס פארמאָגט א חזיר'שע מאָרדע, און שטופּט גראָב אָפּ זשע-ניאָן. גיט זי זיך א דריי-אויס צו אים און שפּייט אים אָן אין פנים, אויס-שרייענדיג:

— פּאָדליעצ, פארשאָלטן זאָלט איר אָלע ווערן!

און פאכאמאָוו, וועלכער איז דער עלטסטער אין דער גאנצער גרופּע, רופט אויס:

— חברים, שטעלט זיך... לאָמיר אלע צוזאמען. אלע אין איין ריי!

עס קנאלן די מאשין-ביקסן. די מארטירער ליגן שוין אין א טייך בלוט, נאָר פּלוצלונג דערהערט זיך אָן אויסרוף פון איינעם פון זיי:

— לאנג לעבן זאל דאָס סאָוועטישע פאטערלאנד! לאנג לעבן זאל סטאַלין! טויט די נאַצישע הענקער!

זיינען די נאַצישע סאָלדאטן מיט אויטאָמאטישע ביקסן אין די הענט צוגעלאָפן צום סאַמע ראַנד פון גרוב און גענומען אריינשיסן קוילן אין די יונגע פּארטיזאנען.

עס איז געוואָרן שטיל. די נאַצישע בעסטיעס האָבן פארענדיגט זייער ארבעט, נאָר זיי זיינען נאָך ניט געווען צופרידן. זיי האָבן די אכט קערפּערס פון די יונגע מארטירער ארויסגעשלעפּט פון גרוב און זיי אלע אויפגעהאנגען אין א ריי. 50 טעג זיינען די קערפּערס געהאנגען, כדי אָנצוזאָגן א פּחד אויף דער אָרטיגער באפעלקערונג.

אין א גרויסן דעצעמבער-פארטאָג האָבן די טאנקיסטן פון גענעראל-מאיאר קאטוקאָווס אָפּטיילונג ווי א שטורעם זיך אריינגעריסן קיין וואלאָקאלאמסק. די נאַצישע הינט זיינען אנטלאָפן. דאָס זעלבע נאַצישע אָפיצערל מיט דער חזיר'שער מאָרדע, וועמען זשעניא האָט געהאט אָנגעשפּיגן אין פּנים, און וועלכער פלעגט האלטן אין איין ווידערהאָלן: — מאָסקווא — קאפּוט! רוס — קאפּוט! — איז איצט אריינגעפאלן אין א גרוב מיט וואסער און האָט זיך צעשריען אויף א וויינענדיג קול:

— גערמאניא — קאפּוט! אוי, קאפּוט!

ווען די טאנקיסטן זיינען אריינגעפאָרן אין צענטער פון שטאָט, האָבן זיי דערזעען די אכט אויפגעהאנגענע. די טאנקיסטן זיינען ארויס פון די טאנקען, האָבן אראָפּגענומען די היטלען און זיינען צוגעגאנגען צו די תליות, אויף וועלכע עס האָבן זיך געהוידעט די קערפּערס פון די אויפגעהאנגענע: קאסטיא פּאכאמאָוו, פּאוול קיריאקאָוו, וויטיא ארדינארצעוו, וואניא מאלענקאוו, קאליא גאלאטשקין, שורא לוקאווינאיא-גריבקאווא, זשעניא פּאָלטאוווסקאיא און ניקאָלאַי קאגאן.

מען האָט אראָפּגענומען די קערפּערס פון די אויפגעהאנגענע.

און דער דערציילער ווענן אָט דעם מארטירער-קאפּיטל שרייבט אזוי:

„מיט ווייטאָג און מיט צערטלעכקייט האָט דער יונגער קאָמאנדיר אויסגערופן: אונזערע טייערע, חברים אונזערע...

דער קאָמאנדיר האָט מיט זיין מאנטל צוגעדעקט די פּיס פון שורא'ן, וועלכע זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין שטיקער אייז. ער האָט די פּיס צוגעדעקט מיט אזא צערטלעכקייט ווי א ברודער דעקט איין א קלענער שוועסטערל, וואס ציטערט פון קעלט. דערנאָך האָט

ער זיך אויסגעקערט צו די רויט-ארמייער. זיין געזיכט איז געווען פול מיט צארן און ער האט אויסגעשריען:

— שלאכט-מענער! רויט-ארמייער! לאמיר נעמען נקמה פון די פאשיסטישע אויסוואורפן! לאמיר נעמען נקמה פון די מערדער!

— מיר וועלן נעמען נקמה! — האבן אויסגעדונערט ווי א רוף די יונגע שטימען, וואס זיינען געווען פול מיט לײדנשאפט, צארן און קראפט".

און די דערציילונג פון דער מארטירער-געשיכטע פארענדיגט זיך אזוי:

„...אין דעם וואלקאלאמסקער שטאטישן פארק, לעבן לע-ניני׳ס מאנומענט, רוען אין א ברייטן ברודער-קבר אכט געטרייע זין און טעכטער פון דעם סאוועטישן פאטערלאנד, בלוט פון דעם בלוט און פלייש פון דעם פלייש פון דעם פאטערלאנד. קיין זאך איז ביי זיי נים געווען טייערער פון דער סאוועטישער ערד. זיי האבן אלע גע-טרוימט וועגן דער ליכטיגער צוקונפט פון דער מענטשהייט און זיי האבן אט דער צוקונפט געווידמעט זייערע יונגע לעבנס.

„א פלאמיגע זון באגיסט דעם קבר מיט אירע שטראלן. צו נקמה רופט אט דער ברודער-קבר, צו אומדערשראקנקייט רופט ער און צו אן אומקאמפראמיסלעכן קאמף!

זיי פארשאלטן, דו שווארצער פאשיסטישער שרץ, וואס דער-לאזט נים אז אלץ, וואס איז ליכטיג און מענטשיש אויף דער ערד, זאל קאנען אטעמען. מיר האסן דיך. מיר האסן דיך און דערפאר וועלן מיר זיגן!"

זיי קאנען ליבן און זיי קאנען האסן. זייער האס האט זיי פאר-וואנדלט אין ריזן. זייערע רויט-ארמייער זיינען ווי לייבן אויף דעם שלאכט-פעלד; זייערע פליער זיינען ווי מעכטיגע אדלערס אין דער לופטן און זייערע פארטיזאנען זיינען נקמה-נעמער, וועלכע ברענען די טריט פון דעם שונא און שוינען נים דאס אייגענע לעבן, אבי צו קאנען אנטאן וואס מער שאדן, אבי צו קאנען טויטן וואס מער ארייגדרינגער, אבי צו קאנען העלפן דערנענטערן דעם טאג פון זיג. אזעלכע קעמפער קאן מען נים באזיגן! א פאלק, וואס גיט ארויס אזעלכע קעמפער, קאן מען נים צעברעכן!

פון לאטוויע איז סוף מערץ געקומען דער באריכט פון א פארטיזא-

נישן קאַמף געגן די נאַציישע אַריינדרינגער — פון אַ קאַמף, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינע קרבנות און וואָס שטייגט איבער די מענטשישע פאַנטאַזיע אין שרעקלאַזינקייט.

די „סווענסקא דאַגבלאַדעט", וואָס דערשיינט אין סטאָקהאָלם אין שוועדן, דערציילט דעם 29-טן מערץ הייאָר, אַז די נאַציס האָבן אין איין דאָרף אויפגעהאַנגען 30 פּויערים אויף דער באַשולדיגונג אַז זיי זיינען פּאַרטיזאַנען. אין אַ צווייטן דאָרף האָבן די נאַציס הינגעריכטעט 47 מענער און פרויען אויף דער זעלבער קלאַגע פון פּאַרטיזאַנען-טעטיגקייט און „פאַר העלפן די רוסן".

די צייטונג ניט איבער, אַז אָט די הינריכטונגען האָבן אָבער ניט אָפּגעשטעלט דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין לאַטוויע. די פּויערים זעצן פאָר אויפצורייסן באַנען מיט אַמוניציע און פּראָוויאַנט, וואָס גייען צו דעם לענינגראַדער פראָנט און אין דער ריכטונג צו לעיק אילמען.

די לאַטווישע פּאַרטיזאַנען קעמפן געגן די אַריינדרינגער מיט אַזאַ ענערגיע און טוען אָן אַזויפיל שאָדן, אַז די נאַציס האָבן געפונען פאַר נויטיג אַרויסצושיקן איין עקספּעדיציע נאָך דער צווייטער אין אַ פּאַרזוך צו צעברעכן די פּאַרטיזאַנישע רייען. נאָר אַלע אָנשטרענגונגען פון די נאַציס און זייער גאַנצער בלוטיגער טעראָר געגן די פּאַרטיזאַנען און די פאַמיליעס פון די פּאַרטיזאַנען — האָבן ניט באַוויזן אָפּצושרעקן די בראַווע קעמפער.

וואָס עס ברענט די נאַציס מער פון אַלץ איז דאָס, וואָס די לאַטווישע פּאַרטיזאַנען גייען האַנט אין האַנט מיט די רוסישע קעמפער געגן די נאַציס. אין אַ סך לאַטווישע פּאַרטיזאַנען-אָפּטיילונגען זיינען רוסישע אַרבעטער און פּויערים די פירער. דאָס ברענגען די רוסישע קעמפער זייער דערפאַרונג פון פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון נאָך צוריק מיט יאָרן, ווען זיי האָבן ביים גבורות פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד געקעמפט געגן אַזויפיל שונאים, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט פאַרמאָסטן — ווי די נאַציס פאַרמעסטן זיך איצט — צו פאַרשקלאַפן דאָס סאָוועטישע לאַנד.

די סאָוועטישע קאָמיסיע, וואָס אונטערזוכט נאַציישע פאַרברעכנס אין די אָקופּירטע געגנטן, הויבט-אָן פאַרעפנטלעכן פאַקטן, פון וועלכע עס שטעלן זיך די האָר קאַפּויר. מיט יעדן נייעם דיסטריקט, וואָס ווערט באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי, קומען צו אַלץ נייע באַווייזן, אַז די

סאדיסטישע נאַצים האָבן זיך פאַרנומען אויף דעם וועג פון פשוט אויס-ראָטן די נאַנצע באַפעלקערונג פון די פאַרנומענע געגענטן.

דעם 6-טן אַפּריל היי-יאָר האָט די „אַסאָסיעיטעד פּרעס" געבראַכט אַ באַריכט פון מאָסקווע, אַז די דאָרטיגע ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן איינ-צעלהייטן פון דעם, וואס די אויספאָרשונג קאָמיסיע האָט ביז איצט פעסטגעשטעלט. צווישן אַנדערעס האָט דער מאָסקווער ראַדיאָ-בראָדקעסט געזאָגט:

„אין דער געשיכטע איז ניט באַקאַנט נאָך אַזא פאַל פון אויסראָטונג פון מענטשן ווי די אויסראָטונג, וואס די נאַצים האָבן דורכגעפירט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד." דער באַריכט אויף דער ראַדיאָ האָט ווייטער דערקלערט: „היטלער׳ס אַרמיי פייניגט און דערמאָרדעט אַלע, וועלכע די נאַצים באַטראַכטן פאַר אומנויטיג פאַר זיך. אַלע, וועלכע קאָנען אַר-בעטן, ווערן אַוועקגעטריבן ווי פּי צו די שקלאַפן-מערק אין דייטשלאַנד".

דער באַריכט רעכנט אויס אַזעלכע איינצעלהייטן:

אין וויאַזמאַ זיינען 34 מענער און פרויען געצוואונגען געוואָרן דעם 10-טן דעצעמבער, 1942, אויסצוגראָבן זייערע אייגענע קברים.

דעם 7-טן יאַנואַר היי-יאָר זיינען 100 אידישע מענער, פרויען און קינדער דערשאָסן געוואָרן אין סיטשעווקע. שפּעטער זיינען אַלע איינ-וואוינער פון סיטשעווקע, וועלכע זיינען געווען קראַנק מיט טיפוס, פאַר-ברענט געוואָרן לעבעדיגערהייט.

אין איין שטאָט האָט די רויטע אַרמיי, ווען זי איז אַהין אַריין, גע-פונען 3,000 קערפּערס פון ציווילע מענטשן און פון רויט-אַרמייער אין אַ קאַנאַווע.

די אָנקלאַגע רופט אָן 15 גענעראַלן, צווישן זיי דעם גענעראַל היינ-ריץ, דעם הויפּט פון דער נאַצישער 4-טער אַרמיי, און 7 מיליטערישע קאָמענדאַנטן אַלס די, וועלכע זיינען פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די גרוילטאַטן.

די געשיכטע פון 2 העלדישע פּאַרטיזאַנקעס

אַלס אַ מוסטער פון גרעניצלאָזן העראָאיזם פון די סאָוועטישע פרויען אין דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף קאָן דינען די געשיכטע פון די צוויי יונגע מיידלעך, מאַריאַ פּאָליוואַנאָוואַ, 19 יאָר אַלט, און נאַטאַליאַ קאָווצאָוויאַ, 21 יאָר אַלט, וועלכע האָבן געקראָגן פון דער סאָוועטן-מלוכה די אויסציי-כענונג „העלדן פון דער סאָוועטן-פאַרבאַנד".

די נייעס וועגן זייער באַלוינונג מיט דעם הויכן טיטול איז געקומען אין מערץ היי־יאָר. צום באַדויערן האָבן די יונגע העלדינס ניט דערלעבט צו זען ווי דאָס לאַנד שאַצט אָפּ זייער בראַווקייט און געטריישאַפט אין דעם קאַמף געגן דעם שונא. די יונגע העלדינס זיינען געפאַלן אין קאַמף, שיסנדיג אויף די מערדער ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג און אויפרייסנדיג זיך אַליין, אבי ניט אריינצופאלן צו די בעסטיעס אין די לאַפּעס.

מאַריא און נאַטאַליע זיינען די ערשטע צוויי פרויען צו קריגן אַזאַ אויסצייכענונג פון דער סאָוועטן־מלוכה.

די צוויי ליכטיגע העלדינס זיינען געווען שול חבר׳טעס און צוזאַמען זיינען זיי אַוועק קעמפן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט אלס סנאַיפּערס. זייער שרעקלאָזע אַנטשלאָסנקייט צו טויטן וואָס מער שונאים און זייער געשיגקייט אויף דעם געביט איז געווען אַזוי גרויס, אז זיי האָבן באַוויזן אָפּצוראַמען פון דער ערד ניט ווייניגער ווי 300 נאַציס.

געאַרבעט האָבן די צוויי קעמפערינס לויט א דערפינדונג, וואָס זיי האָבן אַליין געמאַכט. די דערפינדונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביינאַכט פלעגן זיי זיך אונטער־גנב׳ענען גאָר נאָענט צו די רייען פון דעם שונא. זיי פלעגן צובינדן אן אויטאָמאַטישע ביקס צו א בוים. צום ביקס פלעגן זיי צופעסטיגן א לאַנגן דראָט. לעבן דעם בוים פלעגן זיי אַוועקשטעלן א טשוטשעלע. אליין פלעגן זיי זיך באַהאַלטן ארום א 200 פוס פון דעם בוים. אין דער פרי פלעגן זיי א צי־טאָן דעם דראָט און ווען די ביקס פלעגט אויסשיסן, פלעגט זיך באַלד באַווייזן דער קאָפּ פון א נאַצישן סנאַיפּער, וועלכער פלעגט נעמען זיך ארומקוקן אויף אויסצוגעפינען פון וואַנען מען שיסט. אין אַ דער מינוט פלעגן די צוויי העלדישע סנאַיפּערינס באַלד אָנהויבן שיסן אויף דעם נאַצי. זייער דערפינדונג האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין אַזויווירקזאַם, אז מען האָט גענומען אָנווענדן דעם זעלבן מעטאָד אויך אויף די אנדערע סעקטאָרן, וואו פּאַרטיזאַנען האָבן אין די וועלדער געלויערט אויף דעם שונא.

די ביידע העלדינס זיינען אומגעקומען ווען דער שונא האָט זיי ארומגערינגלט מיט א גרויסער מחנה סאָלדאַטן. ווען די יונגע מיידלעך האָבן דערזען, אז זיי קאָנען זיך שוין ניט רעטן, האָבן זיי זיך ארומגענומען און א שליידער געטאָן די האַנט־גראַנאַטן, וואָס זיי האָבן ביי זיך געהאַט. זיי

זיינען אויפגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל פון די נאַציישע סאָלדאַטן.

אָט דאָס איז דער גייסט, וואָס באַהערשט די סאָוועטישע פרויען, וועלכע גייען אין פייער פון פּאַרטיזאַנישע קאַמפן זייט ביי זייט מיט די בראַווע מענער, וואָס שליסן איין די זין פון אַלע סאָוועטישע פעלקער.

קאפיטל 13.

אידן אין דעם פארטיזאנישן קאמף

מער ווי אלע פעלקער האבן די אידן מיליאנען אורזאכן צו האסן דעם פאשיזם מיט א ברענענדיגן האס און צו טאן אלץ אין זייערע כוחות, אז די היטלערישע באנדעס און די גאנצע היטלערישע סיסטעם זאלן וואס שנעלער אפגעמעקט ווערן פון דער ערד.

היטלער האט דערקלערט, אז ער וועט פיזיש אויסראטן די אידן. היטלער האט גענומען דורכפירן ספעציעלע געזעצן אין דייטשלאנד אויף צו פארביטערן דאס לעבן פון די דארטיגע אידן. היטלער האט גענומען בארויבן די דייטשע אידן פון אלץ, וואס זיי האבן פארמאגט. די היטלערישע באנדעס האבן גענומען איזדעקעווען זיך איבער די אידן. צענדליגער טויזנטער אידן זיינען געווען געצוואונגען צו פארלאזן דייטשלאנד, איבערלאזנדיג אלץ, וואס זיי האבן פארמאגט. טויזנטער זיינען פארשפארט געווארן אין קאנצענטראציע לאגערן און א סך פון די פארשפארטע זיינען דארט פארפייניגט געווארן צום טויט. א סך זיינען באגאנגען זעלבסטמארד. נאר די אלע אויסנאם-געזעצן, די פלינדערייען פון אידיש האב און גוטס, די אלע פארפאלגונגען און פייניגונגען זיינען ווי א טראפן אין ים אין פארגלייך מיט דעם, וואס די היטלערישע באנדעס האבן געטאן און טוען טאג-טעגלעך צו די אידן אין די באזיגטע לענדער. עס איז א געשיכטע פון בלוט-פארגליווערנדיגע פארברעכנס, פון אמת'ן קאניבאליזם, פון גרויליגע פייניגונגען און פון דער פיזישער פארניכטונג פון א גאנץ פאלק.

די גרעסטע פאנטאזיע וואָלט קיינמאָל זיך ניט געקאָנט געווען פאָר-שטעלן אז עס איז מעגלעך צוצוטראכטן אזא סאדיסטישן אופן פון פיי-ניגן און פארניכטן מענטשן, ווי די נאציס טוען עס אין באצוג צו אידן. ווען מען לייענט די באריכטן וועגן דעם, ווי די נאציס מאָרדן אוים די אי-דישע באפעלקערונג אין פוילן, ווייס-רוסלאנד, אוקראַינע און אזוי ווייַ-טער, — גלויבט זיך גאָר ניט אז אזא זאך זאָל מעגלעך זיין. די בא-ריכטן ווערן אבער איבערגעגעבן פון די, וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן דאָס צוגעזען. די באריכטן ווערן באשטעטיגט דורך דאָקומענטן. מען געפינט אָפט ביי נאצישע קריגס-געפאנגענע בריוו און בילדער, וואס ווייזן אז די גרויליגע באריכטן וועגן די פייניגונגען און פארגוואלטיגונגען זיינען ניט אויסגעטראכט.

עס גיסן זיך טייכן אידיש בלוט. אידן ווערן לעבעדיגערהייט בא-גראָבן. אידן מוזן אליין גראָבן זייערע קברים. אידישע מאמעס און טעכטער ווערן פארגוואלטיגט פאר די אויגן פון זייערע אייגענע. אידישע קינדער ווערן צעריסן און ווערן געוואָרפן אין פייער. אידן ווערן פאר-שפארט אין די געטאָס אויף אויסצוגיין פון הונגער. אידן ווערן געטריבן אויף שקלאפן-ארבעט און ווערן באהאנדלט פון די נאצישע אויפזעער ערגער ווי מען באהאנדלט חיות.

אין א גאנצער ריי שטעט האָבן די נאציס אויסגעהרג׳עט די גאנצע אידישע באפעלקערונג. דאָס איז געווען דער פאל אין מינסק, זשיטאָ-מיר, כארקאָוו, קיעוו, אָדעס און נאָך און נאָך. בלויז אין עטלעכע חדשים נאָך זייער אָנפאל אויף דעם סאָוועטן-פארבאנד האָבן די נאציס אויס-געמאָרדעט העכער א מיליאָן אידן. עס וואקסט די געפאר, אז אויב די נאציס זאָלן קאָנען לאנג געוועלטיגן אין די געביטן, אויף וועלכע זיי האָבן ארויפגעלעגט זייער לאפע, וועלן זיי פולשטענדיג פארניכטן די גאנצע אי-דישע באפעלקערונג, ניט איבערלאָזנדיג לעבעדיג קיין איין מאן, פרוי, אָדער קינד.

איז דען א וואונדער, אז ביי אזא צושטאנד זאָלן די אידן פילן, אז עס איז פאר זיי א פראגע פון לעבן און טויט צו העלפן פארניכטן די נאציס?

אין די מערב אייראָפייאישע לענדער איז די צאָל אידן ביים אויס-ברוך פון דער מלחמה געווען פארהעלטניסמעסיג קליין. די מערסטע פון די דאָרטיגע אידן זיינען פארשפארט געוואָרן אין קאָנצענטראציע-

לאַנערן, אָדער זיי זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן אין געטאָס אין פּוילן. עס איז דערפאר ניט מעגלעך צו זאָגן צי אידן שפּילן א באדייטנדיגע ראָל אין דער אונטערערדישער באוועגונג אין נאָרוועגיע, בעלגיע, פראנקרייך, אָדער אנדערע לענדער. עס רייסט זיך דורך א נייעס דאָ און דאָרט וועגן אידן, וועלכע נעמען אן אנטייל אין דער אונטערערדישער באוועגונג אין פארשיידענע לענדער. אין די אָקופּירטע סאָוועטישע טעריטאָריעס שפּילן אבער די אידן א גאָר וויכטיגע ראָל אין דעם קאמף געגן די נאַציזישע בעסטיעס. צוזאמען מיט אלע איינוואוינער פון די ציוויליזירטע פּאַרכאפּטע געגענטן גייען די אידן אין פייער אריין אויף אָנצוטאָן דעם שונא געברוינטע צרות.

ניט נאָר אידישע מענער זיינען אוועק אין די וועלדער צו פירן פון דאָרט א פּארטיזאנישן קאמף, נאָר אויך אידישע פרויען און קינדער באַטייליגן זיך אין דעם אונטערערדישן קאמף, וואס קאָסט דעם שונא אזוי טייער.

אידישע פּאַרטיזאַנישע העלדן אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד

די גאנצע געשיכטע פון דעם פּארטיזאנישן קאמף וועט ערשט גע־שריבן ווערן מיט יאָרן שפּעטער, ווען דאָס לעבן וועט ווערן נאָרמאל, ווען

די נאַצים שערן־אָפּ אַ פּוילישן אידן די באָרד.

פעלקער וועלן זיך ווידער נעמען צו פרידלעכער בוי-ארבעט, נאָר פון דעם, וואס מען ווייסט שוין איצט, איז קלאָר ניט נאָר דער ריזיגער פאַרנעם פון דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין די פאַרכאַפּטע סאָוועטישע טעריטאָריעס אין אַלגעמיין, נאָר דער אידישער אנטייל אין אָט דעם קאַמף. לאָמיר דאָ פאַרצייכענען אַ צאָל פאַקטן:

ווען די מלוכה האָט אין 1942 ביי עטלעכע געלעגנהייטן באַשאַנקען אַ צאָל פּאַרטיזאַנען מיט אָרדנס פון דער רויטער פאָן, זיינען צווישן די העלדן געווען די פאָלגענדיגע אידן: דוד מינדלין, יאָסעף ווענעראָוויטש, שמואל סווערדלאָוו, אברהם פריידמאַן, אברהם וויינאַקור, משה זאַראַיסקי, נחום קאַמאַוואַי, יַנקל ראַכלין, יודע פריילעך, יצחק בענציאָנאָוו, משה שאַפּיראָ, דוד גערשאַנאָוויטש, יוסף לאַפּידוס, חיים קושניר, גריגאָרי סענדעראָוויטש, מרדכי זינגער, מרים ריווקין און ראָזאַ גוזמאַן.

אָט די צוויי אידישע פרויען, וואס האָבן געקראָגן דעם אָרדן פון דער רויטער פאָן, זיינען ניט די איינציגע אידישע פרויען צווישן די פּאַרטיזאַנען. אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז אויך גוט באַקאַנט דער נאָמען פון דער אידישער פּאַרטיזאַנקע רייזל טייטלבוים, וואס טראָגט דעם צונאָמען „די באַלעבאָסטע פון די בריאַנסקער וועלדער". זי איז די אָנפירערין פון אַן אָפּטיילונג פון פּאַרטיזאַנען, וואס אָפּערירט אין די וועלדער לעבן בריאַנסק.

אַ אידישע פרוי, וואס איז ניט נאָר אַ פּאַרטיזאַנקע, נאָר איז נאָך אַן אָנפירערין פון אַ וואַלד-בריגאַדע — דאָס איז דאָך באמת אַ וואונדער איבער וואונדער! ניט אומזיסט איז „די באַלעבאָסטע פון די בריאַנסקער וועלדער" געוואָרן אַזוי באַליבט און אַזוי באַרימט אין גאַנצן סאָוועטן-פאַרבאַנד.

אָט וואס עס האָט דערציילט וועגן איר דער סאָוועטישער פּאָעט איציק פעפער ווען ער איז לעצטן פרילינג געקומען אויף אורלויב פון דעם פראָנט:

„אין איין שטעטל האָבן די נאַציס אריינגעטריבן אַלע אידן
אין דער שול און זיך געגרייט צו פאַרברענען זיי לעבעדיגערהייט.
פּלוצים איז אָנגעקומען די „באַלעבאָסטע" מיט אירע פּאַרטיזאַנען,
צעטריבן די נאַציס און געראַטעוועט די אידן."

דער אוקראַאינישער שרייבער קאָרנעיטשוק, דער אויטאָר פון דער באַרימטער מלחמה-פּיעסע „פראָנט", האָט דעם 19-טן מאַי דערציילט אין

קויבישעוו וועגן דער גרויסער וועלדישקייט פון די אידישע פּארטיזאנען. צווישן אנדערעס האָט קארנעיטשוק דערציילט אזוי:

„מען באגעגנט אידישע קעמפער כמעט אין יעדער פּארטיזא-נישער אָפּטיילונג. אין איין אָרט האָב איך געטראָפן א אידישן פאָטער, א מוטער און צוויי זין, וועלכע האָבן זיך באטייליגט אין פּארטיזאנען-קאמף אין וואלד אין די קאלטסטע מאָנאטן פון לעצטן ווינטער."

די לעגענדאַרע פיגור פון כאסיע דער פּארטיזאנקע

א אידיש מיידל מיט דעם נאָמען כאַסיע איז געוואָרן א לעגענדארע פיגור צווישן די פּארטיזאנען. זיי, וועלכע זיינען שוין דורכגעגאנגען דורך פייער און וואסער; זיי, וועלכע האָבן דורכגעפירט אזויפיל העלדישע קאמפן, — זיי האלטן אין איין באוואונדערן די העלדישקייט פון דעם יונגן אידישן מיידל כאסיע. עס זיינען שוין וועגן איר געשאפן געוואָרן לעגענדעס. זי ווערט באטראכט ווי די אידישע זשאן ד'ארק, וואס צינדט אָן מיט מוט און מיט גלויבן די הערצער פון די קעמפער פאר דער פרייהייט פון דעם לאנד.

נאַצים שפּאנען איין אידן אין אַ וואָגן אין פּוילן.

אונטער דער פירערשאַפט פון כאַסיען זיינען אויפגעריסן געוואָרן אַ סך נאַצישע סקלאַדן מיט אַמוניציע, עס זיינען צעשמעטערט געוואָרן בריקן, און מיט דער הילף פון אַן אַנדער אידיש מיידל האָט כאַסיע געפאַנגען אַ נאַצישן פּאָלקאָווניק און אים צוגעשטעלט אַ לעבעדיגן צו די סאָוועטישע פּאָזיציעס.

איינמאָל איז כאַסיע צוויי נעכט געלעגן באַהאַלטן אין אַ גרוב, וואָס איז געווען פול מיט בלוט. זי איז געלעגן אין אַ טייך בלוט און די גאַנצע צייט האָט אויף איר געבליופּעט אַ גאָס-רעגן. זי האָט זיך ניט גערירט ביז איר איז געלונגען דורכצופירן איר אויפגאַבע — צו פאַרניכטן די נאַצישע טעלעפאָן-ליניע.

אַכט מאָל איז כאַסיע דורכגעגאַנגען דורך דעם שונאס פראָנט-ליניעס הין און צוריק און יעדער מאָל האָט זי געבראַכט דער רויטער אַרמיי וויכטיגע אינפאָרמאַציע וועגן דעם שונא. זי איז צוויי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן, נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט איר אַרבעט. ניט אומזיסט זיינען וועגן אָט דער כאַסיען שוין געשאַפן געוואָרן לעגענדעס!

אין די קאַמפן ביים טייך דאָן האָט זיך אויסגעצייכנט אַ מיטליאָריגער איד פון אָדעס, מענדעל טעמעניצער, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און צוגעשטעלט אַמוניציע צו אַ רויט-אַרמייאישער אָפּטיילונג, וואָס איז געווען אָפּגעשניטן פון דער הויפּט-אַרמיי.

ניט נאָר אידישע מענער און פרויען האָבן פאַרשריבן גאָלדענע קאַפּיטלעך פון העראָאיזם און אָפּפערוויליגקייט אין די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן געגן דעם בלוטיגן שונא, נאָר אויך אידישע קינדער האָבן אין אָט דעם קאַמף אַריינגעטראָגן זייער חלק.

אָט איז די געשיכטע פון דעם אידישן אינגל סיאָמאַ גרינבערג. אינגאַנצן איז ער אַלט געווען 12 יאָר, נאָר ער האָט גענומען אויף זיך די געפערלעכע אַרבעט צו טראָגן דאָקומענטן און לאַנד-קאַרטעס צו דער באַלאַגערטער אַרמיי אין סעוואַסטאָפּאָל.

סיאָמאַ האָט ניט אומזיסט גענומען אויף זיך אַזאַ געפערלעכע שליחות. אין זיין קינדיש הערצל האָט געברענט אַ פייער פון צאָרן און אַ דורשט צו נעמען נקמה פון די נאַצים. ער האָט צוגעזען ווי צוויי נאַצישע אָפיצערן האָבן זיין מוטער אויסגעטאָן נאַקעט, זי גענעצט ביי זיך

אויף די קני און זיך מיט איר פאָטאָגראַפירט און דערנאָך זי פאַר-
גוואַלטיגט.

סיאָמאַ האָט געטריי געטאָן זיין אַרבעט ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון די נאַציס. זיי האָבן אים געקרייציקט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעצונדן דעם קרייץ און זיי זיינען אַוועק, מיינענדיג אַז דאָס אינגל איז שוין פאַרברענט. אַ גרופּע סאָוועטישע מאַטראָסן האָט אים געראַטעוועט און אים צוגענומען אין אַ שפּיטאָל. פון די שרעקלעכע איבערלעבונגען איז סיאָמאַ אינגאַנצן גרוי געוואָרן. ער זעט אויס ווי אַ זקן, נאָר זיין דורשט צו נעמען נקמה פון די שענדער און מערדער איז נאָך גרעסער ווי פריער. דער זעלבער דורשט ברענט אין די הערצער פון מיליאָנען, וועלכע וועלן סוף כל סוף פאַרניכטן אַלע אַריינדרינגער און ניט איבערלאָזן קיין איינעם פון זיי אויף דער סאָוועטישער ערד.

אין דעם גרויסן פאַרמעסט נעגן די פינסטערע נאַציס שרייבט די רויטע אַרמיי אַריין איין גלענצענדיג קאַפּיטל נאָך דעם צווייטן. צוהילף דער אַרמיי קומט דער וואונדערבאַרער קאַמף פון די פּאַרטיזאַנען, צווישן וועלכע די ראָל פון די אידישע קעמפער איז אַ גאָר באַדייטנדיגע.

אויך ניט־סאָוועטישע אידן באַטייליגן זיך אין פּאַרטיזאַנישן קאַמף

מיר האָבן צווישן די אידישע פּאַרטיזאַנען ניט נאָר די, וועלכע האָבן אין לויף פון אַרום אַ פערטל יאָרהונדערט געלעבט אין די סאָוועטישע באַדינגונגען פון פולשטענדיגער פעלקער-גלייכהייט, נאָר מיר האָבן אויך די אידן, וועלכע האָבן בלויז פאַרזוכט דעם טעם פון דער סאָוועטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. מיר האָבן צווישן די פּאַרטיזאַנען די, וועלכע זיינען געוואָרן אַ טייל פון דעם סאָוועטישן אידנטום אין דער צייט, ווען דער סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט געבראַכט פרייהייט צו מערב-אוקראַינע און צו מערב-ווייס-רוסלאַנד אין 1939. ווען אָט די באַפרייטע טעריטאָריעס און זייער באַפעלקערונג זיינען אַריינגעפאַלן צו היטלער׳ן אין די לאַפּעס אין 1941, האָבן זיי ניט אָנגענומען די שקלאַפעריי, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן. זיי האָבן אַלע — אוקראַינער, ווייס-רוסן, אידן — גענומען קעמפן נעגן דעם שונא מיט אַלע מיטלען. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די באַפעלקערונגען פון די באַלטישע לענדער. אויך דאָרטן זיינען אידן פאַרטראָטן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. לאָמיר זיך דאָ באַקענען מיט דער געשיכטע פון זעליג דוקשיצקי,

וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען אין ליטע. דוקשיצקי איז געווען א העברייאישער לערער אין פּאַלעסטינע. ער איז געפאָרן אויף א באזוך צו אייגענע אין דעם שטעטעלע דאלהינאָוו לעבן ווילנע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין דאלהינאָוו האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און די נאַציס האָבן באלד פארפּלייצט גאַנץ ליטע מיט זייער מיליטער. צוזאמען מיט אנדערע אידן איז דער פּאַלעסטינער העברייאישער לערער פארבליבן ביי די נאַציס אין די לאַפּעס, פאראורטיילט צו פּייניגונגען און צו אויסראָטונג.

די אידן האָבן אבער געוויזן, אז זיי זיינען ניט גרייט צו גיין צום טויט ווי שעפּסן, וואס מען פירט צו דער שחיטה. צוזאמען מיט אַנ-דערע טיילן פון דער באַפעלקערונג זיינען די אידן אוועק אין די פעלדער צו פירן א פּאַרטיזאַנישן קאַמף. צוזאמען מיט א סך אנדערע אידן איז דוקשיצקי אויך געוואָרן א פּאַרטיזאַן.

אין א בריוו, וואס האָט זיך דורכגעריסן פון אים צו אייגענע אין תל אביב, אין פּאַלעסטינע, ווערט דערציילט ווי ער באַטייליגט זיך אין דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף. ער דערציילט אויך אז אין אפּריל און אין מאַי 1942 האָבן די נאַציס אויסגעה׳רג׳עט אין דעם שטעטעלע דאלהינאָוו 3,100 אידישע נפשות.

און אָט זיינען עטלעכע פּאַרטרעטן פון אידישע פּאַרטיזאַנען און עפּיזאָדן פון זייערע העלדישע אויפטואונגען.

דער זיידע לייזער

אין דער צייטונג „איינינקייט", וואָס גייט ארויס אין קויבישעוו, דערציילט דער באַטאַליאָן-קאָמיסאַר מ. זערניצקי די פאָלגענדיגע געשיכטע וועגן דעם זעכציג-יאָריגן פּאַרטיזאַן לייזער:

„ער איז אַלט געווען זעכציג יאָר, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגע-הויבן. געוואוינט האָט ער אין סמאָלענסקער געגנט — א האָרעפּאַשנער מענטש, ווי מיליאָנען אנדערע סאָוועטישע מענטשן. ער האָט געהאַט א נאָמען אלס א געניטער שלאָסער.

לייזער׳ס זין זיינען אוועק אויפ׳ן פראָנט. די פרויען און קינדער זייערע — לייזער׳ס אייניקלעך — האָבן ניט באוויזן צו עוואַקואירן זיך און זיינען אריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשישע מערדער.

אייניגע איז געלונגען ארויסצורייסן זיך פון פאַשיסטישן גהינום. מיט

גרויל האָבן זיי דערציילט, ווי אזוי די פאשיסטן האָבן פארפייניגט פיל טויזנטער מענטשן און צווישן זיי אויך לייזער'ס שניר און אייניקלעך.

דערשלאָגענע פונ'ם גרויסן בראָך, איז דעמאָלט דער אלטער עטלע־כע טעג ניט ארויסגעגאנגען פון שטוב. זייער פארביטערט איז געווען לייזער, און געגעבן האָט ער זיך א וואָרט, אז ער וועט קיינמאָל ניט פאר־געסן און קיינמאָל ניט שענקען די אויסוואורפן פאר'ן פארגאָסענעם אומ־שולדיגן בלוט פון זיינע שניר און אייניקלעך. און דאָ האָט דער שונא זיך צוגערוקט אלץ נעענטער און נעענטער צו זיין היים־שטאָט. איז לייזער אוועק אין א פארטיזאנישן טייל.

אין פארטיזאנישן טייל האָט מען זייער גיך ליב באקומען דעם אלטן. געלעבט האָט לייזער אין פארטיזאנישן טייל אין שטענדיגן פיבער און אייִלעניש, ווי ער וואָלט מורא האָבן דורכצולאָזן יעדע געלעגנהייט צו הרג'ענען איין פאשיסט. איינגיכן האָבן אלע פארטיזאנען אָנגעהויבן קוקן אויף אים, ווי אויף א געטרייען און צאַרטן טאַטן פונעם גאנצן טייל.

אינעם טייל האָבן אלע געדענקט דעם פאַל, ווען די דייטשן האָבן מיט גרויסע קרעפטן באדראָט א ישוב, וועלכן עס האָט פארטיידיגט בלויז א קליין הייפל רויטארמייער. שלאָגן זיך נאָך לענגער האָט שוין ניט געהאַט קיין זין. און עס איז באשלאָסן געוואָרן, אז אָפּטרעטן זאָלן די רויט־אר־מייער אונטער דער פארצוימונג פון א גרופּע פארטיזאנען אונטער לייזערס קאָמאנדע. לייזער האָט דענסטמאָל פון זיין גרופּע אָפּגעשיקט אין הינטערלאנד אלע יונגע פארטיזאנען און זיך געלאָזט בלויז די עלטערע.

— יונגע, — האָט ער געזאָגט, — וועט מען דארפן צו מער שווערע קאמפן.

צערייצט פון די פיל אָנפליען פון די פארטיזאנען, האָבן די דייטשן איינגיכן מיט נייע קרעפטן אונטערגענומען אן אָנגריף אפן טייל, אין וועלכן דער אלטער לייזער האָט זיך געפונען. דער דאָזיגער טייל האָט געפירט שלאכטן אין ענגן קאָנטאַקט מיט די נאָענטע טיילן פון דער רויטער ארמיי.

געווען איז א גרויסע געפאר, אז די דייטשן וועלן דורכרייסן די שוץ־ליניע, וואס די פארטיזאנען האָבן פארנומען. איינהאלטן די שוץ־ליניע איז געוואָרן אלץ שווערער און שווערער. די פארטיזאנען זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן צו א נייעם שוץ־פונקט, און דאָ האָבן זיך אויף זיי ארויפגעוואָרפן די פאשיסטישע בעסטיעס. פון ארטילעריע האָבן זיי

שטארק באשאפן די נייע פאזיציעס, וואס די פארטיזאנען האבן געהאט בדעה צו פארנעמען. די לאגע איז געווען זייער אן ערנסטע.

אין סאמע געפערלעכסטן מאמענט האבן די פארטיזאנען אומגעריכט זיך אנגעשטויסן אויף אן אויסבאהאלטענעם דייטשישן פאנצער-אויטאמאביל און האבן אים פארכאפט איידער די נאציס האבן געקאנט צו־קומען און אים ארויסרייסן פון די הענט פון די פארטיזאנען. ביים אלטן לייזער האבן זיך אנגעצונדן די אויגן. געשווינד האט ער זיך פאר־קליבן אין פאנצער-אויטאמאביל און שנעל, מיט אויגן פון א געניטן שלאסער, ארומגעקוקט דאס שיס-געווער און דעם מאטאר. ארויסגעוויזן האט זיך, אז אלץ איז דארט אין דער פולער ארדענונג. אין פאנצער-אוי־טאמאביל האט דערצו זיך נאך געפונען גענוג קוילן און פארשיידן געווער.

— נו, — האט לייזער געזאגט — איצט וועלן די דייטשן דערפילן דעם טעם פון זייער אייגענעם פאנצער-אויטאמאביל!

ניט צו דערקענען איז געווען דעם אלטן, אזוי אויפגערודערט און ערנסט איז ער געווארן. ער האט דערקלערט:

— איך וועל ניט ארויס פונעם פאנצער-אויטאמאביל אזוי לאנג, ווי עס וועלן קלעקן קוילן. אויב עס וועט האלטן שמאל, וועל איך א לעבעדיגער אין די הענט פונעם שונא זיך ניט אפגעבן. מיט דער לעצ־טער גראנאטע וועל איך אויפרייסן דעם פאנצער-אויטאמאביל צוזאמען מיט זיך.

אונטער דעם באשיצנדיגן פייער פונעם פאנצער-אויטאמאביל זיי־נען די פארטיזאנען פארשוואונדן אין דער טיפעניש פונעם וואלד.

דער אלטער האט זיין ווארט געהאלטן. זעקס טעג איז ער אפגעווען אין פאנצער-אויטאמאביל און איז בייגעשטאנען דעם אנגריף פון די ווילדע פאשיסטן. זיי האט גאר ניט געקאנט איינפאלן, אז פונעם פאנצער-אויטאמאביל פירט מיט זיי די שלאכט בלויז איין מענטש און דערצו נאך א איד —דער אלטער פארטיזאן לייזער... וויפיל די ווילדע פאשיסטישע שלעק זיינען ניט געקראכן פון דער הויט, האבן זיי זיך פארט ניט דער־ווענגט צוקומען נעענטער, מיינענדיג, אז זיי האבן דא צו טאן מיט גרע־סערע קאמבינירטע כוחות פון דער רויטער ארמיי און פארטיזאנען. אפ־געהאלטן דעם אנגריף פון די היטלעריסטן האט דער אלטער העלדישער פארטיזאן לייזער. צום שלאכט-פעלד האבן באוויזן אונטערצוקומען פרי־

די נאַצישע הענקער צווינגען זייערע קרבנות צו גראָבן אייגענע קברים.

שע טיילן פון דער רויטער ארמיי, און די דייטשן זיינען אָפּגעשליידערט געוואָרן אויף צוריק.

פון מויל צו מויל גיבן איבער די פּארטיזאנען אָט די געשיכטע וועגן דער העלדישקייט און מוט פונעם אידישן פּארטיזאן לייזער."

אברהם בערעזניאק

וועגן אים שרייבט ב. מארק אין דער „איינינקייט" אזוי:

„די שטאָט טשערקאס איז געווען באקאנט מיט אירע געזונטע, שטאַרקע אידן. ווען אין יאָר 1917 האָבן אין טשערקאסער אומגעגנט גענומען הוליען גריגאָריעווס פּאָגראָם-באַנדעס, האָבן די דאָרטיגע אי־דישע ארבעטער אָרגאַניזירט א שטארקע זעלבסטשוץ און האָבן געשלאָגן די שווארצע מאה. מיט דער טשערקאסער זעלבסטשוץ האָבן אָנגעפירט די פיר ברידער בערעזניאק, פיר שטארקע בחורים, שעכטהויז-ארבעטער. צוויי פון זיי זיינען געפאלן ביי די שלאכטן אין 1918.

אויפ'ן 53-טן יאָר פון זיין לעבן, ווען די נאַצי-מערדער האָבן זיך אריינגעריסן אין לאנד, איז אברהם בערעזניאק געוואָרן א פּארטיזאן. אין וועג זיינען אים געשוואָלן געוואָרן די פיס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אויף אָפּרו — ער איז געבליבן אינעם פּארטיזאנישן טייל. דער טייל האָט אָפּערירט אינעם ראַיאָן פון טיראספּאָל, ביי די ברעגן פון דניעסטער.

אמאָל, אין די יונגע יאָרן, האָט אברהם געגעבן א נדר: אוועקלייגן דעם פּאָגראָמשטשיק גריגאָריעוו'ן; א גאנץ לעבן האָט אים פּארדראָסן, וואָס זיין נדר איז געבליבן נישט אויסגעפילט. איצט האָט ער זיך איינגע־עשקנ'ט אויסצופילן דעם נדר מיט פּראָצענט: אוועקלייגן א דייטשישן גענעראל אָדער כאפּן אים א לעבעדיקן. אָנפאנג זומער האָט גראד זיך געמאכט אזא געלעגנהייט. זיין פּאטריזאנישער טייל האָט באקומען אן אויפגאבע — אויפרייסן דעם בריק איבער'ן דניעסטער הינטער טיראספּאָל אין דעם מאָמענט, ווען עס וועלן דורכפאָרן נייע דייטשיש-רומענישע מי־ליטער-טיילן מיט זייער שטאב. דער אלטער בערעזניאק האָט זיך איינ־גע'עקשנ'ט: ער אליין מוז אויספירן די אויפגאבע, ער מוז טרעפן אין א סאמאָרדנעם גענעראל.

אין דער פינסטערניש פון דער נאכט האָט ער זיך פאר'גנב'עט צום בריק, אונטערגעלייגט דעם דינאמיט מיט די קנויטן, דורכגעצויגן א לאנגן דראָט, זייער א דינעם — מיט'ן אויג וועסטו עס ניט אָנזען, —

און זיך פאַרטאַיעט אין די קוסטעס נישט ווייט פונעם ברעג. פאַרטאָג האָבן געגומען דורכמאַשירן קאָלאָנעס מיליטער — רומענישע פוסגייער און דייטשישע מאָטאָציקליסטן. אינמיטן, אויף א-געוויסן אינטערוואַל, איז אין א דייטשישן מיליטער-היטל געריטן וואַזשנע אויף א פערד א נידעריגער דיקער פאַרשוין מיט א פּנים פון אן אָפּגעפּרעסענעם בולדאָג, און מיט א ברוסט באַדעקט מיט קרייצן. אַרום און נאָך אים — א כאָפּטע דייטשישע און רומענישע אָפיצערן אויף פערד. — אודאי דער גענעראַל, — האָט בערעזניאַק׳ן א זעץ געטאָן א געדאַנק. ער האָט א צי געטאָן דעם דראָט און איז אָפּגעלאָפן איינגעבויגענערהייט. עס האָט זיך דערהערט א פאַרטויבנדיגער קנאַל. שטיקער פייער האָבן פונעם דניעסטער א פלאַם געטאָן צום הימל-אַרויף. באַלקעס און אייזערנע שטאַנגען זיינען געפלויגן אין אַלע זייטן. דער שטאַב מיט׳ן דייטשישן גענעראַל און א היפּש ביסל מיליטער-לייט זיינען צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. דער פאַראויס-מאַרש פון דעם שונא׳ס נייע רעזערוון איז פאַרהאַלטן געוואָרן".

שמעון גימפּעלסאָן

וועגן גימפּעלסאָנען דערציילט א. האַלדעס אַזאַ געשיכטע:

„ער איז געבוירן אין אַלטן פּעטערבורג. זיין זיידע איז געווען א ניקאָלייעווער סאָלדאַט, זיין פאָטער — א שניידער. קינדווייז האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן העלדישע סאָלדאַטן און גרויסע גענעראַלער. אין שטוב ביי זיי האָט מען פיינט געהאַט דעם צאַר, נאָר מען האָט זייער ליב געהאַט רוסלאַנד, ווי עכטע „רוסאַקעס".

אין יאָר 1916 האָט מען שמעונען, דעם יונגיאַריגן וואוקסיגן בחור, גענומען אין דער אַרמיי. ער איז געגאַנגען דינען — אין זיין משפּחה האָט מען ניט געוואוסט, וואָס איז די טייטש פון גיין דינען. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז שמעון מיט זיין טייל געווען אין פּעטראָגראַד. ער איז געווען צווישן די טויזנטער באַוואָפנטע פּאָלקס-מענטשן, וואָס האָבן געשטורעמט דעם ווינטער-פּאַלאַץ. דערנאָך האָט ער אויף אַלע פראָנטן פון בירגערקריג געקעמפט, ביז מען האָט אים אין 1920 דעמאָביליזירט, ווי א שווער פאַרוואונדעטן. מיט לייב-און-לעבן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פרידלעכער בוי-אַרבעט.

ווען היטלער איז אָנגעפאַלן, האָט מען שמעונ׳ען אין אַרמיי ניט גע-רופן צוליב זיין עלטער און געזונט-צושטאַנד. ער איז אַבער ניט פון די,

וואָס אין א צייט, ווען דער שונא איז ביי די טויערן, ווארט ער, ביז מען וועט אים רופן. ער איז אוועק פרייווילליג אין א באטאליאָן, וועלכער האָט נעהאט די אויפגאבע אויסצוראָטן דייטשישע דעסאנטן. אין יולי האָט ער זיך שוין געפונען אין היטערלאנד, אין א פארטיזאנישן טייל. אין איי־נער א זומערדינער נאכט איז ער אינאיינעם מיט זיינע חברים אָנגעפאלן אויף א דייטשישן „אָבאָז", דערשאָסן די באגלייטער און פארכאפט דאָס דייטשישע געווער. אין יענער שלאכט איז ער פארוואונדעט געוואָרן. מיט אויסבאהאלטענע וועגן האָבן אים פויערים געבראכט קיין לענינגראד. אויפ׳ן וועג האָט ער זיך אומעטום אָנגעשטויסן אויף בלוטיגע סמנים פון פאשיסטישער אכזריות. ער האָט געזען חורבות, וואו ערשט ניט לאנג האָט געבליט דאָס לעבן. אין א קורצער צייט ארום, ווען מען האָט אים אויסגעשריבן פון שפיטאָל און באשלאָסן אים צו באפרייען אויף זעקס חדשים, האָט ער דעם באשלוס ניט אָנגענומען.

— איר קאָנט מיך באפרייען, — האָט ער דערווידערט, — נאָר איך באפריי מיך ניט.

אידן אויף שקלאפן־אַרבעט אין פוילן.

געזאָגט און געטאָן. ער איז ווידער אוועק צום פּיינט אין היטער-לאַנד, וואו ער איז געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנישן טייל.

איינמאָל, ס'איז שוין געווען ווינטער, האָט צום פראָנט געגומען זיך באַוועגן אַ קאָלאָנע מאָטאָריזירטע דייטשישע אינפאַנטעריע. מען האָט באַדאַרפט אָננעמען אַלע מיטלען, אַז די קאָלאָנע זאָל ניט צוקומען צו די פּאָזיציעס. עטלעכע פּאַרטיזאַנישע טיילן האָבן זיך פאַראייניגט, צווישן זיי איז געווען אויך גימפּעלסאָנס טייל. זיי האָבן געמינעוועט די בריקן און די וועגן. אַ פּאָר קילאָמעטער פאַר די געמינעוועטע ערטער האָבן זיי פון אַ באַהאַלטעניש באַשאָסן די דייטשן, כדי יענע זאָלן זיך צואיילן און, ניט האָבנדיג קיין צייט זיך אומצוקוקן, זאָלן זיי וואָס גיכער אַרויף אויף די מינעס און אויפגעריסן ווערן. אַזוי איז טאַקע געשען. ביי דער אָפּעראַציע איז שמעון ווידער פאַרוואונדעט געוואָרן. איצט האָבן די דאָקטוירים שוין געוואָלט אינגאַנצן אים באַפרייען, נאָר ער האָט אויף דעם באַשלוס ניט געוואָלט איינגיין.

— כל זמן איך אָטעם, — האָט ער דערווידערט, — וועל איך ניט אויפהערן צו שלאָגן דעם דייטש.

שמעון גימפּעלסאָן האָט פון וואָס פאַרביטערט צו זיין. די מלחמה האָט צעבראָכן זיין פּערזענלעכן לעבן. ער האָט איבער די פאַשיסטן פאַרלוירן זיין פרוי און זיין קינד. נאָר ער גיט זיך ניט אונטער.

מיט שטאָלץ און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן זאָגט ער: „לענינ-גראַד האָבן זיי ניט גענומען! לאַ מיט אַ ספּאָדעק! לענינגראַד נעמט מען ניט!..."

נאַציישע גרוילטאַטן אין באַצוג צו אידן

אין וועליזש אין וויטעבסקער גובערניע, האָבן די נאַצים דורכגעפירט אַ מאַסן-שחיטה אויף אידן. פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג האָבן זיך געראַטעוועט בלויז 17 מענטשן.

ווען די נאַצים זיינען אַריין אין וועליזש האָבן זיי פאַרטריבן אַלע אידן אין געטאָ. אין אַ חזיר-שטאַל האָבן די נאַצים אַריינגעשפּאַרט 900 אידן. די אַנדערע האָבן זיך געוואַלגערט אין גאַס פון דער געטאָ. צענדליגער זיינען טעגלעך אויסגעגאַנגען פון הונגער און פון קעלט. אינגאַנצן זיינען אין דער געטאָ געווען 1,440 אידן. טעגלעך האָט מען אַרויסגעפירט גרופּן אידן און זיי דערשאָסן.

איידער די דייטשן זיינען אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט ווען די

רויטע ארמיי האט געהאלטן אין דערנענטערן זיך צו דעם פונקט, אין דעם חזיר-שטאל, באגאסן דעם שטאל מיט קעראסין און אים אונטערגעצונדן. בלויז 17 אידן האבן זיך צופעליג געראטעוועט. אלע אנדערע זיינען אומגעקומען אין די שוידערלעכסטע אנגסטן.

שרייבט א טאכטער צו איר רוסישן פאטער אויף דעם פראנט, דערציילנדיג אים וועגן אט די מערדערייען אין באצוג צו אידן אין וועליזש, און זי זאגט:

„פאפא! פארטיליג אט די סוואסטיקא-חיות! זאל דיין האנט ניט מיד ווערן אויסצוראטן די פאשיסטישע מערדער!“

אוקראינישע פארטיזאנקע ראטעוועט אן אלטן אידן פון די הענט פון נאצישע פייניגער

און אז מיר דערמאנען שוין די באציאונג פון א מיידל, וואס שרייבט צו א רוסישן טאטן, אז ער זאל נעמען נקמה פאר די אומגעבראכטע אידן, ווען מיר שוין אויך ברענגען דעם פאל מיט אן אוקראיניש מיידל, א פארטיזאנקע, וועלכע האט געראטעוועט אן אלטן אידן, וואס איז שוידערלעך געפייניגט געווארן פון די נאצישע סאדיסטן.

עס איז געווען אין דארף וואזניטש. די נאצים האבן דאס דארף פארכאפט. דא האט געוואוינט דער אלטער נאטע, וועלכן דאס גאנצע דארף האט ליב געהאט און געאכטעט. זיין פרוי און זיין איינציגער זון זיינען געשטארבן און דער אלטער האט געלעבט אליין מיט זיין אייניקל, דעם יונגן שאמע. שאמע איז איצט געווען אין דער רויטער ארמיי.

פון דעם זעלבן דארף האט געשטאמט די פארטיזאנקע טאניע, וועגן וועלכער מיר וועלן דא דערציילן.

ווען די נאצים זיינען אריין אין דארף, האבן זיי זיך גאר דערפרייט אז דא איז דא א איד, איבער וועלכן מען וועט זיך קאנען איזדיעקעווען.

און איצט לאמיר לייענען וואס דער באקאנטער סאוועטיש-אידישער שרייבער איליא ערענבורג דערציילט אין דער ציטונג „אייניגקייט“:

צווישן אלע דייטשישע העסלעכקייטן און מערדערייען, וואס די

וואָזניטשיער דאָרפסלייט האָבן זיך אָנגעזען, מעג פאַרעכנט ווערן אויך דאָס אומפאַרגעסלעכע חוזק מאַכן איבערן אַלטן נאָטע׳ן.

אין אָנהויב זיינען דורך די אופגעפּראַלטע פענצטערלעך פון זיין שטיבל געפלויגן קליידער, בעטגעוואַנט. דערנאָך האָט זיך געעפנט די טיר, ווי ביים אַרויסלאָזן אַ לויה, און צוויי בלאָנדע צעהוליעטע דייטשוגעס מיט לויזע ווייסלעכע פנים׳ער האָבן אַרויסגעפירט דעם אַלטן נאָטע׳ן. די הענט זיינען אים געווען געבונדן אַהינטער און ביים קליינעם נאָך ניט איינגאַנצן גרוי געוואָרענעם בערדל זיינען צוגע-בונדן מיט דינע שטריקלעך געהאַנגען צוויי קיילעכדיגע פאַרזשאַווער-טע געוויכטלעך: אן איין-פונטיגס און א צוויי-פונטיגס. די געוויכט-לעך האָבן מיט זייער אייזערנער האַרטקייט זיך אָפגעקלאַפּט איינס אָנעם צווייטן, געצויגן ביים אַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און אים געריסן ביז בלוט די הויט איבער דער באָרד.

טאָניע, איידער זי איז אַוועק אין פאַרטיזאַנישן טייל, וואָס האָט

נאַצישער פּלאַקאַט זאָגט, אַז אידן און לייז פאַרשפּרייטן טיפוס.

זיך געפונען ניט ווייט פון דאָרף, האָט נאָך באַוויזן צוצוזען ווי אַזוי מע האָט דעם אַלטן נאָטע׳ן געמאַטערט. פאַר אירע אויגן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען דאָס בילד, ווי מע פירט אים אין שטאַלכל. דאָס האָט זי די ערשטע פאָר טעג אין פאַרטיזאַנישן טייל ניט געלאָזט רו-ען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט איינמאָל זיך איבערגעטאָן אין די קליידער פון א דייטשישן סאָלדאַט, וועלכן די פאַרטיזאַנען האָבן אַוועקגעלייגט. די סאַמע נויטיגע דייטשישע ווערטער האָט זי געקענט פון דער שול, וואו זי האָט די גאַנצע צייט געלערנט דייטש. זי האָט מיטגענומען מיט זיך א האַלבע פלאַש בראַנפן. דער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער איז געווען מיט איר די לעצטע צייט. מיט איר איז מיטגעלאָפן איר קליין הינטל.

די האַלבע, ניט דערטרונקענע פלאַש בראָנפן האָט איר געדאַרפט פאַר-בייטן דעם פּאַראָל. אָט איז זי, צום ביישפּיל, א יונג דייטשל און איז כלומרשט שיכור׳לעך און זינגט זיך אונטער א פריילעך לידל. אויף אַזא אופן קאָן מען דורכקומען מיט דער וואַך, וואָס וועט זיך אויך ניט אָפּזאָגן געבן א פאָר שלונג גלייך פון דער פלאַש.

דאָס הינטל האָט אָבער אָפּגעקערעוועט פון וועג און איז אַוועקגעלאָפן צו די גערטנער. טאָניע האָט זיך א וואַקל געטאָן אויף א רגע, צי זי זאָל אים נאָכגיין, און זי איז אַוועק מיט דער סטעזשקע אין די קרויט-גערטנער. זי איז אַזוי דערגאַנגען ביז צום הויף פונם געוועזענעם דאָרפסראַט. אין די פאָדערשטע פענצטער פונעם דאָרפסראַט איז געווען ליכטיגלעך, ווי דאָרט וואָלט זיך געלויכטן ערגעץ אין צווייטן צימער. פריילעך איז געווען מיט א צען הייזער ווייטער אין א נייער שטוב. דאָרט האָט מען קאָנטיג גע׳שיכור׳ט, געהוליעט און געטאַנצט.

טאָניע האָט מיט ציטערדיגע הענט אָפּגעדרייט דאָס שלעסל פון שטאַל-כעל. איר האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדאַכט, אַז די שטאַל איז גאָר אינגאַנצן ליידיג. דערנאָך האָט זי דערהערט א שטילן, טיפן קרעכץ און זי האָט אָפּ-געזוכט אין דער פינצטער דעם אַלטן נאָטע׳ן, וואָס איז געווען צוגעבונדן מיט שטריק צו דער וואַנט.

— זיידענקע, — האָט אים טאָניע א שעפּטשע געטאָן אויפן אויער.
— דאָס בין איך, אַנטאָנינאַ, דו קאָנסט דאָך מיך. זאָלסט גיין רואיג צום טאָל. איך וועל דיר נאָכגיין. זי האָט אים אָפּגעבונדן די הענט און אים אַרויסגעפירט. זי איז נאָכגעגאַנגען הינטן מיט אַן אָנגעשטעלטן רעוואָל-

ווער, פּונקט ווי זי וואָלט געטריבן דעם אַלטן פּאַרויס, ביז זיי זיינען אומ־געשטערט אַרויס פון דאָרף.

דורך אַ זייטיג ווינציג אָנגעזען שטעגעלע זיינען זיי אַראָפּ אין טאָל אַריין. דאָרטן האָט טאַניע געגעבן דעם אַלטן נאָטע׳ן אַ לעק בראָנפן אויף באַנעצן די ליפּן, און זיי זיינען אַוועק מיטן יאר — אַהין, וואוהין ניט יע־דער האָט געקאָנט און געמעגט וויסן דעם וועג.

איבערן דאָרף האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז דעם אַלטן נאָטע׳ן האָט אַ יונג דייטשל אַרויסגעפירט צו די מאָהילקעס און אים דאָרט דערשאָסן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָס דאָרף מיט פריידן זיך דערוואוסט, אַז דער אַלטער נאָטע לעבט און איז אינאיינעם מיט נאָך אַ פּאָר אַלטע לייט ביים אַבאָז פון דער פּאַרטיזאַנישער מחנה.

אין קורסק איז געבליבן בלויז איין איד

די „אינטערקאָנטינענט ניוס" האָט דעם 2־טן מערץ היי־יאָר אַרויסגע־שיקט אַ באַריכט פון מאָסקווע וועגן דעם, אַז איידער די נאַציס האָבן פאַר־לאָזט קורסק איז אַ ספּעציעלער סקוואַד פון מערדער אַרויסגעשיקט געוואָרן אויסצוי׳הרג׳ענען אַלע אידן ביז איינעם. מיט דער גרעסטער פּינקטלעכ־קייט האָבן די קאַלטבלוטיגע רוצחים דורכגעפירט זייער אויפגאַבע. זיי זיינען געקומען אין די שפּיטאָלן מיט ספּעציעלע ליסטן און דאָרט דער־שאָסן יעדן אידן, וועלכן זיי האָבן דאָרט געפונען. בלויז איין איינציגער איד האָט זיך געראַטעוועט. ער איז געלעגן אין שפּיטאָל קראַנק מיט טי־פוס. אויך אים האָבן די נאַצישע קוילער ניט געוואָלט לאָזן צווישן די לע־בעדיגע, נאָר די קראַנקן־שוועסטער זיינען געפאַלן אויף אַן איינפאַל — זיי האָבן דעם קראַנקן אויסבאַהאַלטן און האָבן דערקלערט די נאַציס אַז דער איד איז מיט אַ נאַכט פריער געשטאָרבן.

אַזוי איז פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין קורסק פאַר־בליבן בלויז איין איד.

דעם 4־טן מערץ, 1943, האָט די „איטא" באַריכטעט אַז אין יוגאָסלאַ־וויע זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן 85,000 אידן. די גאַנצע אידישע באַ־פעלקערונג פון יוגאָסלאַוויע האָט געציילט 80,000 נפשות. אַהער זיינען אויך געקומען 6,000 פּליכטלינגען, וואָס זיינען געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן געפירט. ניט מער ווי אַרום טויזנט אידן זיינען געבליבן לעבן אין יוגאָסלאַוויע צום סוף פון חודש יאַנואַר.

דער באַריכט פון דער יוגאָסלאַווישער גלות-רעגירונג, וואָס גיט אָן אָט די ציפערן פון דער שוידערלעכער אויסראָטונג פון די יוגאָסלאַווישע אידן זאָגט:

„די אייַנצעלהייטן פון דער בעסטיאַלער גרויזאַמקייט און סאַדיזם מיט וועלכע די 85 טויזנט אידן זייַנען אויסגעקוילעט געוואָרן, זייַנען אַזוי שרעקלעך, אז מען קאָן געווירט ווערן פון זינען".

ווי די סאָוועטישע אידן קוקן אויף דעם פאַרטיזאַנישן קאַמף

אין עדיטאָריעל אין דער צייטונג „אייניקייט" דערציילט וועגן דעם, ווי די סאָוועטישע אידן שאַצן אָפּ די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון דעם פאַר-טיזאַנישן קאַמף. גלייכצייטיג ווייזט אונז דער עדיטאָריעל די ראָל פון די אידן אין אַלע פאַזן פון דעם קאַמף געגן דעם שונא. טאָ לאָמיר זיך דאָ באַקענען מיט אַ גרעסערן אויסצוג פון דעם עדיטאָריעל:

„איינער אַ פאַשיסטישער קאָרעספּאָנדענט אויפן מערב-פראָנט האָט אין היטלער'ס לייב-בלעטל „פעלקישער בעאָבאַכטער" געשריבן, אז די



NR. 115.

Voorn. | Gesl.nm. a. ___ b. ___

Geboren op ___ gem. Amsterdam land Ned

Laatste woonplaats in het Groot-Duitsche Rijk of in het Gouvernement-Generaal van het bezette Poolsche gebied: ———

Nation.: Ned

Vroegere nation.: ———

Kerkelijke gezindte: geen

Beroep of werkzaamheid: zonder

Gehuwd met: ongehuwd Gesch. Overl.

Aantal joodsche grootouders in den zin van art. 2 der Verordening: vier

BEWIJS VAN AANMELDING,

als bedoeld in artikel 9, eerste lid, van de Verordening No. 6/1941 van den Rijkscommissaris voor het bezette Nederlandsche gebied, betreffende den aanmeldingsplicht van personen van geheel of gedeeltelijk joodschen bloede.

*

De ondergeteekende, ambtenaar voor de aanmelding, verklaart dat de aan keerzijde aangeduide persoon, opgenomen in het Bevolkingsregister dezer gemeente, heeft voldaan aan de verplichting tot aanmelding volgens de bovengenoemde Verordening.

Afgegeven op ___

in Gemeente ___

De Burgemeester,

אַ רעגיסטראַציע-קאַרטל פאַר אידן אין האָלאַנד.

פּאַרטיזאַנען זיינען די ערגסטע קללה פאַר דער דייטשישער אַרמיי אין הינטערלאַנד. זיי וואַקסן, די פּאַרטיזאַנען, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. עס איז ניטאָ די קראַפט, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד „צו מאַכן זיי צורעכט". פאַריאָגט מען זיי פון איין ווינקל, באַווייזן זיי זיך פון אַ צווייטן. יעדעס וועלדל, יעדער קוסט איז פאַר זיי אַ פאַרפעסטיקונגס-פּונקט. עס איז אומעגלעך אויסצוהיטן זיך פון זייערע אויסשפּירער. אויף איר טריאומ-פאַלן זיגער-מאַרש איבער לענדער און קאָנטינענטן — קלאָגט זיך דער קאָרעספּאָנדענט — האָט די דייטשישע אַרמיי קיינמאָל און אין ערגעץ ניט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ אָנשיקעניש. אויב אין די אָקופּירטע לענדער האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, קומט עס דורכאויס פאַר אונטער דער ווירקונג פון די געשעענישן אויפן דייטשיש-סאָוועטישן פראָנט. דער קאָרעספּאָנדענט קומט צום שלוס, אַז אויב דער קאָמאַנדשאַפט פון דער דייטשישער אַרמיי וועט ניט געלינגען אויסצוגעפינען אויסערגעוויינטלעכע מאַסמיטלען, ווי צו פּאַראַליזירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, זיינען אַלע זיגן אונטער אַ גרויסן פראַגע-צייכן.

אַז די היטלערישע פּרעסע איז שוין געצוואונגען אַזוינס צו שרייבן, באַווייזט עס, וואָס פאַר אַן אומגעהויערן באַטייט די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג האָט אין קאַמף געגן שונא.

פון דעם ערשטן טאָג אָן פון דער פאָטערלענדישער מלחמה ווייזן די פּאַרטיזאַנען אַרויס וואונדער פון גבורה, שרעקלאָזיגקייט און דער-פינדערשקייט אין דערגיין די יאָרן די היטלערישע באַנדיטן אין הינטער-לאַנד. פון איינצעלנע גרופּעס, אויפגעקומענע ספּאָנטאַן, זיינען די פּאַרטי-זאַנען אויסגעוואַקסן אין אַ ריזיגער פאָלקס-אַרמיי פון נקמה-נעמער; זיי שפּרייטן אין די רייען פון דעם שונא פּאַניק און טויט. ביי די מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין די פאַרכאַפּטע ערטער, פאַרפעסטיגט דער אַליץ וואַקסנדיגער קאַמף פון די פּאַרטיזאַנען דעם גלויבן און די זי-כערקייט אין אַן אומפאַרמיידלעכן זיג איבער די פאַרהאַסטע פאַרכאַפּערס.

עס גייט ניט אַוועק אַ טאָג, אַז די סאָוועטישע פעלקער זאָלן ניט אַרויסרופן פון זייערע אומצאָליגע קעמפער-רייען, צוגלייך מיט די אומ-שטערבלעכע העלדן פון דער רויטער אַרמיי, לעגענדאַרישע העלדן פון צווישן די פּאַרטיזאַנען. צווישן זיי געפינען זיך גרייז-גרויע זקנים און גאָר יונגע לייט. אָט איז אַזאַ הערלעכע געשטאַלט, ווי דער אַכציג-יאָרי-גער קאָלכאָזניק מאַטוויי קוזמין. ער האָט געבראַכט צו פירן אַ דייטשישן

באטאליאָן גלייך אויף א פארבאַרגענעם פּארטיזאנישן קווילנווארפער-נעסט. פּאַכנדיג מיט דער היטל, האָט ער אויסגעשריען צו די פּארטיזאנען: „זינע-לעך, זשאַלעוועט ניט דעם אַלטן מאַטוויי, שלאָגט טויטעט די פּאסקודניא-קעס, אז קיין איין שלאנג זייערע זאָל ניט אוועקפּויזען לעבעדיג!" קוזמין איז אַליין אומגעקומען, נאָר דערביי מיטגעהאָלפן אָפּראמען 250 פאשיס-טישע מערדער.

אין איין ריי שטייט דער 13-יאָריגער אנאטאָלי גילין. אויפן אָנבאָט פון די פאשיסטן צו געבן זיי ידיעות וועגן די פּארטיזאנען, האָט אָט דער יונגיטשקער פּאטריאָט געענטפערט: „מיך וועט איר ניט צווינגען צו פאר-קויפן מיין געוויסן. איך האנדל ניט מיט מיין היימלאנד!". פאר זיין מו-טיגן ענטפער האָט גילין באצאָלט מיט זיין קינדיש לעבן אויף דער תליה.

דאָס אידישע פאָלק צייכנט זיך אויך אויס מיט זיין אַקטיוון אנטייל אין דער פּארטיזאנישער באוועגונג. אידישע זין און טעכטער קעמפן אין דער רויטער ארמיי, און אידישע טאטעס און מאמעס, אפילו זיידעס און באָבעס, העלפן זייערע קינדער און אייניקלעך אין די פּארטיזאנישע טיילן. אזוי ארום שטייט ביי אונז ניט אָפּ דער אַלטער דור פון יונגן דור. פונקט ווי ביי אַלע סאָוועטישע פעלקער, וואקסט און פעסטיגט זיך ביי אונזער פאָלק די גאָלדענע קייט פון דריי דורות מוטיגע שלאכטלייט.

דער זעכציג-יאָריגער לייזער פון ווייס-רוסלאנד, וועלכער פּיערט איינער אַליין אויפן שונא זעקס טעג נאָכאנאנד פון א פּאנצער-צוג, פארכאַפּט ביי דעם שונא, און ברענגט דערמיט געווינס פון א וויכ-טיגער שלאכט פאר דער רויטער ארמיי, איז דער שענסטער אויסדרוק פון גרענעצלאָזן פּאטריאָטיזם, פון הויכער באוואוסטזיניגקייט ביי אונזער על-טערן דור. אזעלכע לייזערס זיינען דאָ צענדליגער. זיי שטייען אין איין ריי מיט די יונגע אידישע פּארטיזאנען, אזעלכע, ווי דער טעכני-קער פון מאָסקווער זאוואָד „סערפּ און האמער" ניקאָלאי קאָהאן און דאָס באשיידענע מיידל זשעניע פּאָלטאָווסקי, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאר אויסשפּירונגען אין הינטערלאנד פון שונא. מיט זייער גיין אויף זעלבסטאָפּפערונג אין קאמף נעגן דעם שרעקלעכסטן פון אַלע המן׳ס, דעם צורר שבע׳צורר היטלער, באשיינען די לייזערס די הערלעכע געשטאַלטן פון אונזערע פּאפּערניקס, דיסקינס און גאָרעליקס, און זיי, אָט די יונגע פארדינטספולע העלדן, באשיינען פון זייער זייט די הערלעכע גע-שטאַלטן פון די לייזערס.

עס איז דערפאַר גאָר ניט קיין צופאַל, אַז צווישן די הונדערטער פּאַר-טיזאַנען, וואָס אונזער רעגירונג האָט די טעג באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן, זאָלן אויך ניט פעלן קיין אידישע נעמען. דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל. זייער צאָל מערט זיך, ווייל יעדער סאָוועטישער איד, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, פאַרשטייט, וואָס עס באַדייט פאַר אים די פאָ־טערלענדישע מלחמה, וואָס עס באַדייט פאַר זיין קיום די צעשמעטערונג פון פאַשיזם. יעדער סאָוועטישער איד ווייסט, אַז ער קאָן ניט שטיין אָן אַ זייט פון דעם קאַמף אויף לעבן און טויט פאַרן גורל פון זיין לאַנד, במלא פאַרן גורל פון זיין פאָלק, העלפט יעדערער מיט דעם קאַמף לויט זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, — אָפט איבער די כוחות און מעגלעכקייטן, — ווער דירעקט אויף די פאָדערשטע שלאַכט-פּאָזיציעס, ווער אין הינ-טערלאַנד ביי דעם שונא, ווער מיט סטאַכאַנאָווישער אַרבעט אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער קולטור-בויאונג.

די באַלוינטע אידן פּאַרטיזאַנער יודע פריילעך, מיריאָם ריווקי-נאַ, און די אַנדערע, רופן זיך איבער מיט די הונדערטער אידן שלאַכטלייט פון דער רויטער אַרמיי, אַזעלכע, ווי אהרון קושנירעאָוו, עליע פאָלקאָוויטש און זייער גלייכן, מיט די באַלוינטע אידן דירעקטאָרן פון קריגס-פאַבריקן, ווי איזראעל לעווין, אברהם ביכאָווסקי, יעקב יוסים און זייערע חברים, מיט די אידן אין דער וויסנשאַפט, ווי די אַקאַדעמיקער לינע שטערן, בערנ-שטיין, פרומקין, און אין דער קונסט, ווי פּנחס סאַבסיי, א. ערענבורג, ס. מאַרשאַק און פיל אַנדערע.

אָט די יחוס׳דיק-גאָלדענע קייט פון דריי דורות מוטיגע שלאַכטלייט אויף אַלע געביטן און אין אַלע ווינקלען פון לעבן שאַפט ערע און רום אונ-זער פאָלק.“

טאָדרעס קרעל:

אַ פּאַרטיזאַנען־ליד

אין די זון־טעג, אין די שניי טעג
רופט מיך מיין פאַרשוועכטע ערד,
אין מיין בלוט גייט אויף איר וויטיק —
ברענט איר צאָרן אויף מיין שווערד...

פליט מיין לעבן אין געשלעגג,
צו די פרעסט בין איך געוואוינט,
פון דער זון ווער איך פאַרברוינט,
היימיש זיינען אַלע וועגן!

אינעם וואַלד און אינעם טאָל
פּאַרטיזאַנען אָן אַ צאָל.
ווינטער... שנייען. ווייסער וואַלד,
ס'איז אין רוסלאַנד זייער קאַלט,

ציטערן די וועלף די ברוינע.
ווילדער וואַלד און טיפער שניי, —
איז דעם שונא אָך און וויי!
ס'פליען קוילן אינעם שונא,
ווערט אים וואַרעם אַפן שניי!

זומער... גראָזן. גרינער וואַלד.
זומער איז באַ אונדז ניט קאַלט.
וואָס־זשע פאַלט אין וואַלד דער שונא
מיט אַ סוויסטש און מיט אַ גוואַלד?

און אין הייסע טעג אזוינע
איז אים ווידער זייער קאַלט...
ס'פליען קוילן אינעם שונא
פונעם וואלד און פונעם טאָל...
פּאַרטיזאַנען אָן א צאָל!

אין די זון־טעג, אין די שניי־טעג
שלאָפט ניט, רוט ניט אונדזער שווערד, —
און מיר צאָלן פאַרן ווייטעק,
פאַרן בלוט, וואָס שרייט פון דר'ערד!

פאַר די אָפּגעברענטע פּלויטן,
פאַר די קינדער אפן מיסט,
פאַר די הונדערט טויזנט טויטן,
וואָס עס טראָגט אונדז דער פאשיסט...

צוגעשיקט צו דער צייטונג „אייניגקייט" פון א אידישן פּאַרטיזאַן.
קוּיבישעוו, סאָוועטן־פאַרבאַנד.

קאַפּיטל 14.

די גריכן גיבן זיך ניט אונטער

ווען מוסאָליני האָט פּרובירט אליין באַזיגן גריכנלאַנד, האָט ער טייער באַצאָלט און האָט דאָס קליינע לאַנד ניט באַזיגט. היטלער איז מוסאָליני׳ן געקומען צו־הילף און מיט פאַראייניגטע כוחות איז געבראָכן געוואָרן דער ווידערשטאַנד פון די גריכישע אַרמייען, נאָר דער קאַמף פון דעם גריכישן פאָלק האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ווייל דער גייסט פון דעם פאָלק איז ניט געבראָכן געוואָרן.

ווען די נאַציס זיינען אריין אַלס זיגער אין דער הויפּט־שטאָט פון גריכנלאַנד, האָבן זיי באַפוילן דעם היטער פון דער פאָן אויף דעם אַקראָפּאָליס אַרונטערצונעמען די גריכישע פאָן און אַרויפציען די פאָן מיט דער סוואַסטיקאַ. אנשטאָט צו פאָלגן די אַריינדרינגער, האָט דער וועכטער זיך איינגעוויקלט אין דער גריכישער נאַציאָנאַלער פאָן און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַראָפּשפּרינגענדיג פון דעם הייליגן באַרג.

די נאַציס האָבן דעמאָלט אליין אַרויפגעצויגן זייער פאָן, און כאָטש

ΔΟΞΑ

ΕΚΔΙΔΕΤΑΙ ΑΠΟ ΤΗΝ ΠΑΝΕΛΛΗΝΙΟ ΕΝΩΣΙ ΑΓΩΝΙΖΟΜΕΝΩΝ ΝΕΩΝ

Ἀριθ. φύλλου 2 — Ἀθῆναι Ἀπρίλιος 1942

27 ΑΠΡΙΛΙΟΥ 1941 - 27 ΑΠΡΙΛΙΟΥ 1942

Οἱ μεγάλες συμφορὲς εἶναι βουβές. Κανένας λόγος, κανένα μοιρολόϊ, κανένας θρῆνος δὲν τοὺς δίνει λυτρωμό, γιατὶ ὅλα μπροστά τους εἶναι ἀσήμαντα . . 'Ο πόνος ἐὰν γιγαντωθῆ στερεύει καὶ τὰ δάκρυα, ἡ φρίκη, σὰν ὁλοκληρωθῆ, μόνο στὸν ἄφωνο τρόμο βρίσκει τὴν ἔκφρασή της.

Τί νὰ πούμε σήμερα: Τὸ ἀντίκρυσμα τοῦ

σας πιστεύοντας ὅτι εἴσαστε οἱ πνευματικοὶ ἀρχηγοὶ τοῦ Ἔθνους. Ἀπευθυνόμαστε σὲ σᾶς, ποὺ μέχρι τώρα καθισμένοι στὶς ἀναπαυτικὲς πολυθρόνες τοῦ γραφείου σας εἴχατε τὴ φαεινὴ ἰδέα νὰ δίνετε τὶς κατευθυντήριες γραμμὲς ποὺ πρέπει δῆθεν νὰ ἀκολουθήση τὸ Ἑλληνικὸ Ἔθνος. Ἀπευθυνόμαστε σὲ σᾶς προπαντός, γιατὶ τώρα ποὺ ξέσπασε ἡ μπόρα στὰ κεφάλια

אַ גריכישע אונטערערדישע צייטונג.

זיי האָבן אוועקגעשטעלט א וואך, איז די זעלבע נאכט די פאָן אראָפּגעריסן געוואָרן.

ווען די אקופּאנטן האָבן געוואָלט וויזן וואס פאר א העלדן זיי זיינען און האָבן געבראכט קיין אַטען א צאָל ענגלישע מלחמה-געפאנגענע און זיי געצוואונגען קערן די גאסן, האָבן די גריכישע פרויען זיך געוואָרפן מיט די פויסטן אויף די נאצישע סאָלדאטן און זיי געשריען אין פּנים אריין:

— אָט די סאָלדאטן זיינען בראווע מענער און זיי האָבן בראוו גע-קעמפט צו העלפן זייערע פריינט. דאָס, וואָס איר צווינגט זיי איצט צו טאָן, איז א דערנידערונג ניט פאר זיי, נאָר פאר אייך.

די פרויען האָבן צוגענומען די בעזימער ביי די ענגלישע מלחמה-געפאנגענע און האָבן זיך אליין גענומען ריייניגן די גאסן. דערווייל האָבן זיך אָנגעזאמלט ריזיגע מחנות מענטשן, וועלכע האָבן געשריען הורא פאר די ענגלישע סאָלדאטן.

די נאציס האָבן מורא צו געבן א סיגנאל אין אַטען ווען אן אָנ-קומענדיגער לופט-באָמבארדע מצד ענגלישע פליער, ווייל די גאנצע בא-פעלקערונג קומט ארויס אויף די דעכער צו באגריסן די, וועלכע קומען באָמבארדירן זייער שטאָט.

איין פרוי האָט צו אן אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט געזאָגט אין אַטען אָט וואָס:

— מיר זיינען גרייט אלץ איבערטראָגן פאר דעם זיג, וואס דערנע-ענטערט זיך. מיר זיינען אפילו גרייט, אז מען זאָל אונז באָמבארדירן ביז אין גיהנום אריין.

אין איין שטאָט האָט מען פארשמירט מוסאָליניס פּאָרטרעט, וואס די אריינדרינגער האָבן אויפגעהאנגען ביים אריינגאנג צו דער מוניצי-פּאַלער געביידע. עס איז ארויפגעלייגט געוואָרן א שטראָף פון צען דראכמעס אויף יעדן איינעם פון דער באפעלקערונג. אין דער באשטימ-טער שעה האָט זיך אָנגעהויבן ציען א ריי פון מענטשן. יעדער איינער איז געקומען באצאָלן זיין שטראָף, נאָר אנשטאט 10 דראכמעס, האָט יעדער איינער געבראכט 20 דראכמעס. מיט אן ערנסטער מינע האָבן זיי דערקלערט, אז דאָס באצאָלן זיי אין פאָראויס פאר דעם, וואס זיי וועלן ווידער טאָן מיט מוסאָליני׳ס בילד און ווייל זיי ווילט זיך פאר-שפּארן די צייט ניט צו דארפן קומען נאָך אמאָל צו צאָלן די שטראָף.

אין קריט זיינען נאַצישע אָפיצערן געזעסן און גע׳משפט א צאָל גריכישע פּויערים, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן מיט געווער אין די הענט. פּאַרטיזאַנען זיינען איבערגעפאַלן די געביידע, וואו דער משפט איז אָנגעגאַנגען, האָבן דער׳הרג׳עט די וועכטער, האָבן באַפרייט די גע־משפּטע און האָבן גענומען די נאַצישע אָפיצערן אלס משכנות.

גרויסע מחנות גריכן זיינען אוועק אין די בערג און פירן פון דאָרט אָן זייער פּאַרטיזאַנישן קאַמף.

די שבועה פון די גריכישע פּאַרטיזאַנען

א כאַראַקטעריסטיק פון דעם גייסט, וואס באַהערשט די אונטער־ערד־קעמפער אין גריכנלאַנד, גיט אונז די פאָלגנדיגע שבועה פון גריכישע פּאַרטיזאַנען:

„יעדער גריך מוז קעמפן!

„יעדער גריך מוז פאַרניכטן דעם שונא אויף יעדן מעגלעכן אופן און אויף ווי ווייט ער קאָן דאָס נאָר באַווייזן!

„יעדער גריך מוז זיין גרייט צו שטאַרבן, אָבי ניט איבערצו־געבן דעם שונא קיין שום אינפאָרמאַציע.

„יעדער גריך מוז נעמען נקמה.

„די אריינדרינגער מוזן דערטרונקען ווערן אין זייער אייגן בלוט.

„גריכנלאַנד מוז לויכטן מיט דעם פלאַם פון רעוואָלט“.

דאָס גריכישע פאָלק פירט אויס אָט די שבועה ווי עס איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אָט דעם קאַפּיטל פריער. די העלדישקייט פון זיימוס איז אין דעם גייסט פון אָט דער שבועה. אין אָט דעם גייסט זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַזויפיל אויפרייסן אויף באַנען, אַז די נאַציס האָבן אין גריכנלאַנד איינגעפירט די סיסטעם פון צווינגען פּראָמינענטע גריכן צו פאָרן אויף די באַנען, וואָס פירן נאַצישע סאָלדאַטן. אויך דאָס איז ניט שטענדיג קיין באַוואָרעניש פאַר די נאַציס, ווייל אָפט פּאַסירט אז די גריכן שפּרינגען אראָפּ פונקט צו דער מינוט איידער די באַן ווערט אויפ־געריסן.

די געשיכטע פון דעם העלדישן אָפיצער זיימוס

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט, וואָס באַהערשט די קעמפער אין גריכנלאַנד, איז די געשיכטע מיט דעם „טויטן“ גריכישן אָפיצער, וועל־כער איז געוואָרן דער פירער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג.

זיין נאָמען איז לואיס זיימיס. ער איז געווען איינער פון די סאַמע באַרימטסטע לופטפליער אין גריכנלאַנד. צוויי מאָל האָבן די נאַציס אים נעכאַפּט און צוויי מאָל איז ער פון זיי אַנטלאָפן. ער האָט זיך אויס־באַהאַלטן אין די בערג און אויף וויניג-באַזעצטע אינזלען. די נאַציס האָבן געוואוסט אַז ער איז ערגעץ אין לאַנד און זיי האָבן אים אַרומגע־זוכט ווי מיט ליכט. ענדלעך האָבן זיי אים געכאַפּט צום דריטן מאָל. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איצט זאָל ער זיך גאַנץ פון זייערע הענט שוין ניט אַרויסדרייען. זיי האָבן אים שווידערלעך געפּייניגט, אים אויסגעבראָכן די הענט, מיט די שטיוול צעטראָטן זיין פּנים. זיין קערפּער איז געוואָרן איין גרויסע וואונד.

ער האָט שוין ניט געשריען, ניט געקרעכצט און אפילו ניט געאָטעמט מער. די נאַציס האָבן באַשלאָסן, אַז ער איז שוין טויט און אַז זיי זיינען שוין פון אים פּטור געוואָרן, נאָר זיי האבן געהאַט א טעות.

זיימיס האָט נאָך געלעבט. ביינאַכט האָבן גריכישע פישער אים אַרויסגעראַטעוועט און אים אוועקגעפירט אין א זיכערן פּלאַץ, וואו מען האָט פּרובירט אביסל שטילן זיינע ווייטאָגן. קיינער האָט ניט דערוואַרט, אַז ער וועט בלייבן לעבן, נאָר ער איז יאָ געבליבן לעבן. ער איז פאַר־בליבן א קאַליקע, א צעבראָכענער שאַרבן. ווען ער איז אין א געוויסן טאָג אָנגעקומען קיין אַטען, האָט קיינער פון זיינע פריינט אים ניט דער־קענט.

מען האָט אים אָנגענומען פאַר א צעדרייטן, וועלכער שלעפּט זיך אַרום איבער די קאַפעיען און בעטלט. קיינער האָט אים ניט געשיינקט קיין אויפמערקזאַמקייט. די נאַציישע און איטאַליעניש אָפיצערן, וועל־כע האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין אין די רעסטאָראַנען, האָבן געמאַכט שפּאַס פון אָט דעם קאַליקע. ווי האָבן זיי נאָר געקענט טראַכטן, אַז אָט דער צעבראָכענער שאַרבן איז געוואָרן איינער פון די וויכטיגסטע פירער פון דער „אונטערערדישער פּאַטריאָטישער אויסשפּיר-אָרגאַניזאַציע״? ווי האָבן זיי זיך געקאָנט פאַרשטעלן, אַז בשעת ער קומט צו צו א גריך און זאָגט מיט א געבראָכענער שטימע: — גיט מיר א סיגאַרעטל, איך בעט אייך, — איז דאָס נאָר א פּאַראָל פון דער אונטערערדישער באַווע־גונג? דער פאַקט איז אבער, אַז אָט דער קאַליקע איז געוואָרן אַן אָרגאַ־ניזאַטאָר פון ערשטן ראַנג. דער נאָמען פון לואיס זיימיס איז ליב און טייער יעדן איינעם אין גריכנלאַנד, וועלכער איז באַקענט מיט דעם און־

טערערדישן קאמף. דער נאָמען פון לואיס זיימיס איז געוואָרן דער סינאָנים פון העלדישקייט און פון ברענענדיגן האס צום שונא.

די איטאַליענער גיבן צו אָפיציעל, אז זיי האבן פארלאָרן 500 אין דער'הרג'עטע אין די קאמפן מיט די פארטיזאנען. די צאָל פון די איטאַליענישע פארלוסטן איז, נאַטירלעך, א סך, א סך גרעסער. אויך די נאצים צאָלן טייער פאר זייער קומען קיין גריכנלאנד אלס ניט געבעטענע געסט. מען געפינט גאָר אָפט דערשטאָכענע און דערשאָסענע דייטשישע סאָלדאטן אויף די וועגן צווישן די בערג און אפילו אויף די גאסן אין די שטעט.

די נאצים זיינען ווילד פון רציחה און זיי האָבן אין גריכנלאנד אָנגעהויבן די פראקטיק פון אָפמעקן שטעטלעך און דערפער, ווי זיי האָבן דאָס שפּעטער געטאָן מיט לידיצע און טשעכאָסלאָוואקיע. זיי האָבן פארברענט די דערפער — סקין, פראם און קאנדאנאָס און זיי האָבן אויפגעשריבן: „אָט דאָ איז אמאָל געווען דאָס דאָרף סקין, דאָס דאָרף פראם און דאָס דאָרף קאנדאָנאָס". הונדערטער פארטיזאנען זיינען דערשאָסן געוואָרן, נאָכדעם ווי מען האָט זיי געצוואונגען אויסצוגראָבן זייערע אייגענע קברים, נאָר דער קאמף שטעלט זיך ניט אָפּ. פארקערט, ער צעפלאַקערט זיך נאָך מער.

„אין זייער צעיושעטער רציחה" — שרייבט דער גריכישער פירער, סאפאקלס וועניזעלאס — „האָבן די נאצים אויסגעשאָכטן 15,000 מענער, פרויען און קינדער אין סענטאפאָלים, האגיאן, גאזאראס און דאכאטאן... נאָר גאנץ גריכנלאנד ווייסט, אז דער קאמף מוז אָנהאלטן אָן אן אָפּשטעל. מען מוז צעשרויפן דעם שונא'ס נערוון דורך טרייבן אים שטענדיג צו א צושטאנד פון אומרואיגקייט. די נאצישע און איטאַליענישע סאָלדאטן טאָרן ניט האָבן קיין מינוט רו, זיי טאָרן אויף קיין מינוט זיך ניט דערפילן אין גריכנלאנד זיכער און ווי אין דער היים".

דעם 12-טן דעצעמבער, 1942, האָט די „אסאָשיעיטעד פרעס" באַריכטעט אז די נאָצים האָבן היגגעריכטעט 300 גריכן פאר אויפרייסן מיט דינאמיט א וויכטיגן אייזנבאן-בריק לעבן לאמיא, וואס געפינט זיך צווישן אטען און דרום גריכנלאנד.

לויט דעם באריכט פון דער גריכישער גלות-רעגירונג אין לאָנדאָן, זיינען ביז סוף אויגוסט, 1942, אויף דעם אינזל קריט הינגעריכטעט געוואָרן העכער 3,000 גריכן. די, וועלכע ווערן פאראורטיילט צום טויט,

דארפן גראָבן אייגענע קברים. די הינריכטונגען ווערן דורכגעפירט אין די שטעטלעך אין דער אנוועזנהייט פון דער נאַנצער באַפעלקערונג.

דער ענטפער פון די גריכן אויף אַט די אלע עקזעקוציעס איז נאָך אַ פארגרעסערטער קאמף געגן די מערדער. אַט דער קאַמף איז דער אויס-דרוק פון אן אייזערנעם ווילן זיך ניט אונטערצוגעבן דעם שונא. אן אונ-טערערדישע צייטונג אין גריכנלאַנד האָט אין הערבסט 1942 געגעבן פאָלגענדיגן אויסדרוק צו אַט דעם ווילן פון דעם גריכישן פאָלק: „צו פאַרלירן א שלאכט, נאָר ניט צו ווערן אונטערטעניג — אַט דאָס מיינט זיגן!"

די נאַצישע סאָלדאטן אין גריכנלאַנד טאָרן ניט גיין איינצינווייז נאָך 6 פארנאכט. ניט איין נאַצישער סאָלדאט איז פארשוואונדן אין גריכנ-לאַנד אָן א שפּאָר.

ווי אומעטום פרובירן די נאַצים אויך דאָ אָנצופירן „אַן איבערצייי-גונג-קאמפּאַניע". אין אויגוסט, 1942, האָט די גריכישע גלות-רעגירונג אין לאָנדאָן באַריכטעט אז דאָס לאַנד ווערט פארפּלייצט מיט דרוק-מאַ-טעריאַלן, וואָס קומען פון בערלין און וואָס פאָדערן אויף די גריכישע באַפעלקערונג אויפצוגעבן דעם ווידערשטאַנד צו די דייטשן. די פּראָפּאַ-גאַנדע-בלעטלעך זאָגן אז די גריכן דארפן אויפגעבן זייערע „פּאַטאַלאָגישע אילוזיעס" און אויפגעבן זייער ווידערשטאַנד.

אין סעפּטעמבער, 1942, איז באַריכטעט געוואָרן אז די גריכישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט אָרגאַניזירט א ספּעציעלע אָפּטיילונג פון מאַטראַסן, וועלכע פארנעמען זיך מיט ארויסשמוגלען קיין עגיפּטן יונגע מענטשן פון גריכנלאַנד און פון דעם אינזל קריט. אפט ווערט אַט דער שמוגל געפירט מיט דער הילף פון זעגל-שיפלעך, פון מאָטאָר-שיפלעך,


ΜΕΓΑΛΗ ΕΛΛΑΣ

ΟΡΓΑΝΟΝ ΤΗΣ ΣΤΡΑΤΙΑΣ ΣΚΛΑΒΩΜΕΝΩΝ ΝΙΚΗΤΩΝ

Ἀριθ. 10 | Μάϊος | Τιμὴ Δρχ. 20

ΘΑ ΠΕΘΑΝΟΥΝΕ

Τὸ καλοκαιράκι μύρισε γιὰ τὰ καλά. Στὸ Ρωσσικὸ μέτωπο, ἀντὶ νὰ ἐπιτίθενται οἱ Γερμανοί, ἐπιτίθενται οἱ Ρῶσσοι καὶ καταστρέφουν τὴν μία μετὰ τὴν ἄλλη τὶς [illegible]

ἐγκατασταθοῦν στὴν Γερμανία.

Εἶναι, λοιπὸν ἀνάγκη, νὰ πάθμε ἐκ μέρους τοῦ Ἑλληνικοῦ Λαοῦ, μερικὰ πράγματα σ' αὐτούς: τοὺς [illegible] Τίποτε δὲν σᾶς γλυτώ-

א צוויטע גריכישע אונטערערדישע צייטונג.

וואָס ווערן באַטריבן מיט אַלקאָהאָל, און אָפט ריזיקירן די אַנטלויפנדיגע צו פאַרן אויף פּשוטע שיפלעך, אויף וועלכע מען פאָרט אין שטילע וואַסערן פון אַ טייכל.

אַ גרויסע צאָל פון אָט די אַנטלאָפענע באַטייליגט זיך שוין איצט אין די שלאַכטן קעגן די נאַצים אין די ספּעציעל-געגרינדעטע גריכישע באַטאַליאָנען אין אַפריקע.

אַ דאָקומענט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער איטאַליעניש-שער אויבער-קאָמאַנדע אין גריכנלאַנד, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קעמפער אין אונטערגרונד.

דער דאָקומענט הייסט די איטאַליענישע סאָלדאַטן אין גריכנלאַנד צו זיין אויף דער וואַך און ער זאָגט:

„גלויב נישט, אַז ביי דעם שטילן ברעג, אויף וועלכן דו דאַרפסט שטענדיג וואַכן, פאַרנעמט זיך דער פישער בלויז מיט זיינע נעצן. זיי זיכער אַז דו האָסט אומעטום שונאים. אומבאַוואוסט פאַר דיר זיינען אַרום און אַרום דאָ אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען גרייט זיך אַ וואָרף טאָן אויף דיר אומגעריכטערהייט. אָט די אָרגאַניזאַציעס זיינען גוט צוגעגרייט געוואָרן פאַר דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף. זיי טרעטן אַרויס נישט בלויז קעגן אַן איינצעלנעם סאָלדאַט אויף דער וואַך, נאָר אויך קעגן גאַנצע מיליטערישע גאַרניזאָנען.“

סוף פעברואַר היי-יאָר, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַריכט וועגן דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון אַ גריכישן פּאַטריאָט.

דער באַריכט לייענט זיך אַזוי:

„קאַירא, עגיפּטן — אַ מוסטער פון העלדישקייט איז באַוויזן געוואָרן אין אַטען, גריכנלאַנד, ווען געשטאַפּאָ-אַגענטן אין באַגלייטונג פון אַ צאָל סאָלדאַטן זיינען געקומען אַרעסטירן אַ גריכישן פּאַטריאָט. דער גריך, דזשין טזיגאַנטעס, האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט און כאָטש ער איז געווען באַוואָפנט בלויז מיט אַ רעוואָלווער, האָט ער באַוויזן צו דער׳הרג׳ענען 3 סאָלדאַטן און פאַרוואונדעט 2, נאָר ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן לעבעדיגערהייט.“

די אויבערקאָמאַנדע פון דער גריכישער אַרמיי אין מיטל-מזרח האָט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיגע קורצע, נאָר רירנדיגע דערקלערונג:

„דער מאַיאָר דזשין טזיגאַנטעס איז געפאַלן אין שלאַכט דעם 14-טן יאַנואַר, 1943. דאָס שלאַכט-פעלד — אַטען.“

„דער העלדישער מאיאָר האָט באוואכט נעהיימע ארכיוון ווען די געשטאפּאָ-אגענטן זיינען אים באפאלן. ער האָט באוויזן צו פאַר-ניכטן א סך פון די דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאט צו טאָן מיט דעם אונטערערדישן קאמף נעגן די נאציס.“

לויט די טויט-אורטיילן און טורמע-טערמינען, וואס די נאציס טיילן אויס אין גריכנלאנד, קאן מען אורטיילן וועגן דער אינטענסיוויקייט פון דעם אונטערערדישן קאמף צום סוף פון צוויי יאָר פון נאצישער הער-שאפט אין אָט דעם פיל-געליטענעם לאנד.

אין מערץ היי-יאָר, האָט א באריכט פון איסטאמבול, טערקיי, גע-זאָגט: „די צייטונגען אין גריכנלאנד, וואס זיינען קאָנטראָלירט פון די נאציס, קאָנען ניט באהאלטן דעם פאקט אז אין דעם אָקופּירטן לאנד וואקסט דער סאבאטאזש אויף די באנען און אין די אינדוסטריען און אז די ארייננדרינגער ווערן אָן א שוידערלעכן טעראָר, וואס דערגרייכט פאָרט ניט זיין ציל און באוויזט ניט אָפּצושטעלן דעם סאבאָטאזש.“

דער זעלבער באריכט דערציילט אז א נאצישער קריגס-געריכט האָט פאראורטיילט דריי ארבעטער פון א קריגס-פאבריק אויף דער קלאגע, אז זיי האָבן באשעדיגט ערּאָפּלאן-מאָטאָרן.

א 16-יאָריג אינגל איז פאראורטיילט געוואָרן צו 10 יאָר טורמע פאר באטייליגן זיך אין סאבאָטאזש.

דער הויפּט פון די נאצישע ארמייען אין גריכנלאנד האָט ארויסגע-געבן א באפעל אז — „אין פאל פון סאבאָטאזש אויף אונטערנעמונגען, וואָס ארבעטן פאר דער דייטשער אָדער דער איטאליענישער ארמיי, וועט אַ שטראָף אויסגעטיילט ווערן ניט בלויז צו די, וועלכע זיינען דירעקט פאראנטוואָרטלעך, נאָר אויך צו די איינעגנטימער פון די אונטערנעמונגען דערפאר וואָס זיי האבן ניט אָנגענומען די נויטיגע מיטלען ניט צו דער-לאָזן צו דעם סאבאָטאזש.“

דער באפעל זאָגט אויך אז „אַ שווערע שטראָף וועט ארויפגעלעגט ווערן אויף די אלע, וועלכע דרוקן און פארשפּרייטן אומלעגאלע פּראָפּ-לאמאציעס. עס וועלן אויך באשטראָפט ווערן די, וועלכע וויסן וועגן אזעלכע האנדלונגען און וועלכע באריכטן ניט וועגן דעם צו די אקו-פּאציע-באאמטע“.

איז ווידער דעקרעטן און ווידער טויט-אורטיילן, נאָר דער סאבא-

טאַזש שטעלט זיך ניט אָפּ און דאָס פאַרשפּרייטן פון אונטערערדישע צייטונגען און פּראָקלאַמאַציעס הערט ניט אויף.

לויט אַ באַריכט אויף דער מאָסקווער ראַדיאָ האָבן די נאַצים בלויז אין דעם איינעם חודש נאָוועמבער, 1942, הינגעריכטעט 1,600 גריכן.

אין דעם זעלבן חודש האָבן די גריכישע פּאַרטיזאַנען געטויטעט 60 איטאַליענישע סאָלדאַטן אין דער פּעליפּאָנעזישער געגנט. ווי עס האָט באַריכטעט די „יונאַיטעד פּרעס". דער זעלבער באַריכט האָט אויך איבערגעגעבן אַז די פּאַרטיזאַנען האָבן איבערגעשניטן טעלעגראַף-און טעלעפאָן-דראָטן און האָבן אויפגעריסן אַ צאָל טראַקס.

דעם 15-טן דעצעמבער לעצטן יאָר, האָט דער גריכישער אינפאָרמאַציע-מיניסטער, אַנדרע מיכאַלאָפּולאָס, דערקלערט אין לאָנדאָן, אַז אין גריכנלאַנד געפינען זיך אַ סך אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און אַז אַן אַרמיי פון 30,000 באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנען פירט דורך „ווירקזאַמע אָפּעראַציעס" נעגן די דייטשע און איטאַליענישע אָקופּאַנטן.

דער אינפאָרמאַציע-מיניסטער ביי דער גריכישער גלות-רעגירונג האָט אויך באַריכטעט אַז אין 15 חדשים פון דער נאַצישער אָקופּאַציע זיינען אין אַטען געשטאָרבן פון הונגער 100,000 מענטשן. טויזנטער זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער אין סאַלאָניקי און אין די אַנדערע שטעט פון גריכנלאַנד.

דעם 1-טן סעפּטעמבער, 1942, האָט די צייטונג „וואַשינגטאָן טאַימס העראָלד" געדרוקט אַ באַריכט פון דער שווייץ אַז אַ לאַבן ברויט, קאָסט אין גריכנלאַנד 29 דאָלאַר. אין פאַרבינדונג מיט די פאַקטן וועגן די פּרייזן אויף ברויט איז שוין כדאי צו דערמאַנען ווי עס האַלט אין אַלגעמיין מיט דעם יקרות אין גריכנלאַנד. לויט דעם זעלבן באַריכט פון דער שווייץ, דאַרף מען פּאַר אַ פּאָר שיך באַצאָלן פון 200 ביז 400 דאָלאַר. אַ פּאָר זאָקן טרעפן אָן אַזוי הויך ווי 180 דאָלאַר. און די באַפעלקערונג האָט ניט קיין געלט ניט אויף קיין זאָקן און ניט אויף קיין שיך און ניט אויף קיין ברויט.

דעם 24-טן סעפּטעמבער האָט דר. אַ. קאַוואַדיאַס, דער פּרעזיצער פון דעם גריכישן רויטן קרייץ, דערקלערט אין שיקאַגאָ, אַז 110,000 קינדער זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער בלויז אין אַטען און בירעאוס. דאָס איז העכער פון 35 פּראָצענט פון דער צאָל פון די 300,000 קינדער, וואָס זיינען דאָרט פריער געווען. ער האָט אויך דערקלערט אַז אין לויף

פון צוויי חדשים צייט זיינען 9 פון יעדע 10 געבוירענע קינדער אין אַטען אויסגעגאַנגען פון הונגער, ווייל עס איז ניט געווען פאַר זיי די נויטיגע ספּעציעלע שפּייז, ניט האָבן די פאַרהונגערטע מוטערס זיי געקאָנט שפּייזן מיט דער ברוסט.

דעם 29-טן סעפּטעמבער פאַראיאָרן, האָט דער „דעילי וואָרקער" באַריכטעט אז עטלעכע טויזנט גריכן האָבן, ריזיקירנדיג מיט זייער לעבן, זיך געראַטעוועט קיין טערקיי אויף קליינע פישער-שיפלעך. זיי האָבן זיך איינגעשטעלט אויף אזא ריזיקאַלישער רייזע אויף קליינע שיפלעך, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיך ראַטעווען פון א זיכערן הונגער-טויט. זיי האָבן דערציילט אז אין אַטען באַשטייט די נאָרמאַלע ברויט-פּאָרציע פון צוויי און א האלב אונצעס א טאָג, נאָר אויך דאָס קריגט מען זייער זעלטן.

קאַפּיטל 15.

יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען פירן רעגולערע שלאַכטן מיט דייטשע און איטאַליענישע טרופּן

ס׳איז שוין פרילינג 1943. יוגאָסלאַוויע איז שוין ביי די נאַציס אין די לאַפּעס באַלד צוויי יאָר. אין אָט דער צייט האָבן די פּאַרטיזאַנען געפירט ביטערע קאַמפן און אָנגעטאָן דעם שונא גאָר א סך שאָדן, נאָר אליין אויך באַצאָלט מיט א סך קרבנות, אָבער דער קאַמף פלאַקערט איצט נאָך מער ווי פריער. אָט איז א נייעס פון דער „יונאַיטעד פּרעס" פון דעם 22-טן מערץ: „פּאַרטיזאַנען רייסן אויף א וויכטיגן בריק לעבן ליובליאַנא צו צפון-מערב פון זאַגרעב, לויט באַריכטן פון דעם אונטערגרונד. דער אויפרייס פון דעם בריק האָט פאַראורזאַכט דעם טויט פון א געשטאַפּאָ-באַאַמטן. א צאָל אַנדערע נאַציס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די נאַציס האָבן אויס נקמה ארויסגעפירט און דערשאָסן 50 משכנות".

געציילטע עטלעכע שורות און וויפיל זיי האָבן צו זאָגן וועגן דעם מוט פון א פאָלק, וואָס ניט זיך ניט אונטער און וועגן דעם אונטערערדישן קאַמף, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ אויף קיין איין טאָג!

לויט א באַריכט אין דער „נויע ציריכער ציטונג" אין דער שווייץ זיינען די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן אין יוגאָסלאַוויע געפירט געוואָרן אויף אזא פאַרנעם אז אין פעברואַר היי-יאָר האָבן די פּאַרטיזאַנען פאַרלאָרן 6,000 אין דער׳הרג׳עטע און 6,000 אין פאַרוואונדעטע. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די פּאַרטיזאַנען און זיי קעמפן מיט נאָך גרעסערער אַנטשלאָסנקייט. אין א ראַדיאָ-באַריכט פון מאָסקווע דעם 12-טן מערץ היי-יאָר ווערט איבערגעגעבן אז די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען פירן אַן ביטערע שלאַכטן קעגן דייטשע און איטאַליענישע טרופּן לעבן סאַראַיעוואָ און אויך לעבן דער סאַראַיעוואָ-מאָסטאַר-אייזנבאַן. אין באַנזשאַלוקאַ, אין באָסניע, האָבן די פּאַרטיזאַנען דער׳הרג׳עט און פאַרוואונדעט 400 אַקס-טרופּן.

לויט א באַריכט אויף דער מאָסקווער ראַדיאָ, זיינען אין יוגאָסלאַוויע ביז סוף מערץ היי-יאָר אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן 823,000 סערבן. בלויז אין דער איינער שטאָט בעלגראַד זיינען אין 1942 אויסגעקוילעט געוואָרן 87,000 מענטשן. צענדליגער טויזנטער זיינען אין יוגאָסלאַוויע פאַרשפּאַרט

אין טורמע קאַרצערס, וואו זיי האָבן נים קיין פּלאַץ ניט צו זיצן און ניט צו ליגן און וואו זיי האָבן ניט קיין ליכט און נים קיין לופט. זיי זיינען פאַר־אורטיילט צו אַ לאַנגזאַמען טויט.

דאַרף מען זיך דען וואונדערן וואָס די יוגאָסלאַוון שלאָגן זיך מיט אַזאַ מסירת נפש נעגן די אַריינדרינגער און נעגן די אייגענע פאַררעטער, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פאַרשקלאַפער.

דעם 29-טן מערץ היי־יאָר האָט די „אַסאָשיעיטעד פּרעס" געבראַכט אַ באַריכט וועגן אַן אָפענער מלחמה, וואָס יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען האָבן געפירט געגן נאַצישן מיליטער אויף אַ פראָנט פון 35 מייל די לענג אין דרום יוגאָסלאַוויע.

אין צפון סערביע האָבן די פּאַרטיזאַנען אויפגעריסן אַ בריק.

אין די רייען פון די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען שפּילט די יוגנט אַ גאָר גרויסע ראָל. עס זיינען אָנגעקומען באַריכטן אַז עס זיינען פאָרמירט געוואָרן ספּעציעלע יוגנט־אָפּטיילונגען פון די פּאַרטיזאַנען און אַז די צאָל מיידלעך אין אָט די אָפּטיילונגען דערגרייכט ביז 20 פּראָצענט פון דעם צוזאַמענשטעל פון אָט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. אין איינינע אָפּטיילונגען זיינען דאָ מיידלעך און אינגלעך גלייך אויף גלייך אין צאָל.

אין איינער פון די באַרימטע יוגאָסלאַווישע בריגאַדעס — די פערטע פּאַרטיזאַנישע שטורם־בריגאַדע — איז דאָ אַ יוגנט־באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין אַ גרויסער שלאַכט מיט די נאַצים.

די פינפטע פּאַרטיזאַנישע בריגאַדע גייט אונטער דער פירערשאַפט פון רענק שיפּקאַ, אַ מיטגליד פון דעם פירנדיגן ראַט פון דער יוגאָסלאַווישער אַנטי־פאַשיסטישער יוגנט־באַוועגונג.

בלוטיג און גרויליג איז דער נאַצישער טעראָר אין יוגאָסלאַוויע. צווישן אַנדערע פאַרברעכערישע מעשים האָבן די סאַדיסטן זיך דערטראַכט צו אַזאַ זאַך: זיי האָבן צוזאַמענגעטריבן אַרום טויזענט קינדער פון פאַרשיידע־נע יוגאָסלאַווישע שטעט און האָבן זיי אָפּגעשיקט צופוס קיין דייטשלאַנד. די קינדער זיינען געווען אין עלטער פון 12 ביז 15 יאָר. טאַטעס און מאַ־מעס האָבן געקלאָגט, ווייסנדיג, אַז זיי וועלן זייערע קינדער שוין מער קיין־מאָל אין די אויגן ניט אָנקוקן, נאָר די נאַצים ווערן ניט גערירט ניט פון טרערן און ניט פון בלוט.

אויף דעם וועג האָט מען די קינדער ניט געגעבן קיין שפּייז. זיי האָבן געגעסן גראָז און, ווערנדיג פאַרברענט פון דורשט, האָבן זיי געטרונקען

וואסער פון די בלאָטעס ביי די וועגן. א גאַר גרויסער טייל פון אָט די קינדער איז אויף דעם וועג אויסגעשטאָרבן. די, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן אין ספּעציעלע לאַגערן, וואו מען וועט פון זיי ארויסקלאַפּן יעדן געפיל פון צוגעבונדקייט צו זייער פאָלק און מען וועט פון זיי פּרובירן מאכן געטרייע נאַציס.

נאָך א מוסטער פון דעם, אויף וואָס די נאַצישע פאַרכאַפּער זיינען פעאיג, איז דער פאָלגענדיגער פאַל: אין בעלגראַד, דער האַלב-פאַרניכטעטער הויפּט-שטאָט פון יוגאָסלאַוויע, האָבן זיך אַרומגעדרייט צענדליגער טויזנטער פאַרהונגערטע מענטשן, וועלכע האָבן קיין דאַך איבער׳ן קאָפּ ניט געהאַט. איבער זיי האָבן די נאַציס באַשלאָסן אָפּשפּילן א שפּאַס. א גרויסער דייטשער מיליטערישער טראָק איז צוגעפאָרן צו א דעליקאַטעסן קראָם, וואָס איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. די נאַצישע סאָלדאַטן האָבן אויפגעבראָכן די טירן און די פענסטער און זיינען באַלד אוועק. די קראָם איז געווען איבערגעפּאַקט מיט גוטע שפּייזן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אָנזאַמלען אן עולם, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, גאַר זעענדיג, אז קיינער איז אין קראָם ניטאָ, און זייענדיג הונגעריג, האָבן די מענטשן זיך א לאָז-געטאָן צו די פּאָליצעס צו נעמען וואָס יעדער איינער האָט געקאָנט. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרדעכטיגן, אז דאָס האָבן די נאַציס ספּעציעל איינגעאָרדענט און אז עס ווערן פון א זייט גענומען בילדער, וועלכע מען וועט שפּעטער באַנוצן צו באַווייזן, אז די סערבן זיינען רויבער און האָבן אפילו איינער ביים צווייטן געראַבעוועט.

אין יוגאָסלאַוויע האָרודעווען ניט בלויז די דייטשן. די אונגאַרן ווייזן אויך וואָס זיי קאָנען, און די בולגאַרישע טרופּן לאָזן זיך אויך וואוילגיין. עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער וואָס די באַפעלקערונג פון יוגאָסלאַוויע, איינשליסנדיג די פרויען, איז גרייט אויף אַלץ אבי צו פאַרניכטן די שונאים.

עס ווערן איבערגעפאַלן נאַצישע פּאַטרולן און יוגאָסלאַווישע געפאַנגענע ווערן באַפרייט. גרויסע נאַצישע קאָנוואָיען ווערן אָפּגעוואָרט אויף די שליאַכן און ווערן פאַרניכטעט. פּויערים און פּויערטעס זיינען פאַרנומען ביים צוגרייטן היימיש-געמאַכטע האַנט-גראַנאַטן און יונגע מיידלעך טראָגן זיי געהיים אוועק צו די פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין די בערג.

יוגאָסלאַוויע האָט איר קווילינג, איינעם א אַנטע פּאַוועליטש. קיי-

גער וויל מיט אים ניט מיטארבעטן און די געשטאפּא דארף איבער אים וואכן, ווייל די יוגאָסלאווישע פּארטיזאנען האָבן אים פאראורטיילט צום טויט. יוגאָסלאוויע צאָלט אויך טייער צוליב דעם פארראט פון גענעראל מיכאילאָוויטש, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון די אָקופּאנטן.

אין זייער גרייטקייט צו דינען די נאצים, האָבן די קוויזלינגס אין איין פאל, ניט ווילנדיג, געגעבן נאָר א גרויסע הילף די פּארטיזאנען. עס איז געוועזן אזוי: איינער ארטוקאָוויטש האָט זיך אונטערגענומען צו מאָביליזירן פאר די נאצים „פּרייווויליגע" סערבן, וועלכע זאָלן גיין זיך שלאָגן געגן דעם סאָוועטן-פארבאנד. מען האָט געכאפּט פּויערים אין די דערפער, זיי אָפּגעריסן פון זייערע פאמיליעס און זיי אוועקגעשיקט קיין זאגרעב. אין אָנהויב האָבן די פּויערים פּראָטעסטירט און זיך געריסן צו ראטעווען זיך, נאָר פּלוצלונג זיינען זיי געוואָרן שטיל און האָבן אפילו אָנגעהויבן ארויסווייזן סימנים אז זיי זיינען צופרידן צו „דינען".

ווען עס איז אָנגעזאמלט געוואָרן א גרויסע צאָל „פּרייווויליגע", האָט מען זיי ארייננגעזעצט אין א באן און זיי אָפּגעשיקט קיין דייטשלאנד. ווען די באן איז אָבער אָנגעקומען אין די בערג לעבן קריעווצי, איז פּלוצלונג פארגעקומען אן ענדערונג אין די „פּרייווויליגע". עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי האָבן צווישן זיך געהאט א פירער. די באן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. די פּויערים האָבן געבונדן זייערע וועכטער און זיינען אוועק אין די בערג, מיטנעמענדיג מיט זיך אזויפיל געווער, ווי עס איז נאָר געווען מעגלעך צו טראָגן.

די יוגאָסלאווישע פּארטיזאנען זיינען זייער געוואגט. זיי פארמאָגן אויך א סך אמוניציע. ווען זיי פעלט אוים אמוניציע, מאכן זיי איבערפאלן אויף די ארסענאלן און אמוניציע-פאבריקן פון די נאצים און קריגן וואס זיי דארפן. די פּארטיזאנען האָבן מאשין-ביקסן און קאנאָנען און זיי האָבן אפילו עראָפּלאנען אין זייער באזיץ.


SVOBODNA SLOVENIJA

ŠTEV. 14. GLASILO VSEH ZASUŽNJENIH SLOVENCEV 22 junij 1942

14 JUGOSLAVIJA - VELESILA 14

Dne 15.jun.1942 je angleški poslanik pri jugosl.vladi na slovesen način sporočil Jugoslovanskemu kralju, da ga je vlada imenovala za veleposlanika (ambasadorja). "To povišanje je izraz priznanja za junaško in požrtvovalno borbo, ki jo Jugoslovani vodijo pod Dražo Mihailovićem za lastno svobodo in svobodo slove-

יוגאָסלאווישע אונטערערדישע צייטונג.

קאַפּיטל 16.

נאָך 5 יאָר פון אונטערייאָכונג גיט זיך עסטרייך ניט אונטער

היטלער איז געגאַנגען מיט א פּלאַן. איין פאַרכאַפּט לאַנד האָט גע-דאַרפט גרינגער-מאַכן צו פאַרכאַפּן א צווייט לאַנד. עס איז געווען ווי דאָס ארויפשטייגן אויף א לייטער. איין שטאַפּל האָט געפירט צום צווייטן. דער סאַמע ערשטער שטאַפּל אויף היטלער׳ס לייטער צו הער-שאַפט איבער אייראָפּע — און שפּעטער צו וועלט-הערשאַפט — איז געווען עסטרייך. מיט דער שטילער צושטימונג פון די, וועלכע זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אלס די מינכען-לייט, ווען זיי האָבן אפן געהאָלפן היט-לער׳ן מיט זעקס חדשים שפּעטער דערשטיקן טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט היטלער אין מערץ, 1938, איינגעשיקט זיינע ארמייען קיין עסטרייך.

עס איז שוין העכער פינף יאָר זינט היטלער באַלעבאַטעוועט אין עסטרייך. דאָרט איז געווען א האַלב-פאַשיסטישער רעזשים נאָך איידער היטלער האָט פאַרכאַפּט דאָס לאַנד; די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער עסטרייכישער באַפעלקערונג איז א דייטשע, וואָלט מען געקענט מיינען אז דאָרט וועט היטלער האָבן א בעסערע מערכה ווי אין די אנדערע לענדער, אויף וועלכע ער האָט שפּעטער ארויפגעלייגט זיין לאַפּע, נאָר אויך דאָרט איז דאָ אן אונטערערדישע באַוועגונג און אויך דאָרט גייען מענטשן אין פייער אריין אבי צו צינדן די טריט אונטער היטלער׳ן.

אין אָקטאָבער, 1942, איז אויף א פאַרוואָרפענעם פאַרם, ערגעץ צווישן די בערג, ווייט פון וועלכן ניט איז אנדער ישוב — אָפּגעהאַלטן געוואָרן אן אונטערערדישע קאָנפערענץ. זייט ביי זייט מיט פּויערים-

דעלעגאַטן איז געזעסן אַ פּראָפעסאָר; זייט ביי זייט מיט אַרבעטער-דע-לעגאַטן איז געזעסן אַ גלח; עס זיינען דאָ געווען מענער און פרויען — דעלעגאַטען צו דער קאָנפערענץ פון דעם עסטרייכישן „פראָנט פאַר פריי-הייט.“ די זיצונגען האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע נעכט.

אונטער דער נאָז פון דער געשטאַפּאָ, ריזיקירנדיג מיט דעם לעבן, זיי-נען זיך צוזאַמענגעקומען די דעלעגאַטן אויסצואַרבעטן ווייטערדיגע פּלע-נער ווי צו פירן דעם אונטערערדישן קאַמף און צו דערנעענטערן דעם טאָג פון דער באַפרייאונג פון עסטרייך פון דעם נאַצישן יאָך. אויף ווייַ-טע וועגן זיינען געווען צעשטעלט פּאַטרולן, וואָס האָבן געדאַרפט סיגנאַ-ליזירן אויב עס באַווייזט זיך פון ערגעץ אַ פאַרדעכטיגער סוביעקט. די פּאַטרולן האָבן גוט געוואוסט, אַז ביי זיי אין די הענט ליגן די לעבנס פון די דעלעגאַטן און דערפאַר איז געווען וואַכזאַם זייער אויג און דערפאַר האָבן זיי אפילו קיין סעקונדע נים פאַרלאָרן און געגעבן דעם נויטיגן צייכן ווי נאָר זיי האָבן אויף דער צווייטער נאַכט פון דער קאָנפערענץ דערזעען אַז עס דערנעענטערן זיך דריי פיגורן אין מיליטערישע מונדירן. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען אַן אומזיסטע שרעק. די פּאַטרולן האָבן געגעבן אַ צווייטן „אָל-קליר“-סיגנאַל, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. די דריי מענער זיינען געווען סאָלדאַטן פון אַ היטלערישן עסטרייכישן רעגימענט און זיי זיינען געווען אין דער היים אויף אורלויב, ווייל זיי זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אויף דעם פראָנט. איצט זיינען זיי געקומען אהער, ווייל זיי זיינען אויך געווען דעלעגאַטן צו דער אונטער-ערדישער קאָנפערענץ.

פאַרטראָטן זיינען ביי דער קאָנפערענץ געווען 40 דעלעגאַטן. צווישן זיי זיינען געווען 11 פאַבריק-אַרבעטער, איינגעשלאָסן אַן אַרבעטערין, וועלכע האָט פאַרטראָטן אַן אַמוניציע-פאַבריק; 9 פּויערים, 3 סאָלדאַטן, צוויי לערער, צוויי אָפּיס-אָנגעשטעלטע, אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר, אַ קאַ-טוילישער גלח, אַ געשעפטס-מאַן און נאָך עטלעכע אַנדערע. זיי האָבן פאַרטראָטן אַ צאָל אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע ריכ-טונגען, וואָס זיינען פאַראייניגט אויף דעם פּונקט פון קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דעם נאַציזם.

ביי דער קאָנפערענץ איז באַריכטעט געוואָרן, אַז דער ווידער-שטאַנד צו די פאַרכאַפּער וואַקסט שנעל. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעל-קערונג באַטייליגט זיך אין אַט דעם ווידערשטאַנד. עס וואַקסט דער סאַ-

באַטאַזש אין די פאַבריקן און א סך סאָלדאַטן דעזערטירן פון דער ארמיי, ספּעציעל איז דאָס דער פאַל מיט די סאָלדאַטן, וועלכע ווערן פאַרוואונדעט.

עס איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן א באריכט ביי דער קאָנפערענץ וועגן די פאַרבינדונגען, וואס די עסטרייכישע אונטערערדישע באַוועגונג האַלט אָן מיט די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונגען פון די סלאָוועניער און קראָאַטן אין דער שכנה׳שער יוגאָסלאַוויע און אויך מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג פון די טשעכן און סלאָוואקן.

די דעלעגאַטן האָבן אַלע אונטערשטראָכן די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון דעם העלדישן קאַמף פון די סאָוועטישע פעלקער און דעם העלדישן ווידערשטאַנד, וואס די רויטע ארמיי גיט די נאַצישע האָרדעס. זיי האָבן אָנגעוויזן אז זיי שעפּן מוט פון דעם ביישפּיל פון די סאָוועטישע קעמפער. די קאָנפערענץ האָט אונטערשטראָכן די וויכטיקייט פון דער באַלדיגער עפענונג פון א צווייטן פראָנט, וואס וואָלט די נאַציס אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז אַלע אונטערדריקטע פעלקער וואָלטן זיך א הויב-געטאָן געגן זיי אין אָן אָפענעם רעוואָלט.

צום שלום פון דער קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס צו ווענדן זיך מיט א מאַניפעסט צום עסטרייכישן פאָלק. דער מאַניפעסט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין א ליפלעט און האָט געקראָגן א ברייטע פאַרשפּרייטונג איבער גאַנץ עסטרייך. דער מאַניפעסט איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער געהיימער ראַדיאָ-סטאַנציע פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואס רופט זיך „עסטרייכישער פרייהייט זענדער" (עסטרייכישע פרייהייט-סטאַנציע).

דער מאַניפעסט פון דער אונטערערדישער קאָנפערענץ אין עסטרייך

אָט וואס די קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אָקטאָבער לעצטן יאָר, האָט געהאַט צו זאָגן צו דעם עסטרייכישן פאָלק:

„זייט געוואַנט עסטרייכער! טראָגט מער ניט אויף זיך דעם פרייסישן יאָך. מיר דאַרפן ניט האָבן די פרייסישע גענגסטערס. טרייבט זיי ארויס פון אונזער פראַכטפולער עסטרייך.

„היטלער׳ס מפּלה איז שוין א זיכערע זאַך. דאָס גיט דער פרייער עסטרייך ווידער א געלעגנהייט אויפצולעבן. מיר קאָנען איצט צוריקגעווינען אונזער פרייהייט. מיר פאַרמאָגן דעם כח, אויב

מיר זאָלן נאָר האָבן דעם ווילן צו קעמפן. קיין זאַך איז ניט מער געפערלעך ווי פייגהייט און אומאַנטשלאָסנקייט. די צייט איז גע-קומען, אַז מיר זאָלן אריבערגיין פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד צו אַק-טיוון קאַמף געגן די נאַציס. מיר זיינען אין קריג מיט די היטלע-רישע פּרייסן און מיר מוזן דערפאַר שליסן אונזערע רייען. לאָמיר בויען איין גרויסן און אומבאַזיגבאַרן פראָנט פון פרייהייט. זאָל עסטרייך אויסגעקעמפט ווערן פאַר די עסטרייכער. פאָראויס צום קאַמף פאַר אַ באַפרייטער, גליקלעכער און פרייער עסטרייך!

„טויט דעם היטלעריזם!"

האָט די געשטאַפּאָ געברענט פון כעס, ווען די נייעס פון דער קאָנ-פערענץ איז באַקאַנט געוואָרן; האָט די געשטאַפּאָ זיך געוואָרפן אויף פרידלעכע מענטשן און האָט דורכגעפירט עקזעקוציעס, נאָר געוואוסט האָבן היטלערס הענקער, אַז די אונטערערדישע באַוועגונג אין עסטרייך לעבט און אַז זי וואַקסט אַלץ מעכטיגער און מעכטיגער.

די געשטאַפּאָ האָט געכאַפּט און צעשאָסן משכנות אין ווין, סאַלצ-בורג, ווינער נוישטאַדט, סטיר, גראַץ און אַנדערע שטעט. געוואָלט האָבן די נאַצישע משרתים כאַטש דערשטיקן די נייעס וועגן דער קאָנפערענץ, אויב זיי האָבן ניט באַוויזן צו כאַפּן די אַנטיילנעמער, נאָר אויך אין דעם זיינען די נאַציס דורכגעפאַלן. די ליפלעטס און די ראַדיאָ האָבן געלאָזט וויסן דעם לאַנד וועגן דער קאָנפערענץ און וועגן אירע באַשלוסן.

אויך אין אויסלאַנד האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דער קאָנפערענץ און אויך דאָס האָט די נאַציס געברענט ביז'ן ביין. דעם 30-טן אָקטאָבער האָט די געהיימע ראַדיאָ-סטאַנציע אין אונגאַרן „די אונגאַרישע פרייע קאַסיוט-סטאַנציע" אַרויסגעשיקט אַ באַגריסונג פון דער אונגאַרישער אונטערערדישער באַוועגונג צו די אונטערערדישע קעמפער אין עסטרייך. דער זעלבער ראַדיאָ-בראָדקעסט האָט אויך איבערגעגעבן אַ דעטאַלן באַ-ריכט פון דער נאָר-וואָס-אָפּגעהאַלטענער עסטרייכישער אונטערערדישער קאָנפערענץ.

אין פּראַג, טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט די אונטערערדישע צייטונג „וו באָי" (צום שלאַכט) איבערגעגעבן אַ באַריכט פון דער עסטרייכישער אונטערערדישער קאָנפערענץ. די פּאַרטיזאַנישע אַרמיי אין יוגאָסלאַוויע האָט אַרויסגעגעבן אַ „פּאַראָרדענונג פון דעם טאָג" מיט אַ באַגריסונג צו דער שטייגענדיגער כוואַליע פון רעוואָלט אין עסטרייך".

היטלער און זיינע אַנגענטן האָבן ניט קיין רואיג לעבן אין עסטרייך. נאָך העכער 5 יאָר הערשאַפט אין אַט דעם „דייטשישן לאַנד", זיינען די נאַציס דאָרט פונקט אַזוי פאַרהאַסט, ווי זיי זיינען פאַרהאַסט און פאַר-שאָלטן אין אַלע לענדער, אויף וועלכע היטלער האָט ארויפגעשטעלט זיין אייזערנעם קנאָפּל.

די לאָנדאָנער ראַדיאָ האָט דעם 23-טן נאָוועמבער, 1942, באַריכטעט אַז אין דער ערשטער העלפט פון נאָוועמבער, 1942 זיינען אין עסטרייך הינגעריכטעט געוואָרן 14 מענטשן אויף דער קלאַגע פון „הויך-פאַרראַט", וואָס עס מיינט פאַר אונטערערדישער טעטיגקייט קעגן דער נאַצישער הער-שאַפט איבער עסטרייך.

דעם 30-טן דעצעמבער, 1942, איז אין סטאָקהאָלם באַריכטעט גע-וואָרן אַז די געשטאַפּאָ האָט אין די לעצטע עטלעכע טעג הינגעריכטעט 60 מענטשן אין עסטרייך. די שחיטה איז אַ רעזולטאַט פון דער אַנטי-נאַצי כוואַליע, וואָס טראָגט זיך איבער דעם לאַנד.

פון מאָסקווע קומט אַ באַריכט דעם 31-טן דעצעמבער, 1942, אַז לויט דער נייעס, וואָס איז אָנגעקומען קיין זשענעוואַ, שווייץ, איז אין ווין און אין אַנדערע עסטרייכישע שטעט לעצטנס פאַרשפּרייט געוואָרן די „ראָטע פאַנע", אומלעגאַלער אָרגאַן פון דער אונטערערדישער קאָמוניס-טישער פּאַרטיי.

די צייטונג איז געדרוקט אויף זעקס זייטן. זי דרוקט אַ באַריכט וועגן דעם טעראָר פון דער נאַצישער פּאָליציי און וועגן דעם ווי די עסט-רייכישע מאַסן טרעטן ארויס קעגן די נאַציס. די צייטונג באַריכטעט אויך וועגן עסטרייכישע פּאַרטיזאַנען גרופּעס און זי ווייזט אָן, אַז דערווייל זיינען זיי נאָך קליין אין צאָל.

קאפיטל 17.

דער פארטיזאנישער קאמף אין אלבאניע

דאָס קליינע לאַנד אלבאניע גיט אויך א ווידערשטאַנד די אריינ-דרינגער. כאָטש די פארטיזאַנישע באוועגונג איז דאָ ניט פאראייניגט און דריי באזונדערע גרופן פירן אָן דעם קאמף, באווייזן זיי אָבער אָנ-צוטאָן דעם שונא זייער א סך שאָדן. וואָלטן זיי געווען פאראייניגט, וואָלט, נאַטירלעך, זייער קאמף געווען נאָך א סך מער ווירקזאם.

אלבאניע ליגט אונטער דעם קנאפל פון דעם איטאַליענישן פאשיזם, ברענט מען דאָ די טריט פון מוסאָלינים טרופּן און פון זיינע משרתים. אין הערבסט פון 1942 איז אן איטאַליענישער גענעראל דער׳הרג׳עט גע-וואָרן פון די אלבאנישע פארטיזאנען. די איטאַליענישע סאָלדאַטן זיינען אזוי אָנגעשראָקן פון די איבערפאַלן אויף זיי מצד די פארטיזאנען, אז דאָס פירט צו אָפטע אויפשטאַנדן אין דעם מיליטער.

אין איין פונקט זיינען די פארטיזאנען איבערגעפאלן אן איטאַליע-נישן באטאליאָן, אים אנטוואָפנט און אים אָפּגעשיקט אונטער א וואך צו דער איטאַליענישער גרעניץ. איין פארטיזאנישע אָפּטיילונג האָט זיך אריינגעריסן אין דער הויפּט-שטאָט און האָט דאָרט דער׳הרג׳עט עטלעכע איטאַליענישע אָפיצערן און סאָלדאַטן.

ווען די איטאַליענער האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך צו רעקרוטירן וואָ-לונטירן פאַר אַן אַלבאַנישן לעגיאָן, וועלכער זאָל גיין זיך שלאָגן געגן דער רויטער אַרמיי, האָט זיך ניט געמאָלדן קיין איין וואָלונטיר.

אין זומער פון 1942 האָבן די איטאַליענער געצוואונגען די אַלבאַ-נישע באַפעלקערונג צוצושטעלן וואָל, וואָס האָט געדאַרפט באַנוצט ווערן פאַר דער באַקליידונג פון דער איטאַליענישער אַרמיי אין סאָוועטן-פאַר-באַנד. ווען עס האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט גאַר אַ סך וואָל אין די ספּע-ציעלע סקלאַדן אין דוראַצאַ, האָבן די פּאַרטיזאַנען די סקלאַדן פאַרברענט.

די אונטערערדישע קעמפער געגן די אַריינדרינגער רעכענען זיך אָפּ גאָר שטרענג מיט די אָרטיגע קוויזלינגס און ניט איינער פון די פאַררעטער האָט שוין באַצאָלט מיט זיין לעבן.

מען קאָן אורטיילן וועגן דער העלדישקייט פון די אַלבאַנישע פּאַר-טיזאַנען לויט דער פאָלגענדיגער האַנדלונג פון איינעם פון זיי, וועלכן מען האָט געהאַלטן ביים אויפהענגען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן די נעמען פון אַנדערע פּאַרטיזאַנען. אין דער לעצטער מינוט, ווען דער תּליון האָט געהאַלטן אין אָנטאָן אויף אים די שטריק, האָט דער העלדישער פּאַרטיזאַן אַ זעץ-געטאָן דעם הענקער מיט דעם פוס אין בויך אַריין און האָט אויסגערופן: „נידער מיט דער פאַשיסטישער איטאַליע! נידער מיט די קוויזלינגס!" באַלד נאָך דעם האָט ער אַליין אַרויסגע-שטופּט דאָס בענקל פון אונטער די פיס און איז געבליבן הענגען.

700 פּאַרטיזאַנען מאַכן איבערפאַל אויף דער הויפּט־שטאָט פון אַלבאַניע

ווי עס דערציילט די צייטונג „לאָנדאָן דעילי טעלעגראַף", האָבן 700 אַלבאַנישע פּאַרטיזאַנען לעצטן הערבסט געמאַכט אַ געוואַגטן איבערפאַל אויף טיראַנאַ, דער הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד. די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך דורכגעריסן דורך דעם שטעכיגן דראָט, מיט וועלכן די איטאַליענישע אָקופּאַנטן האָבן פאַרצאַמט דעם צוגאַנג צו דער שטאָט. די פּאַרטיזאַנען האָבן אויסגעקלעפּט אַרום 500 פּלאַקאַטן אין די הויפּט-גאַסן פון דער שטאָט. די פּלאַקאַטן האָבן געטראָגן אַ ווענדונג צו דער באַפעלקערונג זיך ניט אונטערצוגעבן און זיך ניט לאָזן טעראָריזירן מצד דעם שונא. די פּלאַקאַטן האָבן אויך אָנגעזאָגט אַז די איטאַליענער וועלן אינגיכן מוזן פאַרלאָזן די גאַנצע אַלבאַנישע טעריטאָריע. אַלע פאַררעטער וועלן דע-

מאָלט באַשטראָפט ווערן אויף דעם שטרענגסטן אופן און אַלע פּאַטריאָטן, וועלכע טראָגן איבער אוממענטשלעכע באַהאַנדלונגען אין טורמעס און אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן אין אַלבאַניע און אין איטאַליע, וועלן באַפרייט ווערן און פאַר זייערע לײַדן וועט גענומען ווערן נקמה.

איז דאַכט זיך אַלבאַניע אַזאַ פּיצל לאַנד, נאָר אויך דאָ האָבן די אָריינדרינגער ניט באַוויזן צו צעברעכן דעם גייסט פון דער באַפעלקערונג.

סאָוועטן-מלוכה באַגריסט אָפיציעל דעם אַלבאַנישן קאַמף

דעם 18-טן דעצעמבער לעצטן יאָר האָט די סאָוועטישע נייעס אַגענטור „טאַס" איבערגעגעבן אַן אָפיציעלע דערקלערונג פון דער סאָוועטן-מלוכה, וואָס האָט אויסגעדריקט סימפּאַטיע מיט דעם קאַמף פון די אַלבאַנישע פּאַטריאָטן קעגן די איטאַליענישע אָקופּאַנטן. די דערקלערונג פון דער סאָוועטן-מלוכה האָט אויך געוואונטשן אַלבאַניע צוריקצוגעווינען וואָס שנעלער איר זעלבסטשטענדיקייט.

קאַפּיטל 18.

אויך אין דייטשלאַנד זאַמלען זיך פייערן אונטער דער ערד

זיכער איז היטלער אנטשלאָסן אז די וועלט זאָל ניט וויסן וואס עס טוט זיך אין לאנד ניט אויף דעם געביט פון מלחמה-פּראָדוקציע, וואָס איז א שטרענגער מיליטערישער סוד, און ניט אויף דעם געביט פון די שטימונגען פון די טיילן פון דער דייטשער באַפעלקערונג, וואס הויבן אָן ארויסווייזן אומצופרידנהייט און גאנץ אָפט אפילו אָפענע פּראָטעסטן. היטלער איז אודאי און אודאי אנטשלאָסן, אז די וועלט זאָל ניט וויסן וועגן דעם, אז ניט געקוקט אויף דער גאנצער גרויזאמקייט פון דער געשטאַפּאָ, איז אויך אין דייטשלאנד דאָ אן אונטערערדישע באַוועגונג, וואָס ווייזט לעצטנס ארוים אלץ מער און מער סמנים פון לעבן.

ניט געקוקט אבער אויף אלע פארזוכן צו דערשטיקן די פאקטן, רייסן זיך פּאָרט דורך באריכטן, וואָס דערציילן וועגן דעם, אז אויך אין דייטשלאנד קלייבן זיך פייערן אונטער דער ערד און אז די נאַצים ציטערן אימת מות פאר אָט די אונטערערדישע פלאמען.

עס קומען די נייעס וועגן היגריכטונגען, וועגן שווערע שטראָפן פאר צוהערן זיך צו ראַדיאָ-בראָדקעסטס פון ענגלאנד, און וועגן נייע און נייע טויזנטער, וואס ווערן פארשפּארט אין קאָנצענטראציע-לאַגערן. געוויינלעך ווערט אָנגעגעבן אז די באשטראָפטע זיינען „קאָמוניסטן", נאָר די וועלט האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו פארשטיין, אז ווען די נאַצים שרייען

„קאָמוניסט“, מיינען זיי אַן אַנטי-נאַצי — אַ קעמפּער געגן זייער בלוטי-נער הערשאַפט.

לאָמיר דערמאָנען בלויז עטלעכע נייעסן פון די גאָר לעצטע חדשים:

5 דייטשן באַשטראָפט מיט טורמע פאַר הערן ראַדיאָ-בראָדקעסט פון ענגלאַנד

די בערלינער ראַדיאָ האָט באַריכטעט, אַז פינף דייטשן זיינען פאַר-משפּט געוואָרן צו טורמע-טערמינען פון 4 ביז 8 יאָר פאַר צוהערן זיך צו אַ ראַדיאָ-בראָדקעסט פון לאָנדאָן. צווישן די 5 פאַרמשפּטע זיינען געווען 3 פרויען. (נאָוו. 1942).

גלייכצייטיג באַריכטן אַבער די צייטונגען פון שוועדן און שווייץ, אַז ווי עס גיבן איבער די, וועלכע זיינען לעצטנס ארויסגעפאָרן פון דייטש-לאַנד, הערט די באַפעלקערונג זיך זייער געשמאַק צו צו ראַדיאָ-באַריכטן פון ענגלאַנד. מען טוט עס, כאָטש מען ריזיקירט צו קריגן די שווערסטע שטראָף פאַר דעם.

סאַבאָטאַזש אין די פאַבריקן אין דייטשלאַנד

די צייטונג „טראָץ אַלט“, וואָס גייט ארויס אין סטאָקהאָלם, אין שוועדן, באַריכטעט, אַז עס וואַקסט אַלץ מער דער סאַבאָטאַזש אין די דייטשע אַמוניציע-פאַבריקן. די צייטונג זאָגט, אַז שולדיג אין דעם סאַבאָ-טאַזש זיינען מערסטנס די מיליאָנען אויסלענדישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן קיין דייטשלאַנד צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די דייטשן, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער'ן ביקס.

איז כאָטש עס איז אמת, אַז די, וועלכע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף שקלאַפן-אַרבעט, — זיינען גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, צו שעדיגן די שקלאַפן-טרייבער, איז אָבער אויך באַוואוסט אַז די דייטשע אַרבעטער הויבן אויך אָן צעוויקלען סאַבאָטאַזש-טעטיגקייטן אויף צו שעדיגן היטלערס הערשאַפט פון בלוט און רויב. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז לעצטנס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דייטשלאַנד אַן אונטערערדישער צוזאַמענקונפט פון די פאַראייניגטע אַנטי-פאַשיסטישע כוחות אין דייטשלאַנד. אָט דער צוזאַמענפאָר האָט דורך אַ געהיימער ראַדיאָ-סטאַנציע גערופן דאָס דייטשע פאָלק צום קאַמף געגן היטלעריזם און האָט זיך ספּעציעל געווענדעט צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן צעוויקלען סאַבאָטאַזש-טעטיגקייטן אין די פאַבריקן.

געהיימע קאָנפערענץ לאָזט אַרויס מאַניפעסט געגן נאַציזם און מלחמה

וועגן דער פריער-דערמאָנטער קאָנפערענץ ווערט באריכטעט פון דער אינטערקאנטינענט ניוס דעם 31-טן דעצעמבער, 1942, ווי פאָלגט:

„אונזער קאָרעספּאָנדענט פון בערן, שווייץ, האָט אונז צוגע-שיקט די פאָלגענדיגע איינצעלהייטן וועגן דער אומלעגאַלער קאָנפע-רענץ, וואס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד.

די קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך גערופן „נאַציאָנאַלע פרידנס קאָנ-פערענץ", איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהויב דעצעמבער אין איינער פון די ריינלענדישע שטעט. דער פאָרזיצער איז געווען א פאבריק-דאָק-טאָר פון גאָר א גרויסער פאבריק אין רור געביט.

צווישן די דעלעגאַטן זיינען געווען פארטרעטער פון פארשיידענע פּאָליטישע פּארטייען און גרופּירונגען, וואס פונקציאָנירן אומלעגאַל אין דייטשלאַנד. ס'איז געווען פארטראָטן א קאַטוילישער גלח, א קעפּטעין פון רייכסווער, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס מיטגליד פון דער דייטש-נאַציאָנאַלער פּארטיי, א פאָרשטייער פון די קאָמו-ניסטן, סאָציאַל דעמאָקראַטן און פון אזעלכע שיכטן פון ארבעטער-קלאַס ווי אייזנבאַן-ארבעטער, מעטאַל-ארבעטער און אנדערע.

איינער פון די דעלעגאַטן האָט אדרעסירט די קאָנפערענץ פאַר די קאַטוילישע גייסטלעכע. עס זיינען אויך ארויסגעטראָטן אַנדערע רעדנער, איינגעשלאָסן א פרוי פון קעלן, פאָרשטייער פון קליינע גע-שעפטסלייט און אגריקולטור-ארבעטער.

וויכטיג איז צו פארצייכענען, אז צווישן אנדערע איז די קאָנ-פערענץ אויך באגריסט געוואָרן פון א פאָרשטייער פון דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע-גרופּע. דער צוזאמענשטעל פון דער קאָנ-פערענץ און דער פאקט וואס די קאָנפערענץ איז דאָך פאָרגעקומען ניט געקוקט אויף דעם געשטאַפּאָ-טעראָר און איז ניט אויפגעדעקט געוואָרן, ווייזט, אז דאָס איז ניט קיין ארבעט פון איזאָלירטע גרופּן נאָר פון א באוועגונג, וואָס ווערט געשטיצט פון די פאָלקס-מאַסן.

די קאָנפערענץ האָט איינשטימיג אָנגענומען א מאניפעסט געגן נאַציזם און געגן דער מלחמה".

דער בעסטער באַווייז וועגן דעם, אז עס הויבט זיך אָן צעטראָגן אי-בער דייטשלאַנד א כוואַליע פון אומצופרידנהייט און די סמנים, אז אָט

די אומצופרידנהייט הויבט אָן באטראכט צו ווערן פון די נאַציס אַלס זייער א געפערלעכע דערשיינונג, איז דער פאקט, וואס צום סוף דעצעמ-בער פון 1942 האָט געבעלס געפונען פאר נויטיג „ארויסצושיקן הונ-דערטער פראָפּאגאנדיסטן איבער׳ן לאנד... אויף צו העלפן הויבן די שטימונג ערב דעם סאמע פאראומערטן קריסטמעס פון דער מלחמה-צייט" (אסאָשיעיטעד פרעס, 22-טער דעצעמבער, 1942).

דער אפאלאגעטישער טאָן אין די רעדעס פון געבלס און גערינג דעם 30-טן יאנואר, ווען עס איז געוואָרן צען יאָר זינט היטלער איז גע-קומען צו דער מאַכט, זיינען א גאַנץ קלאָרער באווייז פון די געענדערטע שטימונגען אין דייטשלאנד. די מפּלות אויף די סאָוועטישע פראָנטן, ספּעציעל די נידערלאגע לעבן סטאַלינגראד, וואס איז די גרעסטע מי-ליטערישע קאטאסטראָפע, וואס אן ארמיי האָט ווען ניט איז אין דער געשיכטע געליטן, — דאָס אלץ איז ווי בוימל אויף דעם פייער פון דער אומצופרידנהייט, וואס הויבט זיך אָן ארויסווייזן אין דייטשלאנד.

אין לובערק איז אין דעצעמבער לעצטן יאָר דערשאָסן געוואָרן א 52-יאָריגער דייטש. ער איז פון דער געשטאפּא באשולדיגט געוואָרן אין פארנעמען זיך מיט אנטי-היטלער אַגיטאַציע.

לויט א באריכט פון דער אונטערערדישער ראַדיאָ-סטאַנציע „דער דייטשער ארבעטער" זיינען אין לויף פון 1942 דער׳הרג׳עט געוואָרן אין דייטשלאנד 90 פירנדיגע נאַציס. די מערסטע דערמאָרדונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון 1942. אונטערצי-ענדיג א סך הכל צו די אנטי-נאַצי קאמפּן אין דייטשלאנד אין דעם פאר-גאנגענעם יאָר, גיט די אונטערערדישע ראַדיאָ-סטאַנציע אויך איבער, אז עס זיינען געווען 237 פאלן פון אָרגאניזירטן ווידערשטאנד צו די נאַ-צישע פארוואלטער אויף פאבריקן און אין מאינס.

עס ווערט אָנגעוויזן אין דעם באריכט אז די צאָל מיטגלידער אין דער אונטערערדישער באוועגונג איז געשטיגן אויף 800 פּראָצענט.

דעם 28-טן פעברואר, 1942, צו דעם צענטן יאָר-טאָג פון דער שריפה אין רייכסטאג האָט מען אין בערלין און אין האמבורג פארשפּרייט פלוג-בלעטלעך, אין וועלכע עס האָט זיך געזאָגט:

„דער באלאגערונגס-צושטאנד, וואס איז דערקלערט געוואָרן מיט צען יאָר צוריק, איז נאָך אלץ ניט אראָפּגענומען געוואָרן. היט-

לערם טאָטאַלע מלחמה געגן די פעלקער פון אייראָפּע ווערט פריער פון אַלץ געפירט געגן דעם דייטשן פאָלק זעלבסט."

דעם 13-טן פעברואַר, 1943, איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער אויפרייס אויף דעם הויפּט-בערלינער וואקזאַל — דער פרידריכשטראַסע באַן-האָף. צוויי מענטשן זיינען דער'הרג'עט געוואָרן און עס זיינען אויך געווען אַ סך פאַרוואונדעטע.

די נאַצים האָבן געפונען פאַר נויטיג צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע פּאָליציי פון דער ציווילער באַפעלקערונג. די נייע פּאָליציי הייסט די „לאַנדוואַכט" און איר אויפגאַבע איז „צו קעמפן געגן פאַררעטער." די מיטגלידער פון דער נייער אָרגאַניזאַציע האָבן ניט קיין מונדירן און זיי טראָגן בלויז אַ ווייסן אָרם-באַנד. אין אָט דער נייער פּאָליציי זיינען דאָ דייטשן פון פאַרשיידענעם עלטער און פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס.

לויבט אַ באַריכט פון דעם בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון דער שוועדישער צייטונג „סווענסקא דאַגבלאַדעט", איז שוין אַ גרויסע צאָל פון אָט דער „לאַנדוואַכט" דער'הרג'עט געוואָרן, כאָטש די נייע פּאָליציי איז ערשט ניט לאַנג אָרגאַניזירט געוואָרן.

די יוגנט הויבט־אויף די פאָן פון קאַמף

אָפט פלעגט זיך שטעלן די פראַגע: וואו איז די דייטשע יוגנט? וואָס שווייגן די דייטשע סטודענטן? געוויינלעך איז דאָך די יוגנט אין פאָדערגרונט פון באַוועגונגען געגן אומגערעכטיגקייט און אין קאַמף פאַר פרייהייט. אַזוי איז געווען ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן. וואו־זשע איז די דייטשע יוגנט? הערשט דאָך דאָרט אין דייטשלאַנד אַזאַ רעאַקציאָנערע פינסטערניש. הערשט דאָך דאָרט אַזאַ געמיינע כאַפּטע אויסוואורפן און דעגענעראַטן. ווערן דאָך דאָרט באַגאַנגען אַזעלכע שווידערלעכע פאַרברעכנס. ווערט דאָך דאָרט צעטראָטן אַלץ, וואָס איז מענטשיש און ווירדיג. ווערט דאָך דאָרט פאַר'חוזק'ט דער מין מענטש און עס ווערט איינגעשטעלט שקלאַפעריי. ווערט דאָך דייטשלאַנד צוליב די נאַצישע מעשים פאַרמיאוסט אין דער גאַנצער וועלט. איז דען מעגלעך אַז אַפילו קיין קליינער טייל פון דער יוגנט וועט זיך ניט אויפ[...]ן און וועט ניט נעמען אויף זיך די מאַרטירער-קרוין פון קאַמף אויף ריינצוּוואַשן דעם נאָמען פון דייטשלאַנד און אויף צו ווייזן דער וועלט אַז עס לעבט נאָך אַ פונק פון אַנשטענדיגקייט און אַז עס איז דאָ אַ האָפענונג אַז אויך אינעווייניג, אין דייטשלאַנד, זיינען נאָך דאָ אַזעלכע, וועלכע

זיינען גרייט זייערע לעבנס אָפּצוגעבן, אבי די שאנדע פון פאשיזם אָפּ־צוואַשן?

וועט די יוגנט געבן איר ענטפער? וועט די יוגנט ווייזן אז נאָך ניט אלץ איז אָפּגעטויט אין דייטשלאַנד?

און די יוגנט האָט איר ענטפער געגעבן. עס איז באוואוסט געוואָרן די נייעס אז סוף מערץ היי־יאָר האָט די געשטאַפּאָ אויפגעדעקט אן אנטי־נאַצי אָרגאַניזאַציע אין דעם מינכענער אוניווערזיטעט. עס איז ארעס־טירט געוואָרן א גאנצע רייע סטודענטן. איניגע פון זיי זיינען באלד געשטעלט געוואָרן צום געריכט אויף דער קלאַגע פון דרוקן און פאר־שפּרייטן אומלעגאלע ליטעראטור. דריי סטודענטן זיינען פאראורטיילט געוואָרן צום טויט און זיינען באלד הינגעריכטעט געוואָרן.

אין דער אומלעגאַלער ליטעראטור, וואס די סטודענטן־אָרגאַניזאַציע האָט פארשפּרייט, האָט מען באצייכנט היטלער׳ן און זיינע לייטענאַנטן אלס א באנדע מערדער און גנבים, וואס פירן דייטשלאַנד צו רואינע.

די סטודענטן האָבן גוט געוואוסט מיט וואס עס שמעקט אזא טע־טיגקייט אין איצטיגן היטלער־לאַנד. אז זיי האָבן דאָס געוואוסט, בא־ווייזט דער פאָלגענדיגער פאקט. די געשטאַפּאָ־אַגענטן זיינען איבערגע־פאַלן דעם אוניווערזיטעט אין מינכן אין דער מיט פון די לעקציעס. ווען די געשטאַפּאָ־לייט האָבן גענומען ארויסשלעפּן די סטודענטן פון די קלאַסן, האָט איינער פון די, וועלכע זיינען שפּעטער הינגעריכטעט גע־וואָרן, אויסגערופן, ווענדענדיג זיך צו די סטודענטן, וועלכע זיינען ניט ארעסטירט געוואָרן: „גיט איבער מיינע עלטערן, אז איך וועל שוין צוריק ניט קומען.“

זיי האָבן געוואוסט וואס עס דערווארט זיי און זיי זיינען געגאַנגען מיט אָפענע אויגן אין פייער אריין. און אויב עס האָבן זיך געפונען אזעלכע סטודענטן אין מינכענער אוניווערזיטעט, טאָ קאָן מען דאָך אָנ־נעמען אז אויך אין אנדערע אוניווערזיטעטן זיינען דאָ אזעלכע יונגע־לייט, וועלכע זיינען גרייט צו פארניכטן דעם נאַציזם. איז מעג טאקע דער געשטאַפּאָ־רעזשים שטרעבן צו דערשטיקן די נייעס וועגן דעם אמת׳ן צושטאַנד אין דייטשלאַנד, נאָר מיר האָבן אין דעם פאַל מיט די הינריכ־טונגען פון די מינכענער סטודענטן א גוטן באַווייז אז אויך אין דייטש־לאַנד רודערט זיך אין אונטערערד.

דעם 4־טן אפּריל היי־יאָר האָט די „טאַימס“ געדרוקט א באריכט פון

איר קאָרעספּאָנדענט דזשאָרדזש אַקסעלסאָן אין סטאָקהאָלם, שוועדן, וועגן אַ כוואַליע פון סאַבאָטאַזש-אַקטן אין דייטשלאַנד. אָט זיינען אייניגע פון זיי ווי עס באַריכטעט אַקסעלסאָן: עס איז אויפגעריסן געוואָרן אַן אייזנבאַן-בריק איבער דעם טייך אָדער לעבן פראַנקפאָרט. צוליב אָט דעם אויפרייס איז אויסגעקומען צו פירן דעם אייזנבאַן-פאַרקער דורך אַן אַרו-מיגן און אַ סך לענגערן וועג, און גראַד דאָ גייען דורך די הויפּט-טראַנס-פּאָרטן צום צענטראַלן פראָנט.

אין בערלין זיינען פאָרגעקומען באָמבע-אויפרייסן אויף צוויי וואַק-זאַלן. די באָמבעס זיינען אונטערגעליינגט געוואָרן פון די אונטערערדישע קעמפער.

און וואָס איז נאָך מער באַדייטונגספול איז די נייעס וועגן דעם, אַז אין סוף מערץ הייאָר זיינען אין דייטשלאַנד הינגעריכטעט געוואָרן 40 נאַציס. צוויי פון וועלכע האָבן געהאַט גאָלדענע עמבלעמען-אויסצייכע-נונגען, וואָס עס פאַרמאָגן בלויז די אָריגינעלע 100,000 מיטגלידער פון דער נאַציישער פאַרטיי. די 40 זיינען הינגעריכטעט געוואָרן פון דער גע-שטאַפּאָ פאַר אַ פאַרשווערונג, וואָס איז געווען געצילט קעגן היטלער'ן און געבעלס'ן.

אַלע פאַרזוכן פון דער געשטאַפּאָ צו האַלטן אָט דעם ענין אין געהיים זיינען דורכגעפאַלן, און מען רופט אָן אָט די הינריכטונגען „אַ מיניאַ-טורנער יוני דער 30-טער" (דאָס איז דער דאַטום אין 1934, ווען היטלער האָט דורכגעפירט זיין באַרימטע רייניגונג, אין וועלכער ער האָט דער-שאָסן אַ צאָל פון זיינע נאָענטסטע נאָכפאָלגער, צווישן זיי ראָהם, היינעס און אויך דער גענעראַל פאָן שלייכער). דאָס, וואָס צווישן די הינגע-ריכטעטע זיינען געווען צוויי פון די אָריגינעלע גרינדער פון דער נאַצי-שער פאַרטיי, ווערט אויסגעטייטשט אַלס אַ באַוויז, אַז עס הויבט זיך אָן ברעכן אין די רייען פון די הויך-געשטעלטע נאַציס, ווייל זיי פאַרלירן דעם גלויבן אין אַ זיג.

אויף דער פראַגע, צי עס איז נאָך דאָ אַן אונטערערדישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד, ענטפערן די אויטאָרן פון דעם בוך „דיסאַילענט וואָר" (די שטילע מלחמה) אַזוי:

„מיר וואָלטן בשום אופן ניט געקאָנט ענטפערן אויף אָט דער פראַגע, ווען עס זאָלן ניט געווען זיין געוויסע פאַסירונגען אין דייטש-לאַנד אין דער לעצטער צייט. (דאָס איז געשריבן אין 1942—ש. א.).

און די אָפיציעלע באריכטן וועגן אַט די פּאַסירונגען האָבן אונז א סך אויפגעקלערט. זיי האָבן באשטעטיגט דאָס, וואס מיר האָבן געוואוסט פון די אלע באריכטן, וואס זיינען צו אונז דערגאנגען פון דער צייט נאָך פאר 1940 — אז די אָפּאָזיציע אין נאַצי-דייטשלאנד לעבט נאָך."

דעם 28-טן מאַי, 1942, זיינען 258 מענטשן הינגעריכטעט געוואָרן אין בערלין. די באשולדיגונג איז געווען אז זיי האָבן געוואָלט אויפרייסן מיט דינאמיט אן אנטי-סאָוועטישע אויסשטעלונג אין בערלין. די הינגעריכטעטע זיינען אויך באצייכנט געוואָרן אלס אידן און קאָמוניסטן. מען קאָן זעען פון אויבן-אויף אז די נאַצים האָבן געוואָלט פארדעקן דעם פאקט אז די 258 הינגעריכטעטע זיינען געווען טעטיג אין אונטערערדישער ארבעט נעגן דער נאַצישער מלוכה.ווי אזוי האָבן אידן געקאָנט זיך באטייליגן אין א פארזוך אויפצורייסן אן אויסשטעלונג אין בערלינער לוסט-גארטן, ווען אידן טאָרן אהין ניט אריינגיין, ווען אידן מוזן טראָגן א געלע לאַטע און א מגן דוד און ווען אידן טאָרן איבערהויפּט ניט ארויסגיין אין גאַס נאָך 8 אין אָוונט, און לויט דער נאַצישער דערקלערונג איז דער פארזוך אויפצורייסן די אויסשטעלונג געמאכט געוואָרן ביינאכט.

און וואס אמבאלאנגט קאָמוניסטן, קאָן מען אָננעמען אז ווען זיי וואָלטן באשלאָסן אויפצורייסן א געביידע, וואָלטן זיי שוין זיכער אויפגעריסן אן אנדער געביידע, אין וועלכער עס זיינען דאָ א סך נאַצים, און ניט אן אויסשטעלונג אין א פּארק.

דעם 2-טן יולי, 1942, האָט די נאַצישע ראַדיאָ געמאכט אזא דערקלערונג:

„אין דער לעצטער צייט איז באמערקט געוואָרן אין אן אמוניציע-פאבריק אין פראנקפורט, אז עס ווערט פארשפּרייט צווייפל און פארדאכט צווישן די ארבעטער דורך פאלשע קלאנגען, וואס זיינען ספּעציעל געצילט נעגן דער מלחמה, וואס דייטשלאנד און אירע פארבינדעטע פירן. עס איז אויפגעדעקט געוואָרן אז דער 31-יאָריגער פאבריק-אינזשענער היינריך מאאס, א געוועזענער מארקסיסט, האָט זיך סיסטעמאטיש צוגעהערט צו די ראַדיאָ-פּראָגראמען פון דעם שונא. דערביי האָט מאאס געהאט פּארעטערישע אבזיכטן און ער האָט די אויפהעצערישע אינפאָרמאציע, וואס ער האָט געהערט אויף דער ראַדיאָ, איבערגעגעבן צו ארבעטער אין דער פאבריק. מאאס

איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. פיר אַנדערע אַרבעטער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן פאַרשפּרייטן די נייעס, זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו טורמע־טערמינען".

דאָס איז ניט געווען דער איינציגער באַריכט אויף דער דייטשער ראַדיאָ און אין דער דייטשער פּרעסע. א לאָנדאָנער צייטונג האָט אין מאַי, 1942, געמאַכט א סך הכל פון אָט די באַלערנדיקע באַריכטן, וואָס קומען פון דייטשלאַנד. דער סך הכל איז געדרוקט געוואָרן אונטער א קאָפּ: „צוויי יאָר פון יורידישן טעראָר קעגן דער דייטשער אָפּאָזיציע". מען קאָן פון אָט דעם סך הכל זייער א סך לערנען און זיך איבערצייגן, אַז די אונטערערדישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד לעבט, ניט געקוקט אויף דער שווינדלערישער גרויזאַמקייט, מיט וועלכער די געשטאַפּאָ דערשטיקט און צעדריקט יעדע קלענסטע אָפּאָזיציע צו דער הערשאַפט פון היטלער'ן.

לאָמיר דאָ דערמאָנען בלויז עטלעכע פאַלן און אין דעם קאַזיאָנע־לשון פון די נאַציסטישע געריכטן:

„מ. שנייבערגער פון נירעמבערג, 40 יאָר אַלט, איז געווען א מיטגליד פון אַן אַנטי־דייטשער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געמאַכט א פאַרזוך אַריינצושמוגלען קיין דייטשלאַנד פאַרראַטערישע ליטעראַטור. ער האָט געשאָסן ווען מען האָט אים אָנגעהויבן נאָכיאָגן. איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אויף דער קלאַגע פון הויך־פאַרראַט".

„דאָמבראָווסקי, 38 יאָר אַלט, האָט סיסטעמאַטיש אין לויף פון יאָרן זיך פאַרנומען מיט אומלעגאַלער אַרבעט, וואָס האָט באַצוועקט צו גרינדן אָרגאַניזאַציעס פון א פאַרבאָטענער פּאַרטיי. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט".

„פּאַול שור, 23 יאָר אַלט, פון פראַנקפורט אַם מיין, איז געפונען געוואָרן שולדיק אין פאַרשפּרייטן פאַרראַטערישע „טשעין־בריוו" און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט".

„קאַרל האָפּמאַן, עריך שולץ, ווילי און הערמאַן טשיל זיינען פון דעם פאָלקס־געריכט געפונען געוואָרן שולדיק אין אַקטן פון צוגרייטן הויך־פאַרראַט און אין פאַרברעכנס, וואָס האָבן פאַרלעצט די געזעצן וועגן אויפּרייס־שטאָפּן. זיי זיינען אַלע פיר פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. די פיר זיינען געווען מיטגלידער פון אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אויסלאַנד און וואָס האָט באַצוועקט צו אונטערגראָבן די מאַכט פון דער דייטשער אַרמיי און צו

שטירצן די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע (נאַצישע—ש. א.) קאָנסטיטוציע פון דייטשלאַנד".

„ווילי גאַל, 33 יאָר אַלט, און אָטאָ נעלקע, 42 יאָר אַלט, זיינען פאַר-אורטיילט געוואָרן צום טויט אויף דער קלאַגע פון שטערן די קעמפּענ-דיגע כוחות פון דייטשלאַנד און פון צוגרייטן הויך-פאַרראַט".

און אַזוי ציט זיך דאָס צעטל פון נאָך א סך און א סך אַזעלכע טויט-אורטיילן. דאָס איז א קלאָרער באַווייז פון דעם, אַז דער אונטערערד אין דייטשלאַנד לעבט און טוט אָן די נאַצים א סך צרות. אָט די פאַר-אורטיילטע און הינגעריכטעטע האָבן מיט זייער העלדישן אונטערערדישן קאַמף באַוויזן אַז ניט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז נאַציסטיש און אַז דער שוואַרצער פלעק פון די נאַצישע פאַרברעכנס פאַלט ניט אויף אַלע 80 מיליאָן דייטשן. עס זיינען דאָ ביי דעם דייטשן פאָלק די, וועלכע האָבן מיט מסירת נפש'דיגן קאַמף געגן נאַציזם אָט דעם פלעק אָראָפּ-געוואַשן פון א טייל פון דעם דייטשן פאָלק. דאָס מוז מען געדענקען כדי צו זיין גערעכט צו דעם דייטשן פאָלק און ניט באַשולדיגן אַלעמען אַנגלנע און, דער עיקר פון אַלע עיקרים, כדי צו וויסן, אַז עס זיינען דאָ אינעווייניג אין דייטשלאַנד כוחות, וואָס וועלן העלפן גראָבן היטלער'ס קבר.

עס זיינען שוין גאָר צעשרויפט די נערוון פון די נאַצים און זיי פאַר-לירן שוין אינגאַנצן זייער פאַרשטאַנד, ווען זיי הויבן-אָן אויסשיסן איי-גענע הויכע מלוכה-באַאַמטע אויף דער קלאַגע פון א פאַרשווערונג צו שטירצן היטלער'ס מאַכט. צי עס איז טאַקע דאָ צווישן די נאַצים אַזא פאַרשווערונג, צי ניט — איז שווער צו זאָגן, נאָר שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אין אַפּריל היי-יאָר זיינען א סך הויכע נאַצישע באַאַמטע צעשאָסן געוואָרן אויף דער קלאַגע פון צוגרייטן אַזא פאַרשווערונג — איז שוין א גענוג שטאַרקער באַווייז ווי ווייניג זיכער די נאַצים פילן זיך איצט אין זייער מאַכט.

איינער פון די דערשאָסענע איז הינגעריכטעט געוואָרן אויף דער פּערזענלעכער פאָדערונג, וואָס היטלער האָט געשטעלט אַז אָט דער דייטש זאָל אָפּגעראָמט ווערן פון וועג. דער הינגעריכטעטער איז געווען א זון פון אַדאָלף פאָן אַרנאַק, איינעם פון די נאָענטסטע פריינט פון דעם לעצטן קאַיזער פון דייטשלאַנד.

אַז די דייטשע באַפעלקערונג הויבט-אָן אַרויסווייזן אַלץ מער סמנים

פון אנטריסטונג און פון גרייטקייט צו קאמף, איז אונטערגעשטראָכן גע־וואָרן פון פאול היגען, דעם אויטאָר פון דעם בוך „וויל דזשווירמעני קרעק?“. אויף דעם גרונד פון טרויענסווערטע באריכטן האָט ער דער־קלערט אין וואשינגטאָן אין אפריל היי־יאָר, אז ניט געקוקט אויף די גרויזאַמסטע שטראפן פאר צוהערן זיך צו אויסלענדישע ראדיאָ־פּראָג־ראמען, וואקסט אבער אלץ מער די צאָל פון די, וועלכע הערן זיך צו צו דעם, וואס די ראדיאָ פון אויסלאנד האָט צו זאָגן. ער האָט אויך דער־קלערט אז אין דייטשלאנד איז איצט שטארק פארשפרייט דער פאָלגנ־דיגער זייער כאראקטעריסטישער לאָזונג: „עס איז בעסער א סוף מיט טעראָר, איידער א טעראָר אָן א סוף!“

קאפיטל 19.

דער אנטי־פאשיסטישער קאמף אין איטאליע

מוסאָלינים שטרענגע צענזור לאָזט ניט ארויס קיין שום נייעס, וואס קאָן ווייזן אז אין לאנד איז דאָ א וואקסענדיגע געגנערשאפט צו דעם פאשיסטישן רעזשים, נאָר ניט געקוקט אויף אָט דער צענזור, רייסט זיך דאָך דורך דאָ און דאָרט א באריכט, וואס ווייזט, אז ניט נאָר איז דאָ א גרויסע אומצופרידנהייט, נאָר אז עס איז אויך דאָ אן אונטערערדישע באוועגונג.

דעם 22-טן נאָוועמבער, 1942, האָבן די צייטונגען געבראכט די נייעס, אז אין רוים זיינען 2 איטאליענער פאראורטיילט געוואָרן צום טויט פאר באלאנגען צו אן אומלעגאלער אָרגאניזאציע. נאָך צוויי אנדערע זיינען אויף דער זעלבער קלאגע פאראורטיילט געוואָרן צו 16 יאָר טורמע יעדערער.

דעם 1-טען דעצעמבער, 1942, איז געקומען די נייעס אז מען האָט אין איטאליע ארעסטירט 2,000 מיליטער-לייט און אז אין לאנד זיינען אָנגעקומען פון דייטשלאנד 79,000 געשטאפּאָ-אגענטן.

דעם 15-טן דעצעמבער, 1942, האָט די סאָוועטישע נייעס-אגענטור „טאס" געמאָלדן וועגן דעם, אז אין מילאן האָבן פרויען פארוואָרפן נאַ-צישע אָפיצערן מיט שטיינער. די דייטשן האָבן געענטפערט מיט א שי-סעריי. איטאליענישע סאָלדאטן האָבן אנטוואפנט די נאַצים און זיי צע-שלאָגן.

דעם 15-טן פעברואר, 1943, האט די „טאימס" געבראכט די נייעס פון לאנדאן, אז א צאל ארגאניזאציעס אין איטאליע האבן ארויסגעלאזט א פאראייניגטן רוף צו דער באפעלקערונג צו צעוויקלען סאבאטאזש אויף א גרויסן מאסשטאב און זיך גרייטן צו אן אויפשטאנד געגן דער רע-גירונג. דער אויפרוף איז אונטערגעשריבן פון דער איטאליענישער סא-ציאליסטישער פארטיי, פון דער מאזיני-גרופע, פון דער ארגאניזאציע „גערעכטיגקייט און פרייהייט" און פון די נאכפאלגער פון דער קאטוי-לישער ארגאניזאציע, וואס רופט זיך „פארטיטא פאפאלארי".

אין דעם רוף זאגט זיך, אז איטאליע געפינט זיך „ערב ערנסטע און אנטשלאסענע אנטוויקלונגען". די באפעלקערונג ווערט גערופן ניט צו צאלן קיין שטייערן, דורכצופירן אינדוסטריעלן סאבאטאזש, סאבאטאזש אין טראנספארט און אויך דורכצופירן אפענע מאניפעסטאציעס געגן דעם פאשיסטישן רעזשים.

די אונטערערדישע אגיטאציע אין איטאליע געגן דעם פאשיסטישן רעזשים און געגן דער מלחמה האט געקראגן אן אפקלאנג צווישן דעם איטאליענישן מיליטער, וואס געפינט זיך אין דער אקופירטער פראנקרייך.

די הויפט-קווארטיר פון די „קעמפענדיגע פראנצויזן" אין לאנדאן האט דערהאלטן א קאפיע פון אן אונטערערדישער ציימונג, וואס ווערט באצייכנט אלס די ערשטע אונטערערדישע אויסגאבע פון די איטאליע-נישע אקופאציע-ארמייען אין פראנקרייך. די ציימונג הייסט „פאראלא דעל סאלדאט" (דאס ווארט פון דעם סאלדאט).

אז אפילו צווישן מיליטער זאלן זיך דערהערן שטימען פון רעוואלט — דאס איז זייער סימפטאמאטיש. עס ווערט נאך מער ערנסט, ווען מען דערמאנט זיך, אז די אקופאנטן זארגן זיך געוויינלעך פאר דעם אז זייערע ארמייען זאלן זיין גוט-געשפייזט אויף דעם חשבון פון דער ארטיגער באפעלקערונג. די אקופאציע-ארמייען זיינען ניט אויף קיין שלאכט-פעלד און זיי פילן זיך מערנסטנס ווי מער פריווילעגירטע ווי די ארמייען אויף די פראנטן. אויב צווישן אט די אקופאציע-ארמייען איז שוין אויך דא דער גייסט פון רעוואלט, איז דאס א סימן אז אט דער גייסט דרינגט אריין גאר טיף אין די ברייטע שיכטן פון דעם איטאליענישן פאלק.

אין דער אונטערערדישער ציימונג איז אפגעדרוקט א רוף צו די אי-טאליענישע סאלדאטן צו פאראייניגן זיך מיט די פראנצויזן, וועלכע קעמפן געגן די נאצים. אין דער ציימונג איז אויך דא א סך שפאס אויף

דעם חשבון פון מוסאָליני׳ן. דער רוף צו די סאָלדאטן איז אונטערגע־שריבן פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּארטיי, פון דער אי־טאַליענישער קאָמוניסטישער פּארטיי און פון דער אָרגאַניזאַציע „גערעכ־טיגקייט און פרייהייט״.

עס איז זיכער אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד אין איטאַליע וואס אין דער ארמיי הויבט זיך אָן ארויסווייזן אַלץ אָפטער אַ ווידערשטאַנד צו דער מלחמה. עס איז דערגאַנגען צו דעם אַז אין מערץ היי־יאָר האָבן איטאַליענישע סאָלדאטן אויף דעם סאָוועטישן פראָנט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין שלאכט. די נאַציס האָבן דורכגעפירט אַ בלו־טיגע עקזעקוציע. זיי האָבן אין דער שטאָט אריאל אויף דעם הויפּט־סקווער אויפגעהאַנגען אַ צאָל איטאַליענישע סאָלדאטן. אַנדערע איטאַל־יענישע סאָלדאטן זיינען פון די נאַציס געשלאָגן געוואָרן.

די געהאַנגענע און די געשלאָגענע זיינען געווען אַ טייל פון אַ גרוי־סער מיליטער־טייל, וואס איז נאָר וואס אָנגעקומען אויף אַ באַן קיין אריאל. אַלע סאָלדאטן אויף אָט דער באַן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צום פראָנט.

אין דעצעמבער, 1942, איז אין מילאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אונ־טערערדישע קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט ליבע־ראַלן, קאַטויליקן, דעמאָקראַטן, רעפּובליקאַנער, סאָציאַליסטן און קאָמו־ניסטן. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו צעוויקלען אַ ברייטע טעטיגקייט געגן דער מלחמה און געגן דעם פאַשיסטישן רעזשים.

שרייבנדיג וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון אָט דער קאָנפערענץ, זאָגט די אַמעריקאַנער איטאַליענישע צייטונג „ל׳יוניטאַ דעל פּאָפּאָלאָ״:

„דאָס איטאַליענישע פאָלק הויבט־אָן פרעגן: „צוליב וואס דאַרפן מיר קעמפן? צוליב וואָס דאַרפן מיר קעמפן פאַר דייטשלאַנד און פאַר אַ רעגירונג, וואָס איז אַ שקלאַף ביי דייטשלאַנד, און וואס האָט פאַרראַטן די אינטערעסן פון דעם לאַנד״.

ווען דאָס פאָלק הויבט־אָן שטעלן אַזעלכע פראַגן און הויבט־אָן ארויסווייזן אַלץ מער און מער פאַרביטערטקייט געגן זיינע הערשער, איז דער טאָג פון דער פאַרניכטונג פון אָט די הערשער שוין ניט ווייט.

קאַפּיטל 20.

גרינדער פון נאַציִשן לעגיאָן אין בולגאַריע דערשאָסן.

ווי אין אַלע נאַצי-דאָמינירטע לענדער איז אויך אין בולגאַריע איינגעשטעלט געוואָרן אַן אייזערנע צענזור, וואָס לאָזט ניט דורך קיין שום נייעס וועגן דער אומצופרידנהייט צווישן די מאַסן מיט דעם, וואָס בולגאַריע איז געוואָרן אַן עק ביי די נאַצישע מיליטאַריסטן און וואָס די נאַצים באַלעבאַטעווען אין בולגאַריע ווי ביי זיך אין דער היים. נאָר אויב די צענזור דערשטיקט נייעסן וועגן דעם אינערלעכן צושטאַנד אין לאַנד, קאָן זי אָבער ניט באַהאַלטן געוויסע רעזולטאַטן פון דער אומצופרידנהייט, ספּעציעל ווען אַזעלכע אַקטן האָבן צו טאָן מיט גאָר הויכע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד.

די צענזור האָט ניט געקאָנט דערשטיקן דעם פאַקט, אַז אין סאָפיע איז דעם 13-טן פעברואַר, 1943, דערשאָסן געוואָרן דער גרינדער פון דעם בולגאַרישן נאַציִשן לעגיאָן, דער גענעראַל קריסטאַ לוקאָוו, וועלכער האָט זייער ענערגיש פּראָפּאַגאַנדירט די אידייע אַז בולגאַריע זאָל זיך באַלד אריינוואַרפן אין דער מלחמה געגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. ער האָט געגרינדעט מיליטערישע גרופּן מיט דעם אַבזיכט צו שיקן זיי צום פראָנט נעגן דער רויטער אַרמיי אַזוי שנעל, ווי דער קעניג וועט געבן זיין דערלויבעניש פאַר אָט דער אַוואַנטורע.

דער גענעראַל לוקאָוו האָט אויך געפירט אַ „רעד-בעיטינג" פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּרעסע, שפּרייטנדיג סם געגן אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן. ער האָט אפילו דעם קעניג באַשולדיגט אין זיין „צו מילד צו די רויטע".

די האַנט פון דעם אונטערגרונד האָט דערגרייכט אָט דעם נאַציִשן לאָקעי, וועלכער האָט ערשט מיט צען טעג פאַר זיין דערמאָרדונג זיך באַטייליגט אין אַ באַראַטונג מיט דעם נאַציִשן גענעראַל-שטאַב וועגן דער פאַרטיידיגונג פון די דרום-ברעגן פון בולגאַריע, וואָס גרעניצן זיך מיט טערקיי.

די נאַצים האָבן דעם דערמאָרדעטן גענעראַל לוקאָוו געהאַלטן פאַר אַזאַ וויכטיגן פאַרשוין, אַז צו זיין לויה, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין סאָפיע, בולגאַריע, און אין וועלכער עס האָט באַטייליגט דער בולגאַרישער קעניג און זיין גאַנצע סוויטע, האָבן די פאָלגענדיגע נאַציִשע פירער צו-

געשיקט בלומען-קראַנצן: גערינג, דער פעלד-מאַרשאַל קאַיטעל, דער הויפּט פון נאַצישן גענעראַל-שטאַב, און דער פעלד-מאַרשאַל פאָן מאַנ-שטיין.

דעם ערשטן מאַי היי-יאָר זיינען געווען ריזיגע דעמאָנסטראַציעס געגן דער מלחמה. דאָס פאַשיסטישע קעניגל באָרים איז ווי א דערשראָקענער האָז אנטלאָפן פון דער הויפּט-שטאָט.

קאַפּיטל 21.

די אונטערערדישע באַוועגונג און דער צווייטער פראָנט

די לאָנדאָנער „טאַימס" האָט אין אן עדיטאָריעל דעם 29-טן היי-יאָר אָט וואס געזאָגט וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג:

„דער אונטערערדישער קאמף אין אייראָפּע נעמט אָן א מער פאַר-ביטערטן כאַראַקטער. . .

איבער גאַנץ אייראָפּע גרייט זיך אַ מעכטיגע ארמיי צו שטעלן זיך צום קאמף ווען עס וועט קומען דער מאָמענט פאַר אַן אנשטיי-ענדיגן קלאַפּ."

די אונטערערדישע באַוועגונג דאַרף האָבן א צווייטן פראָנט און א צווייטער פראָנט דאַרף האָבן די אונטערערדישע באַוועגונג.

די העלדישע קעמפער אין דעם אונטערגרונד גייען אין פייער פון די קאמפן געגן די נאַצישע הערשער אין אלע אָקופּירטע לענדער. עס גייען אין אָט די קאמפן, ווי מיר האָבן געזען, מענער, פרויען און קינדער. דער קאמף ציט זיך פון די סטעפּעס אין אוקראַינע און די בערג אין יוגאָ-סלאַוויע ביז די פיאָרדן אין נאָרוועגיע און די ים-ברעגן אין בעלגיע און אין פראַנקרייך. און כאָטש אומעטום איז דאָ מוט און אויסדויער און אנטשלאָסנקייט און דערפינדערישקייט און א גרייטקייט צו שטאַרבן, אבי זיך ניט אונטערצוגעבן, איז אבער דאָ א געפאַר, אז עס קאָן קומען א מאָ-מענט, ווען די כוחות וועלן פּשוט אויסגיין און עס וועט ניט זיין מעגלעך ווייטער צו פירן דעם קאמף. אויף אָט דעם דופען די נאַצים און זיי האַלטן אין איין הענגען און שיסן, ווייל זיי ווילן פּשוט אויסצאַפּן דאָס בלוט פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרקנעכטן. די נאַצים האָבן אויך גענומען ארויספירן די מענער-באַפעלקערונג פון די

אַקופּירטע לענדער. דאָס איז ניט אַזויפיל צוליב דעם, וואָס די נאַציס ווילן קריגן ביליגע שקלאַפן-הענט פאַר די דייטשע אינדוסטריען — באַטש דאָס ווילן זיי אויך — נאָר דער עיקר איז דאָס מיט דעם אַבזיכט ניט צו דערלאָזן אַז אין די פאַרנומענע לענדער זאָל זיין אַ געזונטער עלעמענט פון קאַמפּס-פייאיגע מענער. מיט דעם איבערגעבליבענעם טייל פון דער באַפעלקערונג, האַלטן די נאַציס, וועלן זיי זיך שוין קאָנען ספּראַווען.

דער אונטערגרונד, וואָס ברענט היטלער׳ס טריט, דאַרף וואָס שנע-לער האָבן אַ צווייטן פראָנט, כדי עס זאָלן ניט בלייבן אומזיסט די אַלע קרבנות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן ביז איצט. און אַ צווייטער פראָנט דאַרף האָבן דעם אונטערגרונד, וועלכער וועט זיין אַ מעכטיגע שטיצע אין דעם לעצטן און אַנטשיידענדיגן קאַמף געגן דער היטלערישער מילי-טערישער מאַשין. ווען אַ צווייטער פראָנט וועט געעפנט ווערן, וועט די אונטערערדישע באַוועגונג אין גאַנץ אייראָפּע זיך אַ ריס-טאָן מיט דער קראַפט פון אַ וואולקאַן-אויסברוך. מיליאָנען וועלן נעמען געווער אין די הענט — געווער, וואָס ליגט איצט באַהאַלטן — און זיי וועלן שאַפן אַ ריזיגן כוח, וואָס וועט זיין אַ קאָלאָסאַלע הילף פאַר די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע פעלקער, אָפּגעזעען פון דעם, אויף וועלכן פונקט אין איי-ראָפּע אַ צווייטער פראָנט זאָל געעפנט ווערן.

שרייבנדיג פון בערן, שווייץ, וועגן די אויסזיכטן פון אַן אַטאַקע אויף היטלער׳ס „אייראָפּייאישער פעסטונג״, זאָגט אַרשאַמבאַ אין דער ניו-יאָר-קער „טאַימס״ פון דעם 4-טן אַפּריל היי-יאָר אַזוי:

„בשעת זייערע געקליבענע טרופּן זיינען פאַרנומען אין רוס-לאַנד און אין טוניסיע, האָבן די אַקס-מלוכות יעדע אורזאַכע צו שרעקן זיך פאַר פּאַרטיזאַנישע מלחמות און פאַר סאַבאָטאַזש. שוין איצט זיינען דאָ אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער „ווידער-שטאַנד-גרופּן״, וואָס קאָנצענטרירן זייער מערסטע אויפמערקזאַמ-קייט אויף אויפצורייסן באַנען און אויף צו צעשטערן יעדע פאָרמע פון טראַנספּאָרט. ווען אָט די גרופּן זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין גרויסע באַוואָפנטע כוחות אין פאַל פון אַ לאַנדונג, וואָלט די געפאַר (פאַר די נאַציס — ש. א.) נעוואָרן זייער גרויס.

„געוויסע באַאָבאַכטער זעען איין אָט דעם צושטאַנד איינע פון די אורזאַכן פאַר וואָס עס ווערן אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד מאַסן געזונטע מענער פון די אָקופּירטע לענדער. אויב מען זאָל איבער-

לאָזן אָט די אַלע מענער אין זייערע לענדער, קאָנען זיי נאָך אי־בערפילן די רייען פון די פּאַרטיזאַנישע קעמפער".

אויב עס זאָל פאַרצויגן ווערן אין דער לאַנגער באַנק אַריין דאָס עפענען פון אַ צווייטן פראָנט, איז דאָ די געפאַר, אַז די העלדישע קעמ־פער זאָלן פאַרלירן אַזויפיל בלוט, אַז זיי זאָלן מער ניט קאָנען פירן דעם קאַמף. אַ פאַרטרעטער פון די פראַנצויזישע אונטערערדישע קעמפער האָט עס זייער גוט כאַראַקטעריזירט ווען ער האָט דערקלערט אין לאָנדאָן אַז אַ צווייטער פראָנט מוז וואָס שנעלער געעפנט ווערן, ווייל אויב ניט, וועט באַלד ניט בלייבן קיין פראַנצויזיש פאָלק.

און אויב עס זאָל פאַרצויגן ווערן דאָס עפענען פון אַ צווייטן פראָנט, איז דאָ די גרויסע געפאַר, אַז די אַריינדרינגענדע אַרמייען, וואָס וועלן דאַרפן באַגעגענען דעם לעצטן און פאַרצווייפלטן פאַרזוך פון היט־לער'ן צו בלייבן דער באַלעבאָס אין אייראָפּע, — אַז אָט די אַרמייען וועלן ניט האָבן די הילף פון די אונטערערדישע קעמפער, וועלכע וועלן שוין פשוט זיין אויסגעשטיקט.

דער צווייטער פראָנט דאַרף געעפנט ווערן וואָס שנעלער. דאָס פאָ־דערט דער גורל פון דער מענטשהייט; דאָס פאָדערט זיך כדי צו פאַר־קירצן די מלחמה און כדי צו ראַטעווען וואָס מער לעבנס; דאָס פאָדערט דער חוב צו די העלדישע סאָוועטישע קעמפער, וועלכע האָבן אין לויף פון אַזאַ לאַנגער צייט אַליין איבערגעטראָגן דעם דרוק פון דער גאַנצער מיליטערישער מאַשין פון דעם נאַציזם און פון די אַלע היטלערישע וואַ־סאַלן; דאָס פאָדערט דער ווײ־געשריי פון אַלע צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן, וואָס ליגן אונטער היטלער'ס קנאָפּל אין אייראָפּע, און צווישן זיי דער ווײ־רוף פון די מיליאָנען אידן, וועלכע האָבן געזען ווי צוויי מיליאָן פון זייערע נאָענטע און טייערע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין טייכן בלוט, און וועלכע קוקן אַליין דעם טויט אין די אויגן יעדע מינוט; דאָס פאָדערט אייראָפּע; דאָס פאָדערט אַמעריקע; דאָס פאָדערט די גאַנצע וועלט און איבער אַלץ פאָדערט עס דער העלדישער אונטערגרונד, וואָס האָט פאַרשריבן קאַפּיטלעך פון איבערמענטשלעכן העראָאיזם. אַלץ און אַלע פאָדערן אין איין קול:

זאָל געעפנט ווערן אַ צווייטער פראָנט! זאָל אַ צווייטער פראָנט גע־עפנט ווערן וואָס שנעלער!

קאַפּיטל 22.

דאָקומענטן:

דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער".

די דעקלאַראַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער וועגן א קאמף געגן היטלער׳ן ביז׳ן סוף.

דער רוף פון די סאָוועטישע אידן צו די אידן פון דער גאנצער וועלט.

דער ענטפער פון די אמעריקאנער אידן אויף דעם רוף פון די סאָוועטישע אידן.

דער מעמאָראנדום צו רוזוועלט׳ן וועגן די נאַצישע שחיטות אויף אידן.

פעלקער-דעקלאַראַציע געגן נאַצי-שחיטות אויף אידן.

די שבועה פון די סאָוועטישע אידן צו נעמען נקמה פון די נאַצישע הענקער.

דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער"

דער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע און דער פּרעמיער-מיניסטער מר. טשוירטשיל, וועלכער פאַרטרעט זיין מאַיעסטעט׳ס רעגירונג אין דעם פאראייניגטן קעניגרייך, האָבן, נאָך דעם, ווי זיי האבן זיך געטראָפן, געהאלטן פאר רעכט צו פארעפנטלעכן געוויסע געמיינ-שאפטלעכע פּרינציפּן אין די נאַציאָנאַלע פּאָליסים פון זייערע באטרע-פנדיגע לענדער, לייגנדיג זייערע האָפנונגען אויף אָט די פּרינציפּן פאר א בעסערער צוקונפט פאר דער וועלט.

1. זייערע לענדער זוכן ניט קיין פארכאַפּונג — ניט קיין טעריטאָ-ריעלע און ניט קיין אנדערע.
2. זיי ווילן ניט זען קיינע טעריטאָריעלע ענדערונגען, וואס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט די פריי-אויסגעדריקטע פארלאנגען פון די פעלקער, וועמען עס רירט אָן.
3. זיי רעספּעקטירן די רעכט פון אלע פעלקער אויסצוקלייבן די פאָרמע פון רעגירונג, אונטער וועלכער זיי ווילן לעבן; זיי ווילן אויך זען אז די רעכט פון סואווערעניטעט און זעלבסט-פארוואלטונג זאלן אומגעקערט ווערן צו די פעלקער, וועלכע זיינען דורך געוואלד פון אָט די רעכט בארויבט געוואָרן.
4. זיי וועלן שטרעבן — אָפּהיטנדיג ווי עס געהערט צו זיין זייערע איצטיגע פארפליכטונגען — אויסצוברייטערן די מעגלעכקייט פאר אלע מלוכות — סיי קליינע, סיי גרויסע, סיי זיגרייכע, סיי באזיגטע — צו האָבן א צוטריט אויף א גלייכער באזע צום האנדל און צו די רוי-מאַטעריאלן פון דער וועלט — א צוטריט, וואָס איז נויטיג פאר זייער עקאָנאָמישן וואוילזיין.
5. זיי ווילן איינשטעלן די פולסטע קאָאָפּעראציע צווישן אלע פעל-קער אויף דעם עקאָנאָמישן געביט מיט דעם אבזיכט צו פאר-זאָרגן פאר אלעמען פארבעסערטע ארבעט-סטאנדארן, עקאָנאָ-מישן פאָרטשריט און סאָציאלע זיכערקייט.
6. זיי האָפן אז נאָך דער ענדגילטיגער פארניכטונג פון דער נא-צישער טיראניע וועט איינגעשטעלט ווערן א שלום, וואס וועט באזאָרגן פאר אלע פעלקער די מעגלעכקייט צו לעבן אין זיכער-קייט אין זייערע אייגענע גרעניצן, און וואָס וועט שאפן א גא-

ראַנטיע אַז אַלע מענטשן אין אַלע לענדער זאָלן קאָנען אויסלעבן זייערע יאָרן פריי פון שרעק פאַר נויט.

7. אַזאַ שלום דאַרף מאַכן מעגלעך פאַר אַלעמען צו פאָרן איבער די וואַסער־שליאַכן און ימים אָן שטערונגען.

8. זיי גלויבן אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט דאַרפן צוליב רעאַליסטישע, ווי אויך צוליב גייסטיגע אורזאַכן אויפגעבן דאָס באַנוצן זיך מיט מאַכט. אַזוי ווי קיין צוקונפטיגער שלום וועט ניט קאָנען אויפגעהאַלטן ווערן אויב לאַנד־ ים־ און לופט־באַוואָפענונגען וועלן ווייטער אויסגענוצט ווערן דורך פעלקער, וועלכע דראָען, אָדער וועלכע וועלן מעגלעך דראָען מיט אָנגריף אויסער זייערע גרעניצן, גלויבן זיי אַז איידער עס ווערט איינגעשטעלט אַ ברייטערע און פערמאַנענטע סיסטעם פון אַלגעמיינער זיכערקייט — איז נויטיג די אַנטוואָפענונג פון אָט די פעלקער. זיי וועלן אויך אויפ׳ן זעלבן אופן העלפן און דערמוטיגן אַלע אַנדערע פּראַקטישע מיטלען, וואָס וועלן לייכטער מאַכן פאַר פרידנס־ליבנדיגע פעלקער די דערדריקנדיגע לאַסט פון באַוואָפענונגען.

(אונטערגעשריבן) פרענקלין ד. רוזוועלט
ווינסטאָן ס. טשוירטשיל

די דעקלאַראַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער

אַ געמיינשאַפטלעכע דעקלאַראַציע פון די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, דאָס פאַראייניגטע קעניגרייך פון גרויסבריטאַניע און צפון אירלאַנד, דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, כינע, אויסטראַליע, בעלגיע, קאַנאַדע, קאָסטאַ ריקאַ, קובאַ טשעכאָסלאָוואַקיע, דאָמיניקאַנער רעפּובליק, על סאַלוואַדאָר, גריכנלאַנד, גוואַטעמאַלאַ, האַאיטי, האָנדוראַס, אינדיע, לוקסעמבורג, האָלאַנד, ניי-זילאַנד, נאָרוועגיע, פּאַנאַמע, פּוילן, סאַוט אַפריקע, יוגאָסלאַוויע.

די רעגירונגען, וואָס שרייבן זיך אונטער אויף אָט דער דעקלאַראַציע, האָבן —

אָננעמענדיג אַן אַלגעמיינע פּראָגראַם פון צילן און פּרינציפּן, וואָס זיינען אינקאָרפּאָרירט אין דער געמיינשאַפטלעכער דעקלאַראַציע פון דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע און דעם פּרעמיער מיניסטער פון דעם פאַראייניגטן קעניגרייך פון גרויס בריטאַניע און צפון-אירלאַנד, וואָס איז דאַטירט דעם 14-טן אויגוסט, 1941, און וואָס איז באַקאַנט אַלס דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער", און —

זייענדיג זיכער, אַז אַ פולשטענדיגער זיג איבער זייערע שונאים איז נויטיג צו פאַרזיכערן דאָס לעבן, פרייהייט, זעלבסטשטענדיגקייט און רעליגיעזע פרייהייט און אויף צו פאַרהיטן מענטשישע רעכט און גערעכטיגקייט אין זייערע אייגענע לענדער, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, און זייענדיג איצט פאַרטאָן אין אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף געגן ווילדע און ברוטאַלע כוחות, וואָס ווילן באַהערשן די וועלט, האָבן זיי פּראָקלאַמירט, אַז —

1. יעדע רעגירונג פאַרפליכטעט זיך צו באַנוצן אַלע רעסורסן — מיליטערישע און עקאָנאָמישע — געגן די מיטגלידער פון דעם דריי-מלוכה-פּאַקט און געגן די, וואָס שטייען צו צו דעם פּאַקט, מיט וועלכע די באַטרעפנדיגע רעגירונג פירט אַן מלחמה.

2. יעדע רעגירונג פאַרפליכטעט זיך צו קאָאָפּערירן מיט די רעגירונגען, וואָס זיינען דאָ אונטערגעשריבן, און ניט צו שליסן קיין באַזונדער וואַפנשטילשטאַנד, אָדער שלום מיט די שונאים.

אין אָט דער דעקלאַראַציע קאָנען זיך אויך אָנשליסן אַנדערע פעלקער, וואָס דערלאַנגען שוין מאַטעריעלע הילף און מאַכן ביישטייערן, אָדער

די, וואס וועלן דאָס טאָן שפּעטער אין דעם קאמף פאר א זיג איבער היט-לעריזם.

אונטערגעשריבן אין וואשינגטאָן
דעם ערשטן יאנואר, 1942

די פאראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע
פרענקלין ד. רוזוועלט.

דאָס פאראייניגטע קעניגרייך פון גרויס בריטאַניע און צפון אירלאנד
ווינסטאָן ס. טשוירטשיל.

פאר דער רעגירונג פון דעם פארבאנד פון סאָוועטישע סאַציאַליסטישע רעפּובליקן
מאקסים ליטווינאָוו (אמבאסאדאר)

די נאַציאָנאַלע רעגירונג פון דעם כינעזישן רעפּובליק
טסע וואנג סונג (אויסלאנדס מיניסטער).

די דאָמיניאָן פון אויסטראליע
ר. דזשי. קעיסי

דאָס קעניגרייך פון בעלגיע
ס. ר. וו. ד. סטראטען.

קאנאדא
ליטאן מקקארטי.

די רעפּובליק פון קאסטא ריקא
לואיס פערנאנדעז.

די רעפּובליק פון קובא
אאורעליא פּ. קאָנטשעזא.

די רעפּובליק פון טשעכאָסלאָוואקיע
וו. ס. הוירבאן.

די דאָמיניקאנער רעפּובליק
דזש. מ. טראנקאסא.

די רעפּובליק פון על סאלוואדאר
ס. עי. אלפארא.

דאָס קענגרייך פון גריכנלאנד
סימאן דזשי. דיאמאנטאפולאס.

די רעפּובליק פון גוואטעמאלא
ענריק לאפּעץ־הערראַרטע.

די רעפּובליק פון האַאיטי
פערנאנד דעניס

די רעפּובליק פון האנדוראס
דזשוליאן ר. קאסעראס.

אינדיע
דזשירדזשא ששאנקאר באזשבאי

גרויספירסטנטום פון לוקסעמבורג
היוג לע גאלעי.

דאָס קענגרייך פון האָלאנד
א. לודאָן.

פאר דער רעגירונג פון ניי־זילאנד
פרענק לענגסטאָן.

די רעפּובליק פון ניקאראגוא
לעאָן דע בעילע.

דאָס קעניגרייך פון נאָרוועגיע
וו. מאנטי מארגיענסטי ערנע.

די רעפּובליק פון פאנאמע
זשין זשוארדיע.

די רעפּובליק פון פוילן
יאן טשעכאנאָווסקי.

די יוניאָן אָוו סאוט אפריקע
ראלף וו. קלאוז.

דאָס קעניגרייך פון יוגאָסלאוויע
קאנסטאנטין א. פאטיטש.

דעם 5-טן יוני, 1942, האָט דער מעקסיקאנער אויסלאנדס מיניס-טער אינפאָרמירט דעם אמעריקאנער סעקרעטערי אָוו סטעיט, אז די מעק-

סיקאנער רעגירונג האָט אָפיציעל זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעקלאַראַציע פון די פאראייניגטע פעלקער פון דעם 1-טן יאנואר, 1942.

דעם 10-טן יוני, 1942, האָט דער פּרעזידענט פון די פיליפּינען אינפאָרמירט דעם סעקרעטערי אָוו סטעיט, אַז די רעגירונג פון די פיליפּינער אינזלען שליסן זיך אָן אָפיציעל אין דער דעקלאַראַציע פון די פאראייניגטע פעלקער פון דעם 1-טן יאנואר, 1942.

מאַניפעסט פון די אידישע שרייבער און קינסטלער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צו די אידן פון אלע לענדער

אין מאָסקווע איז אין אויגוסט, 1941, פאָרגעקומען אַ ראַדיאָ־מיטינג פון אידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלייט, מיט'ן אנטייל פון רוסישע, דייטשע און אנדערע געלערנטע און ארטיסטן און רויט־אַרמייער. רעדעס איבער דער ראַדיאָ זיינען געהאַלטן געוואָרן פון איליאַ ערנבורג, דוד בערגעלסאָן, ש. מיכאָעלס, פּרץ מארקיש, שכנא עפּשטיין און אַנדערע. דער מיטינג האָט אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט צו די אידן פון דער גאַנצער וועלט. דער מאַניפעסט לייענט זיך אַזוי:

אידישע ברידער פון דער גאנצער וועלט:

פיל אייראָפּעאישע פעלקער און מלוכות זיינען צעטראָטן געוואָרן אויף שטויב און אָפּגעגאנגען מיט בלוט אונטער די שטיוול פון היטלעריזם. פאַשיזם האָט פארשקלאפט גאנצע פעלקער. יעדעס לאנד וואָס די פאשיסטישע גאָרגל־שניידער האָבן נידערטרעכטיג פארכאפּט, איז געפאלן א קרבן פון באנדיטיזם און גוואלדטאַט. דאָס אויסגעפלינדערטע פּוילן, דאָס פארגוואלטיגטע טשעכאָסלאָוואַקיע און דאָס געשענדעטע פראנקרייך זיינען געשמידט אין שווערע קייטן. אַן ענלעכער טראַגישער גורל איז אויסגעפאלן אויף בעלגיע, האָלאנד, נאָרוועגיע, גריכנלאנד, יוגאָסלאַוויע און אנדערע לענדער.

די סלאַווישע פעלקער ווערן אומברחמנות'דיג אויסגעראָטן. בלויז אין סערביע אליין האָבן די היטלער האָרדעס אויסגעקוילעט 100 טויזנט סערבן. הונדערטער שטעט און טויזנטער דערפער זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין רויכערדיגע חורבות.

און דאָס דאָזיגע שרעקלעכע צעטל פון גוואלדטאטן, רויב, מאָרד און אונטערציינדונג רופן פאשיסטישע וואנדאלן, מיט אומפארגלייכלעכן צי

ניזם, די „נייע אָרדענונג“ אין איראָפּע, און די בלוטדורשטיגע גאָרגל-שניידער רופן זיי די „טרעגער פון דער נייער ציוויליזאַציע“.

אידישע ברידער פון דער גאַנצער וועלט!

אין די פאַרשקלאַפטע לענדער האָט דער בלוטיגער פאַשיזם איינגע-פירט זיין „נייע אָרדענונג“ מיט דער הילף פון שווערד און תליה, פייער און גוואַלדטאַט. פאַר דעם אידישן פאָלק האָט דער היטלעריזם צוגע-גרייט אַ נאָך מער בלוטדורשטיגע גענגסטער-פּראָגראַם פאַר דער פולשטענ-דיגער און אַבסאָלוטער אויסראָטונג פון די אידן, נוצנדיג אַלע מעטאָדן וואָס געפינען זיך אין דעם באַזיץ פון דעם פאַשיסטישן הענקער.

אין פּוילן אַליין האָבן די נאַצים גרויזאַם געפּייניגט און אויסגעשאָכטן איבער דריי מיליאָן פּאָליאַקן און אידן. זיי האָבן פאַרגוואַלטיגט טעכטער פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן. זיי האָבן געשפּאָלטן קעפּ פון קינ-דער פאַר די אויגן פון זייערע מאַמעס. די אומגליקלעכע וואָס זיינען געבליבן צווישן די לעבעדיגע זיינען געצוואונגען געוואָרן צו זען ווי זיי-ערע טעכטער ווערן געשיקט אין סאָלדאַטסקע שאַנד-הייזלעך און זייערע זין ווערן סטעריליזירט.

אידישע ברידער! דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז דורך דעם ווילן פון דעם היסטאָרישן גורל צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, האָט ענג פאַרבונדן זיין קולטור מיט דער קולטור פון די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. אין די לענדער, וואָס זיינען פאַרכאַפּט און פאַר-שקלאַפט געוואָרן פון די פאַשיסטן, זיינען אונזערע אומגליקליכע ברידער געוואָרן די ערשטע צו פאַלן קרבנות. דאָס בלוט פון די אידן, וואָס זיינען פאַרפּייניגט געוואָרן צום טויט אין די ברענענדיגע שולן פון ראָטער-דאַם, שרייט אויס צו דער גאַנצער וועלט, פּונקט ווי די טויזנטער נאָמענ-לאָזע קברים אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, וואו די פאַשיסטישע מאָנסטערס האָבן באַגראָבן זייערע קרבנות לעבעדיגערהייט. די שטימע פון דעם בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן רופט ניט צו תעניתים און תפילות, נאָר צו נקמה, ניט נאָך יאָרצייט ליכט נאָר נאָך פלאַמען צו פאַר-ברענען דעם תליון פון דער מענטשהייט, ניט נאָך טרערן נאָר נאָך האַס און ווידערשטאַנד צו די מאָנסטערס און קאַניבאַלן, ניט אין ווערטער נאָר אין מעשים! איצט אָדער קיינמאָל ניט!

אין פאַרלויף פון דער גאַנצער טראַגישער געשיכטע פון אונזער לאַנג-ליידענדיג פאָלק, פון דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע ביז

דעם מיטלאַלטער, איז אוממעגלעך צו געפינען אין איינציקן פּעריאָד ווען עס איז געווען אַזוי פיל גרויליגקייט און אומגליק, ווי דער פאַשיזם האָט געבראַכט אויף דער גאַנצער מענטשהייט, און מיט ספּעציעלער גרויזאַמ-קייט צום אידישן פאָלק.

אויפגעהעצט און אָנגע׳שכורט מיט בלוט און גוואַלדטאַט האָבן די קאַניבאַלן אַטאַקירט דאָס לאַנד וואו דאָס פאָלק האָט געפונען אַן אמת מוטערלאַנד, וואס האָט זיי געגעבן אַ זיכערע היים, פרייהייט, גליק און בליענדיגע נאַציאָנאַלע קולטורן. צווישן זיי איז אויך דאָס אידישע פאָלק, וואס האָט צום ערשטן מאָל אין טויזנטער יאָרן זיך דערפילט אינ-דערהיים צווישן אייגענע, אַ גלייכער צווישן גלייכע.

אויף די פרוכטבאַרע פעלדער פון דעם גרויסן סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט דער איד וואס אַקערט די ערד צום ערשטן מאָל פאַרנומען זיין אָרט הינ-טער דער ראָד פון אַ טראַקטאָר. אידן האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. די טירן פון די אוניווערזיטעטן זיינען געעפנט געוואָרן פאַר אידן. זיי זיינען אריינגעטראָטן אין דער ארמיי. זיי זיינען נעגאַנגען ארבעטן אין די מאַינס. זיי זיינען אריינגעטראָטן אין די לאַבאָראַטאָריעס. דאָס אידישע פאָלק האָט געפונען זיין פּלאַץ אין דער גרויסער משפחה פון פעלקער — אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

אין עכטער, ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט אין פאַרלויף פון אַ פערטל יאָרהונדערט האָבן די פעלקער פון סאָוועטן-פאַרבאַנד געבויט זייער זיכערקייט, זייער צוקונפט, זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט.

איצט זיינען די פרידלעכע פעלדער פון דעם פיל-פעלקערלעכן סאָ-וועטן-פאַרבאַנד אויסגעווייקט אין בלוט. דערפער און שטעט וואס זיינען ציטווייליג אריינגעפאַלן אין די בלוטיגע לאַפּעס פון דעם היטלעריסטישן מאָנסטער ווערן צעשטערט. שאָסייען און וועגן זיינען פאַרזייט מיט די קברים פון די גרויזאַם-פאַרפייניגטע און צעקיילטע פרידלעכע בירגער. אָבער דאָס גרויסע פרייהייט-ליבנדיגע סאָוועטישע פאָלק, זיין גלאָררייכע רויטע ארמיי קעמפן אויף די סאָוועטישע שלאַכטפעלדער, ניט בלויז פאַר די פעלקער וואָס באַוואוינען דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד נאָך אויך פאַר דער ערע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די ברוינע מגפה וואס האָט געבראַכט דער גאַנצער וועלט טרויער און טרערן, פּייניגונג און פאַרצווייפלונג מוז געפינען איר ענדגילטיגן קבר אויף די בלוט-באַפלעקטע פעלדער פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. אין

די שלאכטן געגן די הענקער פון דעם פאָלק — געגן דעם היטלעריזם — ברענגט די רויטע אַרמיי אַרוים העלדן, וואָס אַזעלכע ווי זיי וועט די געשיכטע פון דער מענטשהייט קיינמאָל ניט וויסן. און אין דעם צעטל פון די דאָזיגע רומפולע מענטשן לייענען מיר מיט שטאָלץ די נעמען פון אידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פאַרטיידיגן די מענטשלעכע קול־טור געגן די פאַשיסטישע באַרבאַרן.

מיט שטאָלץ לייענען מיר זייערע נעמען צווישן די וואָס קעמפן געגן די היטלעריסטישע גענגסטערס אויפ׳ן ים, אין דער לופט און אויף דער יבשה. מיט אַ געפיל פון טיפער באַוואונדערונג באַגעגענען מיר זייערע נעמען צווישן די פאַרטיזאַנען־קעמפער.

און אַקסל צו אַקסל מיט די מענער קעמפן אויך די פיינסטע טעכטער פון אונזער פאָלק.

אידישע ברידער אין יעדן לאַנד!

זיי קעמפן אויך פאַר אייך! זיי זיינען מקריב זייערע יונגע לעבנס אויך פאַר אייער וואוילזיין. ווייל די ברוינע מגפה וועלכע ווערט אַלץ ווילדער, וואָס נעענטער זי קומט צו איר סוף, פאַרמעסט זיך אויך אַרי־בערצוגיין דעם ים.

כל זמן דער פאַשיזם עקזיסטירט איז די גאַנצע וועלט אין געפאַר!

אונזער רוף טראָגט זיך צו אייך צוזאַמען מיט דער שטימע פון דעם אומשולדיג־פאַרגאָסענעם בלוט פון מיליאָנען אידן. אונזער וואָרט טראָגט זיך צו אייך ווי אַ שאל־רוף צו ווידערשטאַנד און נקמה.

זאָל יעדער טאָג אייך ברענגען נעענטער צו דער שעה פון רעכענונג מיט דעם שונא. זאָל דער הייליגער פלאַם פון נקמה מיט יעדער שעה ברענען העלער אין אייערע הערצער. זאָל יעדע מינוט אייך געפינען גרייט צו אַקציע.

איר מוזט טאָן אַלץ אין אייער קראַפט צו צעשטערן די עקאָנאָמישע קוואַלן און מיטלען פון די פאַשיסטן, אין וועלכן טייל פון דער וועלט איר זאָלט ניט זיין! דרינגט אַריין אין די וויכטיגסטע צווייגן פון דער טויט־שפּריימנדיגער אינדוסטריע פון די היטלעריסטישע הענקער און פּאַראַליזירט זיי אום יעדן פּרייז!

באָיקאָטירט זייערע פּראָדוקטן אומעטום! פּראָקלאַמירט הויך או־מעטום און אויף אַלע שפּראַכן די שרעקלעכע רציחות וואָס ווערן באַ־

גאַנגען דורך די היטלערישע קאַניבאַלן-באַנדעס אויף זייער בלוט-באַפלעקטן וועג.

האַנדלט אין דעם גייסט פון׳ם נאָבעלן מסירת נפש, וואָס ס׳ווייזן ארויס די אומבויגזאַמע פּאַרטיזאַנען. קיין איינציגער איד טאָר ניט שטאַרבן אָן נקמה געגן די פאַשיסטישע הענקער פאַר פאַרגיסן אומשולדיג בלוט.

אנטוויקלט אומעטום א ברייט-פאַרשפּרייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָלידאַריטעט און אַקטיווער הילף צום סאָוועטן-פאַרבאַנד, וועלכער ווייזט-ארויס א העלדישן ווידערשטאַנד געגן די טרעגער פון טויט און פאַרניכטונג.

די מענטשהייט וועט באַפרייט ווערן פון דער ברוינער מגפה! אייער חוב איז צו העלפן אויסראָטן זי.

טויט אייער חלק אין דער דאָזיגער הייליגער מלחמה!

(אונטערגעשריבן)

די אידישע שרייבער: פּרץ מאַרקיש, דוד בערגעלסאָן, איליא ערנבורג, ד. זאַסלאַווסקי, י. נוסינאָוו, י. מאַרשאַק, ש. האַלקין, ש. גאָדינער, שכנא עפּשטיין.

די אַקטיאָרן: ש. מיכאָעלס, ראַבינאָוויטש, רייזען, זוסקין, סאַמאָסוד, קלאַרא יאַנג.

די מוזיקער: דוד אויסטריך, עמיל הילעלס, יעקב פליער, י. טישלער, קאַפּלער.

די פילם דירעקטאָרן: סערגעי אייזענשטיין, ערמלער.

דער אַרכיטעקט באָריס יאָפאַן (בויער פון דעם סאָוועטישן פּאַוויליאָן אויף דער ניו־יאָרקער וועלט־אויסשטעלונג).

פּראָפעסאָר פּ. קאַפּיצא, וועלט באַרימטער וויסנשאַפטלער.

דר. באַמאַש.

דער ענטפער פון די אַמעריקאַנער אידן

אידישע ברידער פון סאָוועטן-פאַרבאַנד!

אין דער גרויזאַמער, גורל-שווערער צייט פאַר אונזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענשהייט, אין די טעג פון העראָאישן קאַמף פון די סאָוועטישע פעלקער און פון דער העלדישער רויטער אַרמיי געגן דער היט-

לעריסטישער בעסטיע, אין דעם מאָמענט, ווען אַלץ נייע אידישע קבוצים, וועלכע האָבן געלעבט פולשטענדיג גלייכבארעכטיגט עקאָנאָמיש, פּאָלי-טיש און נאַציאָנאַל צוזאמען מיט אלע פארברידערטע פעלקער פון סאָ-וועטן-פארבאנד, ווערן חרוב ונחרב, אין דער צייט, ווען הונדערטער טויזנטער אלטע און יונגע מענער, פרויען און קינדער ווערן געפייניגט און געמאַטערט צום טויט — אין אָט-דער מורא׳דיגער צייט איז געקו-מען צו אונז אייער הייסער ברידערליכער רוף צו קעמפן מיט געמיינזאמע כוחות אנטקעגן דעם היטלעריזם און פאשיזם, וועלכע האָבן דערקלערט אַן אויסראטונג-קאמף דעם אידישן פאָלק.

דאָס איז דער הייליגער קאמף פון דער מענטשהייט נעגן אירע באַ-דריקער, דער קאמף פון פּראָגרעס נעגן דער פינצטערסטער רעאקציע. און באַזונדערס איז עס אונזער הייליגער קאמף ווי אידן, ווייל אויב היטלער באַקעמפט, באַהערשט און פארשקלאפט אנדערע פעלקער, וויל ער אונזער פאָלק איינגאנצן פארניכטן און פארטיליגן.

מיט האס און צאָרן זיינען אונזערע הערצער איבערפילט. די אידן פון אמעריקע אינאיינעם מיט אלע אנדערע אַמעריקאנער, קעמפן מיט אלע כוחות נעגן היטלער׳ן און שווערן אָט דעם קאמף צו פארשטאַרקן און פארברייטערן.

דאָס אמעריקאנער אידנטום איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות צו העלפן דעם סאָוועטן-פארבאנד און זיינע פארבינדעטע צו פארניכטן דעם שונא פון דער מענטשהייט און פון אידישן פאָלק, ביז עס וועט נישט פאר-בלייבן פון היטלעריזם און פאשיזם קיין שריד ופליט אויף דער וועלט.

אידישע ברידער פון סאָוועטן-פארבאנד! אייערע פייערדיגע ווערטער וועגן דעם „פארלויף פון דער גאנצער טראַגישער געשיכטע פון אונזער לאַנג-ליידנדיגן פאָלק״, האָבן אונז טיף גערירט. אין אלע דורות איז די רעאקציע אויפגעשטאנען אונז צו פארטיליגן און שטענדיג געמאכט דאָס אידישע פאָלק, דעם צעזייטן און צעשפרייטן צווישן די פעלקער, ווי דער שעיר לעזאזל פאר אירע פארברעכנס. פון אונזער טראַגישער בלוט-דורכ-געווייקטער געשיכטע שעפּן מיר אבער אויך דעם טיפן שטאָלץ און אייזער-נע אויסדויער-קראַפט, וואס מיר פלעגן זיך שטענדיג געפינען אין די פאָ-דערשטע רייען פון די מוטיגע קעמפער פאר א בעסערער און גליקלעכער מענטשהייט. די ענגע פארבינדונג פונ׳ם גורל פון אונזער פאָלק מיט׳ן פּראָגרעס, גיט אונז די פולסטע איבערצייגונג, אז מיט׳ן ענדגילטיגן זיג

פון די פרייהייטס-כוחות וועט אויך פאר אונזער שווער-געפרואוווטן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט אויפלייכטן א נייע תקופה פון שלום און גליק. אין זיין לאנגער און הערואישער געשיכטע, ווען אונזער פאָלק האָט געהאט אויסצושטיין די גרעסטע יסורים און פיין, האָט עס יעדעס מאָל געפונען אין זיך נייע אינעווייניגסטע קוואלן פון דערמוטיגונג און באגייסטערונג. מיר זיינען זיכער, אז אויך אין דער איצטיגער אכזריות'דיגער צייט, וואָס האָט גאָר קיין פאַרגלייך ניט אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון אונזער פאָלק, וועלן מיר ארויס זיגער, און באהעלט מיט דעם גרויסן נצחון איבער דעם פינצטערן היטלעריזם, וועט דאָס אידישע פאָלק גערעפטיגט און געשטארקט ווערן און וועט פארהיילן זיינע שווערע וואונדן.

דורכגעדרונגען מיט דעם הייסן געפיל און מיט'ן שטארקן ווילן צו פאראייניגן דאָס אידישע פאָלק איבער דער גאנצער וועלט צוזאמען מיט אלע פּראָגרעסיווע כוחות פאר א געמיינזאמען קאמף געגן די היטלעריסטישע האָרדעס און זייערע אונטערהעלפער, וואו זיי זאָלן ניט זיין, מוז מען וואָס מער דערנענטערן און פארברידערן די צוויי טיילן פון אונזער פאָלק — די אידן פון אמעריקע און די אידן פון סאָוועטן-פארבאנד. די דערנענטערונג פון די צוויי גרעסטע אידישע קבוצים איז נויטיג פאר דער אלזייטיגער און פּראָדוקטיווער הילף און מיטאַרבעטערשאפט איצט אין דער צייט פון קריג געגן היטלער'ן און אויך ווען עס וועט זיך ענדיגן זיגרייך דער קריג געגן היטלער'ן און עס וועט קומען די צייט אויפצובויען די חורבות און פארגיטיגן די אלע מורא'דיגע פארוויסטונגען. די דערנענטערונג וועט זיין באזונדערס נויטיג און וויכטיג, ווען עס וועט געשטעלט ווערן אין וועלט-מאַסשטאַב די פראגע צו רעאַליזירן די פולסטע נאציאָנאלע און סאָציאלע באפרייאונג פון אונזער אידיש פאָלק, עס זאָל ווערן א גלייכבארעכטיגטער מיטגליד אין דער קומענדיגער באפרייטער און פארברידערטער פעלקער-משפחה פון דער מענטשהייט.

(אונטערגעשריבן):

אלבערט איינשטיין, שלום אַש, פראנץ באָאַז, דר. אייבראהאם פלעקסנער, דר. יאָזעף ראָזען, וואלדאָ פרענק, מ. לינקאָלן, ר. שוסטער, הרב יוסף לוקשטיין, אברהם גאָלדבערג, שמעון גינזבורג, קליפאָרד אדעטס, לעאָן ס. מאיסעיעף, לעאָן קאָברין, איראַ גערשווין, דזשוליוס אדלער, לוטער אדלער, נעלסאָן אלגרען, לואי קויפמאן, באָריס אראָנסאָן, נעיטען אויסאיבעל, ראַבאַי סאל ברזיל, פילאדעלפיע, בערל בעקער, בען בענגאל, מרס. מיטא בערגער, מילוואָקי, האראָלד בערמאן,

אלין בערנשטיין, דר. סעמועל בערנשטיין, הערבערט ביבערמאַן, מאַרק בליצשטיין, דזשוליוס בלאק, פּאולין בלום, אברהם בוקשטיין, אלין בארעץ, לואיס ב. בודין, יוסף ברייגין, ראבאַי א. גרשון ברענער, פילאדעלפיע, דר. א. א. בריל, י. עדוואַרד בראָמבערג, דר. לואיס בראון, קאליפאָרניע, הארל בוקמאַן, מאָרים קארנאָווסקי, ל. כאנוקאָוו, דזשעראם כאָדאָראָוו, דר. פּינקוס כורגין, האראָלד קלארמאַן, לי דזשייקאָב, פּראָפ. יוסף קאָהען, קאָלאָראדא אוניווערזיטעט, לעסטער קאָל, לו קומער, לו קופּער, דר. דזשוליאַן דראַכמין, וויליאם עדלין, לעניס ערליך, לעמאַן ענגעל, אלבערט עפּשטיין, ביטרים מעיבער, פּראָפ. סאַמועל פּערנבערגער, פּענסילווייניאַ אוניווערזיטעט, ליאָן פויכטוואַנגער, דזשאָזעף פילד, אוירווינג פיינמאַן, הרב וויליאם א. פיינשרייבער, פילאדעלפיע, על. פלעקסנער, טשארלס פרידמאַן, גילבערד וו. געבריעל, דזשאַן גארפילד, עלינאָר גימבעל, ניו יאָרק, פּראָפ. יקותיאל גינזבורג, דר. שמעון גינזבורג, ב. צ. גאָלדבערג, הענרי גודמאַן, מאַקס גאָרדאָן, דר. פּנחס כורגין.

דר. חיים זשיטלאָווסקי, פּאָרזיצער פון קאָמיטעט

ש. ערדבערג, סעקרעטאַר.

דער מעמאָראַנדום צו רוזוועלט׳ן וועגן היטלער׳ס שחיטות אויף די אידן אין אייראָפּע

(דעם מעמאָראַנדום וואָס א דעלעגאַציע פון אמעריקאַנער אידישע פירער האָט איבערגעגעבן פּרעזידענט רוזוועלט׳ן דעם 8טן דעצעמבער, 1942.

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון ראַבאַי סטיפען ס. ווייס, פּרעזידענט פון דעם אמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, הענרי מאָנסקי, פּרעזידענט פון אָרדן בני ברית, הרב ישראל ראָזענבערג, פּאָרזיצער פון אגודת הרבנים פון אמעריקע, אדאָלף העלד, פּרעזידענט פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט און מאָריס ווערטהיים, פּרעזידענט פון דער אמעריקען דזשואיש קאָמיטע.)

קנאַפּע צוויי מיליאָן אידן פון נאַצי אייראָפּע זיינען אויסגעראָטן געוואָרן דורך מאסן-מאָרדן, געפּלאַנטן הונגער, דעפּאָרטאַציעס, שקלאַפן-אַרבעט און עפּידעמיעס אין פאַרפּעסטעטע געטאָס, שטראָף-קאָלאָניעס און שקלאַפן-רעזערוואַציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער דייטשער רעגירונג און אירע וואַסאַלן.

די פינף מיליאָן אידן, וואָס לעבן נאָך אפשר אין דער נאַצי-אָקופּירטער טעריטאָריע, שטייען אונטער דער געפאַר פון פולשטענדיגער אויסראָטונג, לויט אן אָפיציעלן באַפעל פון היטלער׳ן, וואָס פאָדערט אז ארום דעצעמבער 31, 1942, זאָלן אלע אידן פון אייראָפּע איינגאַנצן אויסגעראָטן ווערן.

די נאַצי-פּראָגראַם פון אויסראָטונג

אז אזא פּראָגראַם עקזיסטירט, ווערט באַשטעטיגט דורך: א) באַווייזן וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו פאָרשטייער פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן אין אייראָפּע און וואָס זיינען דורך דעם סטעיט-דעפּאַרטמענט איבערגעגעבן געוואָרן צו אמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס; ב) אָפיציעלע דייטשע באַשטעטיגונגען ווי אויך קאָנפידענציעלע (פאָרטרויליכע) דייטשע באַריכטן; ג) באַריכטן פון עדות, וואָס אידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פרייע לענדער האָבן געקראָגן; ד) ערשט-האַנטיגע באַריכטן, וואָס זיינען דערשינען אין דער אונטערערדישער פּרעסע פון

פוילן און אנדערע אָקופּירטע לענדער און ה) באַווייזן, וואָס די גלות-רעגירונגען האָבן געקראָגן דורך זייערע אייגענע אונטערערדישע וועגן.

דער צווייפאַכער פּראָצעס פון פּשוט'ן מאָרד און לאַנגזאַמער אויס-ראָטונג האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די אידן פון דייטשלאַנד גלייך ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, און פאַר די אידן פון אַנדערע לענדער אַזוי שנעל ווי די דייטשע אַרמיי איז אַהין אַריינגעקומען, אָדער ווען די דאָזיגע לענדער זיינען צוגעשטאַ-נען צו דער „אַקס". אין משך פון די לעצטע זעקס חדשים איז די אָרגאַ-ניזירטע אויסשלאַכטונג פון די אידן שוידערלעך געשטיגן מיט אַ גרוי-זאַמען אימפּעט. פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטער געבעלס האָט געגעבן דעם סיג-נאַל פאַר דער קאַמפּאַניע פון פולשטענדיגער אויסראָטונג ווען ער האָט דעם 12-טן יוני, 1941, אין אַן אַרטיקל אין „דאָס רייך", געשוואָרן, אַז די אידן וועלן „אָפּצאָלן" פאַר דער באָמבאַרדירונג פון קעלן און אַנדערע דייטשע שטעט „מיט דער אויסראָטונג פון זייער ראַסע אין גאַנץ איי-ראָפּע און אפשר אויך אויסער אייראָפּע".

גלייך נאָך דער ערשטער ענגלישער לופט-באָמבאַרדירונג פון קעלן, זיינען 258 אידן גענומען געוואָרן אין די קאַזאַרמעס פון גראָס־ליכטער-פעלדע אין וועסטבערלין און זיינען דאָרט דערשאָסן געוואָרן. די נייעס וועגן אָט דעם מאָרד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך די נאַצים, איז געווען אַ סיגנאַל פאַר די רציחות וואָס זיינען געקומען שפּעטער.

היטלער'ס באַפעל „אויסליידיגן" די וואַרשעווער געטאָ

לעצטן יוני האָט דער הויפּט פון געשטאַפּאָ, היינריך הימלער, באַ-זוכט די וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער קאָנ-צענטראַציע-פּלאַץ פון אידן אין אָקופּירטער אייראָפּע, און האָט באַשטימט אַן אַזוי-גערופענע אויסראָטונגס-קאָמיסיע אונטער איינעם אַ נאַצי מיט'ן נאָמען פּאָו. די קאָמיסיע איז אינסטרואירט געוואָרן, אַז עס איז גע-קומען די צייט אויסצוליידיגן די געטאָ.

דעם 14-טן אויגוסט, 1941, האָט די אייראָפּייאישע ביוראָ פון אַן אָנגעזעענער אידישער אָרגאַניזאַציע זיך דערוואוסט, אַז די פּוילישע גע-טאָס ווערן אויסגעליידיגט דורך מאָרד, דעפּאָרטאַציעס און הונגער. עס איז דעמאָלט געמאָלדן געוואָרן, אַז 100,000 אידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין וואַרשע און 50,000 אין לעמבערג. דעם 24-טן נאָוועמבער איז די

ערגסטע שרעק באשטעטיגט געוואָרן דורך דעם סטעיט דעפּאַרטמענט, וואָס האָט געקראָגן באַווייזן, אז אַזאַ פּראָגראַם פון מאסן-אויסראָטונג ווערט דורכגעפירט. דעם זעלבן טאָג האָט די פּוילישע רעגירונג אין לאָנ-דאָן צוגעשטעלט ווייטערע באַווייזן, אז אין אָקטאָבער, 1942, זיינען בלויז 40,000 שפּייז-קאַרטלעך געדרוקט געוואָרן פאַר די אידן פון דער וואַר-

אידן געפירט צו דער שחיטה

שעווער געטאָ, בשעת די באַפעלקערונג פון דער געטאָ אין מערץ, 1942, איז געווען 433,000.

צווישן די דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן געקראָגן דורך דער הילף און פאַרבינדונג פון סטעיט דעפּאַרטמענט, איז אויך געווען איינער וואָס האָט געגעבן אַ סך הכל פון דער לאַגע אין יעדן לאַנד און האָט אָנגעוויזן ווי ווייט עס איז געפאַלן די צאָל אידן אין יעדן לאַנד אונטער נאַצי הערשאַפט. דער דאָקומענט האָט אויפגעדעקט די פאָלגענדע פאַקטן:

וואָס די ציפערן דערציילן

ד י י ט ש ל א נ ד — פון די 200 טויזנט אידן, וואָס האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939, איז די צאָל דורך מאסן-דעפּאָרטאַציעס, זעלבסטמאָרדן און הונגער רעדוצירט געוואָרן ביז 40,000.

ע ס ט ר י י ך — פון די 75,000 אידן אין עסטרייך ביים אָנהויב מלחמה, זיינען געבליבן ניט מער ווי 12,000 אָדער 15,000.

ט ש ע כ אָ ס ל אָ וו א ק י ע — פון די 80,000 אידן אין פּראָטעקטאָראַט פון בעמען און מערן זיינען געבליבן 50,000. די איבעריגע זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין מזרח אייראָפּע.

פּ ו י ל ן — פון 3,300,000 אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין פּוילן אין אָנהויב מלחמה, זיינען נאָך דער דייטשער אינוואַזיע געבליבן 1,300,000 אין גענעראַל-גאָווערנעמאַנט און 500,000 אין די פּוילישע שטעט, וואָס דייטשלאַנד האָט אַנעקסירט. די איבעריגע זיינען אַנטלאָפן אָדער זיינען געבליבן אין די רוסיש-אָקופּירטע טעריטאָריעס, וועלכע דייטשלאַנד האָט שפּעטער ווידעראַמאָל פאַרנומען. די פולע צאָל אידן אונטער דייטשער הערשאַפט אין פּוילן, נאָכדעם ווי אַרום 500,000 זיינען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, דאַרף דעריבער זיין אומגעפער 2,800,000. אָנהויב זומער 1942, נאָכדעם ווי 600,000 אידן זיינען אומגעקומען, זיינען אין פּוילן נאָך אַלץ געווען 2,200,000, אָבער זינט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן מאסן-דעפּאָרטאַציעס און שחיטות, אַזוי אַז אין דער וואַרשעווער געטאָ, למשל, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געהאַט 550,000 איינוואוינער, זיינען איצט געבליבן ניט מער ווי 50,000.

ב ע ל ג י ע — עס ווערט געמאָלדן, אַז בלויז 5,000 אידן זיינען געבליבן אין בריסל און 3,000 אין אַנטווערפּן. דאָס איז דער גאַנצער אי-

בערבלייב פון די 85,000 אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין בעלגיע ביים אָנהויב מלחמה אין 1940.

האָלאַנד — פון די 180,000 אידן, וואס האָבן געוואוינט אין האָלאַנד, זיינען 60,000 שוין דעפּאָרטירט געוואָרן.

יוגאָסלאַוויע — אין יוגאָסלאַוויע זיינען געבליבן ארום 100 טויזנט אידן. פון זיי זיינען 4,000 אנטלאָפן קיין איטאַליע און די איבעריגע זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן, אויסגעקוילעט, אָדער ווערן געהאלטן אין די ארבעטס-לאַגערן.

גריכנלאַנד — פון די 72,000 אידן אין גריכנלאַנד זיינען אלע אין עלטער פון 18 ביז 45 צוגענומען געוואָרן פאר שקלאַפן-ארבעט.

פראַנקרייך — פון די 300 טויזנט אידן אין פראַנקרייך זיינען ביז איצט דעפּאָרטירט געוואָרן מער ווי 65,000.

רומעניע — אין רומעניע האָבן אין 1939 געלעבט 900,000 אידן. פון זיי זיינען געבליבן ניט מער ווי 270,000. גאנצע פּראָווינצן זיינען פולשטענדיג אויסגעליידיגט געוואָרן פון אידן. פון די 185,000, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די תפיסה-לאַגערן פון טראַנסדניעסטריא (אויף דער רוסישער זייט פון טייך דניעסטער) זיינען 75,000 אומגעקומען.

בולגאַריע — פון בולגאַריע ווערן כסדר געמאכט מאסן-דעפּאָרטאַציעס. פון די 50,000 אידן וואס האָבן דאָרטן געלעבט, זיינען 9,500 ביי שקלאַפן-ארבעט.

סלאָוואַקיע — פון די 90 טויזנט אידן אין סלאָוואַקיע זיינען 70,000 שוין דעפּאָרטירט געוואָרן און די איבעריגע דערוואַרט דער זעלבער גורל.

לאַטוויע — אין לאַטוויע זיינען ביז דער מלחמה געווען ארום 100,000 אידן. אין ריגע, וואו עס האָבן געוואוינט 32,000 אידן, זיינען 15,000 רעגיסטרירט געוואָרן פאר שקלאַפן-ארבעט גלייך נאָכדעם ווי די דייטשן זיינען אריינגעקומען. שפּעטער זיינען צוגענומען געוואָרן צו שקלאַפן-ארבעט אלע אידן אין עלטער פון 18 ביז 60. די איבעריגע זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין א געטאָ. 8,000 פון זיי זיינען אויסגעהרג׳עט געוואָרן אין איין נאכט. א וואָך נאָך דעם מאָרד פון די 8,000 אין דעצעמבער, 1941, זיינען נאָך 16,000 אידן פון דער געטאָ ארויסגעפירט געוואָרן אין די וועלדער, בארויבט געוואָרן פון אלץ וואָס זיי האָבן

אידן אויף שווערער אַרבעט ביי נאַציס אין פּוילן.

געהאַט, אויך פון די מלבושים אויף זייער ליַיב, און זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן מיט מאַשין-ביקסן. די פּלעצער פון די ריגער אידן אין געטאָ האָבן פאַרנומען דייטשע אידן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון בערלין, דיסעלדאָרף און קעלן. אין יוני, 1941, איז אויך פון די דייטשע אידן קיין שפּור ניט געבליבן.

ל י ט ע — אין ליטע האָבן ביים אָנהויב מלחמה געוואוינט אַרום 115 טויזנט אידן. זייער גורל איז דערזעלבער וואָס דער גורל פון די לאַטווישע אידן.

היטלער'ס גזירה אויסצוראָטן די אידן

דער היטלער באַפעל וועגן אויסראָטן די אידן פון אייראָפּע אַרום דעצעמבער, 1942, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן סוף זומער, נאָך אַ פּלאַן, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פון הערמאַן באַקע, דער מיניסטער איבער עקאָנאָמישע ענינים.

לויט דעם דאָזיגן פּלאַן דאַרפן אַלע אידן, וואָס וואוינען אין דייטשלאַנד און דייטש-אָקופּירטע און קאָנטראָלירטע לענדער, נאָך דעם ווי זיי וועלן דעפּאָרטירט ווערן אין געוויסע געגענטן פון מזרח אייראָפּע, אויסגעראָטן ווערן מיט איין קלאַפּ, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו ליַיזן די אידישע פּראָבלעם אין אייראָפּע. דער פּלאַן פון הערמאַן באַקע האָט זיך געשטיצט אויף עקאָנאָמישע איינשטעלונגען: ער האָט געדאַרפט ליַיזן די שווערע באַשפּייזונג-לאַגע דורך דער פאַרניכטונג פון וויניגסטנס פיר מיליאָן פּערזאָנען, וועלכע דאַרפן דערנערט ווערן.

די פּולע דורכפירונג פון דעם פּלאַן איז טיילוויַיז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דער געגנערשאַפט פון אַ צאָל פירער פון דער נאַציִשער פּאַרטיי. צווישן זיי זיינען געווען דר. פראַנק, גענעראַל-גובערנאַטאָר פון די אָקופּירטע פּוילישע טעריטאָריעס, און היינריך הימלער, הויפּט פון געסטאַפּאָ, וואָס האָט זיך געשטעלט געגן דעם פּלאַן, ניט צוליב הומאַניטאַרע איינזעענישן, נאָר צוליב דעם, וויַיל אידן זיינען בעלי-מלאָכות אָדער ספּעציאַליסטן אין דער אינדוסטריע און זייער אויסמאָרדונג קען ברענגען אַ מאַנגל אין אַרבעטס-הענט.

נאָך דעם ווי דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן האָבן פּאָגראָמען און מאַסן-שחיטות אויף אַ גרויסן פאַרנעם זיך גלייך אָנגעהויבן. יענע, וואָס האָבן זיך ניט געטויגט פאַר אַרבעט, זיינען גלייך דערמאָרדעט גע-

וואָרן. די וואָס זיינען באשעפטינט ביי שקלאפן-ארבעט זיינען פאר-פייניגט געוואָרן צום טויט.

„אריבערגעשיקט צו מזרח" מיינט — קאַלטבלוטיג דערמאָרדעט

דעפּאָרטאציעס זיינען געוואָרן איינע פון די געפלאַנטע מיטלען פון אויסראָטן אידן. 30 פּראָצענט פון די, וואָס ווערן דעפּאָרטירט, דערלעבן ניט אָנצוקומען אהין וואו מען שיקט זיי. די דאָזיגע ציפערן זיינען צו-נעשטעלט געוואָרן אין אן אָפיציעלן באריכט פון דעם שטורם-טרופּן פי-רער פערדינאַנד היקס און דעם הויפּט פון דער געסטאַפּאָ היינריך הים-לער לעצטן זומער. זינט דעמאָלט האָבן די ווערטער „אריבערגעשיקט אין מזרח" געקראָגן פאר דער געסטאַפּאָ די באדייטונג פון קאלט-בלוטינן מאָרד.

ביז זומער, 1942, זיינען ארום 200,000 אויסגעוואָרצלטע אידן אום-געקומען נאָך איידער זיי זיינען דערפאָרן אהין וואו מען האָט זיי געשיקט. זינט דעמאָלט זיינען מאסן שוין איינמאָל דעפּאָרטירטע אידן ווידער גע-שלעפּט געוואָרן פון די פּוילישע געטאָס און געטריבן געוואָרן צו די פאר-וויסטע און אויסגעברענטע געגנטן פון רוסיש-דייטשן פראָנט. די נייעס וועגן דעם גורל פון די דאָזיגע קרבנות ברעכן זיך דורך דורך די אָפּגע-ריסענע באריכטן פון עדות און פון בריוו, וואָס ווערן צוריקגעשיקט פון די געטאָס מיט דעם פינסטערן אויפשריפט „איז מער נישטאָ".

אונטערערדישע פּרעסע שילדערט באַרבאַרישע רציחות

אויסגאבעס פון דער אונטערערדישער פּרעסע פון פּוילן, וואָס זיינען אין די לעצטע וואָכן אָנגעקומען אהער, ברענגען לעבעדיגע באשרייבונגען פון די שוידער-סצענעס, וואָס קומען פאָר בשעת די דעפּאָרטאציעס. „דזשען", א וויכטיגע פּוילישע אונטערערדישע צייטונג, באריכטעט:

„בשעת דעם לעצטן ארויסטרייבן פון די אידן פון די שטעט-לעך ארום ווארשע אין דער שטאָטישער געטאָ אריין, זיינען אלע די, וואָס האָבן ניט געקענט מיטהאלטן מיט דעם שנעלן טראָט פון דער דייטשער וואך, דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, — אלץ איינס צי זיי זיינען געווען דערוואקסענע, אלטע מענטשן, אָדער קינדער.

„די רציחות, וואָס ווערן דורכגעפירט איבער דער אידישער באפעלקערונג זיינען אַן צווייפל אין איינקלאנג פון היטלער'ס דעק-

לעראציע אין זיין רעדע פון 30-טן יאנואר, ווען דער אויסראָטונג פון אַלע אידן אין אייראָפּע. וואָס מיר זען מיט אונזערע אייגענע אויגן איז א באווייז, אז די דייטשע אָפיצערן, אונטער-אָפיצערן און סאָלדאטן, וואָס פירן דורך די תליון׳ישע ארבעט, טוען עס מיט מער אייפער ווי עס איז נויטיג, כדי געהאָרכזאם דורכצופירן די באַפעלן פון די העכערע אָפיצערן. אַזוי, צום ביישפיל, האָט א געסטאַפּאָ אַגענט, וואס האָט געהאט אויפזיכט איבער א שטאָל מיט אידן, וועלכע האָבן געדארפט דעפּאָרטירט ווערן, אָנגעהויבן כלומר׳שט פריינטלעך צו רעדן מיט די געפאנגענע, צוגערופן א פארציטערטן אינגל און אים געפרעגט, „האָסטו מורא?" „יאָ, איך האָב מורא", האָט אויסגעשעפּטשעט דאָס אינגל. „ווּעסטו מער ניט מורא האָבן", האָט דער געסטאַפּאָ-זעלנער אים פארזיכערט, צוגעפירט אים צו א וואנט און אויסגעלײדיגט זיין רעוואָלווער אין קערפּער פון קינד."

די אויסגעמאָרדעטע רעשטלעך פון די אידן, וואס געפינען זיך נאָך אַלץ אין די אָפּגעזונדערטע פּלעצער און קאָנצענטראציע לאגערן פון מערב און צענטראל אייראָפּע ווערן שנעל אריבערגעפירט קיין מזרח-אייראָפּע. די דאָזיקע טעכניק דינט א טאָפּלטן צוועק:

1. אידן ווערן דורך דעם אוועקגענומען פון דעם ביסל ליכט, וואס דרינגט נאָך אַלץ אריין אין די גאסן פון פאריז, בריסל, אנטווערפּן, און אַמסטערדאם און פון די אויגן פון דער באפעלקערונג אין מערב און צענטראל אייראָפּע צו דעם חושך פון דער פארוויסטער מזרח-אייראָפּע.

2. דאָ איז מען זיכער, אז זייער אויסראָטונג וועט ניט אויפרייסן קיינעמס אויגן, ווייל, ניט געקוקט אויף דעם וואס די דייטשן בארימען זיך מיט זייערע אַלגעמיינע פּלענער וועגן דער אידישער אויסראָטונג, זיי-נען זיי אָבער זייער פאָרזיכטיג ניט צו באווייזן פאר דער לאָקאלער בא-פעלקערונג, פאר דער וועלט, און אפילו פארן דייטשן פאָלק אליין אַלע שוידערס און גרויזאמקייטן מיט וועלכע זיי פירן דורך זייער פּלאן. פון דער צווייטער זייט אָבער, באריכטעט די נאצי פּראָפּאגאנדע מיט אויס-פירלעכע פּרטים אַלע רציחות, וואס ווערן באגאנגען דורך די רומענישע, קראָאטישע, סלאָוואקישע און אנדערע וואסאלן.

דער אופן ווי אזוי מאסן-מאָרד ווערט דורכגעפירט דורך דעפּאָר-טאציעס ווערט באשריבן אין דעם באריכט פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, דעם 24-טן נאָוועמבער. דער באריכט באשרייבט ווי אזוי

מאַסן אידן זיינען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין פּראַכט-וואַגאָנען צו 150 אין א וואַגאָן, וואָס האָט געהאַט פּלאַץ ניט מער ווי פאַר א דריטל פון דער דאָזיגער צאָל. דער דיל איז געווען באַדעקט מיט א הויכן שיכט פון וואַפּנע (ליים) אָדער כלאָרין, וואָס איז געווען באַשפּריצט מיט וואַסער, די טירן זיינען פאַרזיגלט געווען.

ווען די אָנגעפּאַקטע באַנען קומען אָן צו זייער ציל, זיינען האַלב פון די מענטשן טויט. די לעבן-געבליבענע ווערן געשיקט אין ספּעציעלע לאַגערן אין דרום מזרח פּוילן, וואו עס קומט פאָר די מאַסן אויסשלאַכ־טונג פון אַלע די, וועלכע קענען ניט באַנוצט ווערן פאַר שקלאַפן-אַרבעט. פון 250,000 מענטשן, וואָס זיינען אַזוי אַרום אַריבערגעשיקט געוואָרן, האָבן בלויז פיר טויזנט דערגרייכט צו די אַרבעטס-לאַגערן.

טויזנטער אידן אומגעבראַכט מיט גיפט־גאַז

דייטשע עקספּערימענטן אין דער וויסנשאַפטלעכער אויסראָטונג פון אידן זיינען אָנגעגאַנגען א לאַנגע צייט איידער מען איז געקומען צו דעם איצטיגן שנעלן טעמפּאָ פון מאַסן-אויסראָטונג. ווען די ערשטע גרויסע דעפּאָרטאַציעס זיינען פאָרגעקומען, האָבן די דייטשן אויסגעפונען, אַז אויב א געניגנדע צאָל אידן וועט אָנגעפּאַקט ווערן אין די פּראַכט-וואַ־גאָנען, וואָס פאָרן צום מזרח צו, וועלן זייער ווייניג אַרויסקומען לע־בעדיג. די דאָזיגע מעטאָדן זיינען איצט פאַרשטאַרקט געוואָרן.

אין פעברואַר, 1942. איז באַריכטעט געוואָרן, אַז 1,200 האָלענדישע אידן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין די זאַלץ סאָלפּער מאַינס פון מאַוטהאַוזען קאָנצענטראַציע לאַגער אין אויבער-עסטרייך, זיי־נען געשיקט געוואָרן אין די גרובן אָן שוץ געגן דעם רויך. אין א קור־צער צייט זיינען 740 אומגעקומען.

שפּעטער זיינען גרויסע גרופּעס אידן אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די גאַסן אין פאַרשיידענע פּוילישע שטעט אין דייטשע אַרמיי-וואַגאָנעס, זיי־נען אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפ׳ן לאַנד און דערשטיקט געוואָרן אונטער פאַרמאַכטע טירן דורך קאַרבאָן גאַז.

אין פאַרשיידענע טיילן פון מזרח אייראָפּע זיינען איינגעשטעלט געוואָרן צענטערן פאַר וויסנשאַפטלעכער און קאַלטבלוטיגער אויס־שלאַכטונג פון אידן. פּוילישע קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען עדות דערצו, באַשטעטיגן באַריכטן, אַז בעטאָן-געביידעס אויף דער

פריערדיגער רוסישער גרעניץ ווערן פון די דייטשן באנוצט פאר גאז-קאמערן, אין וועלכע טויזנטער אידן ווערן אומגעבראכט.

עדות, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים, באשטעטיגן אויך די באריכטן, אז גאנצע באנען מיט אידישע דערוואקסענע און קינדער זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרן אין די גרויסע קרעמאטאָריומס אין אָשווענצין לעבן קראָקע.

צווישן אָקטאָבער, 1941, און יאנואר, 1942, איז די גאנצע אידישע באפעלקערונג פון די פוילישע געגענטן פון קאָנין, קאָלאָ, קלאָדאָווע, איזביצא און קויאווי, עטלעכע טויזנט אין צאָל, ווי אויך טויזנטער אידן פון דער אמאָל גערדיכטער לאָדזער געטאָ, איבערגעשיקט געוואָרן אין אויסראָטונגס-צענטער אין כעלמנאָ און דערשטיקט געוואָרן אין גאז-טראָקס.

אַן אמעריקאנער ליטווישע פרוי, וואס איז אָנגעקומען אין די פאראייניגטע שטאטן מיט דער שיף „דראָטינגהאָם“ דעם 7-טן יוני, 1942, האָט אויך באשטעטיגט, אז אַן אויסראָטונג-צענטער פאר דעפּאָרטירטע אידן פון מערב און צענטראל-אייראָפּע עקזיסטירט אויך אין קאָוונע, ליטע. דאָס איז שפּעטער ווידער אמאָל באשטעטיגט געוואָרן דורך דער פוילישער רעגירונג. לויט לעצטע באריכטן איז דער מעטאָד פון וויסנשאפטלעכן און ביליגן אומברענגען די אידן — זיי איינשפּריצן לופט אין די אָדערן. דאָס פירט צו אַן אלגעמיינער פארגיפטונג און שנעלן טויט. דייטשע דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אז מיט דעם מעטאָד קען מען טויטן הונדערט אידן אין איין שעה.

אַ האלבער מיליאָן אידן אומגעבראכט אין פּאָגראָמען

דורך דער צייט צווישן דעם אויסברוך פון דער מלחמה און דעם אָנהויב פון דער טאָטאלער אויסראָטונג פון די אידן זיינען ארום 500,000 אידן אומגעבראכט געוואָרן אין פּאָגראָמען. די ערגסטע פּאָגראָמען זיינען פּאָרגעקומען אין פּוילן גלייך נאָך דער דייטשער אָקופּאציע; אין קראָאציע אין פרילינג פון 1941; אין רומעניע גלייך נאָכ׳ן אויסברוך פון דער רוסיש-דייטשער מלחמה; און אין די באלטישע געגנטן און די אָקופּירטע אוקראינישע שטעט אין משך פון זומער און הערבסט, 1941, און ווינטער, 1942.

צווישן דעם 28-טן און 30-טן יולי, 1941, זיינען 10 טויזנט אידן אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך רומענישע סאָלדאטן אין יאסי, מאָלדאווע.

מאַסן פון זיי זיינען פאַרשניטן געוואָרן מיט קוילן פון מאַשין-ביקסן. אַנדערע זיינען דערשאָסן געוואָרן אין די נאַסן אָדער אין די היימען. טויזנטער אַנדערע זיינען אָנגעפּאַקט געוואָרן אין פראַכט-וואַגאָנען, וואָס זיינען פאַרזיגלט געוואָרן ביז די מענטשן זיינען געשטאָרבן פון דער-שטיקונג אָדער דורשט.

פון די 260 טויזנט אידן, וואָס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון בעסאַראַביע אין דער אָקופּירטער אוקראַינע, איז אַ גרויסע צאָל דער׳הרג׳עט אָדער פאַרפייניגט געוואָרן צום טויט אויפן וועג צו דער קאַטאָרגע-קאָלאָניע.

אין די שטעט פון בעסאַראַביע און צפון-בוקאָווינע זיינען פאָרגעקומען מאַסן-שחיטות אַזוי שנעל ווי די „אקס"-אַרמייען זיינען אָנגעקומען. אין אָקטאָבער, 1942, האָבן רומענישע סאָלדאַטן געקוילעט 25 טויזנט אידן ווען זיי האָבן פאַרנומען אָדעס. אין די באַלטישע געגענטן איז די צאָל דערמאָרדעטע אידן אפשר גרעסער אין פּראָפּאָרציע ווי וועלכן עס איז אַנדערן נאַצי-באַהערשטן לאַנד.

די מערסטע איינוואוינער פון די געטאָס אין ריגע זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן פון מאַשין-ביקסן ביי די ראַנדן פון מאַסן-קבֿרים אין אַ שחיטה-אָרגיע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג. מענער און פרויען זיינען אויסגעטאָן געוואָרן נאַקעט און געצוואונגען געוואָרן צו גראָבן זייערע אייגענע קבֿרים. די צאָל אומגעקומענע דאָ דערגרייכט ביז ארום 24 טויזנט פון אַ געוועזענער באַפעלקערונג פון 32 טויזנט. די מאַסן-מאָרדן אין לאַטוויע זיינען באַשטעטיגט געוואָרן פון פאַרשיידענע קוואַלן, איינשליסנדיג אויך אַן עדות פאַר וועמען די בעלגישע רעגירונג האָט קאַווירט.

די שחיטות אין קיעוו, קאַמענעץ, זשיטאָמיר

זינט דער אָקופּאַציע פון אוקראַינע האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט שווידערלעכע פּאָגראָמען אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, אין קיעוו, אין זשיטאָמיר און אין צענדליגער אַנדערע שטעט, שטעטלעך און דערפער.

אויפ׳ן אידישן בית עולם אין קיעוו זיינען גרויסע מאַסן אידן אויסגעשלאַכטעט געוואָרן מיט מאַשין-ביקסן, זייערע קערפּערס שנעל פאַרשאָטן, און נייע מחנות געבראַכט געוואָרן צו אויסשלאַכטונג. זייערע קערפּערס זיינען דערנאָך באַדעקט געוואָרן מיט אַ דריטער שיכט פון געקוילעטע אידן.

לויט דעם סאָוועטישן אויסערן-קאָמיסאַר מאָלאָטאָוו, זיינען 52 טויזענט מענער, פרויען און קינדער דער׳הרג׳עט געוואָרן בשעת די קיעווער שחיטות און פון זיי איז די גרעסטע צאָל געווען אידן.



אַ אידישע אונטערערדישע צייטונג אין פוילן.

פאַגראָמען פון זעלבן מין זיינען פאָרגעקומען אין ראָסטאָוו, קרים און אין יעדער געגנט, וואס איז פארכאפט געוואָרן פון די דייטשע סאָל־דאטן און זייערע רומענישע, אונגארישע און סלאָוואקישע פארבינדעטע.

5,000 אידן זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרן נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פארנומען קערטש אין קרים, און זייערע קערפּערס זיינען אריינגע־וואָרפן געוואָרן אין אן אלגעמיינעם קבר אויפ׳ן זאמד ביים שווארצן ים. וועגן דער דאָזיגער רציחה האָט שפּעטער דערציילט א אידישער פישער, וועמען מען האָט איבערגעלאָזן כלומרשט א טויטן. ער האָט זיך געראטע־וועט און אנטלאָפן פון זיין קבר צו דער רוסישער זייט.

אַ רוסישער גערילאַ (פּארטיזאן) וואס האָט זיך דורכגעבראָכן צו דער רוסישער הויפּט־ליניע אויפן צענטראלן פראָנט, האָט דערציילט א פּאָל־קאָווניק פון דער רויטער ארמיי, אז אין דער שטאָט וויטעבסק האָט ער געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי 10 טויזנט אידן זיינען אריינגעטריבן געוואָרן אין געוועזענעם קלוב פון דער רויטער ארמיי און פארברענט גע־וואָרן אין דער דאָזיגער געביידע. א רינג פון דייטשע סאָלדאטן מיט מא־שין־ביקסן זיינען געשטאַנען ארום און גרייט געווען צו דערשיסן יעדן מאַן, פרוי אָדער קינד, וואס וועט פּרובירן זיך ראטעווען פון דער ברע־נענדיגער געביידע.

8 טויזנט דער׳הרג׳עט אין פּינסק; 6 טויזנט הינטער בריסק

אין מינסק זיינען 8,000 אידן ארויסגעטריבן געוואָרן הינטער׳ן שטאָט און דערמאָרדעט געוואָרן מיט מאַשין־ביקסן. הינטער ברעסט־ליטאָווסק זיינען 6,000 אידן אויסגעשאָכטן געוואָרן אויפן זעלבן אופן, און די ארומיגע פּויערים זיינען געצוואונגען געווען זיי צו באגראָבן.

אין מאַריופּאָל ביים אזאָווער ים, איז די גאנצע אידישע באַפעל־קערונג — לויט א סאָוועטישן באריכט — אויסגעשטעלט געוואָרן פאר די אנטי־טאַנק טראנשייען און אויסגעשאָסן געוואָרן אין גרופּעס פון 500. אין אַ שטאָט לעבן סמאָלענסק זיינען 7,000 אידן ארויסגעטריבן גע־וואָרן אויף די ארומיגע פעלדער, געצוואונגען געוואָרן צו גראָבן זייערע אייגענע קברים, און זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן. פיל פון זיי האָט מען באגראָבן לעבעדיגערהייט. אין די נאַצי לאַגערן, וואו עס געפינען זיך סאָוועטישע קריגס־געפאנגענע זיינען א גרויסע צאָל אידן אויסגעטיילט גע־וואָרן פון די אנדערע, אויסגעטאָן געוואָרן נאַקעט און אויסגעקוילעט גע־

וואָרן. אין איינקלאַנג מיט דעם פּלאַן פון „ליקווידירן" אַלע די, וואָס קאָנען ניט טאָן קיין שקלאַפן-אַרבעט פאַר דער מיליטערישער מאַשין פון דער „אַקס", האָבן די דייטשן אין די לעצטע חדשים אויסגעקוילעט אי-דישע קינדער, צווישן די יאָרן פון 1 ביז 12, פּונקט ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט די אַלטע לייט און קראַנקע.

דעם 21-טן אויגוסט, 1942, זיינען 250 קינדער דערמאָרדעט געוואָרן אין מעדעם סאַניטאַריום אין פּוילן און זייערע לערער האָבן געקראָגן דעם אויסוואַל פון אַנטלויפן אָדער טיילן דעם גורל פון די קינדער. די מער-סטע לערער זיינען אומגעקומען גלייך מיט די קינדער.

לאַנגזאַמער טויט דורך הונגער און רדיפות

לאַנג נאָך איידער די מאַסן-אויסראָטונג פון אידן האָט זיך אָנגעהויבן איז דער באָדן צוגעגרייט געוואָרן דורך א פּאָליטיק פון סיסטעמאַטישע רדיפות און קאַלטן טעראָר, וועלכע האָבן: א) בטל געמאַכט די רעכט פון אידן ווי בירגער און מענטשן; ב) דערפירט זיי צו א סטאַטוס פון בעטלער; ג) אָפּגעזונדערט זיי אין פאַרפעסטעטע געטאָס און ד) אוים-געשטעלט זיי אויף געפּלאַנטן הונגער-טויט.

אידן, וועלכע זיינען ציטווייליג געראַטעוועט געוואָרן פון געשיקט ווערן אין די מזרח-געגענטן און אויסגעראָטן ווערן דורך מאַשין-ביקסן און גאַז-קאַמערן, ווערן ביסלעכווייז פאַרהונגערט צום טויט דורך א סיס-טעם פון שפּייז-פאַרטיילונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע. ווי מאַרשאַל הערמאַן גערינג האָט אַראַנזשירט מיט א קורצער צייט צו-ריק, האָבן די דייטשן באַשטימט די אָרדענונג אין וועלכער די פעלקער פון אייראָפּע זאָלן עסן אָדער — פאַרהונגערט ווערן. לויט דעם דאָזיגן פּלאַן דאַרפן אידן קריגן בלויז די לעצטע ברעקלעך.

אין פּוילן איז די אידישע ברויט-פּאָרציע בלויז א דריטל פון דעם וואָס עס קריגן פּאָליאַקן און א פערטל פון דעם וואָס עס קריגן בעלגיער, נאָרוועגן, האָלענדער און פראַנצויזן. נאָך מער: אין אַלע לענדער אונ-טער נאַצי קאָנטראָל איז פאַר אידן פאַרבאָטן דער צוטריט צו די עס-לעכע געבליבענע אַרטיקלען וואָס ווערן ניט אָפיציעל אויסגעטיילט; זיי קאָנען ניט קריגן פיל פון די פאַרטיילטע פּראָדוקטן; זיי מוזן קויפן בלויז אין באַשטימטע שטונדן ווען די פּראָדוקטן זיינען שוין אויספאַרקויפט געוואָרן; די אידישע שווערע אַרבעטער קריגן ניט די איבעריגע פּאָרציע,

וואָס עס קריגן אַנדערע ; פאַרשפּאַרטע אין די געטאָס קאָנען זיי ניט, ווי אַנדערע, אַרויסגיין אויף די דערפער צו זוכן שפּייז ; שוואַנגערע אידישע פרויען, מוטערס און קליינע קינדער קאָנען קיין מילך ניט קריגן. עס איז קלאָר אַזוי אַרום, אַז אידן מוזן זיין די ערשטע אומצוקומען פון הונגער, אפילו דעמאָלט ווען די דייטשן וועלן האָבן גענוג צו עסן.

פון דער דאָזיגער געפּלאַנטער פאַרהונגערונג, ווי אויך פון צוואַנג־אַרבעט און אַנדערע „בלוטלאָזע" פאָרמען פון אויסראָטונג זיינען צווישן סעפּטעמבער, 1939, און זומער, 1942, שוין אומגעקומען אַרום 550,000.

די רעזולטאַטן פון אָט־דער דאָזיגער געפּלאַנטער אויסראָטונג דורך מעטאָדן פון לאַנגזאַמען טויט ווערן קלאָר דורך דעם פאַקט, וואָס אין משך פון יאָר 1941 איז די שטערבלעכקייט אין וואַרשעווער געטאָ געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין פאַרהונגערטן גריכנלאַנד.

די אַזוי־גערופענע אַרבעטס־פּייאַניגע אידן, וואָס זיינען איצט קאָנצענטרירט אין מזרח־אייראָפּע, ווערן מערסטנס גענוצט פאַר שקלאַפן־אַרבעט אונטער באַדינגונגען וועלכע קיין לעבעדיגער מענטש קאָן אַ לאַנגע צייט ניט איבערלעבן. עס איז באַקאַנט, אַז די אַרבעטס־לאַגערן אין פּוילן אליין זיינען אין משך פון לעצטן זומער באַשטאַנען פון 85 פּראָצענט אידן. די אַרבעטער דאָרט זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן אין אומגעזונטע באַראַקן, שפּייכלערס אָדער שטאַלן וואו עס פעלן די עלעמענטאַרסטע היגיענישע באַדינגונגען. די באַשפּייזונג פון אַ טאָג באַשטייט פון שוואַרצער קאַווע מיט ברויט אין דער פרי און ביינאַכט, פון ברויט און קאַרטאָפל־זופּ בייטאָג. אידן אַרבעטן ביי שטיין־האַקעריי און ביים גראָבן קאַנאַלן. זיי אַרבעטן ביי לאַנדפאַרבעסערונג און אויפבוי פון באָמבעס־אויפגעריסענע בריקן אונטער דער אויפזיכט פון דער דייטשער אַרמיי און געסטאַפּאָ. די אַרבעטער בייטן זיך זייער אָפט, ווייל די באַדינגונגען זיינען אַזוי שווידערלעך, אַז מענטשן קומען אום מאַסנווייז. לויט די לעצטע באַריכטן ווערן אידישע אַרבעטער, וואָס קאָנען ניט קומען צו דער אַרבייט צוויי טעג נאָכאַנאַנד צוליב קראַנקהייט, געשאָסן אַלס אומניצלעכע.

זוכנדיג צו צעברעכן דעם גייסט צוזאַמען מיט'ן לייב פון זייערע אידישע קרבנות, האָבן די דייטשן און זייערע וואַסאַלן דורכגעפירט דאָס פאָלגנדע :

1. זיי האָבן חרוב געמאכט אלע גרעסערע שולן פון אייראָפּע און זיי פארוואנדלט אין עפּענטלעכע אָפּטריטן, גאראדזשן, שטאלן און ענלעכע מינים זאכן.

2. זיי האָבן פארבאָטן אָפּצוריכטן עפנטלעכע תפילות.

3. פארשוועכט און פארשענדט די ארויסגענומענע ספרי־תורות.

4. סיסטעמאטיש צעשטערט די אלטע אידישע מצבות וואס זיינען געשטאנען ווי א באוויז פון דער אידישער פארוואָרצלקייט אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער דייטשלאנד.

5. זיי האָבן חרוב געמאכט און צעפּלינדערט די אידישע רעליגיעזע ביבליאָטעקן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען מיליאָנען ספרים.

6. זיי האָבן פארבאָטן אָפּצוהיטן שבת.

7. אויפגעלייזט די אידישע געמיינדעס.

8. ליקווידירט די אינסטיטוציעס פון אידישער רעליגיעזער דערציאונג, וואס זיינען אויך געווען די מיטלען פון אלגעמיינער דערציאונג פאר הונדערטער טויזנטער אידן.

9. פארבאָטן שחיטה, דעם ריטועלן אופן פון קוילען פי און דערמיט צונעמען ביי אידן די מעגלעכקייט צו האָבן כשר פלייש.

10. פארפייניגט און אויסגעקוילעט די רבנים.

היטלער׳ס באַרימעריי, אז „מען לאַכט שוין ניט מער״...

„די אויסראָטונג און גירוש פון פרעמדע פעלקער איז ניט, לויט היסטאָרישער דערפארונג, אין היפּוך מיט די געזעצן פון לעבן, אויב זיי ווערן דורכגעפירט גרינדלעך.״

דאָס זיינען די ווערטער פון שטורם־טרופּ־פירער קארל רודאָלף ווערנער בעסט, דעם לעגאלן ראט־געבער פון דער געשטאַפּאָ, אין א ברייט־פארשפרייטן ארטיקל אין א באנד וואס איז געווידמעט היטלער׳ן און פארעפענטלעכט לעצטן זומער. לויט דער דאָזיגער פאָרמולע דארפן אויסגעראָטן ווערן אלע ניט־דייטשע פעלקער וואס לעבן אין שטח פון דייטשן „לעבנסרוים״. דערוויי״ל אבער באנוגנט מען זיך מיט דורכפירן היטלער׳ס דראָאונג פון יאנואר, 1939, אז די וועלט־מלחמה וועט ברענגען צו דער „פארניכטונג פון דער אידישער ראסע אין אייראָפּע״. אין זיין לעצטער רעדע, דעם 8־טן נאָוועמבער, 1942, האָט היטלער אָנגעצייגט ווי ווייט אָט־דער פּראָצעס פון אויסראָטונג האָט שוין דערגרייכט, ווען

ער האָט געזאָגט, אז בשעת פריער זיינען געווען א סך וואָס האָבן אויס-געלאכט זיין נבואה וועגן אידישן אומקום, זיינען שוין איצט דאָ „אומ-צאָליגע מענטשן פון די, וואָס האָבן פריער געלאכט, און זיי לאַכן שוין ניט מער."

דער פּראָצעס פון מאסן-אויסראָטונגען דורך קאָמבינירטע מעטאָדן פון מאָרד און לאנגזאמען טויט איז ניט געגאנגען אויף קיין פולשטענדיג אויסגעהאלטענער ליניע. עס זיינען געווען ציימן ווען מ'האָט ווייניג גע-הערט וועגן שחיטות. אבער דער כסדר'דיגער פּראָצעס פון אויסראָטונג האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. דאָך האָט דער נאַצישער רעזשים זיך צייטנווייז אָפּגעהאלטן פון זיינע אכזריות'ן, ווען עס זיינען געקומען ענערגישע און שארפע ווארנונגען מצד דעם פּרעזידענט און פּרעמיער-מיניסטער טשווירטשיל. אלס א ביישפּיל קאָן דינען דער אָפּשטעל פון די שחיטות פון משכנות וואס איז געקומען נאָך אזא וואָרנונג. פון דער צווייטער זייט, האָבן די חורבנות פון די באָמבארדירטע דייטשע שטעט און די דייטשע דורכפאלן אויפן רוסישן פראָנט געבראכט נייע אויס-ברוכן פון מאסן-מאָרד פון אידן.

די ענדגילטיגע דייטשע פּלענער, וואס ווערן איצט אויסגעפּרובירט אויף אידן מוזן פירן צו אן אויסראָטונג פון דער באַפעלקערונג פון איי-ראָפּע, כדי דורך דעם זאָלן די דייטשן ווערן די הערשענדע ראַסע.

אזוי שנעל ווי אונזער צד וועט אָנהויבן זיגן, וועט פאר די מער-סטע אונטערדריקטע פעלקער אויפקומען די האָפענונג, אז דייטשלאנד וועט באזיגט ווערן נאָך איידער זי וועט באוויזן זיי אויסצוראָטן. די אידן פון אייראָפּע אָבער, וועמען היטלער האָט פאר'משפט צו זיין די ערשטע אין דער אָרדענונג פון זיין אויסראָטונג, האָבן ניט קיין פאר-זיכערונג, אז דער נצחון פון די פאראייניגטע פעלקער וועט קומען נאָך איידער זיי וועלן פולשטענדיג פארניכטעט ווערן.

דעם 8-טן דעצעמבער, 1942

פעלקער-דעקלאראציע געגן די נאַצי-שחיטות

דעם 17-טן דעצעמבער, 1942, האָבן ראַדיאָ-בראָדקעסטס צעטראָגן צו דער גאַנצער וועלט אויף 23 פאַרשיידענע שפּראַכן די דעקלאַראַציע און וואָרנונג פון 12 מלוכות זיך אָפּצורעכענען פאַר די נאַצי-שחיטות אויף אידן. דער פולער טעקסט פון דער דעקלאַראַציע לייענט זיך אַזוי:

„די רעגירונגען פון בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, לוקסעמבורג, האָלאַנד, נאָרוועגיע, פּוילן, סאָוועט-רוסלאַנד, ענגלאַנד, פאַראייניגטע שטאַטן און יוגאָסלאַוויע, און אויך דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט זיינען אויפמערקזאַם געמאַכט געוואָרן אויף באַריכטן פון אייראָפּע, אַז די דייטשע מאַכט באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט אָוועקרויבן די סאַמע עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט ביי פּערזאָנען פון דער אידישער ראַסע אין אַלע טעריטאָריעס, וואו זי האָט אויסגעשפּרייט איר באַרבאַרישע הערשאַפט, נאָר זי פירט אויך דורך היטלער'ס אָפּטווידערהאָלטע אַבזיכט אויסצוראָטן דאָס אידישע פאָלק אין אייראָפּע.

„אידן פון אַלע אָקופּירטע לענדער ווערן אונטער אומשטענדן פון שרעקלעכן שווידער און ברוטאַליטעט טראַנספּאָרטירט קיין מזרח-אייראָפּע.

„אין פּוילן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינ'ם הויפּט נאַצישן שעכט-הויז, ווערן די געטאָס, וואָס דער דייטשער אַריינדרינגער האָט דאָרט געגרינדעט, סיסטעמאַטיש אויסגעליידיגט פון אַלע אידן, אַ חוץ אַ קליינער צאָל הויך-קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

„פון יענע וואָס מען פירט-אַוועק, הערט מען מער ניט. די אַר-בעטס-פייאיגע ווערן לאַנגזאַם פאַרמוטשעט צום טויט אין די אַר-בעטס-לאַגערן. די שוואַכע און קראַנקער ווערן איבערגעלאָזט צו שטאַרבן פון קעלט און הונגער, און זיי ווערן אויסגע'הרג'עט אין מאַסן הינריכטונגען.

„די צאָל קרבנות פון די דאָזיגע בלוטיגע גרויזאַמקייטן ווערט געשאַצט אין פיל הונדערטער טויזנטער פולשטענדיג-אומשולדיגע מענער, פרויען און קינדער.

„די אויבנדערמאָנטע רעגירונגען און דער פראַנצויזישער נאַ-ציאָנאַלער קאָמיטעט פאַרדאַמען מיט די מעגלעכסט שאַרפסטע ווער-

טער די דאָזיגע בעסטיאַלישע פּאָליטיק פון קאַלט-בלוטיגער אויס-ראָטונג. זיי דערקלערן, אַז אַזעלכע געשעענישן פאַרשטאַרקן בלויז די אנטשלאָסנקייט פון אַלע פרייהייט-ליבנדיגע פעלקער אומצו-שטירצן די באַרבאַרישע היטלעריסטישע טיראַניי.

„די אונטערגעשריבענע באַשטעטיגן זייער פייערלעכע אַנט-שלאָסנקייט צו באַוואָרענען, אַז אַלע וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיגע פאַרברעכנס, וועלן זיך ניט אַרויסדרייען פון שטראָף, און אַז עס וועלן אָנגעווענדט ווערן די נויטיגע מיטלען דאָס צו דער-גרייכן".

די שבועה פון נקמה, וואָס די סאָוועטישע אידן האָבן געגעבן דעם 22-טן יוני, 1942, — צום יאָר זינט היטלער איז אָנגעפאַלן אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד

„איך, אַ זון (אָדער טאָכטער) פון דעם אידישן פאָלק שווער, אַז צוזאַמען מיט אַלע מיינע ברידער און שוועסטער וועל איך ניט רוען ביז היטלער און זיינע גאָרגל-שניידער וועלן אָפּגע-ווישט ווערן פון דער ערד.

„איך שווער אַז איך וועל זיך נוקם זיין פאַר דעם בלוט פון מיינע ברידער און שוועסטער — די פאַרפייניגטע, פאַרברענטע און לעבעדיג-באַגראָבענע אין אַלע צעשטערטע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם שונא'ס צוואַנגען.

„איך שווער, אַז איך וועל זיך אומדערבאַרעמדיג נוקם זיין פאַר דעם טויט פון פרויען און קינדער, פאַר די פאַרפייניגטע פיינסטע זין און טעכטער פון אונזערע ברידער-פעלקער, בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט!

„איך שווער, אַז איך וועל אַלץ אָפּגעבן — מיין לעבן, מיין פאַרמעגן — אויף צו העלפן מיינע ברידער און די קעמפער פון אַלע פרייהייט-ליבנדיגע פעלקער אין קאַמף קעגן פאַשיזם. עס וועט פאַר מיר קיין זאַך ניט זיין צו שווער, אָדער צו טייער, כדי אָפּצוראַטעווען מיין פאָלק פון אונטערגאַנג.

„פאַרשאָלטן זאָלן זיין די, וואָס וועלן בלייבן אָן אַ זייט פון דעם הייליגן קאמף!

„זייער געדעכעניש זאל אייביג דערמאָנט ווערן מיט עקל און פאראכטונג!

„איך שווער, אז איך וועל זיין צווישן די, וואס וועלן דער־פילן די הייליגע פליכט, און איך וועל קעמפן צו שיצן דאָס לעבן און פארמעגן און דעם כבוד פון דעם אידישן פאָלק!

„איך שווער!"

צוזאמען מיט דעם טעקסט פון דער שבועה האָט דער אידישער אנטי-פאשיסטישער קאָמיטעט אין סאָוועטן-פארבאנד פארעפנטלעכט א רוף צו די אידן אין אמעריקע, קאנאדע, קובא, מעקסיקא, ארגענטינע, טשילי, דרום אפריקע, אויסטראליע, ארץ ישראל און אנדערע, אז זיי זאָלן אויך אָננעמען די שבועה פון די סאָוועטישע אידן.

כראָנאָלאָגיע פון דער מלחמה:
דער פאַר־מלחמה־פּעריאָד

1933 יאַנואַר 30-טער —
היטלער קריגט די מאַכט אין דייטשלאַנד.
" פעברואַר 27-טער —
נאַציס צינדן-אונטער די רייכסטאַג-געביידע.
" מערץ 23-טער —
רייכסטאַג גיט היטלער'ן דיקטאַטאָרישע מאַכט.
" אַפּריל 1טער —
נאַציס הויבן אָן אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע.
" אויגוסט 21-טער —
רייכסטאַג-פייער-משפּט גייט אָן אין לייפּציג.
" דעצעמבער 25-טער —
וואַנדערלובע פאַראורטיילט צום טויט, דימיטראָוו און די אַנדערע צוויי אָנגעקלאָגטע אין דעם רייכסטאַג-פייער געפונען ניט שולדיג.
1934 יאַנואַר 18-טער —
נאַציס שרייבן אונטער 10-יאָריגן שלום-אָפּמאַך מיט פּוילן.
" אַפּריל 19-טער —
נאַציס עטאַבלירן 16 לופט-באַזעס.
" יוני 30-טער —
היטלער פירט דורך בלוטיגע „רייניגונג"; ראָעם, גענעראַל שלייכער און אַ צאָל אַנדערע דערשאָסן.
" יולי 26-טער —
נאַציס דערשיסן דעם עסטרייכישן קאַנצלער דאָלפוס.
" אויגוסט 2-טער —
היטלער נעמט פאַר זיך אַמט פון קאַנצלער און פּרעזידענט פון דייטשלאַנד.
" דעצעמבער 7-טער —
איטאַליע הויבט אָן פּראָוואָקאַציעס געגן עטיאָפּיע.

1935 מערץ 1-טער —
דער סאַאר-געביט ווערט אומגעקערט צו דייטשלאַנד;

" מערץ 14-טער —
היטלער פירט איין געצוואונגענע מיליטער-דינסט; פּראָקלאַמירט אַן אַרמיי פון 450,000.
(לויט דעם ווערסאַלער שלום-אָפּמאַך האָט דייטשלאַנד געמעגט האָבן אַן אַרמיי פון בלויז 100,000 סאָלדאַטן).

" אַפּריל 17-טער —
פעלקער-ליגע נעמט איינשטימיג אָן אַ רעזאָלוציע צו פאַרדאַמען דייטשלאַנד פאַר דעם, וואָס זי באַוואָפנט זיך.

" אַפּריל 26-טער —
דייטשלאַנד באַשליסט אויפצובויען 12 סובמארינען צו 250 טאָן די גרויס.
(לויט דעם ווערסאַלער אָפּמאַך האָט דייטשלאַנד ניט געטאָרט האָבן קיינע סובמאַרינען. גלייכצייטיג טרעט דייטשלאַנד אויך צו צו בויען קריגס-שיפן. אויך דאָס איז געווען פאַרבאָטן לויט דעם ווערסאַלער שלום-אָפּמאַך).

" מאַי 2-טער —
אונטערגעשריבן פראַנצויזיש-סאָוועטישער אָפּמאַך פון געגנזייטיגער הילף.

" סעפּטעמבער 15-טער —
בירגער-רעכט צוגענומען ביי די דייטשע אידן;
די סוואַסטיקא ווערט אָפיציעל די דייטשע פאָן.

" אָקטאָבער 2-טער —
איטאַליע הויבט אָן אינוואַזיע אויף עטיאָפּיע אָן אַ מלחמה-דערקלערונג.

" אָקטאָבער 7-טער —
איטאַליע געפונען שולדיג אין ברעכן דעם אָפּמאַך פון דער פעלקער-ליגע דורך אינוואַזיע אויף עטיאָפּיע.

" אָקטאָבער 21-טער —
דייטשלאַנד ציט זיך צוריק פון דער פעלקער-ליגע.

1936 מערץ 7-טער —
דייטשלאנד שיקט אריין מיליטער אין ריינלאנד, וואס איז געווען דעמיליטאריזירט לויט דעם ווערסאלער אפמאך. (עס איז שפעטער געווארן באקאנט אז די דייטשע אר-מיי-קאמאנדירן האבן ביי זיך געהאט פארזיגלטע פאר-ארדענונגען, וואס זיי האבן געדארפט עפענען אין פאל אויב מען וועט דער אריינדרינגענדער דייטשער ארמיי געבן א ווידערשטאנד. לויט אט די פאראָרדענונגען — האבן די נאציס געדארפט זיך באלד צוריקציען אן א שלאכט, נאר מען האט זיי קיין ווידערשטאנד ניט גע-געבן און זיי האבן געקאנט ווערן די באלעבאטים פון דעם ריינלאנד).

" מאי 9-טער —
עטיאפיע ווערט פארמעל אנעקסירט דורך איטאליע.

" פראנקא הויבט-אן פאשיסטישן רעוואלט געגן דער דעמאקרא-טישער רעגירונג פון שפאניע.

" נאוועמבער 6-טער —
ענגלאנד און איטאליע שליסן א האנדלס-אפמאך צוריק-אויפשטעלנדיג די עקאנאמישע באציאונגען לויט דעם צושטאנד, אין וועלכן זיי האבן זיך געפונען איידער עס איז געמאכט געווארן א פארזוך איינצופירן סאנקציעס (עקאנאמישע שטראף-מיטלען) געגן איטאליע צוליב איר איבערפאל אויף עטיאפיע.

" נאוועמבער 18-טער —
איטאליע און דייטשלאנד אנערקענען פראנקא׳ן אלס דעם הערשער איבער שפאניע.

" נאוועמבער 25-טער —
דייטשלאנד און יאפאן שרייבן אונטער אפמאך צו באקעמפן באלשעוויזם.

" דעצעמבער 4-טער —
געגרינדעט די אינטערנאציאנאלע בריגאדע צו העלפן שפאניע אין איר קאמף געגן פאשיזם.

„ דעצעמבער 9-טער —
דער אַלפאַרבאַנדישער סאָוועטן-קאָנגרעס נעמט אָן די נייע קאָנסטיטוציע פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד — די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע.

1937 מאַי 1-טער —
פּרעזידענט רוזוועלט שרייבט אונטער נייטראַליטעט-געזעץ. (לויט דעם געזעץ פּענטעט זיך אַמעריקע ניט צו קאָנען שיקן קיין הילף צו דער געזעצלעך-דערוויילטער, דעמאָקראַטישער רעגירונג פון שפּאַניע).

מאַי 28-טער —
נעוויל טשעמבערלעין ווערט פּרעמיער אין ענגלאַנד.

„ מאַי 31-טער —
דייטשע קריגס-שיפן באָמבאַרדירן דעם שפּאַנישן פּאָרט אַלמעריאַ.

„ יוני 11-טער —
טוכאַטשעווסקי און נאָך זיבן גענעראַלן פאַראורטיילט צום טויט פאַר מלוכה-פאַרראַט.

„ יוני 20-טער —
בלומ׳ס פאָלקס-פראָנט רעגירונג פון פראַנקרייך רעזיגנירט.

„ יולי 7-טער —
יאַפּאַן פאַלט אָן אויף כינע און הויבט אָן בלוטיגע מלחמה, וואָס ציט זיך ביז איצט.

„ יולי 27-טער —
די נאַצישע רעגירונג אין דייטשלאַנד רעקוויזירט די גאַנצע גערעטעניש פון ווייץ און קאָרן.

„ אָקטאָבער 5-טער —
אין אַ רעדע אין שיקאַגאָ פאָדערט פּרעזידענט רוזוועלט אַז „אַגרעסאָר-מלוכות“ זאָלן געשטעלט ווערן אונטער אַ „קאַראַנטין“.

„ אָקטאָבער 13-טער —
נאַצי-רעגירונג שיקט אַ נאָטע צו בעלגיע, צוזאָגנדיג איר אָפּצוהיטן איר זעלבסטשטענדיגקייט און זי באַשיצן אויב זי וועט באַפאַלן ווערן.

„ נאָוועמבער 6-טער —
דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן שליסן אַנטי-קאָמינטערן-אַפּמאַך.

„ נאָוועמבער 19-טער —
לאָרד האַליפאַקס, פּריווי סיל פון ענגלאַנד, פּאָרזיצער פון פּאַרלאַמענט, פּאָרט קיין בערכטעסגאַדן צו-גאַסט צו היטלער'ן.

„ דעצעמבער 11טער —
איטאַליע לאָזט אָפיציעל וויסן, אַז זי וועט אַרויס פון דער פעלקער-ליג;
ערשטער סאָוועטישער פּאַרלאַמענט דערוויילט.

„ דעצעמבער 12-טער —
יאַפּאַנעזישע באָמבע-עראָפּלאַנען זינקען אַמעריקאַנער שיף „פּאַנעי" אין דעם יאַנגטסע טייך אין כינע.

„ דעצעמבער 24-טן —
יאַפּאַן פאַרזיכערט אַמעריקע אין ענטפער אויף פּראָטעסט צוליב דעם זינקען פון דער שיף „פּאַניע", אַז די אַמע-ריקאַנער רעכט וועלן ניט פאַרלעצט ווערן. דער אַמע-ריקאַנער סטעיט דעפּאַרטמענט דערקלערט אויף מאָרגן, אַז דער ענטפער פון יאַפּאַן איז צופרידנשטעלנדיג.

1938 12-טער יאַנואַר —
ערשטע סעסיע פון דעם נייעם סאָוועטישן פּאַרלאַמענט גע-עפנט אין מאָסקווע;
עסטרייכישער קאַנצלער שושניג קאָנפערירט מיט היטלער'ן אין בערכטעסגאַדן און שטימט-צו אַריינצונעמען אין זיין קאַבינעט 5 נאַצישע פירער.

פעברואַר 4-טער —
היטלער דערקלערט זיך אַלס הויפּט פון דער אַרמיי.

„ פעברואַר 24-טער —
אַנטאָני אידען רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס אויסלאַנדס-מי-ניסטער אין ענגלאַנד צוליב דעם וואָס טשעמבערלעין באַשליסט צו שליסן אַן אַפּמאַך מיט מוסאָליני'ן ניט געקוקט אויף דעם וואָס איטאַליע האָט פאַרבראָכן געגן

דעם אָפּמאַך ניט אריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון שפּאַניע.

" מערץ 9-טער —

שושניג דערקלערט, אז דעם 13-טן מערץ וועט אין עסטרייך דורכגעפירט ווערן א פאָלקס-אָפּשטימונג צו באַשטימען צי די עסטרייכער ווילן אָנהאַלטן זייער זעלבסטשטענדיגקייט, אָדער זיי ווילן ווערן א טייל פון דייטשלאַנד.

" מערץ 10-טער —

נאַציש טרופּן גייען אריין אין עסטרייך... „איינצושטעלן אָרדענונג".

" מערץ 13טער —

דייטשלאַנד אַנאָנסירט פאָרמעל אז זי אַנעקסירט עסטרייך. היטלער שיקט דעם זעלבן טאָג א נאָטע צו טשעכאָסלאָוואַקיע מיט א פארזיכערונג אז ער האָט ניט קיינע אמביציעס צו פארכאַפּן אירע טעריטאָריעס.

" מערץ דעם 14-טן —

שושניג רעזיגנירט פון זיין אמט אַלס פּרעמיער פון עסטרייך כדי ניט צו געבן היטלער'ן קיין אויסרייד פאר א באַלדיגער אינוואַזיע פון עסטרייך;

סעיס אינקוואַרט ווערט פּרעמיער און ווענדעט זיך באַלד צו היטלער'ן אריינצושיקן דייטשע סאָלדאַטן קיין עסטרייך; נאַציסטישע סאָלדאַטן זיינען נאָך מיט א טאָג פריער אריבער די עסטרייכישע גרעניץ אויף... „איינצושטעלן אָרדענונג".

" מאַי 20-טער —

נאַציסטישע טרופּן געשיקט צו טשעכאָסלאָוואַקישער גרעניץ.

" אויגוסט 22-טער —

דער סאָוועטן-פארבאַנד אינפאָרמירט דעם דייטשן אמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, אז די סאָוועטן-מלוכה וועט אָפּהיטן דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געגעבן טשעכאָסלאָוואַקיע אין 1935 צו קומען איר צו הילף אין פאַל אויב זי וועט אַטאַקירט ווערן.

" סעפּטעמבער 1-טער —
מוסאָליני פּאַראָרדנט אַז 10,000 איטאַליעניש׳ע אידן זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד.

" סעפּטעמבער 5-טער —
נאַצישער פּאַרטיי-קאָנגרעס געעפנט אין נירעמבערג;
קאָנגרעס נעמט אָן די טרויעריג באַרימטע נירעמבערגער געזעצן געגן אידן.

" סעפּטעמבער 15-טער —
טשעמבערלין פליט קיין בערכטעסגאַדן אויף זיין ערשטן באַזוך ביי היטלער׳ן.

" סעפּטעמבער 16-טער —
טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג לייזט אויף די נאַצי-פּאַרטיי אין דער זודעטן-טעריטאָריע.

" סעפּטעמבער 17-טער —
טשעכאָסלאָוואַקיע פּראָקלאַמירט אויסעראָרדענטלעכן צושטאַנד.

" סעפּטעמבער 22-טער —
טשעמבערלעין פליט קיין גאָדעסבערג אויף אַ צווייטן באַזוך ביי היטלער׳ן.

" סעפּטעמבער 25-טער —
דאַלאַדיע, דער פּרעמיער פון פראַנקרייך, און זיין אויסלאַנדס-מיניסטער באָנעי, פליען קיין לאָנדאָן צו באַראַטן זיך מיט טשעמבערלעינען וועגן קריזיס, וואָס דייטשלאַנד האָט געשאַפן אין באַצוג צו טשעכאָסלאָוואַקיע.

" סעפּטעמבער 26-טער —
דער סאָוועטן-פאַרבאַנד דערקלערט אַז ער איז גרייט צו פאַרטיידיגן טשעכאָסלאָוואַקיע;
פּרעזידענט רוזוועלט שיקט קייבל צו היטלער׳ן און צו בענעש׳ן אַז זיי זאָלן אָנהאַלטן פאַרהאַנדלונגען

" סעפּטעמבער 30-טער —
מינכענער קאָנפערענץ פאַרזיגלט דעם גורל פון טשעכאָסלאָוואַקיע, שטעלנדיג איר די פאָדערונג אַז זי זאָל אָפּגעבן היטלער׳ן די זודעטן-טעריטאָריע.

„ אָקטאָבער 1-טער —
דאַף קופּער, הויפּט פון ענגלישן פלאָט, רעזיגנירט, ווייל ער איז געגן טשעמבערלעינ׳ס „אפּיזמענט״-פּאָליטיק.
נאַצישע טרופּן פארנעמען די זודעטן-טעריטאָריע.

„ נאָוועמבער 7-טער —
דער 17-יאָריגער הערשל גרינשפּאַן דערשיסט ערנסט ראַט, אן אָנגעשטעלטן אין דער דייטשער אמבאסאדע אין פּאריז, אלס נקמה פאר די פּייניגונגען, וואס די אידן האָבן אויסצושטיין אין דייטשלאנד.

„ נאָוועמבער 13-טער —
גערינג גיט ארויס א באפעל אז די דייטשע אידן דארפן בא-צאָלן פאר דעם שאָדן, וואָס די נאַצישע באנדעס האָבן אָנגעטאָן אין זייערע פּאָגראָמען אויף די אידן אלס רעזולטאט פון דער דערמאָרדונג פון ערנסט ראַטן;
עס ווערט אויף די אידן ארויפגעלייגט א געלט-שטראָף אין דער סומע פון א ביליאָן מארק;
אמעריקע רופט צוריק איר אמבאַסאדאָר פון בערלין.
דייטשלאַנד רופט צוריק איר אמבאסאדאָר פון וואַ-שינגטאָן.

1939 פעברואר 24-טער —
אונגארן שליסט זיך אָן אין דעם אנטי-קאָמינטערן-פּאַקט.

„ מערץ 16-טער —
דייטשלאַנד אנעקסירט טשעכאָסלאָוואקיע.

„ מערץ 22-טער —
דייטשלאַנד פארכאפּט מעמל.

„ אפּריל 8-טער —
איטאַליע פארכאפּט אלבאניע.

„ אפּריל 15-טער —
פּרעזידענט רוזוועלט שיקט פּערזענלעכע ווענדונג צו היט-לער׳ן און צו מוסאָליני׳ן, אז זיי זאָלן געבן א צוזאָג אז אין לויף פון 10 יאָר וועלן זיי ניט אָנהויבן קיין מלחמה.

" אפּריל 28-טער —
היטלער וואַרפט צוריק רוזוועלט'ס שלום-פאָרשלאָג.

" מאי 22-טער —
איטאַליע און דייטשלאַנד שליסן אַ מיליטערישן אָפּמאַך.

" יוני 11-טער —
נאַצישע שטורם-טרופּן קומען אָן אין דאַנציג.

" אויגוסט 16-טער — דייטש-פּוילישע גרעניץ געשלאָסן.

" אויגוסט 23-טער —
סאָוועטיש-דייטשער נית-אָנגריף-אָפּמאַך געשלאָסן.
(דער אָפּמאַך ווערט געשלאָסן נאָך דעם, ווי דער סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט אין לויף פון דעם גאַנצן זומער געמאַכט די סאַמע ערנסטע פּאַרזוכן צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך אויף איינצושטעלן קאָלעקטיווע זיכערקייט געגן דעם נאַצישן אָנגריף-פּאַרמעסט. ווען די פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע חדשים, האָבן נית געבראַכט קיינע רעזולטאַטן, האָט דער סאָוועטן-פאַרבאַנד געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיט נאַצי-דייטשלאַנד, כדי צו געווינען צייט און זיך קאָנען בעסער צוגרייטן צו דעם אומפאַרמיידלעכן פּאַרמעסט מיט דער נאַצישער מלחמה-מאַשין.)

" אויגוסט 25-טער —
פּרעזידענט רוזוועלט ווענדעט זיך מיט אַן אַפּיל צו דייטשלאַנד, איטאַליע און פּוילן צו פאַרהיטן דעם שלום.

" אויגוסט 27טער —
פראַנקרייך מאָביליזירט 3 מיליאָן סאָלדאַטן.

" אויגוסט 29-טער —
היטלער פאָדערט פון פּוילן אָנצונעמען זיינע פאָדערונגען אָן וועלכע נית איז באַדינגונגען פון איר זייט.

דער מלחמה-פּעריאָד

1939 סעפּטעמבער 1-טער —
נאַצים איבערפאַלן פּוילן.

" סעפּטעמבער 3-טער —
ענגלאַנד דערקלערט קריג צו דייטשלאַנד;
פראַנקרייך דערקלערט קריג צו דייטשלאַנד.
" סעפּטעמבער 17-טער —
רויטע ארמיי גייט אריבער די פּוילישע גרעניץ און באַפרייט מערב אוקראַינע און מערב ווייס-רוסלאַנד.
" נאָוועמבער 30טער —
סאָוועטיש-פינישע מלחמה אָנגעהויבן.
1940 אַפּריל 9-טער —
נאַצישע ארמייען איבערפאַלן דענמארק; נאַצישע ארמייען איבערפאַלן נאָרוועגיע.
" מאַי 10-טער —
נאַצישע ארמייען איבערפאַלן האָלאַנד;
נאַצישע ארמייען איבערפאַלן בעלגיע;
נאַצישע ארמייען איבערפאַלן לוקסעמבורג.
" יוני 22-טער —
פראַנקרייך שרייבט אונטער וואַפן-שטילשטאַנד.
" סעפּטעמבער 16-טער —
פּרעזידענט רוזוועלט שרייבט אונטער געזעץ וועגן געצוואונגענער מיליטער-דינסט.
" אָקטאָבער 27-טער —
איטאַליע איבערפאַלט גריכנלאַנד.
1941 יוני 22-טער —
דייטשלאַנד הויבט אָן מלחמה געגן סאָוועטן-פאַרבאַנד.
" דעצעמבער 5-טער —
רויטע ארמיי הויבט אָן גרויסע אָפענסיווע אויף נאַצים לעבן מאָסקווע.
" דעצעמבער 7טער —
יאַפּאַן פירט דורך איר פאַרברעכערישן איבערפאַל אויף פּוירל הארבאָר, אָנהויבנדיג מלחמה געגן אמעריקע.
" דעצעמבער 11-טער —
דייטשלאַנד און איטאַליע דערקלערן קריג צו אמעריקע.

1942 יאנואר 1-טער —
אונטערגעשריבן אין וואשינגטאָן אָפּמאך פון 26 פעלקער צו קעמפן פאראייניגט אויף צו פארניכטן דעם היטלעריזם.

1943 פעברואר 4-טער —
נאַציס ליידן ריזיגע מפּלה אין סטאַלינגראד.

„ מאַי 8-טער —
אמעריקאנער ארמיי נעמט ביזערטע;
ענגלישע ארמיי נעמט טוניס.

„ מאַי 12-טער —
אַליאירטע ארמייען פארענדיגן קאמפּאניע אין אפריקע מיט אַ קאָלאָסאלן זיג.

ביבליאָגראפיע:

קוירט רים —
„אַנדערגראונד יוראָפּ“.

פּאול היגען —
„וויל דזשוירמעני קרעק“.

רענע קראאוס —
„יוראָפּ אין רעוואָלט“.

ראָבערט קארם —
„די אנקאנקוירד יוראָפּ פּאַיטס אַן“.

„די סיקסט קאָלום“
(דער קאָלום, וואָס קעמפט געגן דעם פינפטן קאָלום)
אַ זאמלונג פון ארטיקלען פון די פארטרעטער פון די גלות-רעגירונגען.

„די בלעק בוק אָוו פּאָלאַנד“

„טו אירם אָוו דזשוירמען אָפּרעשאָן אין טשעכאָסלאָוואקיע“.

ל. שפּיזמאן —
„די אידן אין נאַצי-פּוילן.

דזש. הראָנעק —
„וואלקעינא אַנדער היטלער“.